STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04484

SHTUREM-GLOKN

Josef Luden

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

שטורעם־גלאָקן

עסייען

צווייטער באנד

תל־אביב 1989

JOSEF LUDEN

SCHTUREM-GLOCKN

ESSAYS

Printed in Israel

"PROBLEMEN" PUBLISHING
203 Ben-Jehuda
Tel-Aviv 63502
Tel. 03-453102

ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע
עסייען

פאַרלאַג „פראָבלעמען"
בן־יהודה 203, תל־אביב 63 502
טעלעפאָן 453102

א פּאָר ווערטער פון מחבר

איך ווייס ניט צי דאָס איז מער א טראַדיציע אָדער א נויטווענדיקייט אָנצוהייבן יעדעס בוך מיט א מין הקדמה, מיטן ציל אריינצופירן דעם לייענער אין דעם אינהאלט פונעם בוך אדער צו אינפארמירן דעם לייענען וועגן דעם מחבר. איך האלט ניט פאר נויטיק אין דאָזיקן בוך צו מאכן א פיר־וואָרט, איך וועל זיך בלויז באנוגענען מיט א פּאָר געציילטע ווערטער צו אינפאָרמירן, אז דאָס דאָזיקע בוך איז דער צווייטער באנד פון מיינע עסייען אונטערן נאמען ״שטורע־גלאקן״. עסייען וואָס זענען געווען פארעפנטלעכט אין דער צייטשריפט ״פראָבלעמען״, איך האָב פארשטענדלעך געמאכט אין געוויסע עסייען א פאר ענדערונגען אָדער צוגאבן.

די עסייען אין ביידע ביכער זענען אויף ליטערארישע און געזעלשאפטלעכע טעמעס. אויב וויל מיך ווער פרעגן, ווי קומען די ביידע צו הויזן אין איין בוך? ענטפער איך אז ליטעראטור ניט נאר וואָס זי ווערט באווירקט פון געזעלשאפטלעכן לעבן נאר זי ווירקט אויך אויף דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט. ליטעראטור און לעבן האָבן צווישן זיך א גאָר ענגן שייכות.

אין מיינע געזעלשאפטלעכע עסייען פארנעם איך זיך נאָר מיט אזעלכע פראָבלעמען, וואָס האָבן געלייגט א שטעמפל אויף דער מענטשלעכער געשיכטע און אויף דעם מענטשלעכן געדאנק. אין מיינע ליטערארישע עסיין פארנעם איז זיך אממערסטן מיט שרייבער פון דער וועלט־ליטעראטור, ווייל ליידער האָבן מיר היינט ניט אין יידיש, קיין איבערזעצונגען און דער יידיש־לייענער, אויך די יידישע ליטעראטור טאָר זיך ניט איזאלירן פון דער וועלט־ליטעראטור. מיר לעבן מער ניט אין די יידישע שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע זענען פארניכטעט געוואָרן צוזאמען מיט דעם יידישן פאָלק. די ניט גרויסע צאָל יידיש־לייענער לעבן צעשפרייט איבער דער וועלט. מיר לעבן היינט מיט די פראָבלעמען און געדאנקען מיט וועלכע די וועלט־ליטעראטור איז רייך און אונדזער ציל איז אנרעגן דעם יידיש־לייענער פון אט דער רייכער וועלט־ליטעראטור ברייט צו געניסן.

וואָס איז ליטעראַטור?

אין מיין ערשטן בוך עסייען האָב איך פארעפנטלעכט עטלעכע עסיין וועגן ליטעראַטור און איצט וועל איך באמיען זיך ניט איבערחזרן דאָס וואָס שוין געזאָגט,נאָר זיי זאָלן זיי א צוגאַבע צום שוין געזאָגטן. אויב יענע עסייען זענען וועגן באשטימטע שרייבערס איז די עסיי וועגן ליטעראַטור בכלל.

די אלע פרווון צו געפינען א באשטימטן געזעץ אדער געזען פאר דער ליטעראַטור האָבן שטענדיק געליטן א דורכפאל. ניט פאַראַן פאַר ליטעראַטור קיין וויסנשאַפטלעכע,דערקלערונג, ווייל ליטעראַטור איז אין דער ערשטער רייע די פארבינדונג צווישן שכל און געפיל און יעדעס ווערק איז "באזונדער" און "איינמאָליק" אָבער גלייכצייטיק קען זי ניט זיין "איינמאָליק, ווייל אין איר כאַראַקטער איז זי אוניווערסאַל (ווי דאָס דערקלערט אַריסטאָ) צוזאמען מיט דעם אינדיווידולן טראָגט זי אין זיך אלגעמיינע אייגנשאפטן.

אָבער וואָס איז אייגענטלעך ליטעראַטור? דערויף צו ענטפערן דאַרף מען ערשט פרעגן,וואס איז ניט ליטעראַטור? ניט יעדע זאך וואָס געדרוקט אויף פאפיר, אויך ניט יעדעס בוך קען פארעכנט ווערן פאר ליטעראַטור. מיר דארפן באטראכטן פאר ליטעראַטור דאָס וואָס גיט א געוויסן צושטייער צו דער מענטשלעכער קולטור און אפילו א צושטייער צו דער געשיכטע פון דער ציוויליזאציע. כאָטש די מערסטע היסטאָריקער רעכענען זיך ווייניקער מיט די ראָלע פון דער ליטעראַטור אויף דעם מענטשלעכן טראַכטן, ווי מיט דער ראָלע פון דער דיפלאָמאַטיע

און פּאָליטיק.

דער נאָמען ליטעראַטור שטאַמט פון וואָרט ליטעראַ וואָס מיינט אות און ווערט פאַרשטאַנען ווי דאָס געשריבענע וואָרט. די שפּראַך און דאָס וואָרט דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דער ליטעראַטור, ווי שטיין פאַרן סקולפּטאָר ווידער טאָן פאַרן מוזיקער. די שפּראַך איז אָבער ניט קיין מאַטעריאַל, ווי א שטיין, ווייל זי אַליין איז אויך א פּראָדוקט פון מענטשלעכן אינטעלעקט. די שפּראַך פון דער ליטעראַטור איז אָבער אַנדערש פון דער שפּראַך פון דער וויסנשאַפט, פון דער מאַטעמאַטיק אָדער געשיכטע, ווייל זי ווערט, אין די הענט פונעם מחבר, אַן עלאַסטיש געצייג, וואָס רעכנט זיך אָפט ניט מיט די געזעצן פון דער גראַמאַטיק, נאָר זי ווערט "געקנעטן" לויטן ווילן און געפילן פונעם שרייבער. באַזונדער איז דאָס ריכטיק פאַר דער פּאָעזיע, וועלכע בויט אפילו אַנדערש די זאַצן, ווי די פּראָזע. און איז גאָר אַנדערש פון דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך.

די ליטעראַטור צו דאָס איז בעלעטריסטיק, פּאָעזיע אָדער דראַמע שטיצט זיך אויף עסטעטישע יסודות, ווי אויף פאַנטאַזיע, מוז אויך איר שפּראַך זיין אַנדערש ווי די פון וויסנשאַפט, מסחר אָדער געשיכטע. זי איז אָפט מיסטיש און סימבאָליש, ווייל די נפשות אין דער ליטעראַטור זענען פיקטיווע און סימבאָלישע געשטאַלטן, אין זענען בלויז די אָפּשפּיגלונג פון די לעבעדיקע אָדער געשיכטלעכע געשטאַלטן.

אַוודאי האָט אין משך פון דער געשיכטע עקזיסטירט די פאַרשידנסטע מיינונגען וועגן דער ראָלע און אויפגאַבן פון דער ליטעראַטור, אין דער צייט פון פּלאַטאָנען האָט עקזיסטירט א קאָנפליקט צווישן פּאָעזיע און פילאָזאָפיע. פּאָעזיע איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אומנויטיק און אפילו שעדלעך. מען קען אויך ניט פאַרגלייכן אַזעלכע צוויי באַגריפן וועגן דער ליטעראַטור, ווי איינע האַלט פון "קונסט לשם קונסט" און די צווייטע פון האָראַציוש, אָדער פון די צייטן פון רענעסאַנס, ווי ליטעראַטור ווערט באַטראַכט פאַר "איינגענעם און נוצלעך", ווייל זי גיט הנאה אָדער זי לערנט מיט דער הילף פון הנאה.

די געשיכטע פון דער עסטעטיק איז ווייט ניט איינהייטלעך, א טייל באטראכטן עסטעטיק, ווי דעם באגריף פון "איינגענעם" אנדערע פון "שיינקייט" אָדער "נוצלעכקייט", ביי וועמען איז געזאַנג א שפיל אָדער גאָר א מלאכה, קונסט. ווען קאַנט זעט אין דער ליטעראַטור "טעטיקייט און תכלית" זען אַנדערע אין דעם "פאַרוויילונג" און "צייטפארטרייב". צי קען אַזאַ מיינונג זיין רעלעוואנט? ווען מיר באַקענען זיך מיט דער גרויסער ליטעראַטור, פון די פאַרגאַנגענע און היינטיקע צייטן, קען ניט זיין אז ליטעראַטור איז פאַרוויילונג? דאָס קען געזאָגט ווערן נאָר לגבי דער פלאַכער ליטעראַטור.

אָבער ווען מיר רעדן וועגן דער שיינער ליטעראַטור און ערנסטער דיכטונג קען מען זי באַטראַכטן נאָר ווי האָראַציוש, פאַר "איינגענעם און נוצלעך". די הנאה וואָס מיר האָבן פון איר דאַרף אָבער זיין אַ דערהויבענע, אַ נוצלעכע, אַן ערנסטע אינטעלעקטואַל און פערצעפציש. אזעלכע דאַרף זיין די בעלעטריסטיק ווי די פּאָעזיע און דער געזאנג. אזא ליטעראַטור־קריטיקער ווי ארנאָלד האָלט אז פּאָעזיע וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון פילאָזאָפיע. מיר מיינען אַז דאָס קען ניט געשען, ווייל קיין געביט פון מענטשלעכע קולטור קען ניט פאַרטרעטן קיין אַנדערע. קיין זאַך קען ניט פאַרטרעטן דער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, אויך פּאָעזיע און בעלעטריסטיק זענען זעלבסשטענדיקע געביטן אין דער מענטשלעכער קולטור און קיין זאַך קען ניט קומען אויף זייער אָרט. ליטעראַטור איז אויך ניט קיין צוגאָב צו פילאָזאָפיע, אויך ניט צו מוזיק אָדער מאָלעריי. זי איז אויך אנדערש פון די אנדערע מוזעס, ווייל זי איז ניט אָפּהענגיק פון אונדזערע חושים (מוזיק פונעם געהער, מאָלעריי פון אויג) נאָר איז א דירעקטע יצירה פון אונדזער מוח פון אונדזער פאַרשטעלונג־קראַפט. דערמיט דערקלערט זיך אפשר דער באַרימטער זאָג פון אַריסטאָ אַז געזאַנג איז מער ווי פילאָזאָפיע. מען קען אָבער דרייסט זאָגן אַז ליטעראַטור געהערט צו דעם געביט פון מענטשלעכן טראַכטן אין וועלכע די וויסנשאַפט ווי די פילאָזאָפיע איז אין דעם ניט פאַראינטערעסירט.

דאָס וויכטיקסטע פון דער ליטעראַטור, וואָס זי שטעלט אונדז צו, אָדער זי באַקענט אונדז, מיטן טיפּ מענטש גאָר אנדערש

ווי די געשיכטע, ביאָגראַפיע, פּסיכאָלאָגיע אָדער די סאָציאָלאָגיע. אַזוי ווי עס מאָלט אונדז שעקספּיר, זיין האַמלעט, מאַליער די טיפן אין זיינע קאָמעדיעס. די גרויסע שרייבערס לערנען אונדז וועגן מענטש מער ווי פּסיכאָלאָגיע. זיי ברענגט אונדז אויך געדאַנקען ניט ווייניקער פון דער פילאָזאָפיע. זיי באַקענט אונדז מיט די פאַרשידנסטע תקופות ניט ערגער פון דער געשיכטע. שעקספּיר, דאָסטאָיעווסקי, איבסען, באַלזאַק און אלע אנדערע גרויסע שרייבער קענען אונדז ניט אַנטוישן. די גרויסקייט פון ראָמאַן וואָס זי אַנטדעקט אונדז דאָס נשמה־לעבן און די אינטראָספּעקציע. דער ראָמאַן איז א גוואַלדיק געביט פאַר דער פּסיכאָלאָגיע. כאָטש זי שטעלט אונדז צו פיקטיווע געשטאַלטן זענען זיי אָבער א טיפע אָפּשפּיגלונג פון לעבעדיקן מענטש. דער אמת אין דער ליטעראַטור איז אויך דער אמת פון לעבן, און מיר קענען פון איר לערנען אויך דערקענען זיך אליין. די ליטעראַטור איז ניט "פאַלש", ווי פּלאַטאָן האָט געמיינט, זי איז דער אמת פון לעבן, זי איז די קונסט פון העכסטע ווערטן.

צווישן די פאַרשידענע מוזעס ברענגט די ליטעראַטור אַרויס איר "אמת" מיט דער הילף פון דער וועלט־אַנשויאונג פון יעדן שרייבער, וואָס איז אויך א דענקער, וואָס קומט מיט אַ באַשטימטע איבערצייגונג. עס איז ניטאָ אַ מער ליגנערישע דערקלערונג פון געוויסע "קריטיקערס", אַז פון א שרייבער פאָדערט זיך גאָר ניט מער ווי טאַלאַנט... וויפל טיפע פילאָזאָפישע געדאַנקען געפינען זיך אין די ווערק פון געטען,שעקספּירען, שעלי, אַנטאָל פראַנס און אנדערע. אַזוי אויך אין דער מוזיק פון אַזעלכע, ווי בעטהאָווען און די בילדער פון גאָיאַ און מיכאל אַנדזשעלאָ אין דער סקולפּטור, זיי זיינען דאָך אויך געווען גרויסע דענקערס.

גרויסע שרייבערס זענען אָפט געווען גרויסע סאַטיריקעס, וואָס האָבן מיט זייער פלאַמיקן וואָרט פאַרווונדעט יעדן היפּאָקריט, יעדן דעמאַגאָג און פאַלשן משיח. זיי זענען געווען, אָפט ניט ווילנדיק, פאַקטישע רעוואָלוציאָנערן, ווייל זיי האָבן פיינט געהאַט אלץ וואָס איז פאַרשימלט... כאָטש זיי האָבן פון דער רעוואָלוציע ניט געמאַכט קיין אָפּגאָט (אַנאַטאָל פראַנס, "די געטער זענען דורשטיק") האָבן זיי מיט זייער

פעדער געקעמפט פאַר דער מענטשלעכער רעכט, פרייהייט, און יושר... זיי זענען געווען קעמפער און אידעאַליסטן, וואָס האָבן ליב געהאַט דאָס פאָלק און ניט מורא געהאַט צו זאָגן דעם אמת.

אָבער דאָ דאַרפן מיר אונטערשטרייכן אַז ליטעראַטור טאָר ניט דינען פאַר אַגיטאַציע. כאָטש דער שרייבער קומט צום לייענער מיט זיינע איבערצייגונגען,מיט זיין ווילן איבערצוצייגן, ער טוט אָן אויף זיינע העלדן זיינע געדאַנקען. ער קען אָבער ניט זיין קיין פלאַכער אַגיטאַטאָר, ווי א קונסט מאָלער קען ניט זיין קיין פלאַקאַטן־מאָלער. ער ברענגט זיינע איבערצייגונגען און אידעען מיט טעם, מיט טאַלאַנט, זיינע געדאַנקען ווירקן אויף אונדזערע געפילן,רופן ארויס שפּאַנונג, טיפע איבערלעבענישן. א גוטער שרייבער קען ניט זיין קיין אַגיטאַטאָר, וואָס ווירקט מיט דעמאַגאָגיע, מיט פלאַכע געדאנקען און אָפט מיט ליגנס.

פאַקטיש אָבער איז דער גורל פון אַ גוט בוך, ווי פון אַ גוטן שרייבער, אָפּהענגיק פון דעם לייענער.וויפל גרויסע שרייבערס זענען ניט אנערקענט געוואָרן, וויפל גרויסע מאָלערס זענען ניט אַנערקענט געוואָרן? ווערן דען ניט אָפט פלאַכע ביכער, וואָס זאָגן גאָר ניט, פאַרוואַנדלט אין בעסטסעלערס? אָפט ווערן שרייבער באַרימט ווייל זיי קענען די קונסט פון רעקלאַמירן זיך און ערנסטע שרייבערס ווערן פארשוויגן. א גוט בוך נויטיקט זיך אין א גוטן לייענער, וואָס קען געניסן און אָפּשאַצן אַ גוט בוך. אויך די צייט האָט איר ווירקונג. אַ לייענער אין די צייטן פון שעקספירן האָט מעגלעך געהאַט אַן אנדערע הנאה פון זיינע דראַמעס ווי אַ היינטיקער לייענער. אויך הומאָר און סאַטירע ווירקט אַנדערע אין אַנדערע צייטן. דאָס וואָס האָט ווען אויסגעזען קאָמיש רופט היינט ביי אונדז ניט ארויס קיין געלעכטער. און עס געשעט אויך פארקערט אַז ביכער פון גרויסע שרייבערס ווירקן היינט אַ סך שטאַרקער,ווי אין די צייטן ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן.

דער אונטערשייד צווישן פילאָזאָפיע און ליטעראַטור איז אויך דאָס, וואָס די ליטעראטור איז דעמאָקראַטיש און צוגענגלעך צו ברייטע מאַסן,ווען פילאָזאָפיע איז נאָר פאַר יחידים, מיט העכערע בילדונג.די ליטעראַטור פארנעמט זיך אויך מיט די אייביקע פראָבלעמען פון

לעבן ווי: ליבע, קינאה און טויט. צי האָט אָבער די ליטעראַטור, אין משך פון הונדערטער יאָרן, בעסער געמאַכט דעם מענטש? שווער דאָס צו באַווייזן. מעגלעך אז אָן דער ליטעראַטור וואָלט דער מענטש געווען מער חיהש, אויך מעגלעך ווען מער מיליאָנען וואָלטן געלייענט, וואָלט די וועלט און דער מענטש אנדערש געווען.

דער אונטערשייד פון דער ליטעראַטור קעגן אנדערע מוזעס איז וואָס דער לייענער ווערט אַ מיטשותף צום שרייבער. די קליינע שווארצע אויתיולעך פונעם בוך וועקן אויף זיין פאַנטאַזיע און ער מאָלט זיך בילדער, וואָס ווערן געבוירן אין זיין מוח. זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט וועקט אויף צום לעבן די אלע טיפן וועלכע דער מחבר באַקענט אים. דאָס איז אויך דער גרויסער אונטערשייד צווישן טעאַטער, טעלעוויזיע, קינאָ און דער ליטעראַטור, וואָס טעאַטער גיט דעם צוזעער פארטיקע אָדער לעבעדיקע געשטאַלטן מוז דער לייענער אליין זיך שאַפן, זיך אויסצומאָלן לויטן ווילן פון מחבר. דאָס זעלבע איז אויך מיט די געדאנקען, וואָס פון טעאַטער באקומט מען זיי פאַרטיק פון פרעמדע מיילער, אָבער פון בוך מוז דער לייענער, די געדאנקען פון מחבר, אליין איבערפּראָדוצירן אין זיין מוח. דערפאַר איז לייענען אַ גאָר וויכטיקער אינטעלעקטועלע טעטיקייט, ווייל זי לערנט אונדז טראַכטן. פון אַ סך ביכער באַקומען מיר אַ סך געדאַנקען און מיר לערנען אויפנעמען זיי קריטיש. און דאָ קומען מיר ווידער צום אונטערשייד צווישן גוטע ליטעראַטור און פּראָפּאַגאַנדע. פּראָפּאַגאַנדע דרינגט אריין אין די מוחות אויטאָמאַטיש, אָן דער הילף פון אייגענעם טראַכטן. פּראָפּאַגאַנדע איז אייגענטלעך פּאָליטישע רעקלאַמע. רעקלאַמע רופט אונדז טרינקען קאָקא קאָלא און מיר טרינקען ניט טראַכטנדיק פאַרוואָס. טראַכטן אָבער מיינט צווייפלען,און צווייפלען צווינגט אונדז צו טראַכטן מיט אייגענע געדאנקען.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן גרויסע שרייבערס, וואָס זענען נאַטירלעך גרויסע טאַלאַנטן און גרויסע דענקער, מיר טאָרן אָבער ניט פאַרגעסן אז אויך דאָס פאָלק,דאָס מיינט פעלקער, זענען שעפעריש.דאָס פאָלק איז דער שעפער פון אַ רייכן פאָלקלאָר,וואָס מיינט ניט קיין געשריבענע ליטעראַטור נאָר אַ ליטעראַטור וואָס גייט פון מויל

צו מויל, און אין יעדן מויל ווערט זי באַרייכערט. פּאָלקלאָר איז אייגנטלעך די קולטור פון פּאָלק, וואָס שאַפט אירע באַלאַדעס, עפּאָס, וווּנדער־געשיכטע, ראָמאַנסן, ליריק. לידער פון טרובאַדורן, לעגענדעס גלייכווערטער, פּאָלקס — משולים וויצן, פּאָלקס־הומאָר. ביי יידן זענען דאָס געווען די געשיכטעס פון כעלימער חכמים, אויך דראַמעס ביי יידן זענען דאָס געווען די פורים־שפּילן. מיטן כוח פון הומאָר און סאַטירע האָט דאָס פּאָלק זיך אָפּגערעכנט מיט אירע מושלים, מיט אונטערדריקער און אויסגעדריקט אירע פּראָטעסטן קעגן אומיושר. אין די דאָזיקע פּאָלקס־שאַפונגען זענען געלעגן אוצרות פון חכמה. אזא מין מויל־ליטעראַטור האָבן אָנגעהויבן שאַפן די פעלקער פון זייער פרימיטיוו־צושטאַנד ביז צו זייער אינטעלעקטועל אַנטוויקלונג.אויך די נאַטור־רעליגיעס ביז די מאָנאָטעסטישע רעליגיעס זענען פּאָלקסשאַפונגען די פּאָלקסשאַפונגען ווי די שאַפונגען פון די גרויסע קינסטלערס שטייען שטענדיק אין דינסט פון פּאָלק.

גוטע ליטעראַטור קען זיך ניט איינשליסן אין נאַציאָנאַלע ראַמען. זי איז אינטערנאַציאָנאַל, ווייל אירע פּראָבלעמען זענען אוניווערסאַלע,כאָטש געשריבן אין די פארשידנסטע שפּראַכן רייסט זי דורך די געאָגראַפישע גרענעצן. צי איז שעקספּיר בלויז אַן ענגלישער, טאָלסטוי אַ רוסישער און איבסען נאָר אַ נאָרוועגישער שרייבער? צי איז ניט האמלעט אָדער דאָן קיכאָט קיין אינטערנאציאָנאַלע געשטאַלטן? ליידער איז די שפּראַכן־צעטיילונג דער גרעסטער שטער די ליטעראַטור זאָל דינען אַלע פעלקער,ווי דאָס האָט געטרוימט געטע. אַוודאי וואָלט דער לאָגישסטער אויסוועג, ניט נאָר פאַר דער ליטעראַטור, געווען דער געניאַלער געדאַנק פון אונדזער ד״ר זאַמענהאָף, דער גרינדער פון עספּעראַנטאָ.דאָך גרויסע שרייבער, ווי גרויסע דענקער,מוזיקער און מאָלער ווערן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער אויך די ליטעראַרישע און קונסט־שולן אויך סטילן ווערן אלגעמיין פאַר אַלע קולטור־פעלקער ווי: דער רענעסאַנס, באַראָק, ניי־קלאַסיק, ראָמאַנטיזם, רעאַליזם, נאַטוראַליזם, סימבאָליזם און אנדערע קונסט־״איזמען״. פונקט ווי דער מענטשלעכער געדאַנק, ווי די וויסנשאַפט אָנערקענט ניט קיין שום געאָגראַפישע גרענעצן און דאָך זענען די גרויסע ליטעראַטור־מייסטערס ענג פאַרבונדן מיט

זייער פאָלק. אויך דערמיט זענען זיי אוניווערסאַל.

ווען מיר פאָרשן די ליטעראַטור מוז מען זיין באַקאַנט מיט די שעפער. די ביאָגראַפיע פון מחבר וואַרפט איר ליכט אויף זיין שאַפונג. זי דערקלערט אונדז אויך די פסיכאָלאָגישע זייט פון דער שאַפונג. ביאָגראַפיע איז אַן אַלטער פאָרעם פון ליטעראַטור אָבער ניט יעדע ביאָגראַפיע געהערט צו דעם געביט פון ליטעראַטור. ביאָגראַפיעס שרייבן געוויינלעך מענטשן וועלכע זענען געזעלשאַפטלעך, אָדער אויף די פאַרשידנסטע געביטן אַקטיוו. דער שרייבער פון א ביאָגראַפיע דערציילט נאָר וועגן זיך און וועגן זיין אַרומיקער סביבה. פאַרשטענדלעך אַז ווער עס שרייבט וועגן זיך האָט שטענדיק עפּעס וועגן זיך צו באַהאַלטן, ניט צו דערציילן, דעריבער זענען ביאָגראַפיעס גאָר ניט באַקוועם פאַר א מחבר. ער פילט זיך פיל פרייער אין אַ ראָמאַן אין וועלכע ער קען אַלץ זאָגן וועגן זיין העלד. אפילו אַ ודוי איז באַגרענעצט מיט אינטימע זאַכן, וואָס זענען ניט צום דערציילן. דאָך ווערט יעדער ראָמאַן באַטראַכט ווי אַ חלק פון דעם שרייבערס ביאָגראַפיע. ווען אַ שרייבער שרייבט אָן אַפילו 10 ראָמאַנען האַלט מען זיי אַלע פאַר דעם שרייבערס ביאָגראַפיע. פונדעסטוועגן ווען מיר לייענען די שאַפונגען פון אַ דאַנטע, שעקספיר אָדער טאָלסטאָי פילן מיר אַז אין זייערע ווערק געפינט זיך אַ טיפע פאַרבינדונג צווישן זייער ווערק און זייער לעבן, אָבער דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער קינסטלערישע זייט פון וועלכן עס איז ווערק.דאָס וויכטיקסטע אָבער איז וואָס דער שרייבער דאַרף האָבן טיפע געפילן און קענטעניש אין פסיכאָלאָגיע. אָן דעם וואָלטן ניט געבוירן געוואָרן קיין וויכטיקע ווערק. שעקספיר, דאָסטאָיעווסקי און אַלע אַנדערע זענען אויך פסיכאָלאָגן.

קיינער לייקנט נישט היינט, אַז ליטעראַטור איז ענג פאַרבונדן מיט לעבן,שווער בלויז פ עסטצושטעלן, וואָס איז שטאַרקער — דער איינפלוס פון לעבן אויף דער ליטעראַטור אָדער פון דער ליטעראַטור אויפן לעבן. דאָס קינסטלערישע וואָרט קומט פון שטילע ווערקשטאַטן אָדער פון צעפלאַמטע קוזשניעס אַרויס. ליטעראַטור איז אַ גייסטיקע געראַנגלעניש, עס איז מער דאָס שטעלן פראַגן ווי געבן תשובות, דאָס זענען טיף — איבערגעלעבטע נאָך נישט דערשלאָפענע נעכט, דורכגעטראַכטע זעאונגען און וויזיעס. דער גרויסער קינסטלער און

שעפער שטעלט זיך פּאָדערונגען,דער שאַפונגס־לוסט פון שעפער צעגיסט זיך איבער אַלע דורות און טראָגט מיט זיין וואָרט אלץ נייע וויזיעס, א ליכטיקן — יהי אור! ס׳זענען דאָ אָבער תקופות וועלכע זענען אָרעם אין ליטעראַרישע ווערק,ווי אין גרויסע שעפער. ס׳זענען דאָ צייטן ווען די ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז בלוט־אָרעם. דאָס געשעט געוויינלעך דאַמלט ווען אויך די געזעלשאַפט לעבט דורך אַ געזעלשאַפטלעך—גייסטיקן קריזיס. מיר קענען דעריבער זיך דערלויבן צו זאָגן, אז אין דער צייט, וואָס איז אָרעם אין גרויסע געדאַנקען,איז אויך אָרעם אין גרויסע דערציילונגען.

אויך דער באַדאַרף צו לייענען איז א שעפערישער, ווייל אויך ביי לייענען איז אקטיוו די פּאָרשטעלונגס־קראַפט וואָס אָן דעם איז דאָך נישט מעגלעך קיין עונג רוחני.דאָס נישט האָבן קיין באדערפעניש צו לייענען איז אייגנטלעך דער זיג פון פּוסטקייט איבער דעם גייסטיקן לעבן פון אַ מענטש.אַ גוטע דערציילונג און א גוט בוך איז אַזאַ וואָס וועקט ביים לייענער שטאַרקע איבערלעבונגען און דערהויבענע געדאַנקען.

מוז דאָך דער שעפער אליין זיין באהויכט מיט נאָבעלע אידייען אָדער גלויבן. איז נישט קיין וואונדער וואָס דער רוסישער פּאָעט יעסענין, וועלכער האָט פארלוירן דעם גלויבן אין גאָט שרייט אויס אין איינעם פון זיינע לידער —״כ׳שעם זיך וואָס כ׳האָב געגלויבט אין גאָט און ביטער איז מיר וואָס כ׳גלויב נישט מער״.

דער שעפער טאָר נישט זיין געקאָוועט אין גייסטיקע קייטן,נישט דינען צו קיין געצן ,צו סטאַנדאַרטע ״אמתן״ און קאָנווענציאָנעלע ליגנס. פון טאָג ווען מען האָט אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד גענומען דיקטירן דעם שרייבער וואָס ער זאָל שרייבן און אים איינגעשפּאנט אין פּארטייאישן כאָמעט, איז די רוסישע ליטעראַטור געשטאָרבן. נישטאָ דאָרט מער קיין טאָלסטוי, דאָסטאָיעווסקי, קיין טשעכאָוו און קיין גאָגאָל.

אין צייטן פון גרויסע סאָציאַלע אָדער גייסטיקע אויפשטייגן בליט אויף אַ גרויסע ליטעראַטור. די תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען אַ תחית־המתים פון גייסטיקן לעבן, פון אַ הומאַניטאַרער קולטור. איז נישט קיין וואונדער וואָס זי האָט געשעפּט איר יניקה פון

דער רייכער גריכישער פילאָזאָפּיע,ווי פון דער האָמעריש־העזידישע געזאַנגען. דער ליטעראַרישער אויפבלי צוזאַמען מיטן אויפגאַנג פון גרויסע סאָציאַלע אידייען האָבן באַוויזן די גרויסע היסטאָרישע פּראָצעסן פון יענער שטורמישער עפּאָכע. דער מאָדערנער געדאַנק האָט דאַמלט געפונען זיינע אַספּיראַציעס אין אַלטן גריכנלאַנד. בייראָן און הוגאָ האָבן זיך געוואָרעמט ביי די פייערן פון די אָריענטאַלישע מאָטיוון,ווי פון אָלימפּ וואָלטן געפאַלן די באַפעלן צו שטורעמען די באַסטיליע פון גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט און רעאַקציע.די וויזיע פון אַ געבענטשטן מאָרגן איז געגאַנגען געפּאָרט מיט דער בענקשאַפט, וועלכע האָט געשעפּט איר יניקה פון די קוואַלן פון נעכטן,ביידע זענען די צוויי הויפּט־יסודות פון דער שיינער ליטעראַטור.

גרויסע ווערק זענען די, וואָס דריקן אויס גרויסע סאָציאַלע הומאַניטאַרע געדאַנקען. דער גרויסער קינסטלער און שעפער איז דער אויסדרוקער פון דעם גייסטיקן באַגאַזש פון זיין עפּאָכע. אין צייטן פון געזעלשאַפטלעך־גייסטיקן צוריקשטאַנד איז אויך די ליטעראַטור אָרעם. אין צייטן פון געזעלשאַפטלעכן קריזיס איז די ליטעראַטור פול מיט יאוש, עלעגיע, מעלאַנכאָליע און טראַגיזם. ווי פאַרשידן עס זאָלן אָבער נישט זיין די תקופות פון שאַפן,ווי פאַרשידנאַרטיק עס זאָלן נישט זיין די שעפער, פון וועלכע קוועלן זיי זאָלן נאָר נישט שעפּן זייערע אינספּיראַציעס,זייערע עסטעטישע אידייען, רעליגיעזע אָדער פּאָעטישע געפילן זענען זיי שטענדיק באַהערשט מיט אַ טיפן הומאַניזם. מיט דראַנג צו גייסטיקער פרייהייט. איר וועג איז צו דערגיין צו דעם קרישטאַל־ריינעם הומאַניזם פון אַ הלל, מיט דעם אומענדלעכן גלויבן אין מענטש וואָס איז באַרופן אַליין אָנצופירן, מיטן אייגענעם גורל, (אם אין לי,מי לי?) נאָר דאַמלט ווען דער יחיד ווערט פולווערטיק ווערט אויך פולווערטיק דער קאָלעקטיוו, די געזעלשאַפט ווערט אַ פולווערטיקע און גערעכטע . אזעלכע גייסטער ווי שעלי און בייראָן, טאָלסטוי און איבסען,געטאָ און היינע האָבן הויך געטראָגן דעם פּראָמעטעאושן פאַקל פון דער גייסטיקער פרייהייט

דערפאַר אַנטלויפט אָפּט דער שעפער פון דער גרויער ווירקלעכקייט, פון קרעמערישע, ניכטערע געדאַנקען. ער אַנטלויפט אַהין וווּ ער

קען פאַרמירן זיין וועלט לויט זיין אייגענעם ווונטש. אָט די וועלט איז די ליטעראַטור, ווען נישט זי, וואָלט נאָך מער די געמיינקייט און ליגנט באַפליגלט דאָס לעבן. מיר וואָלטן זיך געשפּייזט נאָר פון דער קרעמערישער לאָגיק און אונדזער לעבן וואָלט נישט פאַרמאָגט קיין טראָפּן רייץ, קיין גראַם פון פּאָעזיע, פון חלום און וויזיע.

און מער ווי שטענדיק איז אונדז היינט נויטיק ליטעראַטור און פּאָעזיע, ווייל מיר לעבן אין אַ דור וואָס האָט דעם באוווסטזיין, אַז מיר שטייען פאַר אַ טיפן תהום. אַז מיר שטייען פאַר דער טראַגעדיע פון נישט קענען זיך אַנטשיידן און באַשליסן. אין דעם ציוויליזאַטאָרישן טעמפּאָ צו באַהערשן די נאַטור־כוחות, האָבן מיר אויפן וועג פאַרלוירן צוזאַמען מיט דער ראָמאַנטישער פאַרחלומטקייט אויך די מענטשלעכע וויזיע.

מיר לעבן אין אַ תקופה פון גייסטיקער פּוסטקייט, פון גרעסטן גייסטיקן קריזיס, וועלכע עס קען נאָר די מענטשלעכע געשיכטע. נישט קיין פאַרשיכורטע פון וויזיעס, נאָר פאַרלוירענע שטייען מיר אין אַנבליק פון אונדזערע מעכטיקע דערגרייכונגען: פון אַטאָמישער קראַפט און קאָמפּיוטאָרס. פליענדיק צו דער לבנה קענען מיר זיך נישט אויפהייבן פון דער בלאָטע פון מענטשלעכער געפאַלנקייט. אויף דער גרענעץ פון די העכסטע דערגרייכונגען שטייען מיר נישט קיין שטאָלצע נאָר פאַרמשפּעטע צו דער העכסטער פאַרצווייפלונג. מיר קענען ווערן געטער וואָס שאַפן אַ נייעם בראשית און מיר זענען גאָר די שוואַרצע טייוולאָנים, וואָס באַגלייטן אונדזער מענטשן־וועלט צו איר סופיקן אומקום.

שטייט אויך אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור אַ פאַרלוירענע, אָן אַן אויסוועג. פראַנץ קאַפקאַ איז געווען נביאישער אָנזאָגער פון דער פינצטערער תקופה אין וועלכער עס האָבן אונדז אַריינגעטריבן די היטלערס און סטאַלינס, ער איז אויך געבליבן דער אויסדרוקער פון אונדזער פאַרלוירנקייט, ווייל באַהערשנדיק די כוחות פון דער נאַטור שטייען מיר אוממעכטיק קעגן די הערשערישע מאָנסטערס. מיר קענען זיך גאָר נישט באַגיין אָן דעם געצנדינערישן קולט צו „געניאַלע פירערס״. די וועלט איז נאָך נישט געקומען צו

זיך נאָכן חורבן וואָס עס האָבן אונדז איבערגעלאָזן אַזעלכע ימח שמם די היטלערס און סטאַלינס און מיר בענקען און קלאָגן וואָס זי איז "נעבעך געבליבן פאַריתומט אָן פּירנדיקע אויטאָריטעטן".
מיר, וואָס האָבן געזען אָט די נייע ציוויליזאַציע פון אָשוויענטשים און מיידאַנעק, פון דעם סאָציאַליזם אונטער שטעכיקע דראָטן פון קאָנצענטראַציע־לאַגערס, קענען זיך נישט באַפרייען פון דער פּלאָג פון דיקטאַטור און ביוראָקראַטיע, פון טעראָר, געוואַלט און פאַרברעכנס,וועלכע ליגן היינט זייער ביטערן שטעמפּל אויף דער מאָדערנער ליטעראַטור ווי אויף היינטצייטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

★

וועגן ליטעראַטור

מיר לעבן אין אַ ברוטאַלער וועלט דער שרייבער פילט דאָס אַמבעסטן. ער איז ווייט פון באַקוועמע, אויסגעטראָטענע וועגן אויף וועלכע עס זאָל זיך באַוועגן זיינע פאָרשטעלונגען, פאַנטאַזיע און מחשבות. די טירן צו די סודות און אונטערקוליסן פון לעבן זענען פאַרמאַכט און ער זוכט די שליסלען צו די ענגע טירן. געהיימע און טונקעלע וועגן, נאָר מוטיקע קלאַפּן אין דער טיר. קיינער קען פאַרן שרייבער ניט פאַרשליסן די גרויסע פּראָבלעמען פון לעבן. ער זוכט זיי צו עפענען.

דער ציל פונעם שרייבער איז אָנצוטוען אויף די העלדן (די פיקטיווע באַשעפענישן) זיינע אייגענע געדאַנקען און געפילן. ער לאָזט זיי טראַכטן, פילן, ליידן, האָפן און רעדן. ער וואַרפט זיי אַריין אין ווונדערלעכע שטימונגען, אין טיפע איבערלעבענישן. אָבער ער מוז דאָס טאָן מיט אַזאַ טאַלאַנט, אַז דער לייענער זאָל ניט פילן אַז ער מישט זיך אַריין אין די האַנדלונגען פון זיינע העלדן נאָר לאָזט זיי פריי זיך באַוועגן. ער לערנט זיי ניט, וואָס איז גוט און וואָס שלעכט, און משפט ניט זייערע האַנדלונגען. ער ציט זיי ניט ביי די לייצעס צו ווייזן זיי אַ וועג.

געוויסע ראָמאַנען־שרייבער האָבן געהאַט אַ שלעכטע טבע צו באַשרייבן יעדע קלייניקייט פון זייערע העלדן, ווי ער זעט אויס, וואָס ער גייט אָנגעטאָן און ווי לאַנג איז זיין נאָז, דערמיט האָבן זיי פאַרגוואַלטיקט דעם לייענערס־פאַנטאַזיע און פאָרשטעלונגס־קראַפט. דער גוטער לייענער

נויטיקט זיך ניט אין דעם, ער וויל זיין אַ מיטשותּף צו דעם שרייבערס פֿאַנטאַזיע. דורך די האַנדלונגען און מאָנאָלאָגן דערקענט ער אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון דעם העלד. אין אַלטן גריכישן טעאַטער האָט דער אַרטיסט געטראָגן אַן אויפֿשריפֿט אַז דער איז אַ קאָמיקער, אַ טראַגיקער אָדער סאַטיריקער, אָבער דאָס איז דאָך געווען אומנויטיק, דאָס פּובליקום דאַרפֿט אַליין מישפּטן וועגן כאַראַקטער פֿון דעם אַרטיסט. דאָס זעלבע אין ראָמאַן. דער לייענער דאַרף אַליין זיך אויסאַרבעטן זיין מיינונג וועגן כאַראַקטער פֿונעם העלד לויט זיינע האַנדלונגען און זיינע רייד.

יעדער שרייבער האָט זיך זיינע אייגענע טעכנישע מיטלען אַרויסצוברינגען פֿאַרן לייענער די פּראָבלעמען. וואָס בילדן דעם אינהאַלטן פֿון דעם ווערק. דורך באַשרייבן די טאַטן, שטימונגען, איבערלעבונגען, נשמה־ראַנגעלנישן פֿון זיינע העלדן ווי אויך די סביבה פֿון האַנדלונגען.

די מערסטע קריטיקערס זוכן דאָס ערשטע אַריינצופּאַסן דעם שרייבער אין אַ וועלכע עס איז ליטעראַרישע שולע אָדער ריכטונג, ווי דאָס וואָלט דעצידירט וועגן דעם אינהאַלט פֿון דעם ראָמאַן. זיי האָבן די שרייבער סעגרעגירט ניט לויט זייערע מיינונגען און געדאַנקען נאָר לויט דעם פֿאָרם פֿון זייער שרייבן. זיי האָבן, ווי מען סאָרטירט סחורה זיי פֿונאַנדערגעטיילט אין: ראָמאַנטיקער, רעליסטן, נאַטוראַליסטן, סוראַליסטן, סימבאָליקער און אַנדער "איזמען". פֿאַר דעם קריטיקער איז דאָס אפֿשר באַקוועם עס איז אָבער ניט פֿאַראַן קיין צוויי שרייבערס וואָס זאָלן, אין שרייבן, זיין ענלעך צו זיך, יעדער שרייבער איז אַ וועלט פֿאַר זיך. אַזוי קענען רעאַליסטישע ווערק זיין פֿול מיט ראָמאַנטישע און אַפֿילו מיסטישע עלעמענטן און שרייבער קענען זיין סיי רעאַליסטיש און סיי ראָמאַנטיש. דאָס צוטיילן אין שולן איז אַ מעכאַנישע סעגרעגירונג. מען פֿאַרגעסט אַז צו וויכטיקסטע ראָלע אין יעדן ווערק, אָנהייבנדיק פֿון שעקספּירס דראַמעס, שפּילט דער פּסיכישער גורם. דאָס אייגנטלעך דעצידירט אין דער באַדייטונג פֿון אַ ווערק. ווייל יעדעס גוטע ווערק באַזירט זיך ניט בלויז אויף די געדאַנקען און טאַטן נאָר אויך אויף די ליידנשאַפֿטן, געפֿילן און נשמה־ראַנגלענישן פֿון די העלדן.

כאָטש זיי זענען ניט מער ווי ליטעראַרישע פיקציעס, זענען זיי אָבער געטרייע אָפּשפּיגלונגען פון דערווירקלעכקייט און פון דעם לעבעדיקן מענטש. דער ליטעראַרישער העלד ווערט אָפט דער טיפּישסטער סימבאָל פון דעם כאַראַקטער פון אַ דור, תקופה, סביבה, אָדער געזעלשאַפטלעכע גרופּע. דערפאַר שפּילט ניט קיין קליינע ראָלע די סאָציאַלע סביבה; וואָס דאָס בוך שילדערט און וואָס זיינע העלדן רעפּרעזענטירן. ווייל דער מענטש לעבט ניט אין די הימלען. מעג דער שרייבער זיין אַ ראָמאַנטיקער אָדער רעאַליסט, וועט אַ גוט ווערק אַלץ זיין דער שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט. אַ שלעכט ווערק איז אַ קרומער שפּיגל. ליטעראַטור איז ניט קיין וויסנשאַפט און ניט געשיכטע נאָר באַשטייט פון פיקציע און חלום. דעריבער איז ליטעראַטור דאָס באַשרייבן דעם יחיד, וועלכער איז אָבער, ווי אין לעבן, אויך אין דעם ראָמאַן געבונדן מיט זיין פאָלק אָדער מיט אַ טייל פונעם פאָלק, מיט דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט.

לויט מיין מיינונג וואָלט געווען פיל לאַגישער דאָס פונאַנדערטיילן די ליטעראַטור אין צוויי הויפּט־שטרעמונגען. איינע וועלכע פאַרנעמט זיך אַמשטאַרקסטן מיט די פּראָבלעמען פון דעם מענטש אין דער געזעלשאַפט; מיט די עוולות וואָס ווערט קעגן יחיד באַגאַנגען; מיט די נעגאַטיווע זייטן פון די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע רעזשימען. דאָס איז אויך פאַרבונדן מיטן קאַמף פון יחיד קעגן גורל און זיין בונט און גראַנגל קעגן שלעכטס. אַזאַ ליטעראַטור קען מען באַצייכענען ווי אַ הומאַנישע, סאָציאַלע און אַפילו קרוינען זי אַלס אַ "פילאָזאָפישע ליטעראַטור". צו דעם דאָזיקן סאָרט קען מען פאַרעכענען די אַמערסטן וועלט־שרייבערס, ווי הוגאָ, באַלזאַק, אין אויך איבסען, טאָלסטוי און זשעראָמסקי ביז ראָמען ראָלאַן, אַנאַטאָל פראַנס, און אַנד.

די צווייטע, פאַרנעמט זיך איבערהויפּט מיט דער פּסיכישער זייט פון מענטשלעכן לעבן, און זי מאַניפעסטירט זיך אַמשאַרפסטן אין די סעקסועלע באַציאונגען צווישן געשלעכטער. ביי טייל שרייבער זעען דאָס אין אַ האַרמאָנישע אָדער אידילישע ליבע־באַציאונגען, ביי אַנדערע קומט דאָס צום אויסדרוק ווי אַ טראַגעדיע פון געשלעכטער, פאַר וועמען די הייראַט איז ניט מער ווי איינע פון די פאָרמען

פון פראָסטיטוציע. ביי זיי איז ליבע — אַ קאַמף צווישן געפיל און שכל, וועלכע ענדיקט זיך אָפט מיט אַ קאַטאַסטראָפע. די דאָזיקע ליטעראַטור, ווילט איר, רופט דאָס אָן — אַ "פסיכאָלאָגישע ליטעראַטור".

אויב די ערשטע זעט אין דער געזעלשאַפט די סיבה וואָס באַוועלט און אונטערדריקט דעם יחיד און אַלע זיינע דורכפאַלן און אַנטוישונגען, זוכט די צווייטע דאָס שלעכטס אין די אָפּגרונטן פון דער מענטשלעכער נשמה. דאָס זעען מיר ביי דאָסטאָיעווסקען, פּזשיבישעווסקי, קנוט האַמסון, מעטערלינג, ווערהאַרן און דער עיקר ביי עדגאַר פּאָע און אַנדערע פון דאָזיקן סאָרט שרייבערס. די דאָזיקע פסיכאָלאָגישע ליטעראַטור האָט ליב אַרויסצוברענגען אָפט שטאַרקע דעמאָנישע כאַראַקטערן, בונטאַרישע טיפּן פון ניטשעס איבערמענטשן, וועלכע שפּאַנען איינזאַמע אָבער מיט זיכער טריט איבער לעבן. פון דער צווייטער זייט שילדערן זיי פילבאַרע שוואַכע צעפּיצלטע נשמות וועלכע ראַנגלען זיך מיטן גורל און פאַלן אונטער שווערן לאַסט פון לעבן. אַזעלכע זענען עס די פּאָטענציאַנעלע קאַנדידאַטן פאַר זעלבסטמאָרד, אַ טעמע וואָס איז גענוג פאַרשפּרייט אין דער ליטעראַטור.

מען טאָר אָבער אויך צווישן דיביידע ריכטונגען ניט מאַכן קיין אַבסאָלוטע גרענעץ, ווייל ניט זעלטן פאַרטושן זיך די גרענעצן צווישן ביידע סאָרט שרייבערס. אַלס פאַסיקער ביישפּיל קען אונדז דינען עמיל זאָלאַ. ווער ווי ער האָט אונדז געגבן אַזאַ בילד פון ברוטאַלן קלאַסן־קאַמף ווי אין זיין בוך "זשערמינאַל" און נעבן דער קאָרומפּירטער ראָלע פון געלט ברענגט ער אונדז די שאַרפסטע ביישפּיל פון קאָרומפּירטער סעקס און די נקמה פון קאָרומפּירטן סעקס (נאַנאַ) קעגן קאָרומפּירטן געלט. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן באַלזאַקן, מאָפּאַסאַנען און וועגן אַלע גרויסע ראָמאַנען־שרייבער.

די בוילעטסטע פאָרשטייער פון דעם ראָמאַן פון 19 י.ה. איז געווען דער פראַנצויזישער שרייבער מאַרסעל פּרוסט און דער דייטשישער שרייבער טאָמאַס מאַן. ביידע גרויסע הומאַניסטן, וואָס האָבן אַרויסגעפירט דעם מענטש אויף דער אַרענע, ווי אַ שטאָלצע באַשעפעניש, אָן ברוטאַלע ליידנשאַפטן, מיט אַסך מעסיקייט, וואָס דאָס קומט נאָך בוילעטער צום אויסדרוק ביי ראָמען ראָלאַן, וועלכע ברענגט אַרויס די

מענטשליכע איידלקייט, ביי אַלע שווערע באַדינגונגען פון לעבן, קעגן גאַנצן אַרומיקן שלעכטס היטן זיי אָפּ זייער מענטשליכע פּערזענלעכקייט, זייער איידלקייט און דערהויבענע אידעאַלן, אויך די קונסט שפּילט ביי זיי ניט קליינע ראָלע ביים פּאַרמירן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. דאָס איז געווען ראָמאַן ראָלאַן ביז דער וועלט מלחמה, ביז דער ערשטער העלפט פון 20סן י.ה. ווען די שרייבערישע וועלט האָט געלעבט אין דער גרויסער אילוזיע אַז די מענטשהייט גייט פאָרויס צו אַ זיכערן פּראָגרעס. דאָס איז געווען אַנטאָל פראַנס וואָס האָט מיט גרויס סאַרקאַזם אויסגעלאַכט די קירכע און דעם מיליטאַריזם. דאָס זענען געווען די פּראָפעטן פון הומאַנעם געדאַנק פון וועלכע די ברוטאַלע אוממענטשלעכע וועלט און אירע ניט־נאָרמאַלע הערשערס וועלכע האָבן געשטרעבט צו אַ טויטן־טאַנץ פון בלוטיקע מלחמות. אָבער די איידלקייט פון די הומאַניסטן וועלכע זענען געווען זיכער אַז אָט גליטשן מיר זיך אריין אין אַ גליקליכער וועלט, ווי דאָס העכסטע פון אַלץ וועט זיין דער מענטשליכער כבוד און דאָס מענטשליכע גליק.

ליידער אָבער שטעלט די מענטשליכע געזעלשאַפט ניט צו קיין מעגלעכקייט פאַר אַ גליקלעך לעבן. איבער דער וועלט טריאומפירט די אומגלייכקייט, אומגערעכטיקייט און עקספּלוטאַציע. אויך די טעכניק און קאַלטע וויסנשאַפט קען אונדז ניט שענקען קיין גליק, אָבער דאָס גרעסטע מענטשלעכע אומגליק איז דער געיעג נאָך מאַכט, אָט דער מולך וואָס טרייבט אַריין די וועלט אין אַ בלוט־באָד פון מלחמות. דאָס וואָס האָט געבוירן דעם היטלעריזם, די אוישוויץ־ציוויליזאַציע, און אַטאָמישן געפאַר, און פון טויט־לעגערס, דאָס האָט אויך געשאַפן אַ גאָר אַנדערע ליטעראַטור, אַ פאַרלוירענע וואָס זוכט דעם ענטפער — ווי איז דאָס מעגלעך? וואָס איז דער מענטש? פון וואַנען עס קומען אַרויס אַזעלכע מענטשן־חיות? וואָס איז דער מענטש, וואָס לאָזט זיך פאַרשקלאַפן צו די ברוטאַלסטע רעזשימען? דער בוילעטסטער אויסדרוקער פון דער פאַרלוירנקייט, דער אויסדרוקער פון דעם פחד, וואָס באַהערשט דעם מענטש פון 20 י.ה. איז קאַפקאַ, לויט אים איז דער מענטש אַן אייביק פאַרמשפּעטער און ניט ער דעצידירט איבער זיין אייגענעם גורל. נאָר

עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער קראַפט — דאָס איז די מאַכט, די מושלים. דער מענטש געפינט זיך אין אַ פּערמאַנענטן געראַנגל קעגן דער וועלט, וואָס צוימט זיין פרייהייט. זיינע ווערק זענען איין גרויסע באַשולדיקונג. לויט קאַמי איז דער ציל פון דער ליטעראַטור זיך אַנצונעמען פאַר דער פרייהייט און רעכט פונעם יחיד. איר ציל איז ניט דינען דער שיינקייט נאַר שילדערן דעם גרויל פון אַבסורדישן עקזיסטענץ און זוכן די סיבות וואָס האָט געבוירן די מלחמות, מאַסן־טעראָר, צוואַנג־סיסטעמען פון פאַשיזם און קאָמוניזם. לויט אים איז דער מענטש פאַרפליכט צו שטרעבן צום ערדישן גליק. אָבערליידער ווערט דער מענטש געבוירן פון געוואַלד, לעבט אויף געוואַלד און שטאַרבט אויף געוואַלד, דערפאַר הערשט איבער דער לאָגיק דער אַבסורד. די מענטשלעכע פרייהייט קען מען פאַרגלייכן צו דער פרייהייט פון אַן אַרעסטאַנט. דאָס גרעסטע וואָס דעם מענטש איז געבליבן איז די פרייהייט צו זאָגן — ניין! און צו רעוואָלטירן, צו ווערן אַ Homo Revolte דאָס איז די בשורה וואָס ער ברענגט אונדז די שרייבערישע וועלט פון קאַפקאַ, קאַמי, דזשאָרדזש אָרוועל און אַנדערע. עס ווערט זיין קלאָר אַז מיר שטייען פאַרן אָפּגרונט פון אונטערגאַנג. אַז דער פאַטום, וואָס הערשט איבער פעלקער האָט פאַרסמט אַלע ברונעמס פון מענטשלעכן גייסט, אַז עס איז געשטאָרבן דער גרויסער גלויבן, דער שטאָלץ פון דער מענטשהייט, וועלכע שטייט פאַר איר זעלבסטמאָרד.

ווען מיר ווילן פאַרשטיין אַזעלכע שרייבערס, ווי קאַפקאַ, קאַמי, אָרוועל און כדומה, מוזן מיר וויסן, אַז כאָטש זיי האָבן געשריבן אין דעם פּעריאָד פון "פאַרן מבול" ד. ה. פאַר דער אַטאָמישער עפּאָכע, האָבן זיי אָבער מיט זייער שרייבערישן חוש געפילט דעם אָנקומען פון עפּעס שרעקלעכעס און גרויליקס. שוין אין זייער צייט, פון מלחמות און פאַרקריפּלטע רעוואָלוציעס, האָט איבער דער וועלט זיך געטראָגן אַ טריבער, גייסטיקער טומאַן. אַ סודותדיקער שלייער האָט באַדעקט דעם חלום פון אַ צוקונפט. מען האָט מער ניט געזען "דאָס גאָלדענע ליכט" פאַר די קומענדיקע צייטן. די טעמע פון אונטערגאַנג האָט באַהערשט די ליטעראַטור (ערנבורגס

„טרוסט ד. ע.״). עס איז פֿאַרשווינדן דער הומאָר. אַזוי ווי אין דער מאָלעריי איז פֿאַרשווּנדן די פֿאַרבנרייכע זיסע הימלישע שײַנקייטן און די פֿריילעכע פּויערישע טיפּן אַזוי איז אין דער ליטעראַטור פֿאַרשווּנדן דאָס געזונטע מענטשלעכע. (אַזעלכע טיפּן ווי ראָלאַנדס קאָליא בריאָ).

די היינטיקע, נאָך־אוישוויץ־ליטעראַטור לעבט דורך די גאַנצע טראַגישקייט פֿון אונדזער זײַן, זי לעבט אונטערן שאָטן פֿון פּחד פֿאַר אַן אַטאָמישן אומקום; זי פֿילט אַז פֿון אונדזער געבורט ביזן טויט, טאַנצן מיר אויף ווולקאַן.

די מאָדערנע ליטעראַטור, וואָס פֿאָרמירט זיך איצט אויס, (מען טאָר דאָ ניט פֿאַרמישן מיט דעם קליינגײַסטיקן, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן וואָרט „מאָדערן״). מיר מיינען דאָ אַ ליטעראַטור און פּאָעזיע, וואָס ווערט געשריבן מיט בלוט. אַפֿילו די גיהנום־בילדער פֿון דער אַנטי־מלחמה ליטעראַטור, פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועט אויסזען ווי אַ בלאַסער לבנה־שײַן אין פֿאַרגלײַך מיט דער יסורים און צאָרן־ליטעראַטור וואָס דאַרף אַנטשטיין.

אויפֿן אָרט פֿון דעם ביז איצטיקן ראָמאַנען־העלד, מיט זײַנע פּילפּאַרביקע איבערלעבענישן, וועט דער העלד פֿון נײַעם ראָמאַן זײַן דער סימבאָל פֿון מענטשלעכער ראַסע, וואָס שטייט פֿאַרן אָפּגרונט פֿון אונטערגאַנג און איר קאַטאַסטראָפֿע. דער מענטש — דער קרבן פֿון דער הערשאַפֿט פֿון די געלט־זעק און פֿון די געהיימע אינטריגעס פֿון גענעראַל־שטאַבן און א. נ. „זיכערהייט־דינסט״; דער קרבן פֿון קאָרומפּירטער פּאָליטיק, שפּיאָנאַזש און געהיים־פּאָליציי, וואָס צוזאַמען שפּינען זיי אַריין דאָס לעבן אין אַ פֿינצטערן געשפּענסט. דער מענטש ווערט אַזוי שטאַרק פֿאַרזונקען אין יאוש אַז ער פֿאַרלירט דעם ווילן צו רעוואָלט, צו קעמפֿן און ווערט אַ פּאַסיוו באַשעפֿעניש, וואָס פֿאַלט אַריין אַלץ טיפֿער אין דער נעץ, וואָס האַלטן אונדזער גורל אין זייערע מיליטערישע לאַפּעס. דער מענטש האָט אַפֿילו פֿאַרלוירן דאָס קול זײַנס און הייבט זי ניט אויף קעגן די קאָרומפּירטע און ביוראָקראַטישע איסטיטוציעס. אַזוי ווי קאַפֿקעס העלד ק. שטייט דער מענטש אומבאַהאָלפֿן קעגן דער „גערעכטיקייט״, וואָס פֿאַרמשפּט

אים צום טויט. דעריבער בלייבט נאָר פאַר דער נייער ליטעראַטור אויפצוהויבן איר קול, און איר געשריי. און אויב זי וועט דאָס ניט טון, גענוג שטאַרק און גענוג שאַרף, צי האָט זי דען אַ באַרעכטיקונג פאַר איר עקזיסטענץ?

טויזנטער יאָרן איז דער מענטש געווען פאַרשקלאַפט און דערנידריקט, האָט נאָר די ליטעראַטור, אים געטראָגן טרייסט און גלויבן. עס זענען אויפגעקומען גרויסע פערזענלעכקייטן די צעשטערערס און צעשמעטערערס וואָס האָבן צעריסן די קייטן. די ליטעראַטור האָט זיי באַזינגען אָנהייבנדיק פון גרויסן געזאַנג צו פּראָמאָטעאוס, צו ספּאַרטאַקוס, צי די קאַרלוס (שילערס "רויבער"), צי די העלדן פון דער "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". די פעלקער האָבן געטראָגן אין זייער זכרון די "סטיענקאָ ראַזינס" און אַנדערע פאָלקס־בונטאַרן. צי וועט די נייע ליטעראַטור ניט זיין פעיק אויפצוועקן דעם מענטש פון זיין לאַטאַרגישן־שלאָף און וועקן אים קעגן דער סכנה פון אונטערגאַנג?

מעג געוויסע קריטיקערס ניט געפעלן אַזאַ ליטעראַטור "וואָס פאַרייניקט זיך מיטן פאָלק און מיט די מאַסן", וועט זי אָבער ווייטער זיין דער לעבנס־קוואַל פאַר דער טראַכטנדיקער מענטשהייט און אַ מיטהעלפערין אין קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג, פאַר אַ נייעם רענעסאַנס, וואָס זאָל אַראָפּרייסן די מאַסקעס פון די "וועלט־פאַרזאָרגערס" און וועלט־באַשווינדלערס און פאַרזיכערן די פולע רעכט צו לעבן און לעבנס־פרייד.

★

די אומזיכערקייט און פחד האָט געשאַפן אַ ליטעראַטור און פּאָעזיע פון פּראָטעסט און צאָרן. דער מענטש וויל אָבער ניט לעבן כסדר אונטערן שאָטן פון גרויל און בענקט צו אַ פרידלעכער און געמיטלעכער וועלט. אַזוי אפשר בענקט די ליטעראַטור צוריק צום ראָמאַנטיזם, וואָס האָט אויף די פליגלען פון כוח הדמיון זיך אויפגעהויבן איבער דער וואָכיקייט און אַריינגעכישופט זיך אין אַ שבת־יומטובדיקייט. די ערשטע וועלט־מלחמה און די פאַרקריפּלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געבוירן אַ ליטעראַטור, באַזונדער דעם פוטוריזם, וואָס האָט אויסגעלאַכט פון דעם עכטן און פשוטן, פון ערלעכן און לאָגישן. דערנאָך ווערט די הומאַניטאַרע אַנטי־מלחמה ליטעראַטור צעשטערט דורך היטלערן און סטאַלינען, ווי דורך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי אוישוויץ ווערט דער מעדיום פון דעם שעדלעך־געפאַלענעם חיה־מענטש. און היינט שטייען מיר אויף דער שוועל פון אַ דריטן נאָך גרעסערן חורבן, אונטערן שאָטן פון אַן אַטאָמישע פאַרניכטונג. איז וואָס פאַראַ ליטעראַטור קאָן דען היינט דערפון אַרויסשפּראָצן?

ווי אויבן געזאָגט וויל דער מענטש ניט לעבן כסדר אונטערן געפיל פון גרויל. אָבער ווי קאָן ער זיך באַפרייען פון דער באַרבאַרישער ציוויליזאַציע? דער מענטש און זיין ליטעראַטור וויל בכלל זיך באַפרייען פון אַסקעטישן ראַציאָנאַליזם, ווי פון מיסטישן אַסקעטיזם, וואָס הויבט זיך אָן פון דעם נצחון פון קריסטנטום, איבער דער היידאַנישער געצנדינערישע וועלט, וועלכע האָט ניט געוווסט

פון פאַנאַטיזם און שנאה. זי האָט דעם מענטשן געגעבן שיינקייט און פרייהייט, וואָס דער קריסטנטום האָט ביים מענטש צוגענומען. ביז היינט ציט זיך אַלץ די פינצטערע קייט פון דער "אינקוויזיציע־טראַדיציע" פונעם פינצטערן קאַטאָליציזם ביזן היטלעריזם און סטאַליניזם, פאַשיזם און קאָמוניזם שטרעבן אָפּצוגעווינען דעם מענטש פון לאַכן און דעם לעבנלוסט, פאַרטוישן אויף פאַנאַטיזם און שנאה. די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס ווילן בויען אַ וועלט פון אָסקעטישער ברוטאַלקייט און פחד. אָט די דאָזיקע טענדענצן סיי אין לעבן, סיי אין דער ליטעראַטור קענען באַקעמפט ווערן נאָר דורך אַ נייַי אויפגעבליטע ליטעראַטור פון הומאַנעם־ענטוזיאַזם, פון אַ טיפן גלויבן אין מענטש. עס דאַרף ווידער אויפלעבן אַ הומאַנער ראָמאַנטיזם.

אַוודאי זענען דאָ ליטעראַטור־קריטיקערס, וואָס מיינען, אַז ליטעראַטור ווי קונסט האָבן גאָר ניט דעם פליכט צו מאַניפעסטירן אַ ליבשאַפט אָדער פיינטשאַפט צו וואָס עס איז, אַז ליטעראַטור האָט בכלל ניט קיין געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס. דער אמת איז אַז די גרויסע דערשיינונגען אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פאַלן זיך תמיד צענויף מיט די באַוועגונגען פון ניט קאָנפּראָמיסטישן געדאַנק, דאָס מיינט, אַז תמיד, ווען שרייבערס זענען מיט זייער שאַפן געגאַנגען אין מלחמה אַריין קעגן הערשנדיקן סדר, אָדער אַפילו קעגן דעם אָנגענומענעם און איינגעשטעלטן לעבנס־נוסח האָבן זיי געשאַפן גרויסע און וויכטיקע ליטעראַרישע ווערק, אַ ראיה לדבר איז סערוואַנטעס, מאָליער, טאָלסטאָי, באַלזאַק, ביי די אומות העולם און מענדעלע, שלום עליכם, פרץ ביי אונדז יידן.

נאָכן גרויסן יידישן חורבן, אויב מען וויל ראַטעווען דאָס פאָלק פון אַ גייסטיקן חורבן, קענען דאָס ניט טוען קיין פאַרטייען און קיין פּאָליטיקער. דאָס קען טאָן נאָר אַ הויך־גייסטיקע יידישע ליטעראַטור. יעדע ליטעראַטור קומט פון לעבן און פאַרמירט דאָס לעבן. לויט שטייט נאָך די יידישע ליטעראַטור אין פאָדערהויז פון דער וועלט־ליטעראַטור, כאָטש זי פאַרמאָגט אַזעלכע גרויסע נעמען ווי שלום עליכם, פרץ, אַש, לייוויק, אָפּאַטאָשו, וואָס גרויסע פעלקער וואָלטן זיך מיט זיי ניט געהאַט וואָס צו שעמען, כאָטש דאָס יידישע לעבן איז

אַזוי רייך מיט טעמעס, מיט אַזאַ רייכן קוואַל פון וואַנען צו שעפּן, דאַרף טאָרן מיר ניט איבערטרייבן מיט לויב־געזאַנגען צו דער יידישער ליטעראַטור, ווייל מיר דאַרפן פון איר אַ סך פאָדערן. מיר וועלן זיך דאָ אַרויסכאַפּן מיט אַ ניט פאָרזיכטיק וואָרט, אַז דער יידישער שרייבער האָט אויך גרויסע אויפגאַבן און פליכטן פאַר זיין פאָלק. דאָס מיינט ניט אַז אַ שרייבער דאַרף שרייבן אויף באַשטעלונג, ווייל אויך אַזעלכע גרויסע שרייבער ווי טאָלסטאָי האָבן ניט געשריבן אויף באַשטעלונג און דאָך געדינט דעם פאָלק מיט זייער וואָרט און געדאַנק. די הייטיקע קולטור דערציט צו זיין: אַ וויסנשאַפטלער, אַן אַדוואָקאַט. אַ פּאָליטיקער אָדער אַ סוחר, אָבער נאָר אַ גוטע ליטעראַטור קען דערציען צו זיין אַ מענטש. אַ גוט בוך קען מער איבערצייגן ווי די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע, דעריבער איז אַ פאָלק שטאָלץ ווען זי האָט אַ גייסטיק־רייכע ליטעראַטור און פאַרמאָגט גרויסע שרייבערס.

קיינער האָט ניט קיין רעכט צו דיקטירן אַ שרייבער ווי אַזוי אָדער וואָס ער מעג שרייבן. גרויסע שרייבערס קומען שטענדיק מיט גרויסע געדאַנקען. און אויב מיר ווילן דערגרייכן אַ נייעם רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור און ראַטעווען דאָס פאָלק פון גייסטיקן חורבן איז אָבער צו ווייניק צו שפּייזן דעם לייענער מיט "מעשיות פון אונטערן אויוון". אַוודאי האָט באַשעוויס זינגער מייסטערהאַפט געשילדערט דעם טייוול וואָס ליגט אין מענטש. אַוודאי מוז מען גאָר ניט שטענדיק, אידעאַליזירן דעם יידישן נעכטן, נאָר אויך שילדערן פאַרדאָרבנקייט, מאָראַלישע שפלות, אַ שרייבער קען אויף ניט אויסמיידן קיין עראָטיק, ווייל דאָס גאַנצע לעבן איז דערמיט פול. ער איז ניט מחייב צושטעלן בלויז "פּאָזיטיווע" העלדן, יעדער שרייבער שילדערט אָמבעסטן די סביבה וועלכע ער קען אָמבעסטן און אין וועלכע ער האָט געלעבט. אָבער... דאָס יידישע לעבן איז קיינמאָל ניט באַשטאַנען בלויז פון שדים און מזיקים. אַפילו דאָס יידישע שטעטל האָט געוווסט ניט בלויז פון מעשיות פון אונטערן אויוון, נאָר פון מעשים און העראָישקייט, בונטאַרישקייט, דערהויבנקייט און אידעאַליזם, וואָס דאַרף מער פון אַלץ אַרויסגעברענגט ווערן פון אַ יידישן שרייבער, פּרץ האָט פון חסידיזם אין פאָלקסטימלעכן

לעבן אַרויסגעבראַכט דאָס מענטשלעכע, דאָס העראָישע און איר גאַנצער שיינקייט. איז ווי זענען די שרייבערס וואָס זאָלן פאַראייביקן די פּרעכטיקע געטרייע יידישע יוגנט, פון אַלע יידישע באַוועגונגען, פון דער ישיבה און פאַרטייען, פון "בונד", קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן, ביז חלוציש־ציוניזם? אַפילו אין זייער בלאָנדזשענישן זענען זיי געווען שיין. מיר קענען זיך גרויסן וואָס עס איז אַנטשטאַנען נאָכן חורבן אין יידיש אַ גרויסע ליטעראַטור וואָס שרייט אויס פאַר דער וועלט דעם גרויסן וויי, דעם פּראָטעסט און פאַראייביקט די קדושים און העלדן פון געטאָס, וועלדער און אויף אַלע פראָנטן קעגן היטלעריזם. אַ טעמע וואָס איז אַזוי גרויליק און טיף, אַז זי וועט קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט ווערן, מען טאָר קיינמאָל ניט זאָגן, אַז עס איז שוין אויף דער טעמע אַלץ געזאָגט געוואָרן. גענוג האָט אויף די ליטעראַטור צו דערציילן וועגן געראַנגל פאַר דער רעהאַביליטאַציע פון מענטש, קעגן ראַסן און פעלקער־שנאה, קעגן מלחמה־העצערייַ קעגן פאַרקריפּלן די סאָציאַלע און מאָראַלישע־מענטשלעכע ווערטן, אין אונדזער תקופה.

באַזונדער איז דאָך ישראל דער רייכסטער קוואַל פון טעמעס פאַר גרויסע שרייבערס, מיר חזרן איבער, אַז מען טאָר ניט אָנוואַרפן קיין שרייבער וואָס צו שרייבן, סיאיז אָבער טרויעריק ווען אַזעלכע טעמעס ווי איבערוואַנדערונג, איבערפּלאַנצונג אויף אַ נייער ערד, וועלכע וואַלגערן זיך ביי אונדז, ווערן ניט גענוג באַשריבן, עס איז נאָך אין יידיש ניט געשאַפן געוואָרן קיין גרויסער עפּאָפּעע פון קיבוצישן לעבן. און דער קיבוץ איז דאָך אויך אַ וווּנדערלעכער נס, וואָס ניט יעדעס פאָלק האָט געהאַט די זכיה צו שאַפן. דער שרייבער קען אויך מיט זיין טאַלאַנט ראַטעווען די פאַרלוירענע אידעאַלן פון סאָציאַליזם און ציוניזם, וואָס דאָס קענען ניט טאָן בשום אופן קיין פּאָליטיקער. דאָס מיינט ניט אַז דער שרייבער זאָל זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, פאַרקערט ער דאַרף אויסהיטן אַז זיין טאַלאַנט זאָל ניט באַשמוצט ווערן פון דער פּאָליטיק נאָר שטרעבן גייסטיק צו דער הויבן זיין וואָרט.

ווען מיר רעדן וועגן דער ראָל פון ליטעראַטור ווילן מיר באַמערקן, אַז עס האָט זיך לעצטנס געשאַפן אַ טענדענץ צו לייגן

דעם קלענסטן אכט אויף דעם גייסטיקן ווערט פון אַ ווערק, נאָר מער אויף דער שפּראַך, אויף שלייפן ווערטער. קעגן דער טענדענץ האָט שוין געוואָרנט דער פאַרשטאָרבענער גייסטרייכער שרייבער מלך ראַוויטש. קעגן לייגן מער אַכט אויף ווערטער ווי אויפן תוך, ד. ה. מער אויף דעם ווי אַזוי מען שרייבט אָנשטאָט אויף דעם, וואָס מען שרייבט. פאַר וויניקער רייניקן די שפּראַך און האַלטן מער זויבער די געדאַנקען.

טרויעריק איז אויך ווען אַ שפּראַך ווערט פאַרטריבן פון גאַס און ווערט אַריינגעטריבן אין די פילאָלאָגישע לאַבעראַטאָריעס. אַ לעבעדיקע שפּראַך אַנטוויקלט זיך אין גאַס און ניט אין די אוניווערסיטעטן. מיליאָנען מענטשן פון אַלע פעלקער רעדן ניט גראַמאַטיש אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן, אָבער זייערע שפּראַכן האַלטן זיך אין איין אַנטוויקלען. גרויסע שרייבערס זענען זעלטן געווען מייסטערס פון דער שפּראַך, זיי זענען אָבער געווען גרויס אין געדאַנק און טאַלאַנט. אויב די יידישע ליטעראַטור וויל געווינען לייענערס מוז זי רעדן צו זייער האַרץ און נשמה, אויב זי וויל ניט אַז מייז זאָלן ווערן די "גרישנדיקע קיטיקערס" פון יידישן בוך. און אַ שפּראַך אויב זי וויל לעבן מוז זי קענען דעראָבערן דער גאַס, די שטוב, ניט לעבן בלויז אין די אוניווערסיטעטן, נאָר אין די מיילער פון פאָלק.

וויליאם שעקספּיר

וועגן שעקספּירן, אַלס פּערזאָן, דעם גרעסטן גאון, וועמען די וועלט־ליטעראַטור האָט אַרויסגעגעבן ווייסן מיר גאָר ווייניק, מיר ווייסן בלויז אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1564 אין סטראַטפּאָרד, ביים טייך אַוואָן, און געשטאָרבן אין יאָר 1616. וועגן זיין פריער יוגנט ווייסן מיר אַז ער איז געווען אַ שילער אין דער שטאָטישער שולע, ווו ער האָט געלערנט, אַ ביסל לאַטיין און תנ״ך. פון זיין ״חלום אין אַ זומערנאַכט״ ווייסן מיר אַז די געגנט, ווי ער האָט געלעבט, איז די איינציקע אין ענגלאַנד, וואָס איז רייך מיט וואַלד, ווו ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו שטודירן און צו דערווערבן זיין גרויסע קענטניש פון די צמחים און פייגל פון ענגלאַנד און פילן צו זיי אַ גרויסע ליבשאַפט.

אין יענער צייט האָט אין די דאָזיקע וואַרוויקשייער וועלדער אַרומגעוואַנדערט און זיך אויסבאַהאַלטן פאַרשידענע שייקעס פון וואַגאַבונדן, וואָס האָבן מסתמא אויך ניט געלעבט בשלום מיט די געזעצן. זיי האָבן אָבער אָנגעפילט דעם וואַלד מיט אַלטע לעבנסלוסטיקע פאָלקס־לידער, באַלאַדעס און לעגענדעס, וואָס זענען ברייט געווען פאַרשפּרייט אין פאָלק, און דאָס יינגל וויליאַם האָט דאָס אַריינגעזאַפּט אין זיין נשמה פול מיט שיינקייט און פאָלקס־חכמה.

האָט טאַקע יענע סביבה געדינט ניט נאָר ווי אַ לאָבאַראַטאָריע צו שטודירן די נאַטור נאָר אויך פאַר אַ לאָבאַראַטאָריע פאַר אַ פּסיכאָלאָגיע פאָרשונג פון דער מענטשלעכער נשמה. אין קיין שום אַנדער אָרט, ווי אין

אַ קליין שטעטל קאָן מען ניט אַזוי גוט לערנען די מענטשלעכע כאַראַקטערן, זייערע מעלות און חסרונות, ווי אויך דאָס נאַטירלעכע פרימיטיווע לעבן.

צו 19 יאָר ווערט שעקספּיר געצוווּנגען חתונה צו האָבן פאַר אַ פּשוטע דאָרפישע מיידל מיטן נאָמען אַננאַ האַטהאַווי. אָבער דער געניאַלער שעקספּיר האָט ניט געקאָנט זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון פאַמיליען־לעבן און צו 24 יאָר אַנטלויפט ער פון זיין שטעטל קיין לאָנדאָן.

אין אַלע זיינע 39 דראַמעס, טראַגעדיעס און קאָמעדיעס שפּילט ביי שעקספּירן די וויכטיקסטע ראָלע די מענטשלעכע נשמה און נאָך היינט, קנאַפּע 400 יאָר איז שעקספּיר דער גרעסטער דראַמאַטורג, פּאָעט און גרויסער פּסיכאָלאָג, ווען אַנדערע זענען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

די גרויסקייט פון אַ שרייבער דערקענט מען אין שאַפן אַ טיפּ וואָס שפּיגלט אָפּ דעם נשמה־כאַראַקטער פון אַ געוויסע צאָל מענטשלעכע טיפּן. אַזאַ טיפּ איז דאָן קיכאָט, סערוואַנטעס און אויך זיין סאַנטשאָ פּאַנשאַ. אַז טיפּ איז אונדזער שלום עליכמס מנחם מענדל און זיין קאָנטראַ־טיפּ — טוביה דער מיליכיקער. די זעלבע צוויי טיפּן טרעפן מיר אין זיין "מאָטל פּייסע דעם חזנס", דאָס זענען פּיניע און אליהו. צוויי כאַראַקטער־טיפּן וועלכע מען טרעפט אין די טויזנטער צווישן דעם פאָלק, סימבאָלישע טיפּן פון מענטשלעכן כאַראַקטער. שעקספּירס גרויסקייט איז וואָס ער האָט געשאַפן אַזעלכע אוניווערסאַלע כאַראַקטערן ווי: האַמלעט, מאַקבעט, קאָרדיליאַ. דער סימבאָל פון געטריישאַפט און "ראָמעאָ און יוליאַ", דער גרויסער געזאַנג צו ליבע.

אין די פּאָעטישע פאָרמען פון זיינע דראַמעס שפּילט אָבער די וויכטיקסטער ראָלע דער אינהאַלט, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם אמת פון לעבן. זיינע טיפּן זענען רעאַלע, פון פלייש און בלוט. כאָטש ער באַנוצט זיך אָפּט מיט איבערנאַטירלעכע באַשעפענישן ווי, גייסטערס, מכשפים זענען דאָס בלויז סימבאָלישע פיגורן וואָס נוצן דעם דראַמאַטישן ציל פון דעם ווערק. אַלע זיינע שאַפונגען זענען פון דער ווירקלעכקייט, כדי דאָס צו אילוסטרירן לאָמיר מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער זיינע ווערק.

אין זיין גרויסע דראַמע יוליוס צעזאַר באַמיט ער זיך גאַר ניט

צו שילדערן צעזאַרן אין זיין געשיכטלעכן אמת. שעקספיר שרייבט דאָך ניט קיין געשיכטע און דער פּאָקטישער העלד פון דער דראַמע איז גאָר ברוטוס. אַ מענטש מיט אַ הויך אַנטוויקלטן געוויסן, אַ טרוימער און אידעאַליסט. צעזאַר איז ביי אים דער סימבאָל פון אַ זעלבסהערשער, וואָס האָט אומגעבראַכט די רעפּובליק און אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ די קרוין. כאָטש די רעפּובליק איז געווען דורכגעפרעסן, די דעמאָקראַטיע אַ צעפוילטע אויף שטיקער, ווו די סענאַטאָרן פלעגן זיך קעגנזייטיק באַשמוצן. דאָס שקלאַפן־פאָלק האָט געזען אין דער רעפּובליקאַנישער פרייהייט די בעסטע מעגלעכקייטן שלעכטס צו טאָן און צו באַוועלן. אָבער ווי שוין געזאָגט, איז שעקספירן ניט געגאַנגען אין געשיכטלעכן אמת. פאַר אים איז צעזאַר געווען דער סימבאָל פון אַ זעלבסטהערשער וועלכער שעקספיר האָט גוט געקענט פון זיין אייגן לאַנד, און דער רוימישער צעזאַר האָט אים געדינט צו קענען זאָגן דאָס וואָס ער טראַכט וועגן די בריטישע קעניגן: "איך ווייס ניט ווי איר שטאָלצע רוימער קענט אין קנעכטשאַפט לעבן?" אָדער ער (צעזאַר) "אַ שוואַכער מענטש זאָל טרעטן מיט די פיס די גרויסע שטאָלצע וועלט און וויל איר הערשער זיין". אָדער נעמט אַזעלכע ווערטער — "ער וואָלט קיין וואָלף זיין / ווען עס וואָלטן די רוימער ניט זיין קיין שאָף; קיין לייב זיין — ווען זיי וואָלטן ניט געווען קיין לעמער".

די טעמע יוליוס צעזאַר גיט שעקספירן די וווּנדערלעכע געלעגנהייט צו שילדערן דעם כאַראַקטער פון אַ הערשער. שעקספיר האָט ניט געגלויבט אין פּאָליטישע אויטאָריטעטן און מיט אַזעלכע ווערטער אַרונטערגעריסן ער זייער "גרויסקייט", "צעזאַר איז גרויס, ווייל ער איז אַרומגערינגלט מיט קאַרליקעס" שעקספיר האָט דאָס פאַרשטאַנען נאָך איידער דער אַנאַרכיזם האָט באַקעמפט דעם פּאָליטישן אויטאָריטעט. באַזונדער מאַכט ער אָבער אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז איבער דעם כאַראַקטער פון ברוטוסן, וועלכער וויל דורכפירן די אויפגאַבע פון דערמאָרדן צעזאַרן און איז דערצו ניט פעיק. ער איז איבערצייגט אַז פאַרן פאַרכאַפּן דעם טראָן דאַרף צעזאַר באַצאָלן מיט זיין טויט אָבער דאָ שווימט אַרויס דער דעליקאַטער כאַראַקטער פון ברוטוסן וואָס פונקט, ווי האַמלעט קאָן ער זיך ניט דעצידירן. ער וואַקלט זיך צווישן פּאָליטישן מאָרד

און די פערזענלעכע סימפּאַטיע און פריינדשאַפט צו צעזאַרן.

אָבער נעבן דער שטרענגער ערלעכקייט פון ברוטוסן ווייזט אונדז שעקספּיר די שותפים צום מאָרד באַזונדער קאַיוסן וועלכער איז אַ שונא צעזאַרן און פאַר אים איז דער מאָרד אַ פּאָליטישע אינטריגע, אַ קאַמף פאַר מאַכט, ווען ביי ברוטוסן איז דאָס צוליב זיין אויפריכטיקער ליבע צו דער פרייהייט. און נאָכן מאָרד איבער זיין פריינד דערקלערט ער פאַרן המון: "איך האָב ווייניקער ליב געהאַט צעזאַרן, ווי איך האָב ליב רוים. וואָלט איר בעסער פאַרלאַנגט צו זען צעזאַרן ביים לעבן און איר זאָלט שטאַרבן שקלאַפן, אָדער צעזאַרן צו טויטן, איר זאָלט זיין פרייע מענטשן?" ווייטער זאָגט ער וועגן צעזאַרן: "כבוד פאַר זיין העלדישקייט און טויט פאַר זיין הערשונג־תאווה. איז דען עמיצער פון אייך אַזוי נידריק צו וועלן זיין אַ שקלאַף?" און ער דערקלערט ווייטער: "איך האָב געטויט מיין בעסטן פריינד פאַר די נוצן פון רוים!"

אין דער דראַמע טרעט אויך אַרויס דער צווייזייטיקער כאַראַקטער פון אַנטיאָנוסן וועלכער שליסט שלום מיט די מערדער פון צעזאַרן, רימט ברוטוסן, אַלס ערלעכסטן מענטש, אָבער גלייכצייטיק העצט ער די מאַסן קעגן די פאַרשווערער און רופט צו נקמה קעגן צעזאַרס מערדער. דאָ ווערט קלאָר שעקספּירס באַציאונג צו די מאַסן, וואָס בעת ברוטוסעס רעדע האָבן זיי געדופן צו דערקלערן ברוטוסן פאַר אַ צעזאַר אָבער אין מינוטן שפּעטער, בעת די הספד־רעדע פון אַנטיאָנוסן, באַזונדער ווען ער לייענט צעזאַרס צוואה, ווו ער לאָזט איבער פאַר יעדן קאָפּ פון די בירגער פינף און זיבעציק דראַכמעס, נעמען זיי ברוטוסן און זיינע אָנהענגער צו פאַרשרייען אַלס פאַררעטער און רופן אונטערצוצינדן זייערע הייזער. וועגן זיי זאָגט שעקספּיר: "כ'האָב מורא אַז די וואָס שמייכלען באַהאַלטן טויזנט פאַלשקייטן אין זייערע הערצער".

ווייטער אַנטוויקלען זיך די געשעענישן צו אַ בירגערקריג. צעטיילט אין צוויי מחנות, איינע פון ברוטוסן די צווייטע פון אַנטאַניוסן. אָבער אין ברוטוס לאַגער קומט פאַר אַ קאָנפליקט צווישן דעם ערלעכן ברוטוס און דעם קאַריעריסט און פּאָליטיקאַנט

קאיוסן, וועלכער איז פּאַקטיש געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דעם מאָרד איבער צעזאָרן און ברוטוס זאָגט צו אים: „האָט ניט דער גרויסער יוליוס צוליב רעכט געבלוטיקט? וואָס פּאַראַ אויסוואורף האָט זיין האַנט אויף אים געהויבן / אויב ניט פּאַר גערעכטיקייט? זאָל עמיצער האָבן דעם שענסטן מאַן / פון אונדזער וועלט געשלאָגן, שטיצן רויבער? די פינגער אונדזערע מיט שוחד באַשמוצן, / און אונדזער ערנפעלד פאַרקויפן / פּאַר נישטיק גאָלד וויפל מען קען נאָר פאַרכאַפּן? כ׳וואָלט ליבערשט זיין אַ הונט, אויף דער לבנה בילן / איידער אַזאַ רוימער". דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דער קאָנפליקט צווישן ערלעכקייט און פּאָליטישע אינטעריגע. ברוטוס זאָגט וועגן זיך „כ׳בין אין ערלעכקייט געפּאַנצערט" און ער זאָגט צו קאַויסן: „איך האָב צו דיר געשיקט נאָך גאָלד אַ סומע און דו האָסט אָפּגעזאָגט, און ווייל איך קען דורך געוואַלט קיין גאָלד ניט קריגן. ביי גאָט, כ׳וואָלט אין מטבעס אויסגעשמעלצט מיין האַרץ און אויסגיסן אין דראַכמעס מיין בלוט איידער אויסצופּרעסן פון פּויערס האַרטע הענט זיין האָב און גוטס". צום סוף טרעפן זיךביידע קעמפנדיקע אַרמייען אין שלאַכט און ביי שעקספּירן זיגן אויך דאָסמאָל ניט די גערעכטע נאָר די שטאַרקע.

אויך האַמלעט איז דער סימבאָל פון גרויסער ערלעכקייט, כאָטש ער באַשולדיקט זיך זעלבסט אַז ער איז ניט ריין פון זינד, מיט אַזעלכע ווערטער: „איך בין צימליך ערלעך, דאָך קען איך קעגן זיך אויסרעכענען אַזעלכע זינד, אַז עס וואָלט בעסער געווען ווען מיין מוטער וואָלט מיך ניט געבוירן" איז דאָס אַליין ניט דער העכסטער פאָרם פון זעלבסטקריטיק, וואָס יעדער מענטש וואָלט געמעגט וועגן זיך אַליין משפּטן? האַמלעט טרייבט מסתמא איבער וועגן זיינע זינד, ווייל אין דער אמתן איז ער אַ הויך ערלעך־מאָראַלישער מענטש. ער איז אָבער אַנטוישט אין דער וועלט. זיין גלויבן אין מענטש ווערט צעשמעטערט פון דעם מאָמענט ווען עס באַווייזט זיך פאַר אים דער גייסט פון זיין פאָטער און אַנטפּלעקט פאַר אים דעם שוידערלעכן אמת אַז ער איז פאַרסמט געוואָרן דורך זיין אייגענעם ברודער וועלכער האָט אויך געירשנט זיין טראָן. דאַן ווערט רייף ביי אים דער ווילן צו נקמה,

אבער זיין נשמה איז אַנגעפילט מיט פאַרנעפּלטע געדאַנקען און זיין איידלקייט נעמט ביי אים צו די פעיקייט פון אויספירן די טאַט. אין אים קעמפן די פאַרשידנסטע געפילן: די פליכט נקמה צו נעמען פאַר זיין דערמאָרדעטן פאָטער. און זיין פליכט אַלס אַ זון צו זיין מוטער, כאָטש אויך זי האָט פאַרקויפט איר נשמה צום מערדער.

"האַמלעט" האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף דער וועלט־ליטעראַטור, ווייל האַמלעט איז אַן אוניווערסאַלער טיפּ, באַגאַבט מיט נאָבעלע געפילן אָבער אַרומגערינגלט מיט פאַלשקייט און אויסגעלאַסנקייט. ער לעבט אין אַן אומגערעכטער וועלט, ער קאָן אָבער ניט מיט זיין איידעלן כאַראַקטער און שוואַכע הענט עפּעס ענדערן. לעבט ער צווישן חלום און טאַט. צווישן טראַכטן און מעגלעכקייטן און ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, באַהערשט פון אַ גרויסן צווייפל.

איז "האַמלעט" אַ טיף פּסיכאָלאָגיש ווערק, ווייל אין יעדן מענטש, ביי וועמען מער און ביי וועמען ווייניקער, שטעקט באַהאַלטן אַ שטיק האַמלעט. שעקספּיר גיט אונדז אויך אַ כאַראַקטער־קאָנטראַסט צו האַמלעטן, דאָס איז דער נאָרוועגישער פּרינץ פאַרטינבאַס, וועלכער פאַרמאָגט פּראַקטישע ענערגיע און פּראַקטישע וועגן צו שפּאַנען צום ציל. האַמלעט איז אָבער געווען אַ דענקער און טראַכטן מיינט צווייפלען, ווען די וואָס זענען זיכער אין זייער "אמת", זענען גרייט פאַר זייער "אמת" אַפילו אַ וועלט אומצוברענגען. "האַמלעט" איז דעריבער אַ פילאָזאָפיש ווערק, פול מיט געפילן און מיסטישע אומקלאַרקייטן, פאַר האַמלעטן איז דאָס לעבן האַלב ווירקלעך און האַלב טרוים. עס איז אויך אַ ווערק מיט מורה־שחורה, ווייל דענענמאַרק, וואָס נאָר אַ סימבאָל פון אַנדערע קעניגרייכן, איז אַ טורמע און "עפּעס איז פויל אין דעם קעניגרייך פון דענעמאַרק". די וועלט איז לויט האַמלעטן ניט גוט צענויפגעשטעלט און מען דאַרף זי ענדערן און אויסבעסערן, זיינע הענט זענען אָבער מאַכטלאָז און דאָס שלעכטס צו שטאַרק דעריבער זאָגט ער: "ווי נישטיק נאַריש, קליין און עקלהאַפט / דעם מענטשנס מעשים אויף דער ערד! / פאַרהאַסטע וועלט! ביסט אַ פאַרלאָזן גאָרטן / וואָס ברענגט נאָר דערנער שטעכיקע אַרויס".

האַמלעט איז אַ נשמה־לײדנדיקער מענטש װאָס פּיבערט מיט כעס און דורשט נאָך נקמה, װאָס איז אָבער ניט פּעיק זײַן נקמה דורכצופירן און ער זאָגט װעגן זיך: "אַן אײזל װאָס איך בין, װי בראַװ איך בין! / אַז איך דער זון פון דערמאָרדעטן קעניג — / פון טײװל און פון גאָט צערײצט צו נקמה — / מוז װי אַ גאַסן־פּרוי, מיט װערטער האַנדלען / און װי אַן אַלטע מכשפה שילטן".

ער װאָלט דאָך געקענט מיט אײן מעסער־שטאָך פון זײַנע אינערלעכע לײדן זיך באַפרײַען און אַנשטאָט דעם איז ער פאַרשקלאַפט צו — "זײַן אָדער ניט זײַן? אָט דאָס איז די פראַגע". און אפשר גאָר, װײַל ער מײנט אַז "עס איז אײדעלער פאַרן געמיט צו פאַרטראָגן שטיל / דעם שלײַערשטײן און פײַל פון בײזן מזל, / צו זײַן באַװאָפנט קעגן ים פון לײד / דאַן ענדיקן דעם קאַמף? און שלאָפן! שטאַרבן!".

יאָ װײַל טױטשלאָף װאָלט פון די לעבנסקײטן געקאָנט זיך אָפּטרײַבלען? "װער װאָלט דען די בײַטשן פון לעבן פאַרטראָגן! / דאָס רעכט און אומרעכט; יאָך און אונטערדריקונג, דעם שפּאָט פון בעל גאװה און טיפע װוּנדן / פון אומגליקלעכער ליבע, אומבאַשטראָפטע זינד, / באַלײדיקט פון דער אױסגעלאַסענער טוגנט"? אָדער "װער װאָלט אונטערן שװערן יאָך געקניט / װען ניט די שרעק פאַר עפּעס נאָכן טױט, / פון ניט אױסגעפאָרשטן לאַנד פון װעלכן עס איז נאָך קײנער ניט צוריקגעקומען?"

װי שױן געזאָגט איז "האַמלעט" אַ פילאָזאָפיש װערק אין װעלכן מען קען געפינען די טיפסטע געדאַנקען. אָט נעמען מיר שקספּירס באַציאונג צו מלחמה, װען ער זאָגט: "כ'קוק זיך צו מיט שאַנד, / װי צװאַנציק טױזנט מענטשן גײען צום טױט / בלױז פאַר אַן אײַנבילדונג, און שמײכלען רואיק / צום קאַלטן גרוב װי זײ װאָלטן צו זײער בעט געגאַנגען. / און פרעגט פאַרװאָס זײ גײען שלאָגן זיך / דאָרט פאַר אַ שטיקל פּלאַץ / און עס װעט קײן אָרט ניט גענוג זײַן צו שלאָגן זיך פאַר זײ / און עס װעט קײן אָרט ניט קלעקן צו באַגראָבן די טױזנטער צום שלאַכט. װײַטער שעקספּיר: "עס לעכצט זײַן גײַסט נאָך זיג און העלדן־רום און לײגט זײַן יונג לעבן אױפן

וואָגשאָל״.

כּאַטש גרויס איז געווען האַמלעטס ליבע צו אָפעליאַן, אויך ריין און ערלעך דאָך רעדט ער וועגן ליבע ניט מיט גרויס סימפּאַטיע. ער זאָגט: ״אויב ביסט מאָראַליש און שיין — דאַן זאָל די מאָראַל ניט האָבן צו טאָן מיט דיין שיינקייט, ווייל שיינקייט וועט גיכער פאַרוואַנדלען מאָראַל אויף אויסגעלאַסנקייט איידער די מאָראַל וועט געלונגען דער שיינקייט זאָל ווערן אירס גלייכן״.

שעקספּיר איז חוץ אַ דראַמאַטורג געווען אויך אַן אַקטיאָר און האָט געהאַט זיין שטרענגען באַציאונג צום טעאַטער ״וועמענס ציל איז היינט און שטענדיק געווען אָפּצושפּיגלען די נאַטור אין זיך. גוטס און שלעכטס, צייט און מענטש מוזן קלאָר זיך אָנזען אין שפּיגל״. זענען טאַקע זיינע דראַמעס דער שפּיגל פון מענטש און לעבן. דער טיפּ פון אַ נאַר, וואָס אין יענער צייט האָט קיין שום טעאַטערשטיק זיך ניט געקענט באַגיין, כּדי צו ווייַלן דעם עולם, מאַכט אָבער שעקספּיר פון דעם נאַר (באַזונדער אין קעניג ליר) אַ טיפזיניקן טיפּ, פול מיט חכמה און פילאָזאָפיע.

און וועגן טויט זאָגט שעקספּיר, מיטן מויל פון דענישן פּרינץ: ״וואָס פאַראַ קאָמיש באַשעפעניש איז דער מענטש, אַ געקנאָטענער פון פליש און בלאָטע, וואָס בויט זיינע שלעסער אין די הימלען נאָר די בלאָטע שלעפּט אים צוריק צו דער ערד. ער גרויסט זיך אַלס האַר פון דער וועלט, אין דער אמתן איז ער ניט מער, ווי אַ מאַריאָנעטקע אין די הענט פונעם גורל, וואָס פירט אים ביי דער נאָז. אומזיסט זיין מוח־אַקראָבאַטיק, מיט זיינע טעאָריעס און פילאָזאָפיע, דער גורל לאַכט פון אים אין די פויסטן. איין קליין באַטעריעלע קאָן אַ סוף מאַכן צום גרעסטן חכם, דעם גרעסטן העלד און מעכטיקסטן הערשער און אים אַוועקשיקן פאַר אַ געשמאַקן מאָלצייט פאַר די ווערעם״.

אין ״קעניג ליר״ שפּיגלט זיך אָפּ די טראַגעדיע פון לעבן, פון איין זייט שווינדל און פאַלשקייט, פון אייגענע טעכטער, וועלכע באַרויבן ברוטאַל זייער אייגענעם פאָטער און פון דער צווייטער זייט שיינט די וווּנדערלעכע געטריישאַפט פון דער אַנדערע טאָכטער קאָרדיעלאַ, וועלכע ווערט דער סימבאָל פון אמתער געטריישאַפט און מסירת־נפש פאַרן אָפּגענאַרטן,

פּאַראַטענעם און אומגליקלעכן פּאַטער. די געשיכטע ענדיקט זיך טראַגיש, די פֿאַלשע טעכטער ווערן באַשטראָפֿט פֿון גורל, אַבער אויך די געטרייע קאָרדיעלאַ ענדיקט טראַגיש איר לעבן.

אויך זיין "ראָמעאָ און יוליאַ" איז אַ טראַגישע דראַמע און איז נעבן "שיר השירים" דאָס שענסטע געזאַנג געווידמעט די ליבע און דעם כּוח, וואָס ליבע האָט צו צעברעכן די צוימען פֿון שנאה און פֿאַרייניקט ביידע געליבטע, כאָטש דער טראַגישער גורל באַרויבט זיי ביידע צום סוף דאָס לעבן.

ביז היינט גייט נאָך אַלץ אָן דער וויכּוח צו שעקספּירס "דער סוחר פֿון ווענעדיק", איז אָן אַנטיסעמיטיש ווערק. אמת די אַנטיסעמיטן האָבן פֿון שיילאָקן געמאַכט דעם סימבאָל פֿון יידישער גייציקייט נאָך געלט, לעבן פֿון פּראָצענטער און אַז דער ייד זוכט דאָס בלוט פֿון קריסט, כאָטש שעקספּיר האָט פּערזענלעך ניט געקענט קיין יידן, ווייל זיי זענען דאַן געווען פֿאַרטריבן פֿון ענגלאַנד, דאָך האָט ער מיט זיין גענייאַלן הומאַניטאַרן גייסט און זיין אַנטיראַסיסטישע איבערצייגונג, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, דיקטירט אים צו שרייבן אַזעלכע ווערטער אַרויס פֿון שיילאָקס מויל: "סעניאָר אַנטאָניאָ! אויף דער ריאַלטאָ האָסטו מיך זייער אָפֿט געזידלט פֿאַר מיין געלט און מיינע טעטיקייט אַלס פּראָצענטיק, וואָס איך האָב געדולדיק געטראָגן ווייל ליידן איז דער חתם פֿון מיין נאַציע. דו האָסט מיך גערופֿן אומגלויביקער, האַלדז־שניידער, געשפּיגן אויף מיינע יידישע קליידער און מיך געשטויסן מיט דיין פֿוס, פּונקט ווי כ׳וואָלט אַ הונט געווען. איצט קומסטו און דו פֿאַרלאַנגסט מיין הילף, שיילאָק זאָל דיר באָרגן געלט. פֿאַר די אַלע דאָזיקע "קאָמפּלימענטן" זאָל איך דיר לייען געלט?" און שעקספּיר ווייזט דעם שטאָלצן, כּלומרשט גייציקן שיילאָק, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו נעמען געלט, נאָר זוכט נקמה. אַנשטאָט געלט וויל ער אַ "פֿונט פֿלייש" פֿון אַנטאָניס קערפּער, אויב ער וועט ניט האַלטן דעם קאָנטראַקט צו דער צייט ניט באַצאָלן דעם חוב. און אַנטאָניאָ מוז איינגיין אויף דעם קאָנטראַקט. דאַן זאָגט שיילאָק צו זיך אַליין: "אָט דאָס וועט דערנערן מיין נקמה ער האָט מיך געשענדעט און געבראַכט מיר שאָדן, געשפּאָט פֿון מיין באַשעפֿטיקונג, געחוזקט פֿון מיין

נאַציע, אונטערגעהעצט מיינע שונאים און פאַרוואָס? אַלץ ווייל כ'בין אַ ייד. זענען מיר יידן ניט די זעלבע וואָס זיי? און ווען מען טוט אונדז אומרעכט, זאָלן מיר ניט נעמען קיין נקמה"? צי קאָן אַזעלכע ווערטער שרייבן אַן אַנטיסעמיט? ניין! שעקספּיר וויל אין זיין שיילאָק באַווייזן, אַז יידן זענען די זעלבע מענטשן, וואָס אַלע אַנדערע און וואָרענען אַז יידן קאָנען אויך נעמען נקמה.

אָבער דער סוף פון דער קאָמעדיע ענדיקט זיך דערמיט, וואָס כאָטש לויטן קאָנטראַקט האָט שיילאָק דאָס רעכט אויסצושניידן ביי אַנטאָניען דאָס פונט פלייש, ווייל אַנטאָניא האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן דעם חוב, אָבער אין קאָנטראַקט ווערט ניט געזאָגט, אַז שיילאָק האָט רעכט צו דעם בלוט, און ווי קאָן מען שניידן פלייש אָ פאַרגיסן בלוט? לויט די ווענעדישע געזעצן קומט אַ יידן דער טויט אויב ער פאַרגיסט קריסטלעך בלוט.

וועגן שעקספּירס אַנטיסעמיזם איז כדי צו דערציילן אַז אין דער העברעישער צייטשריפט "הבימה" געפינט זיך אַן אַרבעט פון דער טאָכטער פון באַקאַנטן פאַרשטאָרבענעם אַרטיסט רפאל צבי, פון די ערשטע אַרטיסטן פון דער הבימה אין מאָסקווע און זיין טאָכטער עזקה צבי דערציילט אַז אין מאָסקווע, גלייך נאָך דער רעוואָלוציע איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושטעלן שעקספּירס "דער סוחר פון "ווענעציע" אין דער הבימה. דער ציל איז מסתמא געווען צו ווייזן דעם בלוט דאַרשטיקן כאַראַקטער פון אַ קאַפּיטאַליסטישע בלוטזויגער. און דער בארימטער רעזשיסאַר סטאַניסלאַווסקי האָט צו דעם ציל מאָבליזירט די בעסטע אַרטיסטישע כוחות. די טעמע איז נאָך דער רעוואָלוציע געווען זייער אַקטועל, כאָטש עס האָט זיך ניט דווקא געהאַנדלט צו שילדער שיילאָקן אַלס ייד נאָר אַלס בורזשואַזן וווכערניק. אָבער אין מיטן די פּרובעס האָט זיך אויפגעשטעלט דער דאַן יונגער אַרטיסט ר' רפאל צבי און הויך אויסגעשריגן: — "איך בין שטאָלץ מיט דעם דאָזיקן שיילאָק, דאָס איז זיין נקמה קעגן די עוולות וואָס עס זענען קעגן זיין פאָלק באַגאַנגען געוואָרן! די אַרטיסטן פון דער הבימה זענען געבליבן ווי פאַרשטומט און

דערשיטערט פון דעם געדאַנק. אָבער דער גרויסער רעזשיסאָר, דער רוס סטאַניסלאַווסקי האָט זיך אָנגערופן אַז ער איז מסכים מיט דעם יונגן אַרטיסט, ווייל דאָס איז די אמתע ווערסיע, דאָס וואָס שעקספּיר האָט אייגנטלעך געוואָלט זאָגן. אָבער גראָד די יידישע קריטיקערס לייגן זיך אין דער לענג און ברייט צו באַווייזן אַז דער "סוחר פון ווענעציע" איז אַן אַנטיסעמיטיש ווערק. אינטערסאַנט איז אַז אין די אַלע אַרטיקלען וועגן שעקספּירס אַנטיסעמיטיזם געפינען זיך ניט קיין שום ציטאַטן פון דאָזיקן ווערק, וואָס זאָל באַרעכטיקן זייער שטאַנדפּונקט.

אַז שעקספּיר איז נאָך היינט אַקטועל איז גענוג צו דערמאָנען זיינע ווערטער אין יוליוס צעזאַר ווי ער זאָגט וועגן די הערשערס אָדער עסקנים: "זיי קלעטערן אויף די פּלייצעס פון פאָלק און ווען זיי דערגרייכן די העכסטע שפּיצן (פון זייערע קאַריערעס) דרייען זיי זיך אויס מיט די הינטנס צום פאָלק". שעקספּיר דער גרויסער דענקער האָט אין זיינע מען קען זאָגן, פּאָליטישע ווערק ווי: יוליוס צעזאַר, און קלעאָפּאַטרע, געוויזן דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דער שווינדלערישער פּאָליטיק.

אין "מאַקבעט" שילדערט אונדז שעקספּיר אַ מענטש וואָס דורשט צו דערגרייכן די העכסטע קאַריערע, די קעניגלעכע קרוין, ער איז אָבער ניט גענוג שטאַרק דורכצופירן אַ מאָרד איבערן קעניג. אָבער זיין פרוי ליידי מאַקבעט, שטעלט זיך פאַר גאָר ניט אָפּ און שטויסט איר מאַן צום פאַרברעכן. וועגן איר שרייבט שעקספּיר "ליידי מאַקבעט איז אַ קינסטלערין צו באַהאַלטן אַלע אירע שלעכטע און בייזע געדאַנקען אונטער דער מאַסקע פון זיסע ווערטער און שמייכלען. זי האָט געקענט אויסזען ווי אַן אומשולדיקע בלום ווען איר האַרץ איז געווען גיפטיק ווי אַ שלאַנג". זיי נוצן אויס דאָס וואָס דער קעניג איז גראָד צו גאַסט ביי זיי אין פּאַלאַץ און דערמאָרדן אים. מאַקבעט און ליידי מאַקבעט טרעטן אויף אַלע באַגריפן פון מענטשלעכקייט, באָדן זיך אין בלוט פון קינדער, פרויען און זקנים, צעטרעטן אַלץ וואָס שטייט זיי אין וועג צו הערשאַפט. שפּעטער אַ פאַרשיכורטער פון בלוט און פאַרברעכנס ווערט מאַקבעט באַשטראָפט מיט דער שרעקלעכסטער שטראָף. אַלע דערווייטערן זיך פון

אים ווי פון אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקייט, און ער אַן איזאָלירטער פון אַלעמען מיט אַ קין־צייכן אויפן שטערן, אַ פּאַרהאַסטער אָן פריינט. ער פאַרלירט אויך זיין ווייב, דער איינציקער אָנשפּאַר אין זיין פאַרברעכערישן לעבן, בלייבט ער אין אַ פינצטערן קאָשמאַר און שעקספּיר פירט אויס: „שלעכט איז צו בלייבן אָן פריינט, אָבער ערגער איז דאָס פאַר אַ פאַרדאָרבענעם און פאַרברעכערישן מענטש, וואָס מוז בלייבן בלויז מיט זיין בלוטיקן געוויסן". אָט דאָס איז דער סוף פון אַלע גרויסע קאַריערעס וועלכע מען דערגרייכט דורך פאַרברעכנס.

שעקספּירס גרויסקייט או אייביקייט, דער גאון פון אַלע דורות, קומט ניט צוליב זיין שיין־שרייבעריי נאָר צוליב די טיפקייט פון זיינע געדאַנקען, ווייל ער שעפּט פון די אייביקע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע. די טראַגעדיע וואָס באַגלייט דעם מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט. די טראַגעדיע פון מענטשלעכן גורל. ניט די שיינקייט דעצידירט אין זיינע ווערק, ער קניט ניט פאַר דער עסטעטיק, פון זיינע ווערק שרייט אַרויס די מענטשלעכעליידנשאַפטן, דאָס געשריי פון דעם באַעוולטן קעניג ליר צי פון אַ האַמלעט, דער געשריי פון ווייטיק צוליבן פאַרשוועכטן אמת. שעקספּיר איז גרויס ווייל ער איז מיט יעדע פּיס געשטאַנען אויפן באָדן פון מענטש. זיינע טיפן זענען אייביקע, רעאַלע און שטענדיק אַקטועלע, ווי אייביק עס איז דער געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס. צווישן ערלעכקייט און פאַרברעכן, צווישן געטריישאַפט און פאַלשקייט, צווישן ליבע און שנאה. אייביק עקזיסטירט אייפערזוכט, פאַראַט און אייביק קומט פאַר אין מענטש דער קאַמף צווישן גאָט און טייוול, און אייביק קעמפט דער מענטש פאַר זיין פרייהייט קעגן צוואַנג און אונטערדריקונג.

אנאטאל פראנס — דער חכם און צווייפלער

אַנאַטאָל פראַנס איז שפּעט באַרימט געוואָרן, ווייל דאָס איז געווען אַ צייט ווען אויף דעם ליטעראַרישן הימל פון פראנקרייך האָבן דאַן געבליצט אַזעלכע נעמען ווי: מאַפּאַסאַן, זאָלאַ, מאַרסעל פּרוסט און אנדערע גרויסע פראנצויזישע שרייבער, אין יענער צייט, זיי אלע האָבן געשטאַמט פון דער פּראָווינץ, נאָר פראנס אַ געבוירענער און מיט דער נשמה אַ פּאַריזער. אַלס אַ זון פון אַ בוכהענדלער איז ער ווי געבוירן צווישן ביכער, פאַרברענגט ביים ברעג סעין, האָט ער צווישן די בוקיסטן און ביכער־ליבהאָבער זיך פון זיין קינדהייט אָנגעהערט מיט די שמועסן וועגן שרייבער און ביכער. דערצויגן אויף דער לאַטיינישער קולטור, וואָס איז פול געווען מיט קריסטלעכע לעגענדעס, פון יענער קאָכיקער צייט ווען דאָס קריסטנטום איז געשטאַנען אין א שווער קאַמף קעגן דער רייכער קולטור פון גריכישן און רוימישן. הייִדנטום. ער האָט אויך איינגעזאַפּט אין זיך די גאנצע טראַדיציע פון די מיטלאַלטערלעכע נאָוועליסטן, ווי אויך די שפּעטערדיקע פראנצויזישע מענער וועלכע האָבן אויפגעפרישט דעם מענטשלעכן געדאַנק מיט דרייסטע בליציקע געדאנקען ווי: מאָנטיען, וואָלטער און רענאַן. ווי א געבוירענער אין פּאַריז האָט אים דער לוקסנבורגער גאַרטן, דער לאַטיינישער קוואַרטאַל און די שמאָלע געסלעך אַרום דער ברעג פון דעם סעין, אים אלס זון פון אַן אָרימער היים, געגעבן די געלעגנהייט צו באקענען דאָס פּאריזער פאָלק, די פּראָסטע מענטשן פון די גאַסן,די בעלי מלוכות, די קרעמער און

די קרעטשמעס.

אין ערשטן פעריאָד פון זיין ליטעראַרישן שאַפן קוקט פראַנס אויף דער מענטשן־מאַסע, אויף זייערע שטרעבונגען, קאַמפן מיט אַ פעסימיסטישן, איראָניש און רחמנותדיקן שמייכל. ערשט שפעטער ווערט ער א שרייבער־קעמפער. און די גלויבנס, וואָס ער האָט פריער איראָניש אויסגעלאַכט, האָט ער דערזען אין פאָלק אַ געזונטן אינסטינקט און ער ווערט אַ קעמפער פאַר פראָגרעס, הומאַניזם, אַפילו דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. ער טרעט ארויס צוזאַמען מיט זשאָרעסן אויף די בינעס פון סאָציאַליסטישע מיטינגען און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע דערקלערט ער זיך פאַר אַן אָנהענגער פון קאָמינטערן. דאָס אַלץ איז ביי אים געשען אין ווירקלעכן לעבן. זיין נאָענטקייט צו דער אָרעמקייט האָט אים געשטויסן צו ראַדיקאַלער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. און מייסטערהאַפט שילדערט ער וועגן די רעכטן פון דער אָרעמקייט מיט אזעלכע איראָניש־שאַרפזיניקע ווערטער: "די גלייכקייט פאַרן געזעץ באַשטייט אין דעם וואָס די רייכע האָבן געשאַפן פאַר די אָרעמע און די מענער פאַר די פרויען". ווייטער זאָגט ער "די מאַיעסטעטישע גלייכקייט פאַרזאָרגט די רייכע, ווי די אָרימע זיי זאָלן ניט שלאָפן אונטער די בריקן, ניט בעטלען אויף די גאַסן און ניט גנבענען קיין ברויט". ווער האָט ווי ער געקענט אין געציילטע ווערטער אזוי שילדערן די אומגלייכקייט!

און דאָך פאָליטיש זייענדיק מיט דער ראַדיקאַלער באַוועגונג בלייבט ער אָבער אין דער ליטעראַטור דער גרויסער סקעפטיקער, הומאַניסט און קעמפער פאַר מענטשן־רעכט. ער איז צוגעשטאַנען פאָליטיש צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אָבער גאָר ווייט געבליבן פון די מאַרקסיסטישע טעאָריעס און פילאָזאָפיע. ביי אַ געלעגנהייט האָט ער געגעבן פאַר אַ פאַר יונגע מיידלעך אַזאַ זאָג: "וואָס פאַראַ מענטש איז דאָס, ערלעך און איינגעשפאַרט ווי אַ רויטער אייזל".ווייל פאַר אַלעמען איז פראַנס געווען דער גרויסער קעגנער פון יעדן פאַנאַטיזם אָנהייבנדיק פון רעליגעזן ביזן רעוואָלוציאָנערן פאַנאַטיזם,ווי מיר זעען דאָס אין זיין "געטער זענען דורשטיק", ווי ער ווייזט אז די וועלכע האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע, אונטער די שענסטע לאָזונגען פון "פרייהייט",

גלייכהייט און ברידערלעכקייט", זענען באקומענדיק די מאַכט, געוואָרן גרויזאַמסטע דעספאָטן, זיך איינער דעם צווייטן אויסגעמאָרדעט און אין נאָמען פון ברידערלעכקייט געשיקט זייערע ברידער צו דער גילאָטינע. ווי האָט דער מחבר פון אַזאַ ווערק געקענט זיין אַ קאָמוניסט?

צו איין זאַך האָט פראַנס ניט ארויסגעוויזן קיין צווייפל און מיט דעם וואָלטערישן קלוג־בליציקע איראָניע און וויץ איז ער ארויסגעטרעטן קעגן דעם מוראַדיקסטן שונא פון דער מענטשהייט די קירכע־מאכט, און ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער פון וואָלטערן. ער האָט געהערט צו די קליינע גרופע שרייבער וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן די ריזיקע כוחות פון דער קירכע, הערשנדיקע קלאַסן און פאַרפירטע מאַסן.

ער האָט געלייגט זיין נאָמען אויף דער וואָגשאָל פון קעמפנדיקן לאַגער,פילנדיק אז פראַנקרייכס טראַדיציאָנעלע קולטור אַלס היים פון גערעכטיקייט שטייט אין געפאַר. אַנאַטאָל פראַנס האָט געהערט צו דעם סאָרט שרייבערס, וואָס דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן האָט געקענט געשריבן ווערן נאָר פון זיין פען. זיין אייגנאַרטיקייט און באַזונדערקייט באשטייט אין זיין סאַטיריש־איראָנישע באַציאונג צום קלער, מיליטאַריזם און זיין אָנעמען זיך פאַר די אָרעמקייט. פראַנס איז געווען דער גרויסער חכם וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע קורצע טיף־זיניקע סערקאַסטישע דערציילונגען אין וועלכע עס איז פאַראייביקט געוואָרן זיינע טיפסטע געדאַנקען, וואָס נאָך ביז היינט שטאַרק אקטועל. נעמען מיר אַזאַ שטייגער זאָג וועגן דער רעליגיע: "אז מען זאָל גלויבן דעם דאָזיקן פרידלעכן נשמה־פאַרזאָרגער קען מען זיך גאָר ניט אַרויסדרייען פון דער געטלעכער גוטסקייט, און מיר וועלן אלע מען גלייך אַריין אין גן עדן — סיידן עס איז קיין גן עדן גאָר ניטאָ, וואָס דאָס איז גאַנץ וואַרשיינלעך".

אין זיין איראָניע איז פראַנס אזוי בליציק־שאַרף אין אזעלכע סאָרטן פון אַ זאָג "ציצערעאָ איז אין פאָליטישן זין געווען אַ געמעסיקער פון דעם געוואלדיקסטן סאָרט".

אין זיינע פון דעם סאָרט סאַרקאַסטישע דערציילונגען וואָס איז אקטועל ביזן היינטיקן טאָג איז די געשיכטע פון אַ פערסישן

שאַך, וואָס האָט געשאָנקען זיין פאָלק אַ נייע קאָנסטיטוציע, ווי ער האָט דאָרט פאַרזיכערט אַלע מעגלעכע פּריווילייטן און רעכטן אויסרעכנדיק אַלע פּאַראַגראַפן פון די דאָזיקע רעכטן האָט ער אָבער צום סוף צוגעגעבן דעם דאָזיקן קורצן זאַץ — וואַג נאַר! איך האָב אין דער דאָזיקער פראַנס געשיכטע דערמאָנט זיך לייענדיק,די איז מיליאָנען פאַרשפּרייטע "סטאַליניסטישע קאָנסטיטוציע" אין ראַטן פאַרבאַנד. די דאָזיקע קאָנסטיטוציע איז אַ סך מער ליבעראַל און מיט מער מענטשן־רעכט ווי די קאָנסטיטוציע,וואָס איז געבוירן נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָבער אויך דאָ, ווי אין דער קאָנסטיטוציע פון פּערסישן שאַך, איז צום סוף צוגעגעבן אַ פּאַראַגראַף וואָס זאָגט — "די אַלע רעכטן זענען גילטיק נאָר אויב זיי דינען די אינטערעסן פון ראַטן פאַרבאַנד". דאָס מיינט אין די אינטערעסן פון דער סטאַליניסטישער דיקטאַטור.דאָס איז דער וועג "וואַג נאַר! פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע.

פראַנס סעקפּטיציזם קומט צום אויסדרוק אויך אין אַ קליינע געשיכטע וועגן גליק: ערגעץ האָט אַ קעניג געפילט זיך שטאַרק דערשלאָגן און אומגליקלעך האָט ער גערופן צו זיך געלערנטע זיי זאָלן אים געבן אַ מיטל ווי אַזוי צו זיין גליקלעך. האָט איינער פון זיי אים געגעבן אַן עצה ער זאָל אָנטאָן אַ העמד פון אַ גליקלעכן מענטש וועט ער ווערן אויך גליקלעך. האָט דער קעניג געשיקט זיינעם, אַ שליח ער זאָל זוכן אַ גליקלעכן מענטשן און ברענגען זיין העמד פאַרן קעניג. דער שליח איז פאַרשטענדלעך אַוועק זוכן דעם גליקלעכן מענטש, צווישן גאָר רייכע און אָרימטע מענער און דאָ ווייזט אונדז פראַנס אַ גאַלעריע פון מענטשן וואָס זענען באָרימט און יעדער פון זיי איז גאָר ניט גליקלעך. צווישן אָט די טיפּן ווייזט ער אונדז אַ באָרימטן גענעראַל,וואָס איז נאָר צוריקגעקומען פון אַ זיגרייכן שלאַכט, געקומען פון פראָנט אַלס גרויסער זיגער איבערן שונא,איז וואָס קען זיין מער ווי זיכער,אַז אַזאַ באָרימטער גענעראַל זאָל ניט זיין דער גליקלעכסטער מענטש? ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז דער גרויסער זיגער לעבט אין פּחד פאַר זיין קליין ווייבעלע. ענדלעך האָט דער שליח געפונען דעם גליקלעכן מענטש, וואָס האָט ניט קיין שום צרות, קיין שום שונאים,

קיין קאָנקורענטן, וועלכע זאָלן פאַרביטערן זיין לעבן, ער לעבט פריי און גליקלעך אין אַ דזשונגל, ער האָט אַלץ וואָס אים איז נויטיק, באַפרידיקט אַלע זיינע באַדערפעונישן. האָט דער שליח באַשלאָסן ביי אים בעטן זיין העמד צו ברענגען דעם קעניג אים גליקלעך צו מאַכן. אָבער דער דאָזיקער גליקליכער מענטש האָט ניט פאַרמאָגט קיין העמד.

זיין אמתע וועלט־אָנשואונג דריקט פראַנס אויס אין די רייד פון זיין העלד דעם גלח קוואניאַר,וואָס פילט אַ צערטלעכע פאַראַכטונג צו דעם מין מענטש,וואָס דריקט זיך אויס אין זיין געדאַנק אז דער מענטש איז ניט בעסער פון די רעשותדיקע חיות. ווען דער גלח רעדט וועגן געזעץ פון מענטשן־רעכט זאגט ער אַז "אין דאָזיקן געזעץ געפינט זיך אַ גרויסע אומגערעכטיקייט,וואָס מאַכט אַ שאַרפן חילוק צווישן מענטש און דער גאָרילע".

כאָטש זיין באַציאונג צו דער אָרעמקייט,וואָס האָט פאָליטיש אים פאַרבונדן מיטן קאָמוניזם, האָט פראַנס ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די מאַסן, ווי מיר הערן דאָס פון מויל פון זיין העלד בערזשערע, וואָס זאָגט צו זיין הינט: "דו ווייסט אַז דאָס וואָס הויבט אויף פעלקער און ברענגט זיי כבוד און גרויסקייט,באשטייט ניט אין די נאַרישע קולות, וואָס קלינגען אָפּ אויף די גרויסע עפנטלעכע פלעצער,נאָר קומט פון די שטילע געדאַנקען, וועלכע ווערן געבוירן ביי יחידים אין די דאַך־שטיבלעך. און אין איינעם אַ שיינעם־טאָג גיט דאָס די ערד אַן אַנדער פנים." ערגעץ זאָגט אויף פראַנס אַזאַ אנטי־דעמאָקראַטיש געדאַנק: "די ווייסנשאַפט איז דער העכסטער הערשער, ניט דאָס פאָלק, אַ דומקייט וואָס ווערט איבערגעחזרט פון 36 מיליאָן מיילער הערט דערמיט ניט אויף צו זיין קיין דומקייט".פראַנס איז ווי איבסען געווען און געבליבן דורכאויס אַן אינדיווידואַליסט.

אַ געוויסע צייט איז פראַנס געווען דער ליטעראַטור־קריטיקער אין דער צייטונג "לע טאַן",וווּ ער האָט אין פעליטאָנען אַרומגערעדט די ווערק פון זיינע צייט־קאָלעגן.ער איז אָבער געבליבן ביי דער מיינונג אַז אַ קריטיקער קען קיינמאָל ניט געבן אָביעקטיווע קריטיק נאָר אַ פערזענלעכע. ער קען ניט אַריבערשפרייזן זיך אַליין, אַפילו ווען ער רעדט וועגן שעקספּירן אָדער האָראַצן רעדט ער אייגענטלעך

וועגן זיך גופא אָבער דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן שרייבער. אויך פראַנס אין זיינע ווערק איז דער העלד ער אליין. אין זיין די "רויטע ליליע", כאָטש דער העלד איז אַ סקולפּטאָר, איז ער דאָך אַ געטרייער פּאָרטרעט פון פראַנסן אַליין. אויך אין אַנדערע ווערק, אין דעם מויל פון זיין העלד דערציילט ער וועגן זיך אַליין, אַז ער פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון טיפער איראָניע.

אין זיין ווערק "טאַיס" ווערט די העלדין, אַ גריכישע זונה, געשילדערט אַזוי: "די דאָזיקע פרוי האָט זיך באַוויזן ביי פאַרשיידענע פעסט־שפּילן און זיך ניט געשעמט אַרויסצוטרעטן אַלס טענצערקע אויף אַזאַ אופן אַז אירע רירעוודיקע און קינסטלעכע באַוועגונגען האָבן געוועקט די שרעקליכסטע תאווה און אויפגערייצט זיי." דער מאָנאַרך זעט ווי די קליינע גרינע טייוולאָנים בויען דורך אירע ליפּן און האַלדז מיט גליענדע אייזנס און ער קריגט אויף איר רחמנות, וויל אַרויסראַטעווען איר נשמה פון טייוולס הענט, וואָס צום סוף געלינגט עס אים, זי ווערט פרום אָבער ער אליין ווערט זינדיק און פאַלט אריין אין די הענט פון טייוול.

אַלע זיינע ליטעראַרישע געשטאַלטן ראַנגלען זיך צווישן ציניש תאווה און טרייהאַרציקייט. דער גלח קוואַניאַר אין זיין "קעניג פּעדאַק" איז אַ בליץ־געשייטער קאָפּ מיט אַ קינדישע נשמה, וואָס זינקט אין אומפאַרשעמקייט. ער גראָבט אונטער די יסודות פון אַלע אָנגענומענע מיינונגען און מנהגים און פירט אַן אויסגעלאַסן לעבן און האַלט זיך דערביי פעסט ביי דער קאַטוילישער רעליגיע מיט אַלע אירע דאָגמעס.

דער הונט "ריקאָ" דינט פראַנסן פאַר אן אויסגעצייכנטע כאַראַקטער. קיין מענטש, זאָגט ער איז ניט אַזוי ציניש, ווי א הינט. דער באַלעבאָס פון "ריקען" בערזשעריע ווענדעט זיך צו זיין הונט, ווי ער וואָלט זיך געוואָנדן צו דער גאַנער מענטשהייט מיט די ווערטער:
— "אויך דו אָרימע, שוואַרצע בריאה, וואָס דו ביסט אַזוי שוואַך, ניט קוקנדיק אויף דיינע שפּיציקע ציינער און אויף דיין טיפן פּיסק. אויך דו דינסט די אויסערגעווענלעכע גרויסקייט פון דער אוראַלטער רעליגיע פון דער אומגערכטיקייט. אויך דו לאָזט זיך פאַרפירן פון ליגן און באַטרוג אויך ביי דיר איז פאַראַן ראַסן־האַס.

— כ׳ווייס גאַנץ גוט, אַז דו באַזיצטס אַ טונקעלע גוטסקייט. דו ביסט פרום, דו האָסט זיך דיין טעאָלאָגיע און דיין מאָראַל!

פראַנס האָט די מענטשן ליב געהאַט ניט מער, ווי בערזשערע האָט ליב געהאַט זיינע הינט. אין זיינע רייד צום הונט וואַקסט די איראָניע אַלץ שטאַרקער. דער הונט איז ביי אים דער סימבאָל פון דער מענטשלעכער ראַסע. פראַנסנס איראָניע דערמאָנט גאָר שטאַרק אין וואָלטערן אונטער וועמענס שטאַרקער השפּעה פראַנס האָט זיך געפונען.

פראַנס קליינע דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט זייער פּראָסטקייט, ביטערקייט און שאַרפקייט. די האַנדלונגען קורצע און איינפאַכע, וואָס קריצן זיך אָבער איין טיף אין זכרון. אָט האָט אַ פּשוטער אַלטער מאַן געהאַנדלט מיט גרינוואַרק אויף די גאַסן און איז געבליבן אַמאָל מיט זיין וועגעלע שטיין נעבן אַ קראָם אין אַ זייער שמאָלער גאַס. אַ פרוי האָט ביי אים געקויפט אַ בינטעלע גרינע ציבל און ער האָט געוואַרט אויפן געלט. דאָ איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָליציסט און אים באַפוילן ווייטער צו גיין און ניט דאָ שטיין אויף אַן אָרט. ״איך וואַרט אויף מיין געלט״ האָט דער אַלטער געמורמלט, נאָר דער פּאָליציסט האָט דאָס צווייטע מאָל אים אויפגעפאָדערט ניט צו שטיין און אויך א דריטן מאָל און ווען דער אַלטער האָט אַלץ געוואַרט אויף דעם געלט פון דער פרוי און זיך ניט גערירט פון דעם אָרט, איז דער פּאָליציסט געוואָרן מלי רציחה פאַר דעם אלטנס ״ווידערשטאַנד קעגן דער פּאָליציי״ און ער האָט אים אַרעסטירט. אין געריכט איז דער אַלטער גרינס־הענדלער באַשולדיקט געוואָרן אַז ער האָט זיך באַנוצט קעגן דער פּאָליציי מיט אַ פּאָפּולערן פראַנצויזישן זידל־וואָרט, וועלכע ער האָט אפילו אויף די ליפּן ניט געברענגט. דער ריכטער גלויבט אָבער מער דעם פּאָליציסט און אים פאַרמשפּט אויף 14 טעג און 50 פראַנק שטראָף.

ער דער אַלטער איז ארויס פון טורמע האָט ער שוין פאַרלוירן זיינע קונים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן קויפן ביי אַן אַנדערן און ווילן פון דעם געמישפּטן גאָר ניט וויסן. זינקט ער וואָס ווייטער אין אָרעמקייט און עלנט. ביז וואַנען ער האָט ענדליך, ניט

האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, צוגעגאַנגען צום פּאָליציסט און אים אריינזאָגן דעם זעלבן זידלוואָרט, פּאַר וואָס ער איז פּאַלש באַשטראָפט געוואָרן.האָט ער דאָס געטאָן כדי צו האָבן א שטיקל דאַך איבערן קאָפּ אין דער טורמע. דער פּאָליציסט אָבער איז געשטאַנען מיט אַ סטויאישער רואיקייט אין מיטן אַ גאַס רעגן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטאַנג פון דער לאַמטערנע און ניט געלייגט די קלענסטע אַכט אויף דער באַליידיקונג, און ניט גערירט זיך פון אָרט. אזוי אַז דער אַלטער האָט פארלוירן די לעצטע האָפענונג אפילו אַרעסטירט צו ווערן, און צו געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אַ וויציק און טיפזיניקע דערציילונג איז ״פּיטואַ״. די געשיכטע דרייט זיך אַרום אַן איינגעבילדעטן וועזן, וואָס האָט גאָרניט עקזיסטירט, דאָך האָבן אַלע אַרום געגלויבט אין זיין עקזיסטענץ, ווער האָט אים באַשולדיקט אַנדערע געגלויבט,פּאַר זאַכן וואָס ער איז גאָרניט באַגאַנגען. פראַנס האָט אָט מיט דעם וויציקן דערציילונג געוואָלט באַווייזן,ווי אַזוי עס אַנטשטייען מיטאָס, לעגענדעס און אפילו רעליגיעס. ווי אזוי עס ווערן געבוירן העלדן וואָס האָבן קיינמאָל קיין העלדישקייט ניט באַגאַנגען, אָדער וואָס ווערן באַשולדיקט אין חטאים וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט באַגאַנגען; ווי אזוי די מענטשלעכע איינבילדונגס־קראַפט האָט געבוירן וואַלד־רוחות און שדים, ווי עס ווערן פאַרגעטערט מענטשן, צויבערער און מכשפות. פּעטאָ איז געווען אַ פיקטיוו געשטאַלט וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דעם חשד פון דער מומען אַז די מאַדאַם בערזשעריע האַלט אויס פּאַר איר אַ וואַנדערנדיקן גערטנער פּאַר זיך און וויל אים ניט אָפּטרעטן אויך פּאַר אַנדערע. פראַנס וויל דאָס באַווייזן ווי אַזוי איינגעבילדעטע עקזיסטענצן און איינגעבילדעטע געשעענישן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַווירקלעכקייט. אָט די קליינע נאָוועלע וועקט אויף טיפע געדאַנקען, וואָס וואַרפט אויך איר ליכט אויף דער געשיכטע. ״פּיטאָ״ איז אַ וואונדערלעכע נאָוועלע, וואָס דערציילט ווי פאַלש די מענטשן זענען פעיק צו טראַכטן און ווי פאַלש איז אָפט די עפנטלעכע מיינונג און די פרעסע. אָט דערציילט ער מיט די ווערטער: — די גאַנצע שטאָט האָט געהאַט צו טאָן מיט פּיטואַן ,איינמאָל האָט מען זיך דערוווסט, אז ער איז

ארעסטירט געוואָרן און אריינגעזעצט אין טורמע, אָבער ערשט שפּעטער איז מען געוווּיער געוואָרן, אַז דער מאַן וועמען מען האָט אָנגענומען פאַר דעם פּיטואַן איז גאָר אַ בוך־העגדלער מיטן נאָמען ריגאַבערט, אַזוי ווי מען האָט קיין זאַך ניט געקענט באַווייזן קעגן אים, האָט מען אים נאָכדעם, ווי ער איז אָפּגעזעסן פערצן חדשים, ארויסגעלאָזט אויף דער פריי, נאָר פּיטואַן אַליין האָט מען אין ערגעץ ניט געפונען." מען האָט דעם פּיטואַן, וואָס האָט גאָר ניט עקזיסטירט, באַשולדיקט אין גנבות און אויסערגעוועגלעכע געשיקטקייט און שווינדלערייען. וויפל אַזעלכע געשיכטעס עקזיסטירן אומעטום אויך ביי אונדז אין לאַנד אין דער ווירקלעכקייט!

פראַנס האָט געהאַט זיין באַזונדערן בליק אויף דער געשיכטע. נעמען מיר אַזאַ געשטאַלט ווי יעזוס, ביי אַלע שרייבער, ווי אין דער פּאָעזיע און קונסט ווערט יעזוס געשילדערט, ווי די הויפּטפיגור פון זיין צייט. ביי פראַנסן האָט יעזוס אויפטריט און זיין טויט אינטערעסירט נאָר פאַר אַ גאָר קליינע גרופּע מענטשן אין ירושלים. אַזאַ היסטאָריקער ווי יאָזעפוס פלאַוויוס, וואָס האָט אַלץ געוווּסט וואָס עס טוט זיך אין פּאַלעסטינע דערמאָנט גאָר ניט דעם נאָמען יעזוס. אַזאַ געשעעניש ווי די קרייצונגן, וואָס פאַרנעמט אין דער געשיכטע אַזאַ וויכטיקן אָרט האָט אין זיין צייט געהאַט אַן אומבאַדייטנדיקע ווירקונג. ביי פראַנסן האָט אפילו פּילאַטוס ניט געדענקט דעם נאָמען פון יעזוסן, וועמען ער האָט געלאָזט קרייציקן, ווייל אין יענער צייט איז טאָג טעגלעך געקרייצט געוואָרן 500 יידן בסך הכל אַ מיליאָן מיט 100 טויזנט יידן. דעריבער גלויבט ניט פראַנס אין דער וויסנשאַפטלעכקייט פון דער געשיכטע זי באַשרייבט די געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אויף וויפל די געשעעניש איז וויכטיק דעצידירט דער היסטאָריקער גופא, נאָך זיין איינזען און זיין געשמאַק. אַ פאַקט פון דער פאַרגאַנגענהייט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע זאַך און דער היסטאָריקער פאַרפלאָנטערט זי נאָך מער. אַ היסטאָרישער פאַקט קומט ניט פון זיך אַליין, נאָר ווערט אויסגערופן דורך אַנדערע, דער געשיכטע אומבאַקאַנטע פאַקטן, איז ווי קען דער היסטאָריקער זיי פאַרבינדן און זיי פאַרשטעלן? פון אָט דעם צוגאַנג צו דער געשיכטע איז דאָס אויסגעוואַקסן די באַרימטע פראַנס

געשיכטע פון אַ קעניג, וואָס האָט געוואָלט מען זאָל אים אָנשרייבן די וועלט־געשיכטע. און ווען זיינע געלערנטע זענען נאָך 20 יאָר געקומען צו אים און געברענגט די אָנגעשריבענע געשיכטע אויף 12 קעמלען וואָס האָבן געטראָגן 6 טויזנט ביכער האָט דער קעניג געהאַט שוין דורכגעלעבט אַ העלפט פון זיינע יאָרן און ניט געהאַט אַזויפיל צייט דאָס דורכצולייענען, האָט ער געבעטן די געלערנטע זיי זאָלן דאָס ווערק פאַרקירצן. זענען די געלערנטע אַוועק און נאָך צוואַנציק יאָר געברענגט די וועלט־געשיכטע שוין אויף דריי קעמלען מיט 1500 ביכער. אָבער דער קעניג איז געווען שוין צו אַלט און געבעטן זיי זאָלן זיך צואיילן און נאָך מער פאַרקירצן. נאָך צען יאָר האָבן זיי דעם קעניג געברענגט ניט מער ווי 5 הונדערט ביכער נאָר דער קעניג האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן און ער האָט געזאָגט צו די געלערנטע אַז ער וועט שוין מוזן שטאַרבן ניט קענענדיק די געשיכטע פון דער מענטשהייט. דאַן האָט אַן אַלטער געלערנטער צו אים געזאָגט — "איך וועל דיר צונויפפּרעסן אין געציילטע ווערטער די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע — זיי זענען געבוירן געוואָרן געליטן און געשטאָרבן!"

פונדעסטוועגן ביי זיין גאַנצן פעסימיזם האָט פראַנס, אלס ראָמאַנען־שרייבער, געוווּסט און געשילדערט אַז די מענטשן האָבן אויך זייערע פריידן אין לעבן און ער האָט די פרייד אָנטקעגנגעשטעלט דער קריסטלעכער לערע אַז דער מענטש איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט צו ליידן. פראַנס איז אָבער געווען אַ סקעפּטיקער און יעדער פעסימיזם טראָגט אין זיך די סכנה אַז מען קען דערטרינקען ווערן אין מענטשן שינאה, וואָס פירט צו ווערן אַן אָנהענגער פון אַ שאַרפער פויסט און גרויזאַמען געוואַלט,וואָס קען פירן סיי צו רעאַקציע סיי צום געזעלשאַפטלעכן ראַדיקאַליזם. און פראַנס האָט געזען דעם גרעסטן געפאַר אין מיליטאַריזם. ס'איז דאַן געווען אַ צייט, פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס קריטיקירן און נאָך מער איראָניזירן איבער דער ארמיי איז געווען אַ גרויס פאַרברעכן.פראַנס האָט אָבער מיט זיין טיפן סערקאַזם געמאַכט אויך אויף דעם געביט אַן איבערקערעניש. פראַנס איז אויף אַלע געביטן געווען מער דענקער ווי קינסטלער. אים האָט אין זיינע ווערק

געפעלט די דיכטערישע לײדנשאַפט און געבליבן אַ קאַלטער עפּיקורער. אין זײַנע װערק שפּילן זײַנע געדאַנקען אַ װיכטיקערע ראָלע װי די סיפּורי מעשיות.נעמען מיר אַזאַ בוך װי״דער גאָרטן פון עפּיקור״ אָדער אין ״קאָניארס אידעען״ געפינט מען אין גאַנצן קײן דערצײלונג נאָר בלױז געדאַנקען. דערבײַ איז דער װיכטיקסטער אײגנשאַפט פון זײַנע װערק איז — קלאָרקײט און צוריקגעהאַלטנקײט. ער האָט זײַן פאַנטאַזיע ניט געלאָזט צו װײַט פליען. פראַנס איז אַלזאָ אױך מער דענקער װי דערצײלער. זײַנע װערק װעקן מער געדאַנקען װי געפילן. ער פאַרמשפּעט ניט נאָר די מענטשלעכע מנהגים און אָבערגלױבנס נאָר אַפילו די נאַטור. ער װאַרפט איר פאָר אַזאַ חטא,װאָס זי גיט אונדז צו פרי די יוגנט און לאָזט אונדז דערנאָך צו לעבן אָן איר. זי די יוגנט װאָלט אײגענטלעך באַדאַרף קומען צום סוף, װען דער מענטש איז רײף און דערפאַרן.די יוגנט װאָלט באַדאַרף זײַן די העכסטע און שענסטע מדרגה פון לעבן.װאָס זאָל קומען פאַרן טױט. פראַנס העכסטע גײסטיקע אַנטװיקלונג איז טאַקע געקומען אין דער לעצטער תקופה פון זײַן לעבן. אלס שרײַבער און קעמפער .ער האָט דאַן גאָר ניט פאַרלױרן פון זײַן װוּנדערלעכע איראָניע, באַזונדער אין זײַן שאַרפסטער שטרײַטשריפט ״דער צױבער־רינג״ און אױך אין זײַנע רעדעס אױף מאַסן־מיטינגען. װי ער האָט מוטיק געקעמפט קעגן קלער, פאָדערנדיק אפּצוטײלן די קירכע פון שטאָט. ער האָט איראָניש באַקעמפט דעם מיליטאַריזם װאָס שיקן זײַערע זעלנער ״אײַנצושטעלן אָרדענונג אין די לענדער פון אַזיע, װי כינע, זײ מאַכן אָרדענונג מיט דער הילף פון גנבה, פאַרגװאַלטיקונגען, רױב, מאָרד און אונטערצינדערײַ. מיט ביקסן און קאַנאָנען״.

ליטעראַטור מוז געװענלעך זיך באַנוצן מיט גוזמה. אַזאַ גוזמהדיקער געשטאַלט איז געװען דאָן קיכאָט. א ליטעראַריש געשטאַלט מוז זיך שאַרפער אױסצײכענען װי אַ נאַטירלעכער מענטש. ער מוז דינען װי אַ סימבאָל פון אַ גאַנצער תקופה, פון אַ קלאַס אָדער פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער פון מענטשן. פראַנס האָט ניט געשאַפן קײן סימבאָלישע טיפּן ער האָט אָבער סימבאָלישע געדאַנקען. אָט נעמען מיר זײַנע װערטער װעגן נאַפּאָלעאָנען, װאָס

דאַרף דאָך זיין סימבאָליש פאַר אַלע גרויסע און קליינע נאַפּאָלעאָנס פון אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער אָט ווערט געזאָגט וועגן נאַפּאָלעאָנען אין זיין ראָמאַן „די רויטע ליליע": ער איז געווען גוואַלדיק און קליינלעך גלייכצייטיק; ער איז געווען טיף מענטשלעך. איך מיין דערמיט צו זאָגן אַז ער איז דערמיט געווען ענדלעך צו אַלע אַנדערע מענטשן. מיט זיין באַזונדערער קראַפט האָט ער געוואָלט אלץ וואָס אַ געוויינלעכער מענטש זוכט און פאַרלאַנגט. ער גופא האָט באַזיצט אַזעלכע אילוזיעס מיט וועלכע ער האָט אינספּירירט פעלקער. דאָס איז געווען זיין קראַפט און זיין שוואַכקייט. דאָס איז געווען זיין שיינקייט. ער האָט געגלויבט אין גלאָריע. ער האָט געטראַכט וועגן דער וועלט און וועגן לעבן, ווי דאָס טראַכטן וועגן דעם יעדער פון זיינע גרענאַדירן. ער האָט שטענדיק געהאַט אין זיך די קינדישע ערנסטקייט וואָס האָט פאַרשאַפט אים אזוי פיל פרייד,שפּילנדיק זיך מיט שווערדן און פּויקן. און אָט יענעם סאָרט אומשולדיקייט, אַ דאַנק וועלכן מען איז אַ גוטער סאָלדאַט. ער האָט געהאַט אַן אויפריכטיקע אַכטונג פאַר מאַכט. ער איז געווען אַ מאַן פון מענער, פלייש פון זייער פלייש. אין אלע זיינע טאַטן זענען געווען גראַנדיעזע און דאָך געוויינלעכע. אָט די ווולגאַרע גרויסקייט באַשאַפט דאָך די העלדן. און נאַפּאָלעאָן איז דאָך געווען אַ פולשטענדיקער העלד".

ווייטער זאָגט פראַנס (איז נאָמען פון זיינעם אַ העלד) ער האָט געהאַט די זשעניע וואָס איז נויטיק כדי אַרויסצוברענגען אַ גלענצנדיקע פיגור אויף אַ צעווילער אָדער מיליטערישן צירק אויף דער וועלט, אָדער ער גיט אַזאַ זאָג: „די דראָבערער זענען מיר אויס צו זיין געפערלעכע משוגעים." אָדער ער זאָגט: — „די קאַזאַרמע איז אַ שרעקליכע המצה פון דער מאָדערנער צייט! אָבער דער איבל איז ערשט געוואָרן פאַרפולקאָמט ווען עס איז אריינגעפירט געוואָרן די שרעקלעך־מיאוסע אינסטיטוציע פון אלגעמיינעם מיליטער־דינסט, צו צווינגען אַז מענטשן זאָלן איינער דעם אַנדערן דערהרגענען — איז געווען די חרפה פון די קיסרים און רעפּובליקן, דאָס איז דער גרעסטער פאַרברעכן פון אַלע פאַרברעכנס. ווען די ריטערס זענען אוועק אין דער מלחמה האָט זיי ווייניגסטן קיינעם דערצו ניט געצוווּנגען,זיי האָבן געלאָזט זיך

קוילענען, ווייל זיי האָבן דערפֿון געהאַט פֿאַרגעניגן. אין דער צייט וואָס מיר רופֿן באַרבאַרישע האָבן די שטעט און פּרינצן אָנגעטרויט זייער פֿאַרטיידיקונג צו געדונגענע זעלנער, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן מיט גרויס אויסרעכענונג און פּאַרזיכטיקייט, אַז אין אַ גרויסן שלאַכט זענען ניט געווען מער ווי פֿינף אָדער זעקס געהרגעטע."

אָט דער גרויסער חכם, שריפֿטשטעלער און מוטיקער קעמפֿער, וואָס האָט געקענט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, און אַלע זיינע פֿעלערן האָט דאָך דערקלערט זיך אַלס אַ זון פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס גלויבט און קעמפֿט פֿאַר אַ צוקונפֿט פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט. אָבער מיט אים איז געשען ווי מיט איינע פֿון זיינע באַקאַנטע וויצן. אים דעם גרעסטן באַקעמפֿער פֿון קלער, פֿון דער מדינה און פֿון מיליטאַריזם האָט די מדינה, נאָך זיין טויט, אים איינגעאָרדנט אַ מלוכישע לוויה, נאָך וועלכע עס זענען נאָכגעגאַנגען מיניסטאָרן, גייסטלעכע און גענערעלער, אָט זיי אַלע וועמען ער האָט אַזוי סאַרקאַסטיש אונטערגעריסן און אויסגעלאַכט. דאָס איז געווען דער לעצטער וויץ, די איראָניע פֿון גורל, אַז אים וועלכער האָט זיי געשפּיגן אין פּנים, אין זיינע ווערק, זאָלן אים אָפּגעבן דעם גרעסטן כּבֿוד, אויף זיין לעצטן וועג.

אַנאַטאָל פֿראַנס געבוירן אין פּאַריז אין 1844, געשטאָרבן אין 1924. 20 יאָר, פֿון 1883 איז ער געווען די צענטראַלע געשטאַלט אין דעם סאַלאָן פֿון זיין פֿריינדין מאַדאַם אַרמאַן דע קאַיאַווע, אַ טאָכטער פֿון יידישער באַנקירן־משפּחה פֿון עסטרייך.אין דער צייט פֿון דער דרייפֿוס־אַפֿערע האָט ער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין קאַמף קעגן די מיליטערישע קליקע פֿון אַנטיסעמיטישע אינטריגאַנטן. צו זיינע וויכטיקע ווערק געהערן: "טאַיס", די "די קרעטשמע אונטער נאָמען פֿון דער קעניגין פּאַדוק" "פּינגווינען־אינדזל", "די געטער זיינען דורשטיק", "דער בונט פֿון די מלאכים". "דער קליינער פּיער", "די רויטע ליליע", "דאָס לעבן פֿון זשאַן אַרק", "דער צויבער רינג,"די מיינונגען פֿון הער זשערום קאָניאַר", די געשיכטע פֿון אונדזער צייט", און אנדערע.

פּרץ׳ס ״ביינאַכט אויפן אלטן מארק״

פּרצ׳נס ״ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ איז אַ מיסטעריע, וואָס איז דאָך די ווירקלעכסטע ווירקלעכקייט פון אָט יענער צייט און אירע מענטשן, וועגן וועלכע פּרץ דערציילט אונדז. יעדעס יידישע שטעטל האָט געלעבט, ווי עס דערציילט אונדז פּרץ אַזוי קלאַסיש, צווישן מאַרק און בית עולם. אויף דעם מאַרק האָט געשוועבט דער הונגער און אויפן בית עולם האָט ״געלעבט״ דער טויט. יעדעס שטעטל האָט פאַרמאָגט דערצו אַ שול, אַ קרעטשמע און אַ קלויסטער. צווישן לעבן אין טויט ניט געווען קיין גרויסע מחיצה. ביידע נעמען אָנטייל אין דער זעלבער דראַמע.

די לעבעדיקע פּערזאָנען באַשטייען פון: ווייבער, קינדער, סוחרים, שיכורים, יונגעלייט, אַ נאַכט־מיידל, אַן אַרבעטער, אַן אויבסט־הענדלערין, אַ לאָמפּן־לעשער, אַ שמייסער אין באָד, אַ רופא און אַ שיל־קלאַפּער.

צום עולם התהו געהערן: אַ צנוע, סוחרים, בעלי עגלות, בעלי בתים, אַ בלינדער, אַ לאָמער, אַ געקעפּטער, אַ סאָלדאַט, אַ געהאָנגענער, משכילים.

פון די קברים אַרויס קומען: גרייז־גראָע מתים, שיל־גבאים, למדנים, אַלטע אַפּיקורסים, יונגעלייט, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, חקרנים, קינדער, מיידלעך און ווייבלעך, אַ בתולה, אַ בחור, אַ כלה און אַנדערע.

אין די קלאַסישע דראַמעס פלעגט דער כאָר שפּילן די ראָלע פון אַרויסברענגען די מיינונג פון מחבר. ביי פּרצן שפּילט די דאָזיקע

ראָלע דער דיכטער.

צווישן מאַרק און בית עולם שפּילט אַ גרויסע ראָלע די שענק, אַרום וועלכע עס וואַקלען זיך שיכורים, און זינגען אויס זייער לעבנס־פילאָזאָפיע:

פרייט אייך זינגט,
טרינקט!
ווען אויב ניט איצט?
בעכער קלינגט,
ליבט אייך! טרינקט!
ס׳לעבן פאַרבליצט!
פאַרן טויט איז קיינער ניט באַשיצט.

ניט נאָר דאָס יידישע לעבן, נאָר גאַנץ רוסלאַנד איז פאַר פרצן געווען אַ ריזיקער בית עולם און גלייכצייטיק אַ קרעטשמע. אויף אָט דעם בית עולם האָבן יידישע יונגלייט געזוכט אַ חלום און געזוכט אַן אַנדער לעבן, אפשר אַ נייע היים און געפירט צווישן זיך שאַרפע ויכוחים:

דער עיקר שקלים —
אַ לערער חלום —
אַן ענגער האָריזאָגט!
אַ פאָלק ווי אַ מענטש, מוז האָבן אַ היים!
דערווייל — אַ סיים —
רויך און נעפּל — נישט מער.

אין מיטן די ויכוחים רופט דאָס נאַכט־מיידל:

כ׳בין הונגעריק... גיב עפּעס עסן —
און ווער זענען די "ער" און "זי"?:

צוויי שאַטנדיקע דורכגעפלאָטענע נשמות...
ווילן אויפפלאַמען רויט —
און באַליקן זיך צום טויט
און ביזן טויט קוועלן...

דערווייל גייט דורך אַ שאַכער, אַן אויבסט־הענדלערין מיט אַקאָרב אין די הענט, אויך אַ ייִנגל מיט אַ מיידל, וואָס האָבן ניט ווי צו נעכטיקן. און אין מיטן דעם עולם התוהו דעקלאַמירט דער דיכטער פון אַ באַלקאָן:

אַ שטיל פֿאַרסודעטע נאַכט,
האָט איינגעהילט דעם מאַרק דעם אַלטן.
טיר, טויער און לאָדן פֿאַרמאַכט.
דאָך, דורך מאַנכע טיר און לאָדן־שפּאַלטן,
שפּאַרט זיך אַרויס, שטראַלנדיק רויט.
דער פּלייס... די נויט...
אפשר היימיש גליק אין שפּיל,
שאָטנדיק — קיל.
אַ ווינטל יאָגט
און צעטראָגט,
אַ שטיל שטיל גערויש;
פֿון שענק אַ טרינקען — געפּליש,
דעם לעשערס: טיפּ־טאָפּ, טיפּ־טאָפּ,
ווי ער שטעלט זיך אָפּ, גיט אַ קלאַפּ,
שטאַרבט אַ לאַמטער.

ביי פּרצן איז דער לאַמטערן־לעשער אַ סימבאָליש געשטאַלט — ער איז דער נאַכט־לעשער! און פֿאַר דעם "נאַכט־לעשער" איז דער דיכטער אַ "נאַכט־דיכטער!"

פֿאַרן דיכטער איז ניט בלויז די ערד נאָר אויך דער הימל — אַ וויסטער טויטער הימל. און אַז רוסלאַנד איז אַ גרויסער בית עולם זאָגן דאָס די עדות: "חברים כּיבין בלינד, פֿאַרשיקט האָט מען מיך, האָב איך דאָרט די אויגן פֿאַרלוירן" און דער לאָמער דערציילט: "אין טורמע אין קייטן געזעסן, אַ פּוס געהאַט אַראָפּגענומען האָבן אים די מייז אויפֿגעפֿרעסן, נישט צו קבר ישראל געקומען... געמאַכט אין דומע אַן אינטערפּעלאַציע... האָט די ביוראָקראַטיע די דומע צעטריבן, בין איך אַ לאָמער געבליבן". זיי גייט אַנטקעגן אַ סאָלדאַט מיט אַ דורכגעשאָסענער האַנט. עס טרעטן אַרויס אַ געקעפּטער און אַ געהאָנגענער און דער דיכטער דעקלאַמירט:

הערט זיך איין, הערט זיך איין,
צום שטילן געוויין, צום אַלטן געוויין...
פֿון שיל אַרויס קומט־עס,
ווי אַ טויב ברומט עס, און עס טרויערט און עס קלאָגט:

ווי דעם מלך וואָס האָט זיין זון פאַריאָגט, זיין פּאַלאַץ צעשטערט!...
דער צער איז טיף ווי דער ים —

פון אַלע זייטן הערט זיך שטימען פון פּראָטעסט. פון דער אונטערגרונט און צעבונטעוועטע אַרבעטער. פון איין זייט הערט זיך דער בים־באָם פון קלויסטער־גלאָק, פון דער צווייטער בונטאַרע שטימען פון צווישן די חברה׳ס פון אונטערגרונט: אָט זאָגט אַן אַנטוישטע שטימע:

איר הערט?
עס קלינגט אָפּ די ערד!
עס ציטערט דער וואָלקן אין דער הויך!
און אונדזער שול שטייט שטום און בלייך...
און אונדזער שיל איז האָלץ,
עס פרעסט זי דער וואָרעם,
און פאַלט פאַר ווייטיק צוזאַמען —
מיר גייען זוכן אַ לאַנד —
פאַרגעסט ניט די אַלטע מאַמען,
דאָס הייליקע לאַנד.

אָבער אַן אַנדערער אַרבעטער, וואַרפט אַ בליק אויפן שיל און קלויסטער און זאָגט:

און איך זע נאָר איין קאָנסעקווענץ,
נישט דאָס און נישט יענץ!
אַלץ וואָס דריקט, שטיקט, שטיקט,
אַלץ וואָס פון דער מאַכט.
אַלץ וואָס רויב
פאַרהייליקט און פאַרגעטערט! —
מוז ווערן צעשמעטערט אויף שטויב!

און דער געהאָנגענער שטעלט זיך אויף אַ שטיין און דעקלאַמירט:

אויפן הויכן שטיין שטיי איך,
און מיט מיינע אויסגעגלאָצטע אויגן זע איך:
עס קומען צו רייטן
פון ווייטן, פון ווייטן,
די זיסע, די פרייע,

די נייע —

די גאָלדענע צייטן —

דער געהאָנגענער, דער בלינדער און געקעפּטער, די גאַנצע און האַלבע מתים, שפּינען און וועבן דעם שיינעם חלום פון נייע "גאָלדענע צייטן".

קומען זיך צענויף די מתים ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק און גלויבן נישט אין טויט. טייל גייען קאָנספּירירן... קריצן מיט די ציין. די אַנדערע ווילט זיך גאָר שפּילן אין חתן־כלה און אַן אַנדער ווילט זיך גאָר טאַנצן, טאַנצן ביזן העלן טאָג אַריין; און אַפילו אַביסל אונטערזינגעדיקן:

וואַרפט אַראָפּ די ציפּקיס.

לאָזט אַרויס די האָר

מאַלע וואָס מען טאָר נישט —

שטימען:

אי מען טאָר, מעיטאָר!

איר זעט דאָך שוין, ס'איז גאָר נישט

לאָזט אַרויס די האָר!

ווייטער הערן מיר ווי אַ כלה פאַר דער חופּה באַוויינט איר מזל, זי בענקט צו איר געליבטן און בעט די גוטע מענטשן:

טאָמער טרעפט איר אים

טאָמער זעט איר אים,

זאָגט אַז שיינדעלע,

בענקט נאָך אים און וויינט...

פּרץ האָט געשילדערט דאָס יידישע שטעטל גאָר אַנדערש, ווי דאָס האָבן שפּעטער געטאָן שלום אַש, שלום עליכם, ווייסנבערג. דאָס שטעטל ביי פּרצן איז אַ גרויסער מאַרק און אַ בית עולם אָבער דאָס שטעטל איז אויך די וווּנדערלעכע, פענאָמענאַלע אינסטיטוציע. זי איז סיי אַ פאָלקלאָריש געמיש פון די פאַרשידנסטע לעבנס־שטייגער און פאַרמאָגט אין זיך גרויסע העראָישע געשטאַלטן, ווי שלמה אין דער "גאָלדענע קייט" ווי דער נעמיראָווער, דער בערדיטשעווער און ביאַלער, און אַנדערע חסידישע געשטאַלטן, וואָס האָבן פּשוטקייט פאַרוואַנדלט אין גרויסקייט. פּרץ שילדערט אונדז אויך די סאָציאַלע נויט פון יידישן לעבן. ("פון קעלער שטוב"), וואָס האָט פאַרמאָגט

ניט נאָר העראָישע געשטאַלטן נאָר אויך "פרומע קעץ". פרץ דער רעאַליסט און סימבאָליקער, פרץ דער גרויסער ראָמאַנטיקער, וואָס באַוועגט זיך אין אַן אויסגעטרוימטער וועלט, פרץ דער סאַטיריקער, דער אומרואיקער גייסט, האָט גערופן צום בונט קעגן דעם "אַלטן מאַרק", קעגן דער טראַגיק פון יידישן לעבן אין דעם גרויסן צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איז געווען איין גרויס לעבעדיקער בית עולם.

פון איין זייט פרצנס גרויסער גלויבן אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, אין די אייביקע זוכערס, וואָס גייען ניט מיטן שטראָם, וואָס וואַרפן אָפּ ניט נאָר די דעספּאָטיע פון די הערשערס נאָר אויך די דעספּאָטיע פון המון איבערן יחיד. דערביי רופט דער גרויסער בונטאַר: "מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע", און קען גוט די נויט פון פאָלק, ווי פרץ זאָגט, מיטן מויל פון דער בוגרת ("ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק"):

ווי קאָן מען פאַרגעסן, ווי קאָן מען עס זאָגן?
אַזוי פיל פאַרשווינדלט, אַזוי פיל גענאַרט!
אַזוי פיל יאָרן געהאָפט און געוואַרט!
אַ לעבן דורכגעלעבט — אַ טויטע שטומע נאַכט!
נישט הויך גערעדט, נישט געשטיפט, נישט געלאַכט,
נישט געפרייט זיך נישט געשפּילט!
קיין וואַרעמע האַנט אַרום האַלדז נישט געפילט!

אָבער פרצנס מתים זוכן לעבנס־פרייד און זיי רופן:
לעבט, וואָס איר האָט ניט דערלעבט!
פילט וואָס איר האָט נישט דערפילט!

און אַ יונגער אַפּיקורס רופט:
חיי! קלעזמער, טענצער חיי,
מתים,
איר אין די סויוועס, איר אין די טליתים!
זייט איר בלינד? זייט איר טויב?
הערט! שאָקלט אָפּ פון אייך דעם שטויב!

קינדער, מענער, ווייבער! רייסט אַראָפּ פון די לייבער!
דאָס שפּינוועבס פון תורהיס,
מסורת,
פון אַלטע לאַנג פאַרפוילטע דורות!

אָבער אַ שטימע ענטפערט:
מיר קענען נישט! מיר קענען נישט!
זיי פאַרסמען אונדז,
זיי פאַרשרייען אונדז,
זיי פאַרוויינען אונדז...

ווער זענען דאָס די וואָס פאַרסמען און פאַרשרייען?
די מאַכט, די שיל און דער קלויסטער!

און דער יונגער אַפּיקורס רופט:
טאַנץ! טאַנץ! טאַנץ!
וואָס ציטערט איר פאַרן מאָרגנגלאַנץ?
נאָר נישט וויינען, נאָר נישט טרערן!
זאַמלט קראַפט, זיך אַנטקעגנשטעלן!
הייבט אויף די פויסטן, די פויסטן צום הימל.

פּרץ פאַרגעסט אָבער ניט אַז עס זענען דאָ אויך אַזעלכע וואָס צווייפלען אין די אייגענע כוחות און זיי ענטפערן:

פויסטן פון פּראָכע, פון שטויב און פון שימל!
אָבער דער יונגער אפּיקורס רופט ווייטער:
מיר ווילן נישט פאַלגן — מיר ווילן נישט הערן!
ווער עס פילט די קראַפט, דער זאָל שווערן —

אָבער די צווייפלער ענטפערן:
מיר שווערן, מיר שווערן ביי בלוט, וואָס איז געווען רויט,
און מען האָט עס מיט שטינקענדיק וואַסער פאַרשווענקט!

בײַ פֿאַרלוירענע טעג, פֿאַרוואָגלטע נעכט —
בײַם טויטן לעבן, לעבעדיקן טויט!
מיר שווערן!

אין אָט די דאָזיקע ווערטער באַווײַזט זיך פּרץ, דער גרויסער נביאה, וואָס האָט זיך אָמבשטאַרקסטן אויסגעדרוקט אין זײַן עסיי "האָפֿענונג און שרעק". פּרץ האָט געשטרעבט צו דער רעוואָלוציע, "וואָס אַלץ וואָס רויב פֿאַרהייליקט און פֿאַרגעטערט, זאָל ווערן אויף שטויב צעשמעטערט". אָבער אים האָט שוין דאַן געשראָקן, אַז דאָס בלוט וואָס איז געוועז רויט זאָל מען ניט מיט שטינקענדיקן וואַסער פֿאַרשווענכן! אין דעם איז אויך פּרצעס גרויסקייט.

פּרצנס "בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק", איז אַ פֿילאָזאָפֿישע דראַמע, וואָס איז ביז איצט נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן.

עס איז אָפֿט געזאָגט געוואָרן, אַז פּרצס דראַמע "בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק", איז באַאײַנגפֿלוסט געוואָרן פֿון סטאַניסלאַוו ווײַספּיאַנסקיס דראַמעס. איך ווייס ניט צו פּרץ איז באַאײַנפֿלוס געוואָרן! אויב יאָ איז עס אויך ניט קיין חטא, איך ווייס אָבער אַז צווישן ביידע דראַמאַטורגן געפֿינט זיך אַ סך געמיינזאַמעס. סײַ אין סטיל, סײַ אין דער ליריק, סײַ אויך אין אינהאַלט, כאָטש די טעמעס זענען ווײַט אַנדערע. ווײַספּיאַנסקי האָט געשילדערט, מיט גרויס ליבשאַפֿט, די ליידן פֿון פּוילישן פֿויער ניט נאָר פֿון פֿרעמדע נאָר אויך פֿון אייגענע אונטערדריקערס, פֿון די אייגענע פּריצים, וואָס האָבן פֿאַרשקלאַפֿט דעם פּויער. און ווײַספּיאַנסקי רופֿט דאָס פּוילישע פֿאָלק צום קאַמף קעגן די אונטערדריקערס און ער רעדט אָפֿט מיט טיפֿן סאַרקאַזם קעגן די גלחים. און ווען עמיצער פֿרעגט אין זײַנע אַ דראַמע — ווער וועט אָנפֿירן מיטן פֿאָלק, ענטפֿערט דער כאָר — דער צאָרן! יאָ, עס לאָזט זיך פֿאַרגלײַכן פּרצן מיט ווײַספּיאַנסקען וועלכער איז געוועז אַ געניאַלער דראַמאַטורג, פּאָעט און דענקער, וואָס האָט זיך אָנגענומען די עוולה פֿונעם פֿאָלק, פֿונעם פּוילישן פּויער.

כּדי אָבער גוט צו פֿאַרשטיין י. ל. פּרצן, זײַן קוק אויפֿן לעבן און זײַן פֿילאָזאָפֿיע, וואָלט מען דאָס אָמבעסטן געקאָנט אילוסטרירן מיט די

דאָזיקע ווערטער פון מאַקסים גאָרקין: „דער זין פון לעבן איז ניט זעלבסטצופרידנהייט; דער מענטש האָט וויכטיקערע אויפגאַבן. דער זין פון לעבן ליגט אין דער שיינקייט, אין דער קראַפט פון אונדזערע שטרעבונגען, נאָך דערהויבענע צילן. יעדע מינוט פון אונדזער עקזיסטענץ זאָל האָבן אַ העכערן צוועק. צאָרן, האַס, דאָס געפיל פון שאַנד און ווידערשטאַנד, דאָס זענען מיטלען, מיט וועלכע מיר קענען אַלץ אויף דער וועלט צעשטערן, אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן כדי אַרויסצורופן דעם דורש צום לעבן. אויב איר טוט ניט מער ווי וויינען און קלאָגן, זיפצן און קרעכצן, אָדער ווען איר דערציילט די מענטשן דאָס אייביק אַלטע מעשה׳לע, אַז לעבן איז ניט מער ווי שטויב און אַש. אַך, ווען עס זאָל קומען אַ מאַן, ענערגיש מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע, מיט אַ ברענענדיקע נשמה און אוניווערסאַלן גייסט, אין אַט דער פאַרדומפּטער אַטמאָספער פון שענדלעכער פחדנות, וואָלטן זיינע ווערטער געקלונגען, ווי אַ שטורעם־גלאָק און אַפילו די אָרעמסטע נשמה פון די לעבעדיקע־טויטע וואָלטן פאַרציטערט געוואָרן".

אַזאַ מאַן מיט ליבע און נשמה איז געווען פרץ, רין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָסטאָיעווסקי און די בעלי־תשובה

אין מיינס אַ פריערדיקע עסיי אויף דער טעמע: „דאָסטאָיעווסקי און דאָס געוויסן פון דער אינטעליגענץ", האָב איך זיך באַמיט צו דערקלערן די סיבה וואָס דאָסטאָיעווסקי, דער נעכטיקער רעוואָלוציאָנער, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעאַקציאָנער. ער אַליין אַ חוזר בתשובה האָט אין זיינע ראָמאַנען, באַזונדערס אין זיין „פאַרברעכן און שטראָף", טיף פּסיכאָלאָגיש באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון חטא, געוויסן און תשובה. וואָס אויך טאָלסטאָי האָט באַהאַנדלט אין זיין: „תחיית המתים". אָבער דאָסטאָיעווסקי האָט גאָר טיף אַריינגעבליקט אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה, מיט אירע פּסיכישע קאָמפּלעקסן, מיט אַ קינסטלערישער קראַפט זיך געגריבלט אין דעם לאַבערינט פון אומבאַקאַנטע באַגערן און ער רייסט אַראָפּ די מאַסקע און ווייזט דעם מענטש אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, סיי דאָס חיהשע אין מענטש און סיי טיף פאַרבאָרגענע מענטשלעכקייט. מען קאָן דרייסט זאָגן אַז ער האָט פריער פאַר פרוידן, מיט זיין פּסיכאָלאָגישער אינטואיציע דערגאַנגען צו פּסיכאָאַנאַליז.

אין דער צייט ווען דאָסטאָיעווסקי האָט געאַרבעט איבער זיין ראָמאַן „פאַרברעכן און שטראָף" האָט ער כאַראַקטעריזירט פאַר אַ גוטן פריינד דעם אינהאַלט פון דאָזיקן ראָמאַן מיט די ווערטער:

..."אַ יונגערמאַן פון אַ קליינבירגערלעכער אָפּשטאַם (ראַסקאָלניקאָוו), וואָס פון אוניווערסיטעט האָט מען אים געהייסן

גיין און ער לעבט אין ביטערן דחקות. ער ווערט פאַרכאַפּט פון עפּעס מאָדנע אומצייטיקע אידעען, וואָס טראָגן זיך אין דער לופטן, און מתוך זיין לייכטזיניקייט וואַקלדיקייט פון זיינע איבערצייגונגען, באַמיט ער זיך מיט איין זבענק צו באַפרייען פון זיין ביזאיצטיקער נעבעכדיקער לאַגע. ער באַשליסט צו דערמאָרדן אַן אַלטע פרוי, אַ ליכוואַרקע, וואָס לעבט פון לייען געלט אויף פראָצענטער... ״זי טויג צו גאָרנישט, יצו וואָס לעבט זי אויף דער וועלט, צי ברענגט זי ווער אַ נוצן?״, אַזעלכע און ענלעכע פראַגן צעטומלען דעם יונגנמאַן און ער באַשליסט זי צו דערהרגענען און באַרויבן, כדי גליקלעך צו מאַכן זיין מוטער, וואָס וווינט אויף דער פּראָווינץ, צו באַפרייען... זיין שוועסטער פון שמוציקע פאָדערונגען,וואָס שטעלט אין סכנה איר גאַנץ ווייטערדיק לעבן און ער אַליין וועט ענדיקן דעם אוניווערסיטעט און דערנאָך אַוועק קיין אויסלאַנד, כדי דאָרט צו בלייבן אויף זיין גאַנץ לעבן אַן אָרנטלעכער, פעסטער מענטש און טוען הומאַניטאַרע פליכטן, דורך דעם וועט ער געוויינלעך אויסקויפן זיך פונעם שולד, אויף וויפל מען קען בכלל דאָס אָנרופן — אַ פאַרברעכן״, און דאָסטאָיעווסקי דערציילט מיט אַלע קלענסטע איינצלהייטן, ווי אַזוי דאָס איז געשען און מאַכט אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז איבער אָט דעם מאָרד אָדער חטא.

צווישן פאַרברעכן און חטא ליגט אַ גרויסער אונטערשיד. אַ פאַרברעכן איז אַן ענין צווישן אַ מענטש און אַ צווייטן און אַן ענין פאַר דער געזעלשאַפט. אַ מענטש וואָס באַגייט קעגן וועמען אַ פאַרברעכן באַגייט ער דאָס אויך קעגן דער געזעלשאַפט, וועלכע גרייט צו די שטראָף, לויט דער מדרגה פון דעם פאַרברעכן. די געזעלשאַפט מיט אירע געזעצן באַשטימט די הויך פון דער שטראָף. אַנדערש איז מיט אַ חטא. דאָס איז אַן ענין צווישן דעם מענטש און זיך אַליין. אויף אַ חטא איז ניט גילטיק קיין שטראָף, אַ חטא איז אַ טעאָלאָגישער אָדער טיף פילאָזאָפישער אָדער פּסיכאָלאָגישער באַגריף. אַ בעל־חטא קען זיך ריין וואַשן דורך חרטה און תשובה אָדער דורך אַ ווידוי. ווען אַ הונגעריקער גנבעט צו אַ ברויט איז דאָס ניט קיין חטא און ניט קיין פאַרברעכן, כאָטש דאָס געזעץ וועט אים באַשטראָפן, ווייל דאָס געזעץ איז אוממאָראַליש און דינט די אינטערעסן פון די באַזיצנדיקע צו

שיצן זייער אייגנטום. דאָס זעלבע געזעץ וועט ניט באַשטראָפן פאַר דעראָבערן פאַרמעגן אויף ניט מאָראַלישע וועגן, דורך אויסנוצן פרעמדע אַרבעט אָדער דורך שפּעקולאַציע. דאָ קומט צום אויסדרוק דער פּערמאַנענטער קאָנפליקט צווישן יחיד און די הערשנדיקע געזעצן און צווישן יחיד און דעם הערשנדיקן רעזשים, וואָס הערשט איבער דער געזעלשאַפט.

לויט דאָסטאָיעווסקי איז ראַסקאָלניקאָוו, דער איבערמענטש וועלכער האָט געזינדיק אָבער זיין חטא איז לויט זיין באַגריף, ניט קיין חטא און ניט קיין פאַרברעכן, כאָטש דאָס געזעץ און די וואָס דינען דעם געזעץ האָבן וועגן דעם גאַנץ אַן אַנדערע מיינונג. פאַר זיי איז יעדער מאָרד אַ פאַרברעכן אָבער אויך אַנדערע מענטשן קענען האָבן וועגן דעם פאַרברעכן גאָר אַנדערע באַגריפן. אָט דערמאָנט זיך ראַסקאָלניקאָוו אַ שמועס צווישן צוויי מענטשן אין דער קרעטשמע און איינער פון זיי האָט געזאָגט: "פּאַקטיש איז אַ מצווה די אַלטע צו הרגענען, עס זענען דאָך דאָ אַזויפיל מענטשן אומגליקלעכע, הונגעריקע, ווי קענסטו דאָס זאָגן? פרעגט דער צווייטער". ווייל אייגנטלעך וואָלט מען דאָך פאַר איר געלט געקענט ראַטעווען הונדערטער מענטשן, איז דען ניט כדאי, וואָס צוליב אַזאַ אַלטע בלוט-זויגערין זאָלן אַזוי פיל מענטשן ליידן? אָבער דו וואָלסט דאָס געטאָן?" פרעגט ־ער ווידער. "איך ניט! אָבער איך זאָג דאָס אין אַלגעמיין, אַז אַזוי וואָלט מען באַדאַרף טאָן". איז טאַקע ראַסקאָלניקאָווס מאָרד ניט קיין פאַרברעכן נאָר אַ חטא און דערפאַר אפשר האָט ברענער איבערזעצנדיק דעם ראָמאַן אויף עברית אים אַ נאָמען געגעבן: "חטא און שטראָף" און ניט "פאַרברעכן און שטראָף". דאָך וויקלט דאָסטאָיעווסקי איין דעם ראָמאַן אין אַ קרימינעלן ענין.

ביז דעם מאָרד האָט ראַסקאָלניקאָווס פאַנטאַזיע געשפּייזט זיך מיטן גראַנדיאָזן קעגן זיין אָרעמקייט און זיין ציל, אָבער נאָכדעם האָט ער גענומען פילאָזאָפירן און געוואָלט זיך איבערצייגן אַז ער האָט געמוזט דאָס טאָן, אַז ער איז דער הער איבער זיינע געדאַנקען און זיין ווילן. ער אַליין איז דעם טאָט באַגאַנגען. אָבער פון דער צווייטער זייט וויל ער ניט זיין קיין פאַרברעכער.

ער וויל ניט געהערן צו די וואָס ווערן באַשריבן אין די צייטונגען, וואָס הרגנען אַלטע ווייבער און רויבן צו ביי זיי דאָס געלט. ער וויל ניט זיין אַזעלכער, אַפילו נאָך דעם ווי ער האָט דאָס געטאָן. ער האַלט זיך פאַר גאָר אַן אַנדערן, ניט קיין איינפאַכן פאַרברעכער נאָר אַן אויבערמענטש.

אָבער ניט נאָר ראַסקאָלניקאָוו, אַלע פאַרברעכערס באַמיען זיך צו פאַרטושן דאָס געוויסן מיט אַן אַרגומענט, וואָס באַרעכטיקט זייער טאָט. דער מערדער באַשולדיקט ניט זיך נאָר דעם דערמאָרדעטן. אָבער ניט נאָר קליינע פאַרברעכער נאָר אַלע גרויסע פאַרברעכערס, מלחמה־העצער. אַזעלכע מענטשן־פיינט, ווי נאַפּאָלעאָן, היטלער, סטאַלין און אַנדערע האָבן זייערע פאַרברעכנס געדעקט מיט אַן אידעאָלאָגיע. זיי די אידעאישע באַנדיטן האָבן זיך געהאַלטן פאַר די דערלייזערס פון די מענטשן. אין אַלע מלחמות זענען ניט זיי נאָר דער שונא געווען דער שולדיקער. זיי האָבן שטענדיק געפונען אַ שונא קעגן ווענמען צו העצן, אמערסטן זענען דאָס געווען די יידן אַ גוטער מאַטעריאַל קעגן ווענמען צו העצן. געווען אָבער אויך רעוואָלוציאָנערע פאַנאַטיקערס וואָס זענען גרייט פאַר זייער "גערעכטיקייט" די וועלט אומצוברענגען. דאָסטאָיעווסקי איז לאַנגע יאָרן געווען פאַרשפּאַרט אין די צאַרישע טורמעס און ער האָט גוט דערקענט אויך די פּאָליטישע פאַרברעכערס קעגן דער מאַכט. זיי, וואָס האָבן געוואָלט בעסער מאַכן די וועלט זענען אַליין ניט געווען כולו תכלת. אין זיין ראָמאַן "שדים" שילדערט דאָסטאָיעווסקי די טעראָר גרופּע פון ניטשאַיעוון און זיינע "פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", וואָס ניט ווי די טעראָריסטן פון דער "נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס זענען געווען הויך מאָראַלישע מענטשן און קיינמאָל קיין אומשולדיקן ניט אומגעבראַכט. דערפאַר האָבן די ניטשאַיעווס געהאַלטן אַז דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען און אַלע מיטלען זענען כשר כדי צו דעראָבערן די מאַכט. ווייל אייגנטלעך האָבן זיי געוואָלט שטירצן דעם צאַריזם און אַליין צו ווערן די הערשער. און דאָסטאָיעווסקי האָט פאַרשטאַנען אַז זיי, די רעוואָלוציאָנערע פאַנאַטיקערס, וועלן זיין מער ברוטאַל און מער דיספּאָטיש ווי די צאַרן און אין זיי האָט ער געזען די גרויסע געפאַר פאַר דער צוקונפט פון רוסלאַנד. אָבער זיי די גרויסע

פאַרברעכערס האָבן פונקט ווי דער ראַסקאָלניקאָווס געהאַלטן אַז זייער מאָרדן און פאַרברעכנס זענען אין די אינטערעסן פון פאָלק און זיי האָבן רעכט צו משפטן וואָס ס׳איז גוט און שלעכט פאַרן פאָלק, זיי האָבן רעכט צו באַשטראָפן ווען זיי האַלטן פאַר נויטיק און האָבן קיינמאָל ניט געפילט קיין חרטה און ניט געוווסט פון תשובה, אַפילו צום טויט זענען זיי געגאַנגען מיט דער זיכערקייט אַז זיי די איבערמענטשן זענען שטענדיק גערעכט, און אַוועק צום טויט, אָדער צו פיזישע יסורים אָן חרטה.

די אומגערעכטיקייט וואָס הערשט איבער דער וועלט האָט געבוירן אַ סך פאַרברעכנס. אַלס ענטפער אויך די פאַרברעכנס פון די הערשערס און פון די וואָס האָבן פאַר זיך צוגערויבט דאָס גוטס, האָט געמוזט אַנטשטיין די ״פאַרברעכנס״, וואָס אין נאָמען פון גערעכטיקייט האָבן באַרויבט די רייכע און דעם רויב צעטיילט צווישן די אָרימע. די ליטעראַטור ווייסט אַ סך וועגן דעם צו דערציילן. דאָס איז אַ קאַרלאָס ביי שילערן אָדער אַ סטיענקא ראַזין און אַ סך אַנדערע אין דער ענגלישער, פראַנצויזישער און רומענישער ליטעראַטור. זיי ווערן אויך באַזונגען אַלס פאָלקס־העלדן דורך די טרובאַדאָרן פון אַלע פעלקער. דאָסטאָיעווסקי דערציילט אין זיין ״פּאָדראַסטק״ ווי אַזוי האָט אַ רוצח געפרוווט אַמאָל אונטערצונדן אַ מחסן פון האָלץ. ניט דערפאַר ווייל ער האָט עפּעס געהאַט קעגן באַלעבאָס פון דעם מחסן אָדער קעגן דעם האָלץ, נאָר ווייל ער האָט געוואָלט עפּעס אָפּטאָן. ניט נאָר אין די 60קער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, אויך אין די 60קער יאָרן פון 20טן י. ה. און ביז היינט לייגט מען אונטער אויפרייס־מאַטעריאַל אויף די טראָטואַרן וואָס דערמאָרדעט אומשולדיקע, דאָס איז דער דור, וואָס האַלט זיך פאַר אידעאַליסטן, דער דור וואָס האָט רעוואָלטירט. דאָסטאָיעווסקיס וואַרסילאָוו, דרייט איבער אַ פאַס אין מיטן גאַס, כדי עפּעס צו טאָן. דער היינטיקער פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט, קעגן מלחמות און קעגן אַטאָמישן געפאַר, פאַרפּאַטשקען די ווענט פון די שטעט, זיי פאַרשמירן אין אַמעריקע די וואַגאָנען פון דער אונטערערדישער באַן, צעברעכן אויף די גאַסן אויטאָס, ברעכן ביימער. אַלץ אין נאָמען פון ״פּראָטעסט״. אָבער די פאַרברעכערישע הערשערס איבער

די פעלקער קען מען דערמיט ניט אַרויסרייסן מיט די וואָרצלען פון אונדזער לעבן.

אויף די פּאָר הונדערט זייטן רעכנט זיך דאָסטאָיעווסקי אָפּ מיט די געדאַנקען און אידעאַלן פון זיין צייט. אַלץ קומט פאָר אַרום ראַסקאָלניקאָוון, וואָס ער שעפּט זיך אָן מיט די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן פון ערגעץ. די סביבה, וואָס מאַכט אים צו פילאָזאָפירן איבער זיין חטא. עס דערשיינען עפּיזאָדישע פיגורן, ווי עמאַליאַ איוואַנאָוונאַ, אַ דייטשקע וואָס איז געוואָרן אַ רוסישע. זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג. אַ קאַריקאַטורישע טיפּ, וואָס דינט דאָסטאָיעווקן צו מאַכן פון אָט דער באַוועגונג אַ קאַריקאַטור. אָדער אַזאַ בעזדיעטניקאָוו, אַ מענטש מיט נייע רעיות וואָס זאָגט אַז אין דער היינטיקער צייט לויט דער וויסנשאַפט איז פאַרווערט צו האָבן רחמנות, און אַזוי באַגייט מען זיך טאַקע אין ענגלאַנד, ווו עס עקזיסטירט שוין די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. ניטאָ מער קיין רחמנות סתם, ווייל אַלץ קען געלייזט ווערן אין תוך פון דער געזעלשאַפט. און ראַסקאָלניקאָוו האָט ניט קיין חרטה, אויך ניטאָ ביי אים קיין צוריקקער צו דער רעליגיע און קריסטנטום. כאָטש סאָניאַ פרעגט אים — אויב ס'איז ניטאָ קיין גאָט מיט ווען ווען ווען ווע ווע בלייבן? אָבער ראַסקאָלניקאָוו בלייבט אין זיין איינזאַמקייט מיט ליבע און שנאה צו זיינע נאָענטסטע. כאָטש ער איז אַרומגערינגלט אויך מיט גוטע מענטשן, ווי אַזאַ ראַזומיכין, וואָס האָט ווי ראַסקאָלניקאָוו צוליב נויט געמוזט פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט און זוכן אַ פּרנסה. און קוים האָט ער דעראַבערט פאַר זיך אָן אַרבעט, וויל ער גלייך זיך טיילן מיט ראַסקאָלניקאָוון. אָדער אַזאַ סאָניאַ די קליינע 18 יעריקע זונה, וואָס האָט געמוזט שפייזן איר הויז. זי איז אפשר ניט קיין הייליקע אָבער אַ ריינע. זי אין איר ריינקייט ווייסט אַז אין מענטש איז דאָ אַ מענטש. און זי זאָגט ניט גאָט וועט דיך באַשטראָפן, נאָר: „ווי אַזוי וועסטו לעבן מיטן געוויסן פון דיין חטא, גיי און גיב זיך איבער".

אָבער פאַרוואָס קלויבט דאָסטאָיעווסקי אויס גאָר געפאַלענע טיפּן אַלס זיינע פּאָזיטיווע העלדן? ווייל די אַנדערע, פון דער אַזוי גערופענע

סביבה, ווי זעט זי אויס׃ אַט די "ניט געפּאַלענע" וועלכע מען טרעפט שיכורע אין די קנייפּעס. אָדער ער ווייזט אונדז אַ סצענע ווי אַ יונג, וואָס פּייניקט אַ פערד און צום המון וואָס לויפט אים נאָך זאָגט ער׃ "דאָס איז מיין פערד און כ׳מעג אים שלאָגן ביזן טויט!" אָדער נעמען מיר אַ מענטש פון אַ "בעסערע געזעלשאַפט", וואָס רודפט אַן אומגליקלעך מיידל, איז מיט וואָס סאָניאַ און די מיידלעך פון גאַס ערגער פון דער "בעסערע" געזעלשאַפט? ווילט איר זען אַן אַנדערע סביבה, ווייזט אונדז דאָסטאָיעווסקי די איליאַ איוואַנאָוונאַ די דייטשקע, אָדער אַ בעזדעטניקאָוו מיט זיינע נייע רעיונות, אָדער די אַלע וועלכע האָבן דעם יחוס פון אָפּשטאַם פאַרוואַנדלט אין אַ יחוס פון דער קעשענע, זיי אַלע וואָס פירן גרויסע געשעפטן, ווען אַנדערע זינקען אין נויט און הונגער און דאָס ווערט גערופן — דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז אַ געזעלשאַפט וואָס לעבט אין זכות פון געלט, וואָס אַלע ווילן דאָס דערלאַנגען וואָס מער, צו דאָס איז אַ פּראָפעסאָר, וואָס פעלשט מטבעות ביז דעם אַפּעריסט, וואָס וויל חתונה האָבן מיט עליזאַבעט, דער שוועסטער פון דער אַלטער וואָכערניקע. און איבער זיי דער בעזדיעטניקאָוו, וואָס האַלט אַז לויט דער וויסנשאַפט איז פאַרווערט צו האָבן רחמנות. אָדער דער סווידריגייילאָוו, פון דער "בעסערער געזעלשאַפט", וואָס רודפט אַן אומגליקלעך מיידל פון 14 יאָר, און אָט דער ווערט פון אַן עפּיזאָדישן טיפּ פאַרוואַנדלט אין אַ צענטראַלן/געשטאַלט אין דאָזיקן בוך, וואָס באַשטייט פון אַ גרויסע גאַלעריע, פון די פאַרשידנסטע טיפּן, וואָס האָבן מסתמא די זעלבע אילוזיעס וואָס ראַסקאָלניקאָוו, אָבער וואָגט ניט זיי צו פאַרווירקלעכן, ווען ראַסקאָלניקאָוו האָט זי יאָ פאַרווירקלעכט.

עס זענען אָבער אויך דאָ גוטע מענטשן, אָבער די גוטע זענען אָנגעשטעקט מיט נייע רעיונות, מיטן גייסט פון דער צייט, וואָס עס איז געקומען אַזוי בולט אַרויס אין דער רוסישער ליטעראַטור פון 18טן י. ה. ביי טורגעניעוון, גאָרקין, פּושקין און אַנדערע, וואָס האָבן גערופן צו ליכט און בילדונג. ביי דאָסטאָיעווסקין דעצידירט דאָס וואָס עס קומט פאַר אינערלעך אין מענטש און

דאָס גיט זיין ראָמאַן אַ באַזונדערן כאַראַקטער. ביי אַלע אַרגומענטן, וואָס באַרעכטיקן דעם חטא געפינט זיך שטענדיק קעגנאַרגומענטן. און דער מענטש פילט זיך — „איך בין אַ חזיר". דעם מענטש איז ניט גוט, ווייל ער אַליין איז ניט גוט. דער חטא, ווי שוין געזאָגט, איז אַן ענין צווישן מענטש און זיך אַליין. די לאָגיק פון זיינע אַרגומענטן היילן אים ניט די יסורים פונעם געוויסן. דערצו האָבן די אויספאָרשער אַרעסטירט אַ מאַן און באַשולדיקט אים אין דעם מאָרד איבער דער וווכערקע און ער האָט אַפילו זיך מודה געווען. מעגלעך אַז דאָס איז געווען אַ שפּיצל פון דער אויספאָרשונג, וועלכע האָט אירע באַזונדערע מיטלען. זיי האָבן געגוי געוווסט אַז דער אַרעסטירטער איז אומשולדיק כאָטש ער האָט ניט געהאַט די געהעריקע אַליבע. זיי האָבן גלייך חושד געווען ראַסקאָלניקאָוון אָבער ניט געהאַט קעגן אים באַווייזן, האָבן זיי באַנוצט זיך מיטן טריק צו ווירקן אויף ראַסקאָלניקאָווס געוויסן. זיי וואָלטן אפשר ניט דערגרייכט זייער ציל, ווען דאָ באַווייזט זיך ניט די פרוי סאָניאַ מאַרמעלאַדאָווא, כאָטש די סיבה צום פאַרברעכן זענען מיר צוליב די צוויי פרויען — די מוטער און די שוועסטער, וועמענס טיפן פאַלן, ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן. און כדי צו טאָן פאַר זיי גוטס האָט ער געמוזט אויך טוען דאָס שלעכטע.

די פרוי ביי דאָסטאָיעווסקין און אין יעדן ראָמאַן פון 19טן י. ה. שפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע, דער יסוד פון זיין ראָמאַן איז די ליבע. אויב די מענער, אויך ביי טאָלסטאָי, מאַכן מלחמה און שלום, זיי מאַכן די געשיכטע. זיי, ווי אַנדרעי, פּיער באַזאַראָוו זענען די מענטשן פון גייסט, די וואָס ווילן ענדערן די וועלט אָבער ניט זיי זענען די הויפּט־העלדן פון די ראָמאַנען. נאָר די פרוי, ביי טאָלסטאָי איז דאָס נאַטאַשאַ, כאָטש מיט איר אינטעליגענץ איז זי אַ גאָר ניט, און דאָך איז זי דער אַקס פון דעם ראָמאַן. ניט אַלעקסאַנדער, ניט נאַפּאָלעאָן, ניט קוטוזאָוו נאָר נאַטאַשאַ. די מענער מאַכן די געשיכטע אָבער די פרוי איז דאָס לעבן, און דאָס לעבן איז אַ גרויסער ראָמאַן. אויך ביי דאָסטאָיעווסקין מעג די פרוי זיין אַ זונה, אַ געפאַלענע צו דער נידריקסטער מדרגה בלייבט זי געטריי דער ליבע וואָס לייזט אויס פון אַלע חטאים.

עס זענען דאָ שרייבערס וואָס ווילן דעם מענטש מאַכן, ווי זיי ווילן, אָבער דאָסטאָיעווסקי זעט דעם מענטש אַזוי ווי ער איז מיט אַלע זיינע סטיות און דעפעקטן. אַזוי אויך דער פּרוי. אויב די כוונה פון דאָסטאָיעווסקין אין זיין ווערק, אַז רעליגיע איז די גאולה און די ווידוי, קומט דאָס ניט דורך אַ כהן נאָר דורך אַ פרוי. אין "פאַרברעכן און שטראָף". קומט דאָס דורך סאָניאַן די זונה. זי ברענגט דעם געדאַנק אַז ניט דער מענטש באַגייט אַ פאַרברעכן נאָר דער טייוול אין אים. די זונה באַפרייט אים פון דעם חטא, ווייל ער איז דאָס באַגאַנגען צוליב דעם כבוד פון דער משפחה, צוליב היטן די ריינקייט פון זיין שוועסטער, און ער ווערט אַליין דער שופט איבער זיין חטא.

אויב אין ראָמאַן פון 20טן י. ה. שפילט די ליבע אַ צווייטראַנגיקע ראָל איז אבער אין ראָמאַן פון 19טן י. ה. ניט מעגלעך די ליבע זאָל ניט שפילן די הויפּט־ראָלע. איר יסוד איז די ליבע, די וואָס טרעט אַרויס אין די פאַרשידנסטע וואַריאַציעס. ביי דאָסטאָיעווסקין אויך אין זיין "ברידער קאַראַמאַזאָוו", ביי אַלע הייליקע, דאָרט, ווו די מענער זענען פאַרוויקלט אין מאָרד און אין מחשבות, צווישן צביעותדיקע חטאים און בעל תשובה, טרעפט מען ביי אים פּרויען פון צוויי פאַרשידנסטע שכבות, אין גאַנצן זיך פרעמדע, אָבער מען געפינט צווישן זיי דאָס געמיינזאַמע. זיי דעצידירן אין די מעגלעכקייטן פון דעם מענטש זיך צו דערלייזן, אַפילו אַזאַ גרושענקאָ, פון דער נידריקסטע מדרגה. אַזוי ווי ביי טאָלסטאָי קען דער ראָמאַן זיך באַגיין אָן נאַפּאָלעאָנען, אָן קוטאָזאָוון אָבער ניט אָן נאַטאַשן, אַזוי ביי דאָסטאָיעווסקין אָן גרושענקאָן. אַלע אמתע ראָמאַנען־שרייבער ווי: טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פּושקין אין זיין "יעווגעניִן אונעגין", גאָרקי אין זיין "מוטער" האָבן שטענדיק אָפּגעטיילט געשיכטע פון לעבן. זיי האָבן גערעכנט זיך מיט דער געשיכטע אָבער דער עיקר איז דאָסווירקלעכע לעבן. דאָס לעבן איז דאָס לעבן אַליין. דאָס זעען מיר אין דעם ראָמאַן פון 19טן י. ה. ביי אַלע גרויסע ראָמאַנען־שרייבער. אפשר דערפאַר פרעגט און ענטפערט אַנדריי זשיד:

— וואָס איז געשיכטע? — אַ ראָמאַן וואָס איז געווען! וואָס איז אַ

ראָמאַן? — געשיכטע וואָס האָט געקאָנט זיין!

דאָס וואָס מאָפּאַסאַן רופט אָן "לעבן" באַדייט ניט "דאָס לעבן", נאָר פּשוט "לעבן", וואָס זאָגט גאָר ניט צו, וואָס האָט איר טרויער און לאַנגווייליקייט. אָט איז אַ היים אָן אַ טאַטן אָן אַ מאַמען אָבער אין דעם זעלבן דאַרף איז דאָ אַ גלח, וואָס זוכט די חטאים ביי אַנדערע. ער צווייפלט ניט אַז אים וואַרט דער גן־עדן. אָבער דאָס לעבן קען זיך באַגיין אָן אים. ער איז ניט דער אַקס פון אַ ראָמאַן, אפשר בלויז אַן עפּיזאָד פאַר הומאָר, גאַנץ אַנדערש איז די פרוי, זי איז דער תוכן פון דעם ראָמאַן פון 19טן י. ה. אויך אין אָנהויב פון 20טן י. ה. געפינט מען ביי סטאַנדאַל, מאָפּאַסאַן, ביי באַלזאַק און ביי זשאָרדזש זאַנד, ווי ביי זאָלאַן אַזעלכע ווי נאנא, אַזוי ווי זי איז. אין זאָלאַס "זשערמינאַל" טרעפן מיר די מענטשן הונגעריקע נאָך ברויט. מען גרייט זיך צום שטרייק, אָבער די בעטן פון די קוילנגרעבער זענען שטענדיק וואַרעם. דאָס לעבן איז טרויעריק, דער מענטש דערנידריקט און באַליידיקט, אָבער די פרוי, אַ הייליקע צו אַ זונה זי דערלייזט דאָס לעבן. וואָס עקזיסטירט צוליב זיך אַליין.

ביי דאָסטאָיעווסקין איז סאָניאַ דער אַקס פון דעם ראָמאַן "פאַרברעכן און שטראָף". סאָניע באַשעפטיקט זיך מיט געבן תענוג אָבער ליבע. דאָס איז שלעכט אָבער ניט קיין פאַרברעכן. דאָס טרעפט ניט און שטערט ניט קיינעם נאָר זיך אַליין, אפשר דערפאַר האָט זי זיך דערנענטערט צו ראַסקאָלניקאָוון וועמענס חטא איז אויך ניט זיינער, דאָס האָבן די באַדינגונגען, די נויט און די לאַגע פון זיין משפחה געשטויסן אים דערצו, ווי סאָניען האָט דאָס אויסהאַלטן איר משפחה געשטויסן צו זנות. און זי וויל אויסלייזן ראַסקאָלניקאָוון דורך ליבע, ווייל ליבע איז די גאולה, ווייל סאָניאַ איז דאָס לעבן אַליין, וואָס רעכנט זיך ניט מיט קיין לאָגיק.

ראַסקאָלניקאָוו איז אַ גיבור, אַ קעמפער, כאָטש ער איז געבונדן געוואָרן אין קייטן, איז ער געבליבן דער מענטש, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען זיין משפחה פון נויט און שאַנד. אַ קעמפער איז ניט דער וואָס זיגט נאָר דער וואָס קאַפּיטולירט ניט און ראַסקאָלניקאָוו האָט ניט קאַפּיטולירט, ער האָט געפירט דעם קאַמף מיט זיך אַליין.

אַוודאי קען מען ניט מסכים זיין מיט דאָסטאָיעווסקין דערמיט וואָס ראַסקאָלניקאָוו, האָט אָנשטאָט זיך אָנשליסן אין דער מחנה פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, האָט ער אויסגעלאָזט זיין פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט מיט דערמאָרדן אַן אַלטע ווּכערקע, וואָס דאָס איז ניט קיין לייזונג. אָבער דאָס איז ראַסקאָלניקאָווס אויסוועג, וואָס אַנשטאָט דעם אָפענעם קאַמף קעגן שלעכטס האָט ער געפירט דעם קאַמף מיט זיך אַליין, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דאָסטאָיעווסקין.

יאָרן לאַנג איז דאָסטאָיעווסקי געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד בויקאָטירט און פאַרגעסן, איצט איז ער דאָרט ווידער דער פּאָפּולערסטער שרייבער. פאַרוואָס? 70 יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען אַ געגוג גרויסע צייט אַ סוף צו מאַכן צו דעם גרויסן חלום פון פרייהייט און גלייכהייט. עס איז אַנטשטאַנען דאָרט אַ סאָציאַליזם פון האַרמאַטן, טורמעס, לאַגערס און אַטאָם־ראַקעטעס. דערצו האָט אין די לעצטע יאָרן דער ראַטן־פאַרבאַנד דורכגעמאַכט אַ בלוטיקע דערפאַרונג אין אַפגאַניסטאַן, וווּ זי האָט געלערנט אַז מיטן גרעסטן כוח קען מען ניט האַלטן לאַנג די הערשאַפט איבער אַ פריי פאָלק, אין טשערנאָוויל האָבן זיי געלערנט אַז די אַטאָם־קראַפט קען זיין געוואָנדן אויך קעגן זיי אַליין, זיי האָבן געלערנט אַז אויף יעדער גרויליק געווער האָט דער קעגנער ניט קיין קלענער גרויליק געווער. דאָס לאַנד וואָס האָט דורכגעלעבט די טראַגישע יאָרן פון סטאַליניזם און די גרויליקע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געפינט זיך איצט ניט נאָר אין אַ גרויסן ווירטשאַפטלעכן קריזיס נאָר אויך אין אַ גייסטיקאָון מאָראַלישן קריזיס. צוויי גייסטיקע שטרעמונגען באַהערשן היינט די מוחות פון אנטוישטער סאָוויעטישער אינטעליגענץ. איינע, וואָס בענקט צו אַ הומאַניטאַרע געזעלשאַפט פון פרייהייט און מענטשן־רעכט, דאָס זענען אַזעלכע, ווי סאַכאַראָוו, און די צווייטע, וואָס רופט צוריק צום סטאַליניזם מיט איר פינצטערן גרויס־רוסישן פאַטריאָטיזם און מענטשן־שנאה. זיי געפינען זייער אידעאָלאָגיע ביי דאָסטאָיעווסקין, וואָס פון אַ רעוואָלוציאָנער איז ער געוואָרן אַ דינער פון צאַר, אַ פאַן־סלאַוויסט און אַנטיסעמיט. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע פאַרטיידיקט היינט עפנטלעך אין לעגאַל,

מעגלעך מיט דער ברכה פון דעם רעזשים, דער "פּאַמיאַט", וואָס בענקען נאָך יידן־פּאָגראָמען. ביי יעדן גייסטיקן אָדער ווירטשאַפטלעכן קריזיס וואַרפן אומעטום די הערשער די שולד אויף יידן, אויך דער רעזשים פון גאָרבאַטשאָוון רעדט איצט אין צוויי שפּראַכן: פון איין זייט רופט זי צו "דעמאָקראַטיזירן" און פון דער צווייטער, צו נאַציאָנאַליסטישן פּאַטריאָטיזם און אַנטיסעמיטיזם. שווער צו זאָגן וועלכע פון די צוויי וועט דאָמינירן אין דער סאָוויעטישער נייער פּאָליטיק. איינס איז אָבער זיכער אַז ראַטן־פאַרבאַנד איז אַריין אין אַ תקופה פון תשובה.

אָבער ניט נאָר דער ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר די אינטעליגענץ פון אַלע פעלקער פאַלן אַריין, אין דער צייט פון אַ מאָראַליש־גייסטיקן קריזיס, אין אַ צושטאַנד פון תשובה, וואָס איז אַן אוניווערסאַלע דערשיינונג. ניט נאָר אין איראַן נאָר אין אַלע לענדער אין דער וועלט בושוועט היינט די רעאַקציע און דער קומייניזם, וואָס רופט צוריק צו די שוואַרצע יאָרן פון דער רעליגיעזער הערשאַפט. דאָס איז אַ גייסטיקער פּראָצעס וואָס קומט פאָר אויך אין ישראל. ניט נאָר פאַרברעכער און רוצחים וואָס ווילן באַפרייט ווערן פון די טורמעס דערקלערן זיך פאַר חוזרי בתשובה, נאָר אַפילו קיבוצניקעס, אַנטוישטע אין ברוטאַלן קאָמוניזם און אין סאָציאַליזם פון דער אַרבעט־פאַרטיי, וואָס איז געוואָרן די פאַרטיי פון פּיפּיקע אַדוואָקטן כיטרע פּאָליטיקאַנטן זוכן זיי אַ וועג צו דער רעליגיע. זיי פאַלן אָבער אַריין אין אַ היסטערישן פאַנאַטיזם פון ראַסיזם און שנאה און זינקען אין ראַסיסטישע פאַרברעכנס קעגן די אַראַבערישע שכנים.

אַפילו אין יידיש, די שפּראַך, וואָס ווערט אין ישראל דיסקרעמינירט, האָט אירס אַן אייגנעם דאָסטאָיעווסקי, אַ גאָר פעיקער שרייבער, וואָס רופט צו תשובה. ער רייסט אונטער אַלע פּאָזיטיווע ווערטן אין יידישן לעבן אַפילו די יידישע הומאַניטאַרע ליטעראַטור פון די קלאַסיקער און נאָך זיי. דאָס איינציקע וואָס ער לויבט איז די יידישע שפּראַך, וואָס מען קען מיט איר דערציען קען מען אויך פאַרסמען די מוחות. מיט יידיש באַנוצן זיך דאָך אויך די רעליגיעזע כוליגאַנעס פון מאה שערים.

דאָסטאָיעווסקי האָט מיט דעם גרעסטן טאַלאַנט געבערענגט אונדז

אַזעלכע טיפֿן, ווי דער פֿאָטער פֿון די ברידער קאַראַמאַזאָוו, פּיאָטר פּאַוולאָוויטש, אין וועמענס נשמה האָט געוווינט אַ מין מענטשן־חיה, וואָס מען מוז נאָכגעבן און באַפֿרידיקן אַלץ וואָס די חיה אין מענטש פֿאָדערט פֿון אים. איינער פֿון די ברידער קאַראַמאַזאָוו, איוואַן דריקט זיך ריכטיק אויס אַז דאָס פֿאַרגלייכן אַזאַ מענטש צו אַ חיה איז אַ גרויסע באַליידיקונג פֿאַר דער חיה, ווייל אַ טיגער למשל קאָן הרגענען אָבער ניט פּייניקן קיין צווייטע חיה, ווי דאָס טוען געוויסע מענטשן איינער קעגן צווייטן. עס זענען אָבער אויך דאָ שרייבערס, צווישן זיי דאָסטאָיעווסקי אַליין וואָס קענען אַזוי שילדערן גוט די מענטשלעכע נשמה אָבער ניט דאָס בייזע ביי זיך אַליין. עס טרעפֿט שרייבער וואָס שילדערן מיטן גרעסטן טאַלאַנט די געפֿילן פֿון ליבע ווען זיי אַליין האָבן קיינמאָל ניט ליב געהאַט, אָדער באַזינגען די ברכה פֿון פֿיזישע אַרבעט און האָבן קיינמאָל קיין פֿיזישע אַרבעט ניט געטאָן. עס זענען דאָ שרייבער וועלכע פּרעדיקן הויכן מאָראַל און אַליין זענען גרייט זיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט אָדער כּבוד. האָט טאַקע אונדזער גרויסער לייוויק ערגעץ געזאָגט אַז יעדער מענטש איז פֿאַר זיך אַ סוד! „אָט זעסטו ווי אין אַ געשליפֿענעם שפּיגל, אַלץ אַזוי קלאָר און ליכטיק, און אַמאָל קוקסטו ווי אין אַ פֿינצטערן גרוב אַריין...״ אַזוי איז דאָסטאָיעווסקי, דער גרויסער קענער פֿון דער מענטשלעכער נשמה, אָבער אין זיין אייגענער נשמה ליגט אַ גרויסע טונקלקייט.

דאָסטאָיעווסקי דער בעל־תּשובה האָט געהאַט אויף זיין געוויסן וואָס ער האָט געדינט דער רעוואָלוציע, וואָס וועט ווערן אַ דיספּאָטיע, ער האָט אָבער ניט געשלאָגן זיך אל חטא וואָס ער האָט פֿאַראַטנדיק די רעוואָלוציע געדינט די שוואַרצע כּוחות פֿון צאַרישן רעזשים.

ב. שלעווין

כאָטש ב. שלעווין האָט שוין ביזן חורבן פאַרעפנטלעכט צוויי ביכער דערציילונגען און אַ ראָמאַן געהערט ער דאָך צו די שרייבער פון נאָכן חורבן. זיינע ווערק געהערן צו דער ליטעראַטור פון דער שארית־הפליטה, וואָס איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ קרעפטיקן שאַפונגס־גייסט. טייל האָבן געכאַפּט זיך צו דער פעדער צו פאַראייביקן דעם שוידערלעכן חורבן מיט אַלע אירע גרוילן, די אַנדערע, ווי ב. שלעווין האָבן געזוכט צו פאַראייביקן דאָס יידישע לעבן, אויך פונעם פאַרן חורבן, אַ לעבן, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוטיקל מבל. די גראַטעוועטע יידישע שרייבער האָבן געפילט זייער גרויסן חוב אויסצושרייען דעם גרויסן ווייטיק פון אומקום, שילדערנדיק דעם נעכטן, מיט אירע ליכטיקע און פינצטערע זייטן. מיט אירע ליידן. חלומות און העראָישע מאָמענטן פון פאָלקסלעבן, דערמיט צוריק מאָביליזירן, דאָס וואָס לאָזט, זיך, און באַנייען די גייסטיקע כוחות פון פאָלק, ניט צו לאָזן זיך גייסטיק אומברענגען און פאַרניכטן. די נאָך־חורבן־ליטעראַטור ווירקט ניט ווייניק צו צעמענטירן דאָס פאָלק און שאַפן דעם גייסטיקן פראָנט פאַר דער באַנייאונג. מיטן שילדערן אַלע שיינע און אַלע שווערע איבערלעבונגען פונעם פאָלק פאַרן חורבן, פאַרנעמט ב. שלעווין אַ גאָר בכבודיקן אָרט אין דער נאָך־חורבן ליטעראַטור.

דער ניט־לאַנג פאַרשטאַרבענער ב. שלעווין איז איינער פון די קרעפטיקסטע פראָזייאיקער אין דער יידישער ליטעראַטור. וועגן אים

איז ווייניק געשריבן געוואָרן כאָטש ער האָט אונזער ליטעראַטור באַרייכערט מיט 15 ראָמאַנען אפשר ווייל מיר פאַרמאָגן היינט ניט קיין קריטיק? זיינע ווערק נעמען אַרום דאָס יידישע לעבן פון אָנהייב דעם היינטיקן י. ה. ביזן חורבן. דאָס איז די געשיכטע פון אַ דור וואָס איז ניט אָפּעשטאָרבן, נאָר פאַרטיליקט געוואָרן און כאָטש געווען איז דאָס ערשט נעכטן געהערט עס שוין צו דער געשיכטע... אויב געשיכטע פון אַ פאָלק איז אַ זאַמלונג פון פּאַסירונגען און פאַקטן, וואָס באַשטימען איר אַנטוויקלונג פאַרבונדן מיט צייט און אָרט ווערן די ראָמאַנען פון דעם נאָענטן נעכטן, צומאָל אַ מין צונויפמיש פון געשיכטע און זכרונות, וואָס פילן אויך אויס אַ שליחות פון געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע פונקציעס.

זיינע ראָמאַנען: "געווען איז עס נעכטן", אין זיין טרילאָגיע, "די ברידער כייקין", "ווי אַהין גייסטו דאַניעל", "חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", און "ליפּע קאַמאַשנמאַכער" געהערן סיי צו דעם סאָרט, ווי געשיכטע קרייצט זיך מיט זכרונות, ווייל דאָס איז דאָך געווען ערשט נעכטן... און עס לעבן דאָך נאָך אַ טייל העלדן פון די דאָזיקע ראָמאַנען.

די העלדן פון שלעווינס ראָמאַנען ווייסן ניט פון קיין פאַמיליע־לעבן, ניט פון קיין ליבע־פּראָבלעמען, ניט פון קיין פּערזענלעך לעבן. זיי לעבן זיך אויס אין געזעלשאַטלעכן, פּאַרטייאיש־פּאָליטישן לעבן. כאָטש ער ברענגט אונדז אריין טיפן און געשטאַלטן איז אָבער דער העלד פון זיינע ראָמאַנען די אַקטיוו קעמפערישע יידישע יוגנט, אויפן פאָן פון דער שטורמישע עפּאָכע. ב. שלעווין שפּינט אַריין אין זיינע ראָמאַנען, ניט ווייניק פּובליציסטיק, וואָס איז אָבער דורכגעזאַפּט מיט בילדערישקייט, מיט אַ קלאָרער און זאַפטיקער שפּראַך, כאָטש מיט פּאָליטישע באַגריפן און שטימונגען, פון מענטשן וואָס געלעבט אַ קעמפעריש לעבן.

ב. שלעווין, אַליין אַן אַרבעטער־אינטעליגענט, אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער אָרעמקייט און פאָלקסטימלעכער רעוואָלוציאָנער סביבה, האָט ער דערפאַר געקענט אַזוי ערלעך און רעאַל שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישע יוגנט, וואָס האָט געברויזט מיט רעוואָלוציאָנערן־אידעאישן פּאַטאָס. אויך זיינע העלדן זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער גרעסטער

אָרעמקייט, זיי האָבן אַליין זיך דעראָבערט זייער בילדונג. אין די פּאַרטייאישע רייען האָבן זיי אויסגעשליפן זייער פּערזענלעכקייט, שווימענדיק אין די שטראָמען פון רעוואָלוציאָנערן און אידעישן לעבן. אָפט געשמאַכט אין די תפיסות, זייער פּערזענלעך לעבן איז ווי צערונען געוואָרן און צענויפגעגאָסן זיך מיט די פּאַרטייאיש־פּאָליטיש אינטערעסן פון די באַוועגונגען וועלכע זיי האָבן, מיט זייער גאַנצער נשמה, געדינט און מיט דער פּאָליטישער סביבה מיט וועלכע זיי זענען געווען פאַרבונדן.

דאָס איז געווען אַ דור אין פייער אַן אויסגעפּאָרמטער, אַ פאַרהאַרטעוועטער אין שטאָל. אַ דור פול מיט נסיונות, אויסגעוואַקסן אין סאָציאַלע שלאַכטן, דערצויגן אין פּאָליטישע ראַנגלענישן, דאָס זענען געווען צייטן פון הייסן גלויבן און גרויסע פאַרצווייפלונגען, טעג פון ליכט און פינצטערנישן אָבער דער דור האָט קיינמאָל זיינע אידעאַלן ניט פאַראַטן. אַזאַ יוגנט האָט אויך עקזיסטירט ביי אַנדערע פעלקער אָבער ניט אין אַזאַ גרויסער פּראָפּאָרץ, ווי ביי יידן, און ניט אין אַזעלכע שווערע, אָפט שווידערלעכע באַדינגונגען.

ביי די גרעסטע טייל יידישע שרייבערס פון נאָך דער חורבן־ליטעראַטור טרעפט מען אָפט אַ שטאַרקע טענדענץ צו אידעאַליזירן דעם נעכטן, אָבער ביי שלעווינען זעען מיר בולט ווי אָפט דער הייסער אידעאַליזם פאַרוואַנדלט זיך אין פאַנאַטיזם, וואָס פאַרלירט די פעיקייט קריטיש אויפצונעמען די פאַרגעקומענע דערשיינונגען. דער דאָזיקער פאַרטייאישער פאַנאַטיזם דערפירט צו דער קאָרומפּירונג פון די אידעאַלן. אין יידישן לעבן האָט דאָס זיך אויסגעדרוקט אין צווישנפּאַרטייאישע געשלעגן, אפילו אין מאָרדן, ווי אויף שטיצן זיך אויף „שטאַרקע" פון דער אונטערוועלט, ווי די מאָראַליש־פאַרדאָרבענע טיפּן זענען געוואָרן די „פאַרטיידיקער פון אידעאַלן".

אויב מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ דור, וואָס האָט זיינע אידעאַלן ניט פאַראַטן איז אָבער דער דור פאַראַטן געוואָרן פון די „איזמען" און פאַרטייען. אויב פון דעם 17טן יאָר האָט פאַר דער יידישער יוגנט זיך געעפנט אַ ליכטיקע האָפענונג איז זי אָבער אין די 30 יאָרן פאַרלאָשן געוואָרן און פאַרזינקען

אין טיפער פינצטערניש. די אַנטווישונג איז געקומען פון צוויי זייטן: פון דער ברוטאַלער הערשאַפט פון סטאַליניזם און פון דער ברוינער פעסט פון היטלעריזם. אַ פינצטערניש וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער פאַרניכטונג פונעם יידישן לעבן, צוזאַמען מיט די הויכע אידעאַלן, חלומות און שטרעבונגען.

אויב עס האַנדלט זיך אין שלעווינס ליטעראַרישן סטיל, מיין איך, אַז ער האָט זיך געפונען באַווירקט סיי פון רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט. דערפאַר לאָזט זיך דער רעאַליזם ביי אים ניט צעשיידן מיטן ראָמאַנטיזם און שאַפן צוזאַמען די אָריגינעלקייט פון זיין סטיל, וואָס פליסט מיטן אָטעם פון דער צייט, מיט דעם געוואַלטיקן טעמפּאָ פון די געשעענישן, ווי אויף אַ פילם־עקראַן. אָבער אויך אין דער געאָגראַפישער ברייט פון דער יידישער צעשפּרייטונג, וואָס ציט זיך פון מאָסקווע, דורך בריסק, וואַרשע ביז פּאַריז.

שלעווינס ווערק זענען נישט באַגרענעצט צו איין־איינציקער אידעישער שטרעבונג. ער שילדערט, מיט דער זעלבער אָביעקטיווקייט, מיט דער זעלבער טאָלעראַנץ, ווי אויך מיט דער זעלבער קריטישער סימפּאַטיע סיי צום „בונד", צום ציוניזם און קאָמוניזם, וועלכע האָבן זיך גאַנץ העפטלעך קעגנזייטיק באַקעמפט. פון אָנהייב פון אונדזער י. ה. זענען געווען צוויי הויפּט שטרעמונגען, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס: דער „בונד" און דער ציוניזם. אָבער נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 17 יאָר, נאָך דער שפּאַלטונג אין „בונד" קומט פאַר דער געראַנגל, פאַר דער נשמה פון דער יידישער יוגנט, דער עיקר צווישן קאָמוניזם און חלוצישן ציוניזם.ביידע האָבן גערופן צו אַ רעוואָלוציאָנערן איבערבייט פונעם יידישן לעבן. ביידע באַוועגונגען האָבן פאַרמאָגט אַ סך העראָישקייט און אַ סך טראַגישקייט, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער טראַגישקייט פונעם יידישן לעבן.

די טראַגישקייט פונעם יידישן לעבן האָט אויך געפּאַרעמט די טראַגישקייט פון דער יידישער ליטעראַטור. אויב אַנדערע פעלקער האָבן דורכגעלעבט מלחמות און רעוואָלוציעס וואָס האָט טיף צעשווידערט זייער פיזיש און גייסטיקן לעבן. אָבער ניט צעבראָכן געוואָרן נאָר ווייטער זיך

באַנייט און געפּלאָסן. פֿאַר די יידן זענען דאָס אָבער געווען ממשותדיקע קאַטאַסטראָפֿעס, דערפֿאַר איז אויך אַזוי אַנדערש און אַזוי טראַגיש די יידישע ליטעראַטור (חוץ ביי געוויסע שרייבערס, אויסער אייראָפּע וואָס האָבן געזינקען אין גלייכגילטיקייט און געבאָדן זיך אין שונד) אָבער פֿאַר אַזעלכע שרייבערס ווי ב. שלעווין, האָט די יידישע טראַגעדיע געמאַכט טיפֿע ווונדן אויף זייערע קינסטלערישע נשמות.

די יידישע טראַגעדיע דאָס איז דער שליסל פֿון ס. שלעווינס ווערק. זיי זענען אַ געטרייער שפּיגל פֿון אונדזער נאַציאָנאַלע און סאָציאָלע נצחונות און מפּולות, פֿון אונדזערע חלומות און ביטערן ווירקלעכקייט. ראַנגלען זיך טאַקע שלעווינס אַרויסגעפֿירטע העלדן מיט דער פֿינצטערניש פֿון אונדזער שטורמישער און אַבסורדער עפּאָכע, וואָס האָט געזען אַזוי פֿיל העראָישקייט און געמיינקייט און אַזויפֿיל פֿאַרגאָסן בלוט. שלעווינס ווערק זענען אָבער ניט סתם געשיכטעס פֿון העראָישקייט און געטריישאַפֿט און ניט בלויז פֿון דער בלאָנדזשענישן פֿון דער אידעישער יידישער יוגנט נאָר אויך אַ רוף צו דער וועלט — זעט וואָס פֿאַראַ ווונדערלעכע מענטשן דאָס יידישע פֿאָלק האָט אַרויסגעגעבן, וואָס פֿאַראַ ווונדערלעכע יוגנט פֿאַר ווענען די וועלט האָט געעפֿנט אירע פֿינצטערע און שוידערלעכע גיהנומס.

דאָך גייען מיר אַוועק פֿון שלעווינס ווערק מיט דעם טיפֿן געפֿיל אַז דער אידעיש־הומאַניסטישער גייסט, ביי אַלע פֿעלקער און ביי אונדז יידן, איז דאָס איינציקע געווער קעגן טרייסטלאָזן יאוש, וואָס באַהערשט אונדזער תקופֿה. דאָס דאָזיקע געפֿיל און איבערצייגונג דאַרף ווייטער פֿלעגן די יידישע ליטעראַטור. ווען דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אייראָפּע איז צוזאַמענגעבראָכן זענען אַזעלכע ווערק ווי ב. שלעווינס אַ גרויסע קולטור־ירושה. זיי זענען אַ גרויסע עפּאָפּעע פֿון יידישן לעבן ביזן חורבן. און דערפֿון די גרויסע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע באַדייטונג פֿון ב. שלעווינס ווערק.

דער חודש אפּריל

דאָס זענען וויכטיקע היסטאָרישע דאַטעס, ווי: דער אַפּריל־אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, די באַפרייאונג פון די פאַרשקלאַפּטע פון דעם טויטן־לאַגער אין אוישוויץ; דאָס אַנטשטיין פון דער ישראל זעלבשטענדיקייט און אַנדערע היסטאָרישע דאַטעס. אָבער די וועלט איז אַזוי רייך מיט היינטצייטיקע פּראָבלעמען, ווי מיט טרויעריקע אומגליקן און טאָג־טעגלעכע געשעענישן, וואָס שרייען אַרויס פון די צייטונגען וואָס מיר זעען אין דער טעלעוויזיע זיי קענען ניט פאַרשוויגן ווערן. היינט 40 יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה מאָרדן זיך נאָך אַלץ פעלקער, עס גייט אַלץ אָן דער בלוטיקער קאַרנאַוואַל איבער אַלע טיילן פון דער וועלט. פון דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה זענען שוין פאָרגעקומען צענדליקע קלענערע מלחמות. עס גייט אָן דער מאָרד פון די וויעטנאַמער קאָמוניסטן איבער די קעמבאָדזשער קאָמוניסטן און דער קרבן איז דאָס פאָלק. עס גייט אָן דער מאָרד פון די סאָוויעטן אין אַפגאַניסטאַן. עס מאָרדן זיך די פאַרשידענע עדה׳ס אין אינדיע און אין לבנון. אין דעם רייכן לאַנד פון נאַטור־אוצרות, אביסיניע שטאַרבן טאָג־טעגלעך טויזנטער פון הונגער און זייער רעגירונג פאַשעט די הונגעריקע מיט מאַרקסיזם־לעניניזם. דער ראַטן־פאַרבאַנד אָנשטאָט ברויט פאַר די הונגעריקע שיקט קיין אַביסיניע טאַנקן און אַראָפּלאַנען. אויך דאָס רייכע אַמעריקע טראָגט ניט, צוליב מלוכהשע פּאָליטיק, קיין ברויט פאַר די הונגעריקע.

ווי צו אַזאַ קאַרומפּירטע וועלט, וואָס לאָזט שטאַרבן קינדער, מאַמעס און זקנים פון הונגער, ווען אַנדערע באָדן זיך אין שווילטאַג און לוקסוס. ווי צו די פּאָליטיקער וואָס דינען דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער אומגערעכטיקייט! ווי צו די לומפּן, וואָס פרעדיקן אַזאַ פינצטערן אומיושר! דאָס איז די גרויסע שאַנדע פון אונדזער צייט! אָנשטאָט ראַטעווען מענטשן פון הונגער באַזאָרגט מען די וועלט מיט די מאָדערנסטע געווער און מען טרייבט פעלקער קעגנזייטיק זיך אויסצומאָרדן.

דאָס אומגליק פון דער וועלט איז, וואָס די פּאָליטיקערס און הערשערס איבער די פעלקער האַנדלען לויט זייערע הערשונג־אינטערעסן, וואָס איז אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון זייערע פעלקער. שוין האַלבאַך, איינער פון די וויכטיקע פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן פון דער אויפקלערונג־תקופה פון 18 י. ה. האָט ריכטיק דערקלערט: — "פּאָליטיק, אָנשטאָט צו זיין די קונסט פון רעגוליקן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן און זיי צו לענדן אין די מענטשלעכע נוצן, ווערט ליידער דער גורם, וואָס באַנוצט זיך מיט דער דאָזיקער קונסט אויף אויפהעצן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן, מיטן ציל צו קעגנזייטיקער פאַרניכטונג און צו צערייצן דאָס וואָס פאַראייניקט די מענטשן און צו צעשטערן אַלץ וואָס דאַרף דינען דאָס מענטשלעכע גליק".

דאָס גאַנצע צוואַנציקסטע יאָרהונדערט איז די עקלדיקסטע תקופה פון מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען; פון היטלעריזם און סטאַליניזם; פון דער אושוויץ־ציוויליזאַציע, ווען אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען זענען האָפנונגלאָז פאַרשוועכט געוואָרן. נאָך קיינמאָל ווי איצט איז בלוט ניט געווען אַזוי ביליק און דער מענטש אַזוי גייסטיק פּחדניש.

זיי די גליקלעך־זאַטע, די אַרכיטעקטן פון פינצטערן שקר, צוזאַמען מיטן שוואַרצן קלער ציטירן אונדז פון אויסנווייניק די "הייליקע" פסוקים פון זייער פאַרדאַרבענער מאָראַל, אַז — "אָרעמקייט קען מען ניט ליקווידירן, אייביק וועט זיין דער אונטערשיד צווישן מענטש און מענטש". אויך זיי די מענטשן פון דער כלומרשטער וויסנשאַפט, די ספּעציאַליסטן פון סאָציאַלן־אומיושר פרעדיקן אַז אָרעמקייט איז

אומפאַרמיידלעך, ווייל שולדיק איז די נאַטור, וואָס גיט ניט גענוג שפּייז פאַר אַלעמען. זיי ווילן ניט דערציילן דעם אמת אַז שולדיק איז דאָס, וואָס טייל האָבן צופיל פאַרכאַפּט פאַר זיך. שולדיק איז די רשעות פון דער סאָציאַלער און פאָליטישער אומאָרדענונג, וואָס צעטיילט אומיושרדיק די אוצרות פון דער נאַטור און זאָרגט נאָר פאַר די, וואָס האָבן אַ סך געלט און ווערן אַלץ רייכער און רייכער.

די פּאָליטיקערס און הערשערס פון ביידע מלוכהשע בלאָקן באַנוצן זיך מיטן עקלהאַפטן סיסטעם צו פאַרשקלאַפן די נשמות, מיט אַ באַרג פון ליגנט; אַז זייער "אָרדענונג" איז די בעסטע, וואָס איז נאָר מעגלעך. זיי רעדן וועגן דער נויטווענדיקייט זיך צו פאַרטיידיקן און זוכן וועמען פון די פעלקער צו באַפאַלן. זיי רעדן וועגן פאַרבעסערן די טאַנקן, אייראָפּלאַנען און טוען גאָר ניט צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון מענטש.

אַלע אונדזערע טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען איז אונדזער אַלעמענס אייגנטום און טאָרן גאָר ניט דינען דאָס מאָרדן מענטשן. אויך אַלע פילאָזאָפיעס און טעאָריעס האָבן נאָר דאַן אַ ווערט ווען זיי דינען דאָס לעבן און ווילזיין פונעם מענטש. מיר קענען היינט מער פּראָדוצירן, וויפל דאָס איז דעם מענטש נויטיק, מען דאַרף נאָר אַן עק מאַכן מיט דער באַרבאַרישער אומגערעכטיקייט און מיליאָנען זאָלן מער ניט ליידן אין מאַנגל אין דערנערונג, קליידונג, וווינונגען און מאַנגל אין קולטור.

עס פילט דאָס יעדער ערלעכער מענטש, אַז אַזאַ אומגערעכטיקייט טאָר ניט פאַרגעזעצט ווערן, עס מוז קומען אַן ענדערונג. גערעכט איז געווען מאַקסים גאָרקי, ווען ער האָט געזאָגט: אַז "מען מוז דאָס לעבן איבערמישן, כדי עס זאָל ניט פאַרשטונקן ווערן". איז טאַקע די פליכט פון יעדן ערלעכן מענטש מיטצוקעמפן פאַר פאַרבעסערן דאָס לעבן; פאַר יושר, שלום און פרייהייט; פאַרן אידעאַל פון אַלגעמיינעם פּראָגרעס. ליידער קלאַמערט זיך היינט די אינטעליגענץ אין דער דאָגמע און דער פראַזע. די דאָגמע דערשטיקט יעדן דרייסטן, פרייען געדאַנק, יעדע בונטאַרישע ליידנשאַפט, די פראַזע מאַכט פון יעדע אידעע אַ קאָמעדיע. און ביידע צוזאַמען שאַפן עס די טראַגי־קאָמעדיע. אַלע געזעלשאַפטלעכע

סיסטעמען האָבן זייער אָנפאַנג און ענדע אָבער די שטרעבונג, דער קאַמף בלייבט אומבאַזיגט. מען דאַרף די וועלט אָנטוען פליגלען, זי זאָל זיך ניט באָדן אין זומפּן און בלאָטעס.

די רעאַליטעט פון דער הייניקער געזעלשאַפט באַשטייט אין פלעגן פון דער מיליטערישער טראַדיציע. מיר טראַכטן אַלץ מיט מיליטערישע קאַטעגאָריעס. דאָס געוווּר פון אַלע סאָרטן ווערט אַלץ מער און מער קאָנסטרואירט, פּראָדוקצירט און אינסטאַליזירט, ווי דאָס וואָלט געווען די וויכטיקסטע באַדערפעניש פאַר אונדזער עקזיסטענץ, כאָטש דאָס דינט נאָר צו מאַכן אומפאַרמיידלעך אונדזער טויט. דער דאָזיקער סיסטעם פון באַוואָפנטע פעלקער און באַוואָפנטע באַנדעס וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן ביז דער מענטש וועט זיך ניט באַפרייען פון דעם נאָמינאַליסטישן טראַכטן, פון דער סטרוקטור פון הערארכיע און פון דעם מאַכט־סיסטעם. אָן די דאָזיקע באַדינגונגען, ווי אוטאָפּיש דאָס זאָל ניט אויסזען, זענען אַלע שיינע רייד וועגן שלום און מענטשן־רעכט, ניט מער ווי דאָס זייען אילוזיעס. ווי לאַנג דאָס פּראָדוצירן געווער און טראָגן געווער וועט ניט נעמען קיין סוף צו מאָרד, מלחמות און בלוט־פאַרגיסטנגען. דעריבער איז דאָס טרעפן זיך אין זשענעווע פון די צוויי גרויסע וועלט־אַקטיאָרן, ניט מער ווי אַן אָרגאַניזירטע שוישפּיל און אַ טראַגישע קאָמעדיע. מעגן די זשורנאַליסטן פּלאַפּלען, אַז נאָך דעם צוזאַמענטרעף אין זשענעווו האָט די וועלט פרייער אָפּגעעטעמט", איז דאָס אַ גרויסער ליגנט. דאָס האָבן זיי אויך געשריבן נאָך אַ סך אַנדערע מאָל אָבער די וועלט שווידערט אַלץ אין פיבער פון פחד פאַר אַ נייער קאַטאַסטראָפע.

די גאַנצע געשיכטע פון דער הערשאַפט איז אַ בלוטיקע געשיכטע. אין די לעצטע צייט האָבן די וועלט־הערשער דערפירט אונדזער ציוויליזאַציע צו אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן צושטאַנד פון וועלכע זיי געפינען מער ניט קיין אויסוועג. די פּאָליטישע רעזשימען וואַרפן זיך ווי אין פיבער און די דיקטאַטאָרן, מיניסטאָרן, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן זענען ווי אַ שיכורע מאַנשאַפט וואָס קען אונדזער וועלט־שיף צו קיין פרידלעכן פּאָרט ניט דערפירן, ביי קיין ברעג ניט פאַראַנקערן. אַפילו די גרויסע אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און טעכניק

האָט דאָך אויך דערפירט צו ראַפינירטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פון מאַסן־מאָרד, צו די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פון אוישוויץ, צו אַטאָמישע, כעמישע און געאָלאָגישע געווערן, כדי אומצוברענגען מיליאָנען. זיי האָבן דעם מענטשלעכן שכל פאַרוואַנדלט אין אַ מכשיר פון פאַרברעכן, וואָס פירט צו קאָלעקטיוון זעלבסטמאָרד פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע, צום סוף פון דער גאַנצער מענטשלעכער עקזיסטענץ אויף אונדזער פּלאַנעט.

דער קאַפּיטאַליסטישער גײַעג נאָר ריווח, שטעלט זיך ניט אָפּ פון פאַרסמען די לופט, טײַכן ימען און דערפירן צו אַן עקאָלאָגישע קאַטאַסטראָפע, ווען אונדזערע שולן, די פּראָפּאַגאַנדע און די פּאַרטייען פאַרסמען די מענטשלעכע מוחות מיטן סם פון שאָוויניזם, האַס און ווילדע הערצעס.

פונדעסטוועגן טאָרן מיר ניט אַרײַנפאַלן אין יאוש, ווײַל ווען אונדזער קולטור ווערט צעריסן, צווישן קאַפּיטאַליסטישן עגאָיזם און שאָוויניסטישן פאַנאַטיזם, עקזיסטירן אָבער פּאָזיטיווע גורמים וואָס שפּייזן אונדזערע האָפענונגען, אַז עס עקזיסטירט אַן אַלטערנאַטיוו קעגן די פאַרדאָרבענע רעזשימען. אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז נאָך פול מיט מעגלעכקייטן. עס זענען דאָ אויך פאַקטן וואָס זאָגן אָן אַ ווילן צו לעבן בשלום, וואָס וועט איבערוועגן דעם צעשטערונגס־תאווה פון די פּסיכאָפּאַטישע מושלים. דער קאָמפּיוטער וועט העלפן פאַרקלענערן די מכּה פון דער ביוראָקראַטיע. מיר זענען עדות אַז פעלקער וועלכע האָבן לאַנג געפירט צווישן זיך מלחמות האָבן ברייט געעפנט זייערע גרענעצן. נעבן דעם ווילדן שאָוויניזם וואַקסט אויך דער דראַנג צו שלום און פעלקער־ברודערלעכקייט, דער דראַנג צו פרייהייט. עס וואַקסט דער באַוווסטזיין אַז סאָלידאַריטעט איז אַ העכערע שטופע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי אונטער מאַכט און רעגירונגען. עס וואַקסט די נעגאַציע קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקאַנטן און קאָרומפּירטער דיפּלאָמאַטיע; דער באַוווסטזיין אַז אַ קולטורעלער מענטש נויטיקט זיך ניט אין אַ הערשער איבער זיך, אַז יעדע שטאָט, יעדעס דאָרף און יעדעס פאָלק קאָן אַליין זיך פאַרוואַלטן. פאַרוואַלטן איז דער קעגנזאַץ צו הערשאַפט. הערשאַפט הייסט צוואַנג, אונטערדריקונג און מלחמות,

פּאַרוואַלטונג באַדייט אַ פרייע קלוגע און ערלעכע אַדמיניסטראַציע אין נוצן פונעם פאָלק און מענטש. אַן אַדמיניסטראַטאָר איז ניט קיין הערשער ער באַנוצט זיך ניט מיט געוואַלט, ער בעזיצט ניט קיין גוועער, קיין ארמיי און קיין פּאָליציי. אַ פרייע אַדמיניסטראַציע נויטיקט זיך ניט אין פּאָליטיקאַנטן און פּאַרטייען. יעדעס דאָרף יעדע שטאָט ווילט פריי אויס אירע אַדמיניסטראַטאָרן און קען זיי צו יעדער צייט באַזייטיקן. אַזאַ אמתע דעמאָקראַטיע איז דער איינציקער אולטערנאַטיוו, די איינציקע רעטונג קעגן דער סכנה פון אונטערגאַנג און קאַטאַסטראָפע, קעגן דער דעסטרוקציע פון דער מענטשלעכער קולטור. קעגן מלחמות און דיקטאַטור.

אויך פאַר ישראל, ווי עס בושעוועט היינט דער פאַנאַטיזם, די שנאה, פּאָליטישע אינטריגעס, פּאָליטישע קאָרופּציע און פאַרטייאישע דעמאָראַליזאַציע איז נויטיק אַ באַוועגונג פון "סאָלידאַרנאָשטש", וואָס זאָל צוימען דעם שאָוויניזם, אָפּשוועכן די שנאה. אָנשטאָט צו כומייניזירן זאָל זי הומאַניזירן אונדזער לעבן, באַפרייען פון רעליגיעזן און פּאָליטישן צוואַנג און אויפוועקן נייע לעבעדיקע שעפערישע כוחות. פאַר אַ פריי לאַנד פון פרייע מענטשן.

אַפילו ביי דער היינטיקער שוידערלעכערווירקלעכקייט אויף דער וועלט איז אונדזער אָפּטימיזם ניט קיין נאַיווער, ניט קיין אוטאָפּישער, ווייל מיר גלויבן אין די לעבעדיקע שעפערישע כוחות וואָס רופן צו ליבע און פרייהייט, קעגן די טעאָקראַטישע דאָגמעס; פאַר קעגנזייטיקער הילף, סאָלידאַריטעט און פעלקער־פריינדשאַפט, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו די מלוכהשע אונטערדריקונג, צו דער אנטמענטשונג און פּאָליטישע מחלוקתן וואָס טראָגן אין זיך די סכנה פון טערמאָניקולאַרער צעשטערונג פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. דערצו מוזן די פעלקער זיך באַפרייען פון אַלע ברוינע, רויטע און שוואַרצע דיקטאַטאָרן, פון די אינטריגענטישע פּאָליטיקאַנטן; זיך באַפרייען פון עקאָנאָמישער און מחשבותדיקער קנעכשאַפט לאָמיר ניט פאַרגעסן אַז ניט די דעקרעטן פון די רעגירונגען נאָר די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט נאָר זי מאַכט די געשיכטע.

זוגמונט פרוידס באַדײַטונג פאַר דער סאָציאָלאָגיע

אַפּילו פרידריך ענגעלס, אין זײַן "לודוויג פויערבאַך", וואַרפט אָפּ די מאַטעריאַליסטישע הנחה אַז איידער אַ מענטש גייט טראַכטן, מוז ער פריער עסן, ווײַל כדי צו עסן מוז דער מענטש פריער פילן אַ הונגער און דער געפיל פון הונגער קומט ניט פון מאָגן נאָר פון מוח און פון אינסטינקטן אויך כדי צו דעראָבערן עסן האָט דער מענטש געמוזט אָנקומען צו זײַן שכל. אויך דאָס צעטיילן די מענטשן אויף פּריווילעגירטע און באַעוולטע, קומט ניט בלויז פון עקאָנאָמישע סיבות. עס זענען פאַראַן פיזישע, גײַסטיקע, פּסיכישע און קולטורעלע וואָס צעטיילן די מענטשן און ווירקן אויף זייער גורל, זיי קענען גליקלעך אָדער אומגליקלעך מאַכן, אַרויסרופן קעגנזאַצן, קנאה און קאָנפליקטן צווישן פעלקער ווי צווישן מענטשן. דעריבער קען די סאָציאָלאָגיע ניט באַגיין זיך אָן דער פּסיכאָלאָגיע און אירע דערפאַרונגען.

פרויד האָט ענדעקט אַז דאָס נשמה־לעבן פון מענטש איז אַ פונקציע פון געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, פון דער עקזיסטירנדיקער קולטור און אירע אינסטיטוציעס. דער שייכות צווישן יחיד און דער געזעלשאַפט שפּיגלט זיך אָפּ אין דער נעווראָזע, וואָס ווערט באַווירקט פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, געזעצן, באַגרענעצונגען, באַפעלן, וואָס האַלטן דעם יחיד אין פּאַרמאַנענטער שפּאַנונג. אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט איז ניט געלונגען אָנצוהאַלטן די גײַסטיקע געזונטהייט פונעם יחיד, ווײַל די הערשנדיקע איסטיטוציעס שטערן דאָס באַפרידיקן פון די מענטשלעכע שטרעבונגען און צווינגען

דעם יחיד צו געבן אַ קרבן זיינע גייסטיקע און אַנדערע תאווהס, וואָס וועקט אים צום בונט קעגן דער קולטור בכלל. די פּסיכאָ־אַנאַליטיק קען העלפן דעם קראַנקן נאָר דורך געפינען אַ קאָמפּראָמיס מיט די באַגרענעצונגען, וואָס עס בויט אויף די געזעלשאַפט. זי קען אָבער ניט באַפרייען דעם קראַנקן פון דער אילוזיע, אַז ער קען זיך ווערן אָדער אָפּוייכן פון דערווירקלעכקייט, ווייל עס איז דאָך אומעגלעך צו ליקווידירן די קולטור און גיין "צוריק צו דער נאַטור". דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן איז דאָך דער פּאַרטיידיקונגס־בונד דער אכזריות פון דער נאַטור. בלייבט אַלזאָ דעם מענטש צו רעפּאָרמירן די קולטור און ווי־ווייט־מעגלעך צופּאַסן זיינע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס צום נוצן און גליקזעליקייט פון דעם מענטש, דערמיט אויסצומיידן דאָס אַנטלויפן פון יחיד פון דער ווירקלעכקייט און זיך באַהאַלטן אונטער וועלכע עס איז אילוזיע. לויט פרוידן איז אויך רעליגיע ווי אַן אילוזיע, אַ וויכטיקער גורם וואָס פּענטעט דעם שכל און איז דער גרעסטער שונא פון וויסן אויך אַ סכנה, ווייל זי קען מיט איר געוואַלטיקן כוח און מעגלעכקייטן באַהערשן דעם מענטשלעכן גייסט, ווייל די צוקונפט פון מענטש איז אָפּהענגיק פון זיין שכל און פאַרשטאַנד. רעליגיעזע השפעה און רעליגיעזער צוואַנג ווירקט ניט ווייניק אויף דעם נערוועישן צושטאַנד פון מענטש.

עס איז דעריבער ניט מעגלעך קיין סאָציאָלאָגיע, ניט קיין פּעדאַגאָגיק אָן דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט דער פּסיכאָלאָגיע. אין זיין קריטיק איבער דער געזעלשאַפט אין איבער רעליגיע באַווייזט פרויד אז א געזעלשאפט געשטיצט אויף צוואַנג און באַגרענעצונגען ווירקט אויף דער נערוועישקייט און נערוועישע קראַנקייטן, זיי זענען אַ רעזולטאַט פון אונדזער קראַנקער געזעלשאַפט און קראַנקער קולטור.

די פּסיכאָפּאַטיע האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון דעם סטאַנדאַרט ביים באַשטימען דעם דיאַגנאָז פון אומנאָרמאַלקייט, וואָס שטיצט זיך אויף אַ מיספאַרשטענדניש, וואָס אָנערקענט דעם סטאַנדאַרט פון אַ נאָרמאַלן מענטש צו זיין: עגאָיסטיש, אַמביציעז, קאַריעריסטיש מיט אַן איבערגעטריבענעם גלויבן אין זיך. יעדע אַרט פון ניט קאָנווענציאָנעלע אויפפירונג, טראַכטן אָדער אַנדערש אויפנעמען די ווירקלעכקייט;

יעדער ·קאָנפליקט צווישן דעם „איך" אין זיין סביבה, ווערט באַטראַכט פאַר אַ סימפּטאָם פון אומנאָרמאַלקייט ווי אַ סימן פון שגעון, ווענען מען דאַרף פאַרשפאַרן אין משוגעים־הייזער, עס איז אָבער אַ גרויסער ספק צי מיר האָבן רעכט צו פסקענען ווי עס הויבט זיך אָן די גרענעץ פון נאָרמאַלקייט. עס זענען דאָ פּסיכאָלאָגן וואָס האַלטן אַז עס זענען בכלל ניטאָ קיין נאָרמאַלע מענטשן נאָר בלויז פאַרשידענע דרגות פון נטיות צו נערוראַטיזם און פּסיכאָפּאַטיע. יעדער מענטש איז אין אַ געוויסער מאָס ניט נאָרמאַל. ווער מער ווער ווייניקער. לויט דער טעאָריע איז פאַרברעכן אומפאַרמיידלעך. אָבער דאָס איז אַ שטאַרק איבערגעטריבענע מיינונג. מען קען דאָך אויך זאָגן, פאַרקערט, אַז נאָרמאַלקייט איז אַן ענין פון דרגות. אויב נעוורואַטיזם דריקט זיך אויס אין איבערגעטריבענער אייגנליבע, עקשנות, מיט ניט רעכענען זיך מיט קיין שום זאַך, באַשטייט נאָרמאַלקייט און בשותפותדיקע טעטיקייט צווישן דעם באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסטזיין. ווען מען האָט געפרעגט פרוידן — וואָס דאַרף טון אַ נאָרמאַלער מענטש? האָט ער גענטפערט: „ער דאַרף ליב האָבן און אַרבעטן!". אויב אַזוי האָבן מיר אַ גרויסע מערהייט פון נאָרמאַלע מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן די וויכטיקסטע עלימענטן פון אַן אַנטוויקלטער פערזענלעכקייט פון ווענען מיר האָבן רעכט צו פאָדערן: דאָס אויפנעמען נוצלעך דיווירקלעכקייט, זיין שלווה מיט זיך אַליין, ווי מיט אַנדערע און מיט דער נאַטור; צו קענען זיך קאָנצענטרירן אויף פּראָבלעמען, האָבן אַ געפיל פאַר פרטיות, ניט האָבן קיין גייסטיק באַגרענעצטע האָריזאָנטן, האָבן אַ געפיל פאַר חברישקייט און סאָלדאַריטעט, אַ מאָראַלישע פאַרשטענדעניש, אַ חוש פאַר הומאָר, כוח פון שעפערישרייט; ווי אויך לעבנס־קראַפט, יצר, געפיל, פאַנטאַזיע, פאַרשטענדעניש און ווילן.

ניט שטענדיק דאַרפן מיר באַדויערן אַ גייסטיק קראַנקן, ווייל אין זיין גייסטיקן צושטאַנד פאַרווירקלעכט ער אָפט די שענסטע חלומות און רעאַליזירט זיינע פאַרלאַנגען. פאַרוואָס זאָלן מיר אים ניט לאָזן שווימען אין זיין וועלט פון אילוזיעס? נאָך ערגער וואָס מיר פאַרשפאַרן אומגליקלעכע מעלאַנכאָליקער, וואָס טשעפּן ניט קיין פליג אויף דער וואַנט, ווען מיר איזאָלירן ניט און לאָזן זיך באַאיינפלוסן

פון ניט־נאָרמאַלע מלחמה־העצערס, פּרעדיקער פון ראַסן־האַס און פעלקער־שנאה, קראַנקע פאַנאַטיקער, דיקטאַטאָרן, גענעראַלער און "הויכגעשעצטע" אין דיפּלאָמאַטישע צילינדערס, וואָס זענען שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס באַוואָפענען מיט זייערע קראַנקע מוחות די פעלקער מיט שנאה און האַרמאַטן, וואַרפן אָן אַן אימה און פחד, אַ מין אַלגעמיינע הידראָפאָביע, זענען זיי דען ניט גייסטיק קראַנק? איז דען אַ געזעלשאַפט וואָס טאָלערירט מלחמות און דיקטאַטור אַ נאָרמאַלע געזעלשאַפט?

די אויפגאַבע פון דער פּסיכאָלאָגיע איז אָבער ניט צו ענטפערן — וואָס איז דער מענטש? נאָר ווי אַזוי איז דער מענטש? און זי פאָרשט זיינע האַנדלונגען און אויפפירונגען, כדי צו ענטפערן ווי אַזוי דאַרף דער מענטש לעבן? ווייל אויב איז די אידעע פון באַשאַף אַ לאָגישער, טאָר דאָך די מענטשלעכע געזעלשאַפט ניט זיין איר קרימער שפּיגל... כאָטש דער מענטש קען ניט לעבן אַליין נאָר אין אַ געזעלשאַפט, פעינטעט אים, קעגן וועלכע ער רעוואָלטירט און קאַפּיטולירט. אַוודאי האָט פרויד געזינדיקט, מיט שאַפן געוויסע דאָגמאַטישע טעאָריעס געשטיצט אויף איינציקע פאַקטן, אָבער קיינער פאַר אים האָט ניט געוואַגט אַריינצוקוקן אין אַזעלכע טיפענישן אין דער מענטשלעכער נשמה ווי ער האָט דאָס געטאָן. אַ דאַנק אים וועלן ווערן מער באַשיידענער די וואָס ווילן געשעענישן דערקלערן. בלויז מיט עקאָנאָמישע סיבות. אַזעלכע דערשיינונגען ווי היטלעריזם, סטאַליניזם, "מאָסקווער פּראָצעסן", רייכסטאַג־שריפה, אוישוויץ און אַנדערע טראַגישע געשעענישן און פּאָליטישע אינטריגעס, דאַרפן געפינען זייער באַשייד מער אין דער פּסיכאָפּאַטיע ווי אין דער עקאָנאָמיע. די פאַנאַטישע און "געניאַלע" פירער. ווי ראָבעספּיער, סען זשוסט, היטלער און סטאַלין זענען געווען נעוראַטיש קראַנקע וואָס זענען גרייט געווען פאַר "גערעכטיקייט" אַ וועלט אומצוברענגען. עס פעלן גאָר ניט אַזעלכע "אידעאַלישע" באַנדיטן, וועלכע ווילן מיט דער הילף פון טעראָר, מאָרד און פאַרברעכן "גליקלעך" מאַכן די וועלט. די נאַציסטישע באַשולדיקטע אויף דעם נירנבערגער געריכט און אויך אייכמאַן האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען משפּט זיי, בלויז פאַר אויסמאָרדן אַביסל מיליאָנען מענטשן? דאָס איז די גייסטיקע קראַנקייט

פון אונדזער צייט. פֿאַר דער פּסיכאָלאָגיע ווי פֿאַר דער סאָציאָלאָגיע שטייט די פֿראַגע ווי אַזוי זאָל דער מענטש זיך אַרויסרייסן פון דער חיות־וועלט און ווערן אַ ראַציאָנעל פרייע באַשעפעניש?

קאראל קארש — דער טעראָעטיקער פון "נייעם לינקס"

דער אידעישער באַנקראָט פון מאַרקסיזם האָט אין די מוחות פון געוויסע אינטעלעקטואַלן און פּראָפעסאָרן געבוירן דעם געדאַנק צו ראַטעווען דעם מאַרקסיזם מיט דער הילף פון געוויסע אַנאַרכיסטישע קאָנצעפּציעס אויסגעפינען אַ סינטעז, וואָס זאָל ביידע ריכטונגען אין סאָציאַליזם פאַרייניקן.

איינער פון זיי איז געווען דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר פון סאַן־דיעגאָ אוניווערסיטעט — הערבערט מאַרקוזע. אין זיינע ווערק: "חכמה און רעוואָלוציע" (1941) און "דער איינקלאַסיקער מענטש". (1964) אַ געבוירענער אין דייטשלאַנד איז מאַרקוזע געבליבן געטריי די אויטאָראַטיווע פילאָזאָפיעס פון העגעלן און מאַרקסן, ער האָט אָבער פּרובירט צו באַנייען דעם מאַרקסיזם מיט אַריינגיסן אין אים אַ ביסל אַנאַרכיסטישן גייסט און אויך פרוידס טעאָריע וועגן סעקס, ווי אַ וויכטיקער גורם, נעבן דעם עקאָנאָמישן, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע.

דער צווייטער ענלעכער פּרווו איז געקומען פון דעם איטאַליענער לואיגע פאברי, וואָס האָט דאָס געטאָן אין זיין בראָשור "די היסטאָרישע און זאַכלעכע צוזאַמענהאַנג צווישן מאַרקסן און אַנאַרכיזם". לויט אים דאַרף מען פון מאַרקסיזם באַזייטיקן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון אַנאַרכיזם דעם אינדיווידואַליזם. לויט אים איז מאַרקס און באַקונין געווען די צוויי גרעסטער רעוואָלוציאָנערן און צווישןביידן דאַרף געשאַפן ווערן אַ בריק. ער האָט אָבער ווייניק געהאַלטן פון

קראָפּאָטקינען צוליב זיין הומאַניזם.

אַן ענלעכן פּרווו האָט געמאַכט, אין דער ריכטונג, דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט דאַניעל גורין. ער האָט געפונען צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם אַ געמיינזאַמע אָרדענונגספאָרם, דאָס איז די זעלבסטפאַרוואַלטונג, לויט אים, איז לענין געווען דערפון דער פאָרמולירער, כאָטש אָט די אידעע איז אין דער רוסישער רעוואָלוציע פאַרגעסן געוואָרן. דעם זעלבן גורל האָט געהאַט דער פּאָזיטיווער פרווו צו שאַפן דורך די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן די אַגראַר־אינדוסטריעלע קאָמונעס אין די 30־קער יאָרן, צו וועלכע די מלוכה־סאָציאַליסטן האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו. לויט גורינען האָט דער מלוכה־סאָציאַליזם געליטן אומעטום אַ גרויסע פּיאַסקע און ער געפינט אַז מען דאַרף אָנשפּאַרן דעם מאַרקסיזם אויף די סינדיקאַטן פון די שפּאַנישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, ווי אַ סינטעז צווישן אַנאַכיסטישן אויטאָנאָמיזם און מאַרקסיסטישן צענטראַליזם.

אַ פּרווו אין דער ריכטונג האָבן געמאַכט אויך די ברידער כהן בענדיט. דאַניעל בענדיט איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער באַוועגונג „22 מאַרץ" וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער מאַי רעוואָלוציע פון 1968 יאָר. די באַוועגונג האָט באַזעצט די אוניווערסיטעטן און גערופן די אַרבעטער צו באַזעצן די פאַבריקן. דער „רויטער דאַני" האָט זיך געקרוינט סיי אַלס אַנאַרכיסט סיי אַלס פּראָ־קאָמוניסט, אָבער אַלס קעגנער פון באָלשעוויזם. ער האָט געזוכט צו פאַרייניקן דעם אַנאַרכיזם מיט טראָצקיסטישע, מאַואיסטישע און די פּידעליסטישע יוגנט און סטודענטן. לויט אים האָט דער פּראָלעטאַריאַט אָפּגעשפּילט זיין היסטאָרישע ראָלע און די רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו דאַרף איבערגיין אין די הענט פון דער אינטעליגענץ. די אוניווערסיטעטן דאַרף ווערן דער שפּרינג־ברעט פאַר דער נייער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס זאָל פריי מאַכן דעם וועג פאַר דעם אָריגינעלן ראַטן־מאָדעל. די ברידער כהן־בענדיט זעען אין דער מאָדערנער טעכניק און אין איר געוואָלדיקער קאָמוניקאַציע־נעץ די גרויסע מעגלעכקייט פאַר אַ דירעקטער דעמאָקראַטיע, וואָס זאָל די הערשנדיקע הערואַרכיע פאַרטוישן אויף זעלבסטפאַרוואַלטונגען פון די מאַסן. זיי וואַרפן אָפּ לעניגס סיסטעם פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן" און. לויט זיי, דאַרף

די נייע באַוועגונג זיך שטיצן ניט אויף פונקציאָנערן־אַפּאַראַטן, ניט אויף פּאָליטישע באַוועגונגען, נאָר זי דאַרף באַשטיין פון „אַקציע־קאָמיטעטן" פון די מאַסן גופא. לויט זיי ליגט אין באָלשעוויסטישן אָרגאַניזאַציעטיפּ איר אַנטי־פּאָלקס כאַראַקטער. לויט זיי איז דער אוקראַינישער אַנאַרכיסט מאַכנאָ געווען באַדייטנדיקער פאַר לענינען. דער קאָנטעראָרעוואָלוציאָנערער באַדייט פונעם ראַטן־פאַרבאַנד הייבט זיך אָן פון לענינען און איר צענטראַליסטישער הערארכיע־סיסטעם.

עס זענען געווען נאָך אַנדערע פּרוּוון צו וועלכע עס געהערט אויך די שולע, וואָס רופט זיך „ראַטן־אַנאַרכיזם", געגרינדעט דורך יאָהאַן אלדיי און באַזונדער דער האָלענדישער דענקער ראַיאַל וואַן דוען וועמענס ווערק: „איינלייטונג צו אַ פּראָוואָצירנדיקן דענקען", וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער האָלענדישער יוגנט און געפירט צו דער גרינדונג פון דער האָלענדישער יוגנט־באַוועגונג — „פּראָוואָ", ווי אויך פּרוּוון צו שאַפן אין דייטשלאַנד אַ נייעם „ספּאַרטאַקוס־בונד". פון דעם אַלעמען איז געבוירן געוואָרן דער „נייער לינקס", וואָס אויך די „גרינע" אין דייטשלאַנד קען צוגערעכנט ווערן צו אָט דער באַוועגונג, וואָס איז אַ געמיש פון מאַרקסיזם־לענינזם, מיט דער מאַואיסטישע טעאָריע פון „שטאָט־גערילע" און פרוידאַנישער טעאָריע פון סעקס. צו איינעם פון די הויפּט־טעאָרעטיקערס פון „נייעם לינקס" דאַרף מען אומבאַדינגט צורעכענען דעם דייטשישן, שטאַרק פּאָפּולערע פּערזענלעכקייט, דאָס איז געווען קאַראָל קאָרש.

ווער איז געווען קאַראָל קאָרש?

געבוירן ביי אַ פאַמיליע פון מלוכה־אַנגעשטעלטע מיט אַ נאַציאָנאַלער אָריענטאַציע. פון 1906 שטודירט קאַראָל קאָרש אין עטלעכע דייטשע אוניווערסיטעטן אין 1910 באַקומט ער זיין דאָקטאָראַט. פון 1912 ביז 1914 שטודירט ער אין ענגלאַנד און טרעט דאָרט צו צו דער פאַביאַן־געזעלשאַפט. אין דער ערשטער וועלט מלחמה דינט ער אַלס פּראָנט־אָפיציר אין דער דייטשישער אַרמיי און ער ווערט צוויי מאָל דעגראַדירט פאַר זיין אַנטי־מלחמה שטעלונג. אין 1919 מאַכט ער אַ פּרווו צו שאַפן אין דייטשלאַנד אַ פאַביאַן־

געזעלשאַפט. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ווערט ער פאַררעכנט אַלס דער באַדייטנדיקסטער פאָרשער, טעאָאַעטיקער פון מאַרקסיזם און דער קלאַסישער קריטיקער פון בערשטיינס רעוויזיאַניזם און אויך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, באַזונדער איבער קאַוטסקען. זיינע ווערק איבערגעזעצט אין ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש, פויליש, יוגאָסלאַוויש און באַזונדער אין איטליעניש, ווי עס ווערט וועגן אים אַ סך געשריבן. צו זיינע דעמאָלטדיקע ווערק געהערן: "פון דער פילאָזאָפיע פון פראָלעטאַריאַט צו אַ פראָלעטאַרישע וועלט־אַנשויאונג", "באַציאונגען פון מאַרקסיזם צו העגעלן", "מאַרקסיזם און פילאָזאָפיע", "שריפטן וועגן סאָציאַליזירונג", "מאַטעריאַליסטישע וועלט־אויפפאַסונג" און אַ זאַמלונג "סטודיע וועגן מאַרקסיזם".

אין די דאָזיקע ווערק פאַרנעמט זיך קערש מיט אַ טיפע אינטערפּרעטאַציע פון מאַרקסיזם און איר געשיכטע, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר אינטעלעקטואַלן אַנאַליז און אָריגינעלקייט פון געדאַנק. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד ווערט ער אַ מיטגליד אין די אַרבעטער־און זעלנער־ראַטן פון דער שטאָט מייניגען און אין 1919 טרעט ער אַריין אין דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זאָגט זיך דאָרט אַרויס פאַר אַריינטרעטן אין קאָמינטערן, און פאַר אַ פאַראייניקונג מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. אין דער צייט זעצט ער פאָר זיינע סטודיעס איבער מאַרקס, ענגעלס און העגעל און אין 1928 ווערט ער פּראָפעסאָר פאַר ציווילע רעכט, דערביי האָט ער געפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, שוין אַלס מיטגליד פון דער ק.פ.ד.

איינע פון זיינע וויכטיקסטע פאַראינטערעסירונגען איז געווען די באַציאונג פון מאַרקסיזם צו דער פראַגע פון דער שטאַט און ער איז געשטאַנען אויף, דעם זעלבן שטאַנדפּונקט וואָס לענין אין זיין ווערק "מלוכה און רעוואָלוציע". ער האָט שטאַרק קריטיקירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פאַר זייער נעגירן דעם דאָזיקן פּראָבלעם. דאָס באַגאַטעליזירן דאָס פּראָבלעם פון דער באַציאונג צו דער מדינה און פון מאַרקסנס און ענגלעסעס שטעלונג צום אָפּשטאַרבן פון דער מלוכה, איז לויט אים, דער צייכן פון פּחדנות און מאַנגל

פון רעוואָלוציאָנערן באַוווסטזיין פון דעם אָרטאָדאָקסישן, וווּלגאַרן מאַרקסיזם. דאָס ניט זיך פּאַראינטערעסירן מיט דעם פּראָבלעם פון דער מלוכה פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גייט געפּאָרט מיט דעם ניט אינטערעסירן זיך מיט דער רעוואָלוציע בכלל, דאָס אָנערקענען פון דער ס. ד. די נויטיקייט פון סאָציאַליזם און דאָס אָנערקענען די ריכטיקייט פון מאַרקסיזם האָט, לויט קאָרשן, גאָר ניט צו טאָן מיט דעם פּראַקטישן ווילן צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. ער דריקט זיך אויס — "די נויטווענדקייט עפּעס צו אָנערקענען איז עפּעס אַנדערש ווי זיך צו שטעלן אין דינסט פון דער נויטווענדיקייט".

אין זיין באַציאונג צו דער פילאָזאָפיע האָלט קאָרש אַז זי דאַרף זיין עפּעס מער ווי אַ טעאָריע און עפּעס מער ווי אַ פילאָזאָפיע און די אויפגאַבע פון מאַרקסיזם איז ניט קיין ריין טעאָרעטישע נאָר דאַרף דינען די צילן פון דער רעוואָלוציע. מיר וועלן זיך אין דאָזיקן קורצן אַרטיקל ניט פאַרנעמען מיט דעם ברייטן אַנאַליז פון קאָרשן איבער העגעלן און איבערן מאַרקסיזם און אויך ניט מיט זיין אידענטיפיצירן זיך מיט די שטעלונגען פון לענינען וועמען ער באַצייכנט (מאַרקסיזם און פילאָזאָפיע) פאַר דעם טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. און ער אַליין האָט זיך געשטעלט פאַר זיין העכסטן ציל צו דערפירן דעם מאַרקסיזם צו זיין אָריגינעלן, ניט פאַרקריפּלטן צושטאַנד, דורך קאַוטסקען, הילפערדינגען און בערנשטיינען און אַנטוויקלען אים אין גייסט פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע.

קאָרש האָט פאַקטיש ניט געקענט די וויכטיקסטע ווערק פון לענינען, ווי זיין "מאַטעריאַליזם או עמפּיריאָקריטיציזם", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן ערשט אין 1927 און אויך ניט זיין "וואָס זאָל מען טוען?". ער האָט בלויז געקענט זיין ווערק "מלוכה און רעוואָלוציע " און געגלויבט אַז לענין איז געטריי דער אידעע — פון דער מאַכט פון די ראַטן. קאָרש איז געבליבן אַ קאָנסעקווענטער קעגנער פון דער סאָצ־דעמאָקראַטיע און די פּירנדיקע גרופּע זייערע געהאַלטן פאַר אַ פּראַקציע פון דעם פאַשיזם. נאָכן איבערנעמען דורך רות פּישער, מאַסלאָוו און ראָזענבערגן די אָנפירערשאַפט איבער

דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווערט קאָרש נאָמינירט פאַרן הויפּט־רעדאַקטאָר פון איר טעאָרעטישן אָרגאַן "אינטערנאַציאָנאַל" און געשטיצט אָט די גרופּע קעגן די אַנדערע אידעאישע גרופּן אין דער פּאַרטיי. אין דער צייט האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באָלשעוויזירן די פּאַרטיי און קריטיקירט געוויסע קאָנצעפּציעס פון ראָזאַ לוקסענבורג און אויך טראָצקיס טעאָריע פון פּערמאַנענטער רעוואָלוציע, צושרייבנדיק אַ גרויסע ראָלע די אַרבעטן פון לענינען און סטאַלינען. ער האָט אויך פאַרטיידיקט די מיינונג, אַז אַלץ וואָס עס ווערט געטון אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווערט דיקטירט פון די אינטערעסן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער אידעישער איבערברוך ביי קאָרעשן האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין קריטיק איבער די באַשלוסן פון קאָמינטערן, אין 1925 טרעט ער אַרויס אלס רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט "אינטערנאַציאָנאַל" און אין 1926 ווערט ער באַזייטיקט פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ער ווערט איינער פון די וויכטיקסטע טוער פון דער א. ג. "די דעצידירטע לינקע" מיט איר צייטשריפט "קאָמוניסטישע פּאָליטיק", וואָס קריטיקירט שאַרף די קאָמינטערישע טעזע פון אַ "צייטווייליקע סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם". ער וואַרפט פאַר דעם קאָמינטערן אָפּאָרטוניזם און דאָס אָפּזאָגן זיך פון די יסודות פון מאַרקסן, לענינען און ראָזאַ לוקסענבורגן. און קאָרש פירט זיין אַגיטאַציע קעגן דער פאַרקריפּלונג פון אמתן לעניניזם, פעסטשטעלנדיק אַז די פּראַקטיק פון סטאַלינען און די טעאָריע פון בוכאַרינען דערנענטערן זיך צו די טעאָריעס פון קאַוטסקען און בערשטיינען, נאָך דער דעראָבערונג פון דער מאַכט. אונטערן דרוק פון די געשעענישן אין ראַטן־פאַרבאַנד און דער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, ווי דאָס פאַרניכטן די אָפּאָזיציע אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, שטויסט אים צו אַ ראַדיקאַלע רעוויזיע, פון זיינע מיינונגען איבער דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און איבער לענינען. אין זיין אַרטיקל: "צען יאָר קלאַסן־קאַמף אין סאָוויעטן־אוסלאַנד", שרייבט ער אַז די פּראַקציע־קאַמפן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, שפּיגלען דאָרט אָפּ די קלאַסן־אינטערעסן אָדער די אינטערעסן פון דער הערשאַפט קעגן די קלאַסן־אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט.

לויט אים איז דאָס אויך די מפּלה פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס הייבט זיך אָן מיטן ליקווידירן די "אַרבעטער־אָפּאָזיציע" אין 1920—1921 דורך דער צענטראַליסטישער דיקטאַטור. אַזוי אַז פון דער באַרימטער אָקטאָבער רעוואָלוציע איז אויסגעוואַקסן אַ נייע ווירקלעכקייט, ווי אַ נאַקעטער, נייע פאָרם פון אַ בורזשואַזער מדינה, וואָס שיידט זיך אונטער נאָר לויטן פאָרם פון די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע מדינות. פאַרשטענדלעך אַז ער באַנוצט זיך נאָך מיטן מאַרקסיסטישן מעטאָד, צו דערקלערן די סיבות פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער צייט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און אָט פון דער שאַרפער קריטיק איבערן ראַטן־פאַרבאַנד און דעם לעניניזם גייט ער איבער צו אַ קריטיק איבערן מאַרקסיזם. ער באַווייזט אַז אין די 80־קער און 90־קער יאָרן פון צוואַנציקסטן י. ה. האָט דער מאַרקסיזם געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אויף דעם פּראָגרעס פון דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט, כאָטש עס האָט אויך געהאַט אירע מינוסן, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן אַלץ בולעטער דאָס צווייגענען זיך פון אַרבעטער קלאַס די טעאָריע פון דעם מאַרקסיזם, האָט זיך אַמשאַרפסטן אָפּגערופן אויף דער קעגנזאַץ צווישן דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע און דער פּראַקטיק. ווייטער זאָגט ער אַז דער אָרטאָדאָקסישער מאַרקסיזם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צוים וואָס האָט געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג און דעם באַוווּסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער אויך לענינען קריטיקירט ער פאַר זיין טראַקטירן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם ווי די העכסטע אינסטאַנצן אָפּוואַרפנדיק אַלע פריערדיקע און היינטצייטיקע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט אויף אירע אַלע געביטן. און דאָס שטעלן פון לענינס עפּיגאָנען די אַבסורדישע איבערהאַנט פון אָט דער פילאָזאָפיע אָבער דער נאַטור וויסנשאַפט און געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, ווי איבער דער גאַנצער קולטורעלער שאַפונג איז ניט מער ווי דאָס איינשטעלן אַן אידעאָלאָגישע דיקטאַטור וואָס פאַרוואַנדלט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָגרעס אין אַ שוואַרצע רעאַקציע, וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין ראַטן־פאַרבאַנד אויף אַלע געביטן פון גייסטיקן לעבן. אַזוי אַרום אָנהייבנדיק פון דער קריטיק איבער לענינען דערגייט קאָרש צו דער קריטיק איבער מאַרקסן און ענגעלסן. דאָס

האָט דערפירט צו קאָרשס דערווייטערן זיך פון מאַרקסיזם. דאָס קומט פאָר נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט. אין די יאָרן פון זיין עמיגראַציע, ווו ער האָט אָנגעשריבן זיין בוך "קאַרל מאַרקס" און אַ פּאָר צענדליק אַרטיקלען אויך וועגן די געשעענישן אין שפּאַניע. אין דער צייט דערוואַכט אין אים אַ טיפע סימפּאַטיע צום רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם און צום אַנאַרכיזם, באַזונדער צום שפּאַנישן אַנאַרכאָסינדיקיוליזם. דאָס באַווייזט זיין פאָרוואָרט צו באַקונינס אַרבעט: "מלוכהשקייט און אַנאַרכיע" ווי ער שרייבט אַז באַקונין האָט פיל שאַרפער פון מאַרקסן פאָרגעזען די דערשיינונגען פון די היינטצייטיקע רעוואָלוציעס. זיין קריטיק איבער מאַרקסן באַווייזן זיך שוין אין זיינע אַרטיקלען "איבער דער פּאַריזער קאָמונע" אין 1931 ווי אין זיין רעפעראַט: "עמפּיריזמוס אין דער העגעלישער פילאָזאָפיע" אין 1931. ווו ער פירט דורך זיין רעוויזיע איבער זיינע פריערדיקע איבערצייגונגען.

אין די דאָזיקע פּובליקאַציעס באַווייזט ער, אַז דער זיג פון דער קאָנטעררעוואָלוציע איז ניט אַ פּאַקט בלויז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער נאָר אויך אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָס דריקט זיך אויס אַמשאַרפסטן אין דער אומפּעאיקייט פון פּראָלעטאַריאַט זיך אַנטקייגנצושטעלן דעם פאַשיזם. דער צווייטער כאַראַקטער פון דער קאָנטראָרעוואָלוציע איז דער געוואַלטיקער וווקס פון דער באַדייטונג פון דעם שטאַאַט, און קאָרש וואַרפט די שולד אויף דעם מאַרקסיזם, ווען ער מאַכט אויך אידעאיש פאַראַנט־וואָרטלעך פאַרן זיג פון פאַשיזם. אין זיין קריטיק איבער מאַרקסן זאָגט ער "מאַרקס איז קריטיש אָבער ניט פּאָזיטיוו". ווייטער וואַרפט ער פאָר מאַרקסן אַז ער האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון יאַקוביזם און בלאַנקיזם, צוגעבנדיק דער פּאָליטיק אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג אויף דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע. ער באַשולדיקט אים אויך אין אַוואַנגאַרדיזם, ווי עס באַווייזט מאַרקס בריוו צו וויערא זאַסוליטש, ווי ער שרייבט "די סיטואַציע אין רוסלאַנד זעט אויס צו זיין אַזעלכע אז אַ קליינע גרופּע מענטשן קענען האָבן די מעגלעכקייט פון דורכפירן אַ רעוואָלוציע". וועגן די בלאַנקיסטישע טענדענצן ביי מאַרקסן, האָט שוין דערמאָנט בערנשטיין אין 1899 און לענין האָט דאָס ווייטער אַנטוויקלט אין דער

פראַקטיק פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן".

אין זיינע צען טעזן וועגן מאַרקסיזם פון 1950 ווערט אין דער צווייטער טעזע געזאָגט: דער ערשטער טריט פון אויפבויען אַ רעוואָלוציאָנערע טעאָריע און פּראַקטיק איז ברעכן דעם מאַרקסיסטישן מאָנאָפּאָל איבער די רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו און פּראַקטישע אָנפירערשאַפט, ווו איינע פון די באַדינגונגען איז אויך דאָס נעגירן די צו גרויסע ראָלע וואָס עס ווערט צוגעשריבן דער מלוכה אַלס אַ דעציזירנדיקער געצייג פון דער געזעלשאַפטלעכער רעוואָלוציע. קאָרש האָט בעסער פון אַנדערע פאַרשטאַנען דעם קאָנטעררעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דער מלוכה.

מיטן אויפשטייגן פון „נייעם לינקס" האָט זיך קאָרש אַרויסגערוקט אַלס איינער פון אירע וויכטיקסטע אידעאישע אינספּיראַטאָרן ווי אַלס דער פאָרשער פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. אָבער די אַקטועלקייט פון זיין געדאַנק האָט אים אַרויסגעריקט אַלס דער וויכטיקסטער פאָרשטייער פון דעם מערב אייראָפּעישן לינקס. ערשטנס ווייל ער האָט מער פון אַנדערע טעאָרעטיקערס אָנגעוויזן אויף דער פּראַקטישער באַדייטונג פון באַנוצן זיך מיט דער טעאָריע. באַזונדערס האָט ער מער אַרויסגערוקט דאָס פּראָבלעם פון זעלבסטבאַשטימונג פון אַרבעטער קלאַס און די אידעע פון ראַטן און זעלבסטפאַרוואַלטונג — ווי אַ קאָנטער־רעגירונג. ער האָט זיך אַנטקייגנגעשטעלט דער קאָנצעפּציע פון אַוואַנגאַרדיזם און געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון דער עמאַנציפּאַציע פון דעם יחיד. דערמיט האָט דער מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער ניט בייגעטראָגן צו אַ רענעסאַנס פון מאַרקסיזם נאָר פאַרקערט. ער האָט טעאָרעטיש זיך דערנענטער צום אַנאַרכיזם און דאָך איז ער ווי דער גאַנצער „נייער לינקס" געבליבן ביי אַן אויטאָראַטיווע אידעאָלאָגיע, וואָס געפינט זיך נאָך ווייט פון דעם הומאַנעם און פרייהייטלעכן גייסט און כאַראַקטער פון אַנאַרכיזם. וועגן דעם וואָס עס טיילט זיי אָפּ פון אַנאַרכיזם וואָלט זיך געוויטיקט אין אַ באַזונדערע אַרבעט.

געדאַנקען וועגן רעליגיע

אין שייכות מיט דער לעצטנס אָנגענומענע אַגרעסיווע פאָרמען פון רעליגיעזן צוואַנג אין ישראל, האַלטן מיר פאַר נויטיק צו שרייבן איבער רעליגיע און מיר באַנוצן זיך מיט די מאַטעריאַל פון אַן אַלט בוך פון ל. ראָזענצווייג, וואָס אין דערשינען אין ניו יאָרקער אין 1916 און איז טיילווייז געווען און פאַרעפנטלעכט אין דער ניו ראָרקער „פרייער אַרבעטער שטימע". מיר האַלטן אַז די טאָלעראַנץ פון די רעליגיעז־פרייע מענטשן לגבי דעם רעליגיעזן צוואַנג אין ישראל האָט איבערגעשטיגן אירע גרענעצן פון לאָיאַלקייט און דערמיט פאַרשטאַרקט די חוצפה פון די כומעניסטישע עלעמענטן, וואָס שטרעבן אַרויפצולייגן קייטן אויף די מענטשלעכע נשמות. עס איז אפשר געקומען די צייט פון אַ פאַרשטאַרקט גייסטיקן ווידערשטאַנד קעגן די אַגרעסיוון כאַראַקטער פון די רעליגיעזן כומאַניזם. אין דער ערשטער רייע איז נויטיק פון דאָס ניי צו פאַרשטאַרקן די אויפקלערונגען וועגן דער ראָל פון דער רעליגיע אין דעם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן, אַ זאַך וואָס איז לעצטנס שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

ס׳איז אמת אַז אַסך דערשיינונגען אין דער נאַטור קען די וויסנשאַפט ניט דערקלערן און וועלן אפשר זיך קיינמאָל ניט לאָזן דערקלערן, דאָך זענען די רעליגיעזע דערקלערונגען נאָך מער ניט אַנעמבאַר פאַר אונדזער קלאָרן שכל אין ווערן אַלץ מער אַ באַליידיקונג פאַרן היינטיקן מענטשלעכן שכל. יעדע רעליגיע איז ניט מער ווי אַ בלינדער

גלויבן, וואָס שטיצט זיך ניט אויף, קיין לאָגישע איבערצייגונג, ניט אויף דערפאַרונג, נאָר ווי גאָט אַליין וואָלט באַפוילן אין פאָרם פון אַ געשריבענע און ניט געשריבענע תורה.

דער גלויבן איז אַזוי אַלט ווי דער מענטש. און וואָס פרימיטיוער דער מענטש איז אַלץ שטאַרקער איז זיין גלויבן, ווען טראַכטן און דענקען באַשטייט קודם כל אין צווייפלען, אין פאָרשן און אין זוכן דעם אמת. דער גלויבן איז אַלזאָ אַ ירושה דער גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט. נעמען מיר צום ביישפּיל די העסלעכע עבודה־זרה, ווי די קרבנות, וואָס אַלע פרימיטיווע פעלקער האָבן אין אָט דעם בלוטיקן מנהג געגלויבט און פּראַקטיצירט.

נאַטירלעך אַז רעליגיע אַנשטייט ביי אַ מענטשלעכע אַנטוויקלונג, ווען דער מענטש האָט שוין שכל צו פרעגן ער האָט אָבער צו ווייניק שכל צו ענטפערן. אין דעם זין איז רעליגיע אַ פאָרשריט. אָבער קוים דערגרייכט דער מענטש די שטופע פון גלויבן דאַן גלויבט ער ווי אַ קינד אין די אוממעגלעכסטע זאַכן און אָט דער קינדישער גלויבן גייט איבער פון פאַטער צום קינד פון דורות צו דורות. ספּענצער דערציילט אַז אַ נעגרין וועלכע האָט געהאַ אַ קאַמאַיע וואָס האָט, ווי זי האָט געגלויבט. געקענט זי באַשיצן פון אַ מעסער, אַ האַק אָדער קינזשאַל און זי איז אין דעם געווען אַזוי זיכער אַז זי איז מסכים געווען צו פּרובירן איר אונטערצוהאַקן אַ פיס. דאָס גיט אונדז צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַ פרוי, ביי פּרימיטיווע פעלקער, לאָזט אַ לעבעדיקע זיך קוילן און באַגראָבן נעבן איר טויטן מאַן. זייענדיק זיכער אַז אויף יענער וועלט וועט זי טרעפן זיך מיט איר מאַן.

גלויבן איז דעריבער ניט קיין סימן פון שכל נאָר פון קאָנסערוואַטיזם. אַ פּרימיטיווער מענטש זאָגט: „אַזוי האָט געטאָן מיין טאַטע און דערפאַר טו איך אויך אַזוי".

דער מענטש אין זיין קינדישן צושטאַנד, אין אַלע טיילן אין דער וועלט, האָבן אין זייער אומוויסנקייט געפילט אַ שטאַרקע מורא צו דער אומברחמנותדיקער נאַטור וועלכע ער פּרובירט מיט תפילות און תחנונים איבערצובעטן, ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן האָט ער פּרובירט מיט מתנות. די מתנות דאָס זענען געווען קרבנות.

ווען די יידן האָבן געלעבט אין ארץ ישראל האָבן זיי געברענגט קרבנות ניט נאָר פאַר זייער גאָט נאָר אויך פאַר די געטער פון זייערע שכנים. ערשט די נביאים האָבן באַקעמפט די דאָזיקע העסלעכע געצנדינערײַ. די יידן נאָך דעם ווי מען האָט זיי פאַרטריבן פון זייער לאַנד האָבן אויפגעהערט צו ברענגען קרבנות. דאָס איז דערפאַר (כאָטש טייל לייקענען דאָס) וואָס די סעמיטישע פעלקער האָבן געגלויבט אין לאָקאַלע געטער און געברענגט קרבנות נאָר אויף דער ערד ווי דער באַטרעפנדיקער גאָט האָט געוועלטיקט. אַלס באַווייז קען דינען פון דעם "ומפני חטאינו" וכו' און אין אַנדערע שטעלן אין דער תורה, וואָס באַשטעטיקן דאָס. דער מוהל פון דעם היינטיקן "עם חכם ונבון" שענקענדיק דעם קרבן, ווענדעט זיך צום באַשעפער פון דער וועלט מיט דער תפילה "זאָלסט גאָט אָנעמען מיין אַרבעט (דאָס אָפּשניידן) גלייך ווי כ'וואָלט דיר געבראַכט אַ קרבן אויף דיין מזבח". וקבל עבודתי במצוה זו כאלו הקרבתי קרבן על גבי מזבחך. צי איז דאָס דער פאַסנדיקער קרבן פאַר אַ גאָט פון צוואַנציקסטן י. ה.?

צי קען אַ פיר טויזנט יעריקע רעליגיע און פיר טויזנט יעריקע מנהגים זיין שכלדיק פאַרן היינטיקן מענטש אָבער קיין שום גלויביקער פרעגט ניט פאַרוואָס און צו וואָס איז דאָס נויטיק. דאָס מלה זיין איז אַנטשטאַנען אונטערן שאָטן פון די פּיראַמידן און איז אפשר עלטער פון די פּיראַמידן און דער ייד פון צוואַנציקסטן י. ה., וואָס האָט אַזוי פיל געשיכטע דורכגעמאַכט, האַלט זיך אַלץ נאָך ביי אָט דעם אַלט־עגיפּטישן העסלעכן מנהג. אָבער ווער עס וואַגט צו פרעגן פאַרוואָס, ווערט באַטראַכט פאַר אַן אפיקורס.

אין אַלע דורות זענען די פריידענקער, די אַפּיקורסים געוואָרן שטאַרק גערודפט. אָבער דער ערשטער ביי יידן איז דאָך געווען אברהם אבינו. אויב אַ קליינער חלק דערפון וואָס עס דערציילט די לעגענדעס זאָלן זיין אמת איז ער זיכער געווען דער גרעסטער רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר אין בבל. אין די היינטיקע צייטן איז ניטאָ קיין גרעסערער אפיקורוס ווי עס איז געווען אברהם אבינו, ווייל דער היינטיקער אפיקורוס האָט צו קעמפן בלויז קעגן איין גאָט ווען אברהם האָט געהאַט צו קעמפן מיט אַ סך געטער. און ער האָט דערפאַר

געמוזט פאַרלאָזן זיין היים און אַוועק צווישן פרעמדע, ווי קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, מען האָט ביי אים צוגערויבט זיין ווייב און דער נייער גאָט האָט אים גאָר ניט געקענט העלפן.אָט דאָס איז דער לוין פון אפיקורוס. מעגלעך אַז דער דור הפלגה זענען געווען אפיקורסים און דערפאַר אַזוי שווער באַשטראָפט געוואָרן. עס קען גאָר ניט זיין אַ גרעסערע שטראָף, וואָס עס האָט געליטן אונדזער מוטער חוה, פאַר איר אפיקורסות און צוליב איר אַלע אירע קינדער אויף דור דורות.

און וואָס איז געווען דער לוין פון קרחן, וואָס איז דאָך אויך געווען אַן אפיקורוס? ער איז געווען אַן עושר, געקענט לעבן גליקלעך האָט די ערד אים צוגעדעקט אַ לעבעדיקן. ווען אהרן וואָלט געווען אַן אפיקורוס וואָלט ער צו קיין גדולה ניט געקומען. ווען יידן האָבן געפאָדערט ביי אים אַ נייעם גאָט האָט ער זיי געגעבן און עס איז דאָך פאַרשטענדלעך אַז צו אַ גאָט פון גאָלד, מיט שכל פון אַ קאַלב, קאָן מען קיינמאָל גאָר ניט דערלייגן. און ער, דער ערשטער כהן־גדול פון איינציקן גאָט, ווייזנדיק די יידן דעם גאָלדענעם קאַלב שרייט אויס צו זיי: „אלה אלהיך ישראל". אַוודאי איז אהרן געווען אַ פחדן! און ער האָט געהאַלטן אַז עס איז לייכטער צו דינען צוויי געטער איידער צו קעמפן פאַר איין גאָט. און דאָס איז געווען דער ברודער פון דעם וואָס האָט גערעדט פנים אל פנים מיטן לעבעדיקן גאָט. דריי טויזנט יידן זענען דערפאַר דערהרגעט געוואָרן אָבער ער אַליין איז באַלוינט געוואָרן מיט דעם הויכן טשין פון אַ כהן גדול.

צי איז די אַפיקורסים ביי די אומות־העולם, געגאַנגען בעסער? די אַלטע גריכן זענען געווען דאָס פילאָזאָפישע פאָלק אין אייראָפּע און נאַטירלעך זענען זיי געווען די ערשטע צווייפלער, די ערשטע וואָס האָבן געוואַגט פריי צו טראַכטן. מיט פינף הונדערט יאָר פאַר ק.ג. האָט אין גריכנלאַנד געלעבט אַ פילאָזאָף אַנאַקסאַגאָראַס, אפשר דער ערשטער אפיקורוס אין דער געשיכטע פון אייראָפּעישן געדאַנק. ער האָט אויף אַ ריין־נאַטירלעכן אופן פרובירט דערקלערן ליקוי־חמה און ליקוי־לבנה,ווי די פאַלנדיקע שטערן אָדער מעטעאָרן און דעם רעגנבויגן און אַנדערע נאַטור־דערשיינונגען. די זון האָט ער

דערקלערט פאַר אַ שטיק צעשמאָלצן מעטאַל און כמעט אַזוי גרויס ווי אַ חלק פון גריכנלאַנד (די זון איז ביי די גריכן געווען פאַרגעטערט.) ער האָט געלייקנט אין די גריכישע געטער. האָבן די גריכישע מאַסן אים דערקלערט פאַר אַן אפיקורוס און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון אַטען, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן און איז געשטאָרבן אין דער פרעמד. אין יענער צייט האָט געלעבט אַ גריכישע שיינקייט מיטן נאָמען אַסאַפּיאַ. זי איז געווען די לעריקע פון גריכישן גאון סאָקראַטעסן און די ערשטע קעמפערין פאַר גלייכע רעכט פאַר פרויען. כאָטש זי איז ניט געווען קיין גרויסע צנועה האָט דאָס ניט געשטערט זי זאָל באַרימט ווערן. אָבער קוים האָט זי אַרויסגעזאָגט אפיקורסישע געדאַנקען, האָבן די טרערן פון פעריקל איר קוים געראַטעוועט פון טויט. אויך סאָקראַטעס האָט געמוזט טרינקען דאָס גיפט פון אַ בעכער, ווייל ער האָט אָפּגעלאַכט פון די גריכישע שעדלעכע געטער. אויך אַריסטאָטעל איז געווען באַשולדיקט אין ניט־פרומקייט, כאָטש דאָס זענען געווען פאַלשע באַשולדיקונגען האָט ער אָבער געדענקענדיק אין דעם טויט פון זיין רבינס רבי, געמוזט אַנטלאָפן פון זיין שיינער היים אין געשטאָרבן אין דער פרעמד און ביז היינט ווייסט ניט די וועלט ווי עס רוען די ביינער פון גרעסטן גאון פון זיין צייט. אויך פּראָטאַגאָרעס דער ערשטער סיסטימאַטישער בעל הדיקדוק, לאַנג פאַר אַריסטאָטלען, האָט נאָכן אָפּלעבן 70 יאָר אין גרויס כבוד, געמוזט פאַר אפיקורסות אַנטלויפן קיין סיציליע כדי צו ראַטעווען זיין לעבן און איז דאָרט דערטרונקען געוואָרן. אויך דיאַגאָרעס, געלעבט אין צווייטן העלפט פון פינפטן י. ה. פאַר ק.ג. וועמען מען האָט גערופן "דער אַטעיסט", וואָס איז אין דער יוגנט געווען זייערע רעליגעז און אויף די עלטער איינגעזען די נישטיקייט פון די געטער און דאָס אָפן אַרויסגעזאָגט, איז פאַרמשפּעט געוואָרן צום טויט. און ווען ער איז אַנטלאָפן האָט די רעגירונג באַשטימט אַ הויכן פרייז פאַר זיין קאָפּ און ער איז געשטאָרבן אין דער פרעמד. אַן אויסנאַם איז גראָד געווען דער גריכישער פילאָזאָף עפיקור, פון וועמען עס נעמט זיך דער באַגריף אפיקורס. ער איז ניט געשטאָרבן אין דער פרעמד און ניט אָרעם ער איז אָבער פאַרהאַסט געוואָרן ביי אַלע רעליגיעס. כאָטש ער איז געווען אַ הויך

מאָראַלישער מענטש האָבן זיי אים באַשולדיקט אין אויסגעלאַסנקייט. זיין דעוויז איז געווען מיר קענען ניט לעבן גליקלעך אויב מיר לעבן ניט קלוג, איידל און גערעכט!

האָבן דען די יידן געהאַט ווייניק אַזעלכע מאַרטירערס! די יידן באַטראַכטן ירבעם בן נבט פאַר אַ גרויסן אפיקורוס, כאָטש ער האָט געטאָן דאָס זעלבע וואָס אהרן הכהן, נאָר אַנשטאָט איין גאָלדענעם קאַלב האָט ער געמאַכט צוויי און פונקט ווי אהרן אויסגעשריגן — אלה אלהיך אשר העלוך מארץ מצרים.

וואָס אהרן׳ס מיין איז געווען מיטן גאָלדענעם קאַלב ווייסן מיר ניט, מעגלעך אַז דאָס איז געווען אַן אַקט פון פחדנות אָדער שוואַכן כאַראַקטער. ירבעם אָבער איז געווען מער אַ העסלעכער פּאָליטיקער ווי אַן אפיקורס. אבער דאָס פאָלק האָט אים פאַרשאָלטן מיט „המת לירבעם בעיר יאכלו בכלבים והמת בשדה יאכלו עוף השמים״... יעדער ייד האָט געוווּסט וועגן אלישע בן אבויה. איז אים געווען וואָס מקנא צו זיין! וויפל פרומע יידן אין זיין צייט האָבן באַזיצט אַזוי פיל בילדונג און וויסן ווי דער דאָזיקער ערשטער גרויסער יידישער אפיקורס! אין דער געשיכטע ווערט ער באַטראַכט פאַר דעם דאָקטור פאוסט פון תלמוד דאָס יידישע רעליגיעזע רופן אים „אחר״. וועלכער ייד האָט ניט געהערט וועגן רבינו משה בן מיימון דער רמב״ם! האָבן די יידן דען געהאַט נאָך אַזאַ גאון! די געשיכטע באַטראַכט אים פאַר אַזוי גרויס ווי משה רבינו, אָבער ווי האָט מען אים באַהאַנדלט! די פרומע יידן האָבן אים באַטראַכט פאַר אַן אפיקורס און האָבן אויף זיין מצבה געלאָזט אויסקריצן די דאָזיקע ווערטער: דאָ ליגט באַגראָבן דער אפיקורס וואָס האָט פאַרדינט אַ חרם!

און וואָס איז געטאָן געוואָרן מיט דעם גרויסן דענקער אוריאל אקאָסטאַ, ווייל ער האָט געבענקט נאָך אַזאַ יידנטום, וואָס איז פאַרקערפּערט אין די יידישע נביאים, וואָס דאַרף זיין אַ פרייע, אוניווערסאַלע און יושרדיקע רעליגיע און די פרומע האָבן אים געטרעטן מיט די פיס און געשפיגן אין פנים. און צו האָט זיך ניט געפונען אַ פרומער ייד וואָס האָט געוואָלט,

אָט דעס גרעסטן פילאָזאָף פון זיין צייט שפינאָזאַ, דורכשטעכן מיט אַ מעסער פאַר גאָטס כבוד וועגן? די פרומע האָבן מיט פאַראַכטונג אים אַריינגעוואָרפן אין חרם, ווען די וועלט האָט אים אָנערקענט פאַרן גרעסטן חכם און גרעסטן פילאָזאָף. און וויפל טראַגעדיעס האָבן דורכגעלעבט אַנדערע יידישע פריידענקערס? מען וואָלט וועגן דעם געקענט גאַנצע ביכער אָנשרייבן. אַ גליק וואָס די פאַרפאַסערס פון איוב און קהלת זענען געבליבן אומבאַקאַנט. ווען די פרומע וואָלטן געוווסט ווער די גרעסטע צווייפלער זענען געווען וואָלטן זיי באַצאָלט אַ שווערן פרייז פאַר זייערע געוואַגטע געדאַנקען. אָבער נאָר אַ דאַנק די גרויסע צווייפלער און אפיקורסים איז ניט נאָר דער פרייער געדאַנק נאָר אויך אַפילו די רעליגיעס דערגאַנגען צו דער היינטיקער הויך.

יעדעס פאָלק האָט זיינע העלדן מיט וועלכע זי איז שטאָלץ. אויך מיר יידן האָבן אַזעלכע היסטאָרישע העלדן, אָבער אויב עס גייט אין דעם פאָטער פון יידיש פאָלק, אין אברהם, איז אַ גרויסע פראַגע צו מיר מעגן מיט אים שטאָלצירן. לויט די פאַקטן פון דער תורה איז אַברהם׳ס כאַראַקטער אַזעלכער. וואָס אַ מענטש אַפילו פון דער ניט מאָדערנער צייט זאָל אים קענען רעספּעקטירן. שטעלט זיך די פראַגע פאַרוואָס האָט גאָט גראָד אים געגעבן אַ געבאָט, וואָס מיליאָנען און דורות מוזן זיך אין זיי האַלטן? און אברהם איז דאָך באַגאַנגען גאָר ניט פיינע (איידל גערעדט) מאָראַלישע טאָטן. די וואָס ווילן אים פאַרטיידיקן געפינען אַ תירוץ אַז זיינע טאָטן דאַרף מען משפטן ניט לויט די היינטיקע באַגריפן פון מאָראַל נאָר לויט די באַגריפן פון זיין צייט. אויב אַזוי, פאַרוואָס מוזן מיר זיך האַלטן ביזן היינטיקן טאָג אין די אַלטע מנהגים און דינים, וועלכע זענען גאָר ניט צוגעפּאַסט צו די היינטיקע באַגריפן פון אונדזער טראַכטן? צי איז דאָס לאָגיש צו רעספּעקטירן אַלטע מנהגים בלויז דערפאַר ווייל זיי זענען אַלט? אָבער לאָמיר זיך דאָ פאַרנעמען מיט דער פערזאָן פון אברהמען, צי איז ער טאַקע געווען אַזאַ הייליקער, וואָס מיר מוזן זיך האַלטן, אין די דורך אים איינגעפירטע מנהגים, וואָס דער וויכטיקסטער פון זיי איז דאָס מלה זיין?

אברהם איז געבוירן געוואָרן אין "באור כשדים", דאָס מיינט אין דער שטאָט "אור" פון "כאַלדעהען", אַ טייל פון בבל. די איינוווינער פון כשדים זענען פערעכנט געוואָרן פאַר כישוף־מאַכערס, שטערן־זעערס און שוואַרץ־קינסטלעריי. אין ספר דניאל ב׳ ווערט געזאָגט: "ויאמר המלך לקרא לחרטומים ולאשפים ולמכשפים ולכשדים וכו׳.

זיין טאַטע תרח האָט אים אַ נאָמען געגעבן אברם, און האָט אים חתונה געמאַכט מיט שרהין, ניט קיין פרעמדע און ניט קיין מיאוסע. דאַן האָט תרח גענומען אַברמען, שרהין און לוטן און מיט זיי פאַרלאָזט כשדים און זיך געלאָזט קיין כנען. ער איז אָבער אויפן וועג געשטאָרבן. און דאָ געשעט, ווי עס דערציילט דער תנ״ך, ווען אברם איז געווען אַלט 70 יאָר קומט צו אים יהוה און זאָגט צו אברמען: לך לך מארצך וכו׳ און אברם נעמט דאָס פעקל און גייט און ערשט ווען ער איז שוין אין כנען רופט ער, צום ערשטן מאָל, דעם נאָמען פון יהוה. ער קומט קיין כנען און געפינט אויס, אַז דאָרט איז קיין ברויט ניטאָ, פאַרלאָזט ער זיך ניט אויף גאָט און גייט ווייטער ביז ער קומט קיין מצרים ווו עס איז געווען אַ מנהג אַז דער קעניג נעמט צו זיך אין האַרעם יעדע פרוי פון זיין לאַנד וועלכע ס׳געפעלט אים. און שרה איז דאָך געווען אַ שיינע. אָבער לויט דער מצרישער רעליגיע טאָר דער הערשער ניט נעמען קיין אשת־איש און כדי זי יאָ צו נעמען, מוז ער זי מאַכן פאַר אַן אלמנה. דאָס האָט אברם גוט געוווּסט. פאַרלאָזט זיך דאָ אברם ניט אויף גאָט נאָר אַלס מורא פאַרן טויט דערקלערט ער זיך פאַרן ברודער פון שרהן און באַקומט נאָך פון דעם מלך אַ סך מתנות די זעלבע געשיכטע געשעט אַ צווייט מאָל מיט אבימלך, דעם קעניג פון גרר. אָט דער דאָזיקער דעספאָט האָט געהאַלטן שרהן אַ גאַנצע נאַכט ביי זיך און ווען יהוה מאַכט אים דערפאַר אַ פאַרוואורף, זאָגט ער צו אברהמס גאָט: "הלא הוא אמר לי אחותי היא, והיא גם היא כמאה אחי הוא בתם לבבי ובניקיון כפי עשיתי זאת". אַזוי ווּעמען האָט אברם ביידע מאָל אָפּגענאַרט? צי דאָס איז די מאָראַל פון אַ גרינדער פון אַ מאָראַלישע רעליגיע? צי דאָס איז די מאָראַל וואָס איז דורות לאַנג געלערנט געוואָרן קינדער אין די

חדרים און ווערט געלערנט נאָך היינט פאַר קינדער אין די שולן? אמת די רעליגיעזע האָבן דערויף אַ תירוץ אַז די תורה דערציילט ניט נאָר די ליכטיקע זייטן נאָר אויך די מענטשלעכע שוואַכקייטן פון די הייליקע אָבות און פירער פונעם פאָלק. אָבער אברם ווערט דאָך פון דער תורה געשילדערט פאַר אַ צדיק פון וועמען דאָס פאָלק דאַרף לערנען און נעמען אַ ביישפּיל. אברהם האָט דאָך געלעבט מיט זיין דינסט, וועלכע האָט אים געבוירן אַ זון און וועלכע ער האָט שפּעטער באַרבאַריש פאַרטריבן, אויף הונגער און טויט אין דער מדבר. און ער האָט זיין איינציקן זון געפירט צו דער עקידה. די תורה דערציילט אַז גאָט האָט געוואָלט אַברמען אויספּרובירן, דאָס באַווייזט נאָר אַז אברהם איז געווען און געבליבן אַ געצנדינער, וועלכע פלעגן ברענגען מענטשלעכע קרבנות צו זייערע געטער. אברהם וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יענע געטער, האָט דאַן באַדאַרפט אָננעמען דעם גלויבן פון אַ מער מענטשלעכן און מער העכערן באַגריף פון דער גאָטהייט, מיט מער מאָראַלישע באַגריפן. ווי האָט געוואָגט אפילו ניט צו פּראָטעסטירן, נאָר אָן וועלכע סיאיז אינערלעכן געראַנגל גרייט זיין צו שעכטן זיין אייגענעם זון? נאָך מער ווען גאָט האָלט אים אָפּ פון מאַכן דעם בלוטיקן קרבן, קוילעט ער אַ ציג, אבי גאָט צופרידן צו שטעלן. איז דען אַ וווּנדער וואָס אברהמען שרייבט מען צו דאָס איינפירן אַזאַ געצנדינערישן מינהג ווי מלה זיין, מיט דער געצנדינערישער איבערצייגונג אַז דאָס ווערט געטאָן אַלס אַ קרבן פאַר גאָט. און ביז היינט האַלטן מיר זיך נאָך אַלץ ביי דעם בלוטיקן קרבן און קענען זיך דערפון ניט באַפרייען.

צי פאַרלאַנגט דער יידישער גאָט בלוט פון דעם קליינעם, אומשולדיקן עופהלע, וואָס האָט געהאַט דעם אומגליק געבוירן צו ווערן ביי עלטערן פון אַן אַזיאַטישער רעליגיע? אויב מלה זיין האָט עפּעס אַ שייכות מיט געזונט, דאַן דאַרפן דאָך די יידן און אויך די טערקן און אַראַבער זיין די געזונטערע מענטשן, דאָס איז אָבער ווייט דערפון, און אפשר פאַרקערט זיי זענען שוואַכער פון די אייראָפּעישע פעלקער. וואָלט דער דאָזיקער מנהג געווען בלויז

ביי יידן, וואָלט מען געקענט גלויבן אַז ער שטאַמט דירעקט פון גאָט. דער אמת איז אַז דער מנהג איז עלטער פון יידישן פאָלק און איז געווען פאַרשפּרייט צווישן אַלע ווילדע און האַלב ווילדע פעלקער. ער איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין מצרים נאָך איידער די יידן זענען דאָרט געווען,ביי די אַראַבער איז דער מינהג אַזוי אַלט אַז מען האָט אַפּילו ניט געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצושטעלן אין קאָראַן, כדי צו געבן אים אַ געטלעכע הסכמה. אַפּילו ביי די אינדיאַנער אין אַמעריקע און ביי די פּרימיטיווע אין אויסטראַליע איז דער מנהג פאַרשפּרייט, אַזוי אַז דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם גלויבן אַז דאָס איז דער סאַמע יסוד פון דער יידישער רעליגיע. און דאָך טוען נאָך אַפּילו די מאָדערנע יידן, וואָס אַ באַרבאַרישער אַראַבער האָט געטאָן מיט פיר טויזנט יאָר צוריק. די ברית־מילה האָבן ניט די יידן איינגעפירט און שטאַמט גאָר ניט פון אבאהמען.

שווער צו זוכן אַ קערנדל פון היסאָרישן אמת אין דער געשיכטע פון אברהמען. עס איז קלאָר אַז זי אַנטהאַלט אין זיך אַ סך לעגענדאַרישעס. אויך די צעשטערונג פון סדום און עמורה זענען לעגענדעס, ווי די לעגענדעס פון לוט, הגר און קטורה. די מעשה פון דער עקידה איז אַ פּראָדוקט פון די צייטן ווען יידן האָבן שוין געהאַט אַ קעניגרייך. די מעשה פון אברהמען האָבן יידן אויסגעבראַרגט ביי דער מיטאָלאָגיע פון די כאלדעער פונקט ווי די לעגענדע וועגן מבול. די מעשה פון עקידה שטאַמען פון פאַרשידענע לעגענדעס. איינע פון זיי לאָמיר הערן וואָס סאַנקאַניאַטאָן. וועלכער האָט געשריבן מיט אַרום דרייצן הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן, האָט געהאַט צו זאָגן: „סאַטורן וועלכער הייסט ביי די פעניציער ישראל, האָט געהאַט פון אַ נאַטור געטין אין וואַלד באַרג אַ קינד. אַ זון, וועלכן מען האָט גערופן „יחיד", דאָס הייסט איין איינציקער (אויך יצחקן האָט גאָט גערופן „יחיד") און ווען אין לאַנד איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה, און די געפאַר צו פאַרשפּילן איז געווען גרויס, האָט סאַטורן אויפגעבויט אַ מזבח און האָט אים דעם „יחיד" באַקליידט אין קעניגלעכע בגדים און אים מקריב געווען צו גאָט. פון דער לעגענדע איז אַנטשטאַנען די עקידה. עס איז ווערט צו באַמערקן אַז

די מאַכמעדאַנער גלויבן אַז ניט יצחק נאָר ישמעאל איז געפירט געוואָרן צו דער עקידה.

און דאָך געפינען זיך נאָך יידן, וואָס זענען דאָך ציוויליזירטע מענטשן, און גלויבן אַז די אַלע לעגענדעס געהערן צו אַווירקלעכקייט. האָבן דאָך יידן ניט געוואָלט גלויבן אַז מרים, דעם סטאָלאַר פון נצרתס כלה, האָט געבוירן אַ קינד מיט דער הילף פון הייליקן גייסט און איז געבליבן אַ בתולה, און דאָך גלויבן זיי אַז בלעמס אייזל האָט גערעדט. איז דאָס רעדן פון אַ פיר פיסיקן אייזל אַ קלענערער ווונדער ווי דאָס בלייבן אַ בתולה נאָך אַ געבורט פון אַ קינד? אָבער אויך די קריסטן אין דער זעלבער דומקייט פון גלויבן אין דער הייליקער מאַמען, ווי די יידן גלייבן אַז בלעמס אייזל האָט גערעדט. קען מען דען צווייפלען, אַז ווען די תורה דערציילט וועגן דעם נס פון יעזוס געבורט, וואָלט דען פרומע יידן און דעם ניט געגלויבט? האָבן דאָך יידן, אַרויסגייענדיק פון מצרים געגלויבט אין דעם עגל־הזהב. דער קאַלב אַלס גאָט איז ביי יידן גאָר ניט געווען קיין נייעם. זיי האָבן אים געקאָנט פון מצרים.

אויב נאָך אין אונדזער צייט, נאָך דעם ווי עס זענען אַריבער פיל טויזנטער יאָרן קענען מיר דאָך מיט פאַרגעניגן לייענען וועגן יוספן מיט זיינע ברידער, וועגן יעקב און עשון, וועגן משה אין מצרים. די אַלע לעגענדעס און קוריאָזן פון דער אַלטער וועלט, נאָר ניט ווי געשיכטע, ניט ווי אַ פאַלק מיט אַ רייך אַנטוויקלטער פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונג־קראַפט. די אידעע פון מאָנאָאיזם, דער אומזעבאַרער גאָט איז דאָך אַ העכערע דערגרייכונג ווי דער גלויבן אין אַ גאָלדענעם קאַלב. ליידער האָט די יידישע רעליגיע געגעבן דער תורה אַ הייליקע באַדייטונג אין די קריסטלעכע רעליגיע האָט פּראָקלאַמירט די דאָגמאַטישע אויפפאַסונג פון דער ביבל.

פאַר אונדז דאַרף דער ספר הספרים דינען, ווי אַ דענקמאָל פון מענטשלעכן געשלעכט, וואָס גיט עסטעטישן גענוס. ווו צווישן עראָטישן ליריק געפינט מען אויך טיפזיניקע לעבנס־חכמה דעם אידעאַל פון אַ פרייע געזעלשאַפט און פון נביאישן הויכן מאָראַל. פון דאָזיקן שטאַנדפונקט וואָלט מען אַנדערש באַטראַכט די נוצן פון לערנען תנ״ך. מיר וואָלטן צוזאַמען מיט אברהמען געלאַכט פון גאָטס צוזאָג

אַז ער וועט האָבן אַ זון, זייענדיק שוין הונדערט יאָר אַלט. און ווען שרה איז געשטאָרבן איז ער שוין אַלט געווען הונדערט און זיבעציק יאָר און ער האָט נאָך חתונה געהאַט מיט קטורהן און געהאַט נאָך עטלעכע ווייבער און קעבס־ווייבער, וואָס האָבן אים געבוירן קינדער. וואָלט מען דערפון ניט געמאַכט קיין הייליקייט. וואָלט דאָס גרויסע בוך געווען דער מוסטער פון אַ ברייטער פאָלקס־שאַפונג און באַצירט, ווי אַ גרויס קינסטלעריש ווערק אונדזער גאַנצער קולטור.

אויב די רעליגיעזע אידעע האָט אַמאָל געפירט דאָס יידישע פאָלק צו אַ גרויסער גייסטיקער טעטיקייט דינט זי היינט גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. זי דראָט היינט צו אַנטוויקלען אַ יידישן כומייניזם און אַ יידיש־רעליגיעזן פאַשיזם, געבונדן מיט ראַסן־האַס און פעלקער שנאה. די היינטיקע כהנים פון דער רעליגיע וואַרפן אַרויס פון דער תורה אַלץ וואָס איז פּאָזיטיוו, הומאַן, אַלץ וואָס איז עטיש און מענטשלעך און שענקען אונדז בלויז דאָס פּרימיטיווע, אָפּט באַרבאַרישע, מנהגים און געזעצן.

★

דער מענטש האָט שטענדיק געזוכט און געפונען אַ טרייסט און הילף אין גאָט. דער רעליגיעזער געדאַנק האָט שטענדיק היפּנאָטיזירט די מאַסן און באַוועגט אין מיליאָנען אַ סוגעסטיווע פאָרשטעלונג. אין די קירכעס און געבעט־הייזער האָבן די פאַרצווייפלטע געזוכט זיינע האָפענונגען און דערלייזונג. גאָט איז געווען דער גייסטיקער צענטער. די רעליגיע — דער באַלזאַם פאַר די צעשראָקענע און געפייניקטע נשמות. משה רבנו האָט טאַקע געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ פאָלק, אַ פאַרשקלאַפּט און פאַרפייניקט און ער האָט זיך געשטעלט דעם גרויסן ציל דאָס פאָלק זיינס צו באַפרייען.

צווישן אַלע רעליגיע רעפאָרמאַטאָרן און רעליגעזע־גרינדערס, האָט משה אַמווינציקסטן זיך באַנוצט מיט ליגנט. משה האָט, כדי צו וועקן זיין פאָלק צום אויפשטאַנד ניט פאַרגעשטעלט זיך אַלס גאָט און ניט אַלס גאָטס אַ זון, נאָר בלויז פאַר אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און דעם פאָלק. משה איז געווען אַ גרויסער מענטש. זיין

גרויסקייט קען מען זען בולטער ווען מען פאַרגלייכט מיט דעם ליגן, וואָס רינגלט אַרום דעם קריסטוס־געבורט און זיין טויט. משה האָט מיט אַזעלכע ליגנס זיך ניט באַנוצט. משה האָט געוואָלט די פרייהייט פון זיין פאָלק. און כדי זיי צו באַפרייען האָט ער געמוזט זיי באַפרייען פון דער גייסטיקער קנעכשאַפט צו דער מצרישער רעליגיע און מצרישע געטער. און ער האָט זיי געשאָנקען הויכע מאָראַלישע ווערטן, וואָס ער האָט זיי פאַראייביקט אין די עשרת הדיברות. חוץ דעם ערשטן געבאָט „אנכי יהוה אלהיך", זענען אַלע געזעצן פון די עשרת הדיברות נוצלעכע און דוירנדיקע, אַרויסגעהאַקטע פונעם באַרג פון מענטשלעכע דערפאַרונג. מיט די דאָזיקע געזעצן האָט משה באַפרייט זיין פאָלק פון די עגיפּטישע מיסטעריען, וועלכע האָבן געטראָגן אין זיך גרויסע ליגנס. דאָס איז געווען דער גלויבן אין עולם הבא. מען געפינט טאַקע ניט אין דער תורת־משה קיין איין וואָרט אַפילו ניט קיין אָנצוהערעניש, איבער אַ „יענער וועלט" וואָס קומט צו די יידן פון די היידאַנישע קוועלן. משה האָט אויך ניט באַנוצט זיך מיט דעם גלויבן אין השארת הנפש, די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, וועלכע איז צו די יידן געקומען פון פּערסישע קוועלן. דער געבילדעטער משה האָט געשטרעבט די יונגע אויפשפּראָצנדיקע יידישע רעליגיע אָפּצורייניקן פון אַלע עגיפּטישע געצנדינערישע מנהגים. משה איז אָבער געווען אויך אַ קלוגער רעפאָרמאַטאָר און פאַרשטאַנען אַז רעליגיעזע איינבילדענישן קען מען ניט ענדערן מיט געוואַלט נאָר מיט לאַנגזאַמקייט און שכל. ער האָט דעריבער דעם מנהיג פון קרבנות ניט געקענט אין גאַנצן אומברענגען נאָר זי שטאַרק מאָדיפיצירט.

לויטן יידישן גלויבן איז מלה זיין דער סאַמע עיקר פון יידישקייט און דאָך האָט משה, אָט דעם עיקר פון יידישקייט, גאָר ניט אַריינגענומען אין די עשרת הדיברות, אין די פונדעמענטאַלע געזעצן פון מושה׳ס רעליגיע־סיסטעם. מיט וואָס איז דער געזעץ: „כבד את אביך ואת אמך" מער וויכטיק געווען פאַר משהן ווי דאָס מלה זיין? זעט אויס אַז משה האָט גאָר ניט געהאַלטן פאַר אַזוי וויכטיק דאָס געזעץ פון „המול לכם כל זכר", וואָס יידן האָבן געירשנט פון די מצרים און משה האָט ניט געוואָלט צווישן די הויך

מאָראַלישע געזעצן אַריינשטעלן דאָס באַרבאַרישע געזעץ פון מלה זיין. משה האָט אויך פאַרגעסן מלה צו זיין, זיין אייגן קינד. און אפשר האָט ער דאָס גאָר ניט פאַרגעסן, נאָר געוואָלט דערפון זיך באַפרייען? ווען ניט זיין געצנדינערישע פרוי צפורה וואָלט ער אפשר דאָס ניט געטאָן.

דאָס מלה זיין משהס קינד איז גאָר ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. מען קען דאָס זען פון גאָטס צאָרן. ויהי בדרך במלון ויפגשהו יהוה ויבקש המיתו״. גאָט הייסט עס, מיט וועלכן משה האָט ערשט געהעדט, באַגעגנט אים אויפן וועג און וויל אים הרגענען. דאָס איז דער אויסדרוק פון גאָטס צאָרן. אָבער ניט משה מלה׳ט זיין זון נאָר צפורה מאַכט די דאָזיקע אָפעראַציע און וואַרפט צו משהס פיס דאָס בלוטיקע שטיקל ״ערלה״ און רופט אויס: ״חתן דמים אתה לי״, ד. ה.: אַ בלוטיקער חתן ביסטו מיר, האָט דאָך משה קעגן צאָרן פון גאָט פון זיין ווייב צפורה דאָך ניט באַפלעקט זיינע הענט מיט דעם דאָזיקן בלוטיקן מנהג.

משה איז געווען גרויס און ערלעך אָבער דאָס פאָלק האָט ניט געקאָנט אָפזאָגן פון דאָזיקן מצרישן מנהיג. אָבער אין מדבר האָבן יידן זייערע קינדער ניט מלה געווען. כאָטש מיט יעדער קליינקייט זענען יידן זיך געקומען באַקלאָגן פאַר משהן, אַפילו פאַר אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ וואָס אַ ייד האָט שבת געקליבן, אָבער ווען יידן הערן אויף מלה זיין זייערע קינדער קומט קיינער זיך דערויף זיך באַקלאָגן. ערשט יהושע איז ווידער מלה די יידן. זעט אויס אַז דער תלמיד איז ניט דערוואַקסן צו דער הייכקייט פונעם רבין.

איז אפשר שטאַמט דער מנהיג פון מלה זיין, פון צפרהן, וועלכע פרעגט ניט ביי משהן נאָר כאַפּט און שניידט! און צפרה איז דאָך געווען אַ מדינית ווי דער דאָזיקער מנהיג איז געווען באַקאַנט, און אפשר איז דאָס איינגעפירט געוואָרן דורך יהושען? נאָך דעם ווי אַלע יידן זענען דורך אים באַשניטן געוואָרן האָט גאָט געזאָגט צו אים: ״היינט האָב איך פון אייך אַראָפּגענומען די שאַנדע פון מצרים״. דאָס קען פאַרשטאַנען ווערן צווייִדייטיק: אויב מיטן מלה זיין האָט מען אַראָפּגענומען די שאַנדע, הייסט עס

אַז די יידן האָבן אין מצרים זיך ניט מלה געווען. אויב יאָ וואָלט דאָך ניט געווען קיין שאַנדע פון זיי אַראָפּצונעמען. אַ צווייטער אויספיר מאַכט ר׳ ישראל אברם, אַז דעם מנהיג מלה צו זיין האָט איינגעפירט יהושע און ער ברענגט דעם דאָזיקן ציטאַט: ״די מצרים פלעגן מלה זיין זייערע קינדער, די יידן ניט, פלעגן די מצרים קוקן אויף די יידן מיט פאַראַכטונג (פּונקט ווי אַ ייד קוקט אויף אַן ערל), און ווען יהושע האָט אַלעמען מלה געווען האָט ער מיט רעכט געקענט זאָגן אַז היינט האָט ער פון זיי אַראָפּגענומען די שאַנדע און די פאַראַכטונג, וואָס די מצרים האָבן צו זיי געפילט״. דעם פלאַץ ווי מען האָט די יידן מלה געווען האָט ער אַ נאָמען געגעבן: ״גלגל״ וואָס מיינט ״אַראָפּנעמען״.

משה האָט אָבער פאַרזאָגט די יידן יעדן געצן־דינסט און אפשר האָט ער דעם בלוטיקן מנהיג פון מלהין געהאַלטן פאַר אַ געצן־דינסט? צי האָט משה געקענט פאַרגעסן זיין קינד מלה צו זיין וואָס איז דאָך דער וויכטיקסטער פונדאַמענט פון יידישקייט? ווען אַפילו היינט פאַרגעסן ניט די גרעסטע יידישע פריידענקער מלה צו זיין זייערע קינדער. טייל האָבן געפונען אַ באַרעכטיקונג און אַרגומענטן פון געזונט און נוצלעכקייט.

עס איז אפשר אַ פראַגע פאַר דער פסיכאָלאָגיע פאַרוואָס קלאַמערט זיך נאָך היינט דער מענטש, אַפילו דער פרייסטער, אין אַלטע מנהגים? דער אַלטטימלעכער מענטש האָט ניט פאַרשטאַנען צו באַהאַלטן זיינע געפילן, ניט זיין פסיכישן צושטאַנד און ער האָט אין דער רעליגיע געפונען זיין טרייסט. דער הייניטיקער מענטש, וועלכער קען אַזוי גוט זיך מאַסקירן און מיט קיסטלערישע מיטלען באַהאַלטן זיין אינערלעכע טראַגעדיע און אינערלעכן צושטאַנד געפינט זיך אין אַ גאָר קאָמפּליצירטע לאַגע. מיטן פאַרלירן זיין גאָט האָט ער פאַרלוירן דעם זיכערן קאָמפּאַס — די רעליגיע, און ער האָט דערפילט אַ מוראדיקע טונקלקייט אין זיין נשמה. ער שטייט פאַר דער גרויסער רעטעניש פון לעבן, וואָס די וויסנשאַפט קען ניט אַראָפּרייסן דעם שלייער פון אירע סודות. פון איין זייט שטייט ער פאַר דעם ״לאַנד פון חלומות״ און פון דער צווייטער פאַר דעם שרעק פון גיהנום: פאַר דעם צויבער פון ״טויזנט און איין נאַכט״ און פאַר די שוידערלעכע

בילדער, וואָס נאָר זיין פאַנטאַזיע איז ניט פעיק אַרויסצורייסן די לעצטע פעדעמס, וואָס בינדן אים מיט גאָט און מיט דער רעליגיע.

זעט אויס אַז די סיסטעמען פון קאָפּערניקן און גאַליליי, דער וועלט סיסטעם פון לאַ פּלאַס, וואָס ווערט געלערנט אין די שולן האָבן, נאָך אַלץ ניט באַזיגט די יידיש־כאַלדעישע מעשהלעך וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט. די לעגענדע ווירקט אָפּט שטאַרקער אויף דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, ווי די קאַלטע אַרגומענטן פון דער וויסנשאַפט, זי ברענגט אַ קליינעם שאָדן דער רעליגיע און זי קען ניט באַזיגן די אומזיניקע רעליגיעזע רעטואַלן. די וויסנשאַפטלעכע אמתן געפינען גאָר ניט קיין גרויסע סימפּאַטיע ביים פּשוטן מענטש, וועלכער איז פויל צו אַן ערנסטן טראַכטן. עס איז אים פיל לייכטער מיט אַ גלויבן, מיט דער מיטאָלאָגיע. אַפילו פּראָסטע שקרים האָבן אויף אים אַ גרעסערע השפּעה, ווי די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען.

דער מענטש האָט שטענדיק מקרב געווען דאָס לעבן פאַרן טויט, דאָס מיינט אַז מיר גיבן אַ קרבן דאָס וואָס ס׳עקזיסטירט פאַר דעם וואָס ס׳עקזיסטירט ניט. מיר זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַ גאָט, אָדער פאַר אַ גלויבן. די טעאָלאָגן פון אַלע רעליגיעס דערקלערן אַז גאָט איז אומבאַגרייפלעך און אומפאַרשטענדלעך און דאָך רופן זיי פאַר אים זיך מקריב צו זיין. פּייערבאַך מיינט אַז גאָט עקזיסטירט נאָר אין אונדזער פאָרשטעלונג און ער איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אונדזער אייגענעם איך. אַ נעגער, למשל, איז זיכער אַז גאָט האָט אַ שוואַרצע הויט. גאָט עקזיסטירט אין אונדזער פאָרשטעלונג ווי אונדזער בילד אין שפּיגל און פאַר אָט דער פאָרשטעלונג האָבן מיר דורות לאַנג געטראָגן דעם בלוטיקן יאָך פון יעדער טעאָקראַטישער טיראַניע. מיר זענען געווען קרבנות פון יעדן וואַנזין און קוקנדיק צום הימל האָבן מיר אָפּט פאַרלוירן די ערד.

אָבער די היינטיקע מאָדערנע טעאָלאָגן באַמיען זיך אַקראָבאַטיש צו באַווייזן, אַז די רעליגיע איז גאָר ניט אין סתירה צו דער וויסנשאַפט, אַזוי אַז די מיטאָלאָגיע און די נאַיוו־רעליגיעזע לעגענדעס קענען, לויט זיי, לעבן בשלום מיט די לאָגישסטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען. אָבער דאָס וועלן מאַכן די וויסנשאַפט רעליגיעז און די רעליגיע

וויסנשאַפטלעך, ברענגט ניט קיין קלייניעם שאָדן דעם פרייען מענטשלעכן געדאַנק.

★

דער גרויסער דענקער וואָלטער האָט אַמאָל געזאָגט אַז: „אויב עס עקזיסטירט ניט קיין גאָט, דאַן דאַרף מען אים דערפונדן, ווייל איר מוזט פאַרשטיין, אַז דאָס פאָלק נויטיקט זיך אין אַ רעליגיע”. אָבער נעבן די ערלעכע רעליגיעזע און גלויביקע מענטשן עקזיסטירט אַ קאַטעגאָריע פון גאָטלעסטיקערס: קאַפּיטאַליסטן, בערזע־שפּעקולאַנטן, פּאָליטיקערס און זשאַנדאַרמען. וואָס האָבן פון דער רעליגיע געמאַכט אַ פרנסה. פאַר זיי איז גאָט מער ניט דער אַבסאָלוטער פּערזענלעכער גאָט פון די טעאָלאָגן נאָר אַן אילוזאַטאָריש וועזן, אַ ליכט וואָס קאָן מער ניט לויכטן און ניט וואַרעמען, אַזוי אַז ניט דאָס פאָלק נויטיקט זיך אין אַ רעליגיע, נאָר די הערשערס און אוסנוצערס נויטיקן זיך דאָס פאָלק זאָל האָבן אַ גאָט.

אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן איז געווען באַקאַנט אַ וויץ: אין אַ קליין פּראָווינצער שטעטל איז אָנגעגאַנגען צווישן די יידישע יוגנט אַ הייסע דיקוסיע: — צי עס איז דאָ אַ גאָט? איז באַשלאָסן געוואָרן די פראַגע צו שטעלן צו דער אָפּשטימונג און אַלס רעזולטאַט האָט דער פאָרזיצער פייערלעך געמאָלדן, אַז דאָס שטעטל פּיטשיווקע האָט מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן, אַז קיין גאָט איז ניטאָ! פאַרשטענדלעך אַז היינט איז אַן אומזין צו דיסקוטירן איבער אַ פראַגע וואָס קיינער קען ניט באַווייזן, איז דער גלויבן אין דער געטלעכער עקזיסטענץ. וואָס מען קאָן יאָ דיקוטירן איז אין דער באַציאונג צו דער רעליגיע. און דאָ דאַרף קלאָר געזאָגט ווערן, אויב די רעליגיע איז אין די אַלטע צייטן געווען די אָפּשפּיגלונג פון דעמאָלטדיקן מענטשלעכן טראַכטן איז אין די מאָדערנע צייטן, פּירט זי אויס אַ שעדלעכע ראָלע. זי איז געוואָרן די סיבה פון רעליגיעזע קאַמפן און מלחמות, פון פּאָגראָמען און אינקוויזיציעס; פון דערשטיקן יעדן פרייען געדאַנק. נאָך ביי היינטיקן טאָג שפּילט זי אַלץ איר בלוטיקע ראָלע. אין אירלאַנד מאָרדן זיך קאַטאָליקן מיט פּראָטעסטאַנטן, אין אינדיע גיסט זיך בלוט צווישן די

רעליגיעזע סעקטעס. אין פּערסיע גייט אָן דאָס רעליגיעזע משוגעת פון דעם כּומייניזם און ביי אונדז אין לאַנד פירן די רעליגיעזע פּאַרטייען אָן אַ שאָוויניסטישע העצע און קאַמף פאַר הייליקע ערטער.

דעריבער מעג ווער פערזענלעך גלייבן אָדער ניט גלייבן אין גאָט, מוז ער אָבער באַקעמפן די רעליגיע צוליב איר שעדלעכער ראָלע וואָס זי שפּילט אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס מוז באַקעמפט ווערן דער קלער וועלכער וויל אונדז אָנוואַרפן אַ רעליגיעזן צוואַנג. אַלע רעליגיעס, די וואָס האָבן אַפילו געפּרעדיקט ליבע האָבן געזייעט האַס און שינאה.

אַוודאי זענען דאָ אין דער תורה אַ סך קלוגע און טיף מאָראַלישע געדאַנקען. דער וויכטיקסטער פון זיי איז אפשר הללס זאָג: — „טו ניט דיין חבר דאָס וואָס דיר איז ניט ליב". גלייכצייטיק זענען דאָ אין דער תורה אויך ראַסיסטישע געדאַנקען. ניט אומזיסט האָבן אונדזערע רעליגיעזע פּאָליטיקערס ניט דערלאָזט אַז די כנסת זאָל אָננעמען אַן אַנטיראַסן געזעץ, מיטן אַרגומענט אַז אַזעלכע געזעצן זענען ניט אין איינקלאַנג מיט דער הלכה. אָבער ניט דאָס אַלץ, וואָס איז געשריבן דעצידירט נאָר דאָס פּאַרווירקלעכן די מאָראַלישע געדאַנקען אין לעבן. האָט דאָך די וואַנגעליע געפּרעדיקט ליבע צום מענטש און די קאַטוילישע פּריסטערס האָבן דורכגעפירט אינקוויזיציעס, אַ פאַקט איז אַז די כהנים פון די רעליגיע האָבן זעלטן פאַרווירקלעכט די הומאַנע און שכלדיקע געדאַנקען פון זייערע רעליגיעס, נאָר פאַרקערט. זיי האָבן גראָד זיך געקלאַמערט אין די נעגאַטיווע געבאָטן און נעגאַטיווע געדאַנקען. ווייל די רעליגיע האָט זיי געדינט פאַר אַ מיטל פון הערשן איבער די מוחות פון דעם פאָלק און ניט ווייניקער כדי צו פאַרזיכערן די אייגענע פּריוולעגיעס, וואָס איז זיי געשאָנקען געוואָרן אַלס פאַרשטייער פון גאָט, אָדער פאַרמיטלערס צווישן גאָט און פאָלק.

אויך דאָס באַשניידן האָט ביי יידן געמיינט „להכניסו בבריתו של אברהם אבינו". דאָס מיינט אַז מיטן מלה זיין האָט דאָס יידישע פאָלק געשלאָסן איר ברית מיטן רבונו של עולם. אָדער דאָס איז געווען אַ מין קאָנטראַקט צווישן יידישן פאָלק מיט גאָט. אָבער צי בלויז די

יידן זענען זיך מלה? דער דאָזיקער מינהג קומט דאָך פון באַרבאַרישן מצרים און אין אַ סך ווילדע פעלקער אין אַזיע און אַפריקע, האָבן זיך מלה געווען.

די הייִנטיקע מאָדערנע יידן וועלכע שעמען זיך אַביסל מיט דעם דאָזיקן מינהג דערקלערן אַז דאָס מלה זיין איז אין די אינטערעסן פון ריינקייט און געזונט. אַ סך ביכער זענען אָנגעשריבן געוואָרן, פון געלערנטע און דאָקטוירים, אַפילו פון ניט־יידן, וועלכע באַרעכטיקן דאָס מלה זיין, צוליב געזונט־סיבות. עס ווערט אַפילו דערציילט וועגן קריסטן וואָס זענען זיך מלה. טאָקע צוליב געזונטהייט־טעמים. מיר וועלן דאָ מיט אויסרעכענען די אַלע אַרגומענטן, וואָס פאַרטיידיקן דאָס מלה זיין און אויך ניט די אַלע אָפּלייקענונגען פון געלערנטע, וואָס זאָגן דאָס פאַרקערטע. וואָלט געווען ריכטיק דער אַרגומענט וועגן געזונטהייט, איז וואָס איז מיט דער אַנדערע העלפט — די פרויען? און צי איז די קראַנקהייט און שטערבלעכקייט ביי יידן אַ קלענערע ווי ביי אַנדערע פעלקער? דאָס וואָס ביי יידן איז דאָ ווייניקער שיכרות, איז פיל באַדייטנדיקער פאַרן געזונט, ווי דאָס מלה זיין. דער רמב״ם וועלכער איז דאָך געווען אַ גרויסער דאָקטאָר און גלייכצייטיק אַ רעליגיעזער מענטש, זאָגט אין זיין ״מורה נבוכים״ איבער מלה זיין: ״וואָס שייך מלה זיין, דענק איך אַז איינע פון זיינע צוועקן איז צו באַגרענעצן דעם געשלעכטלעכן אומגאַנג און אָפּשוואַכן דעם אָרגאַן, ווי מעגלעך צו מאַכן דעם מענטש געשלעכטלעך איינגעהאַלטן.״ און דאָ פרעגט זיך צי איז דען די טעטיקייט פון דער נאַטור אַזוי פעלערדיק אַז מען דאַרף מיט אַ מעסער זי צו פאַרפולקאָמען? אמת, דאָס מלה זיין שטערט ניט די קראַפט פון פריה־ורביה, זי שוואַכט אָבער, אָן צווייפל, אָפּ די נאַטירלעכע תאווה און נאַטירלעכע פאַרגעניגן. דער פאַרלוסט פון בלוט שוואַכט נאַטירלעך אָפּ דעם אָרגאַן.

לאָמיר אָבער איבערלאָזן דעם שטרייט פאַר וויסנשאַפטלער און דאָקטוירים. אַ פאַקט איז אַז די ריזיקע צאָל פון דער מענטשהייט לעבט אָן מלה זיין. פאַרוואָס דאַרפן מיר יידן זיין אַן אויסנאַם? און אפשר איז גערעכט געווען דר בארטאן וואָס דערציילט אין זיין בוך ״סעמיטישער אורשפרונג״ אַז: די סיבות וואָס ביי די אַראַבער איז פאַרשפרייט דאָס

מלה זיין שטאַמט פון דעם מינהג פון אַ קרבן, וועלכן מען האָט געברענגט צו דער געטין פון פרוכטבאַרקייט. דאָס קינד איז דורך דעם געשטעלט געוואָרן צו איר שוץ און זיין קראַפט פון "פריה־ורביה" איז געהייליקט געוואָרן צו איר דינסט.

ספּענסער באַווייזט מיט אַ סך פאַקטן אַז ווען צוויי ווילדע מענטשן זענען כרת־ברית איינער מיטן צווייטן פאַרבינדן זיי דאָס מיט בלוטיקע צערעמאָניע, און ווען גאָט האָט כרת־ברית געווען מיט אַברהמען איז דאָס אויך פאַרבונדן מיט אַ בלוטיקן אַקט פון ברית־מילה. פאַרשטענדלעך, אַז מען שליסט אַ קאָנטראַקט זאָגןביידע צדדים צו עפּעס אַ צוזאָג, וואָס יעדער צד דאַרף האַלטן. גאָט האָט די יידן זייער אַ סך צוגעזאָגט, אָבער ווער ווי חוץ אַ בלינדער פאַנאַטיקער קען גלייבן אַז גאָט האָט זיינע צוזאָגן געהאַלטן?

וואָס אונדז אינטערעסירט איז פאַרוואָס גראָד היינט קלאַמערט מען זיך אָלץ ביי דער רעליגיע? דאָס לאָזט זיך נאָר דערקלערן מיטן גייסט פון דער צייט וואָס האָט פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס; אַ צייט וואָס האָט נישט קיין צוועק, ניט קיין טרייסט און נישט קיין האָפענונג, וואָס איז גרייט אויפצונעמען יעדן פאַלשן משיח, דער היינטיקער רעליגיעזער געדאַנק באַציט זיך ניט צו מאָראַלישע ווערטן און באַשעפטיקן זיך נישט מיט מאָראַלישע און גייסטיקע פּראָבלעמען. זי איז מער ניט באַזירט אויף מאָראַלישע יסודות נאָר אויף מאַכט.

אין גריכישן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט די רעליגיע געשפּילט אַ גאָר קליינע ראָלע זיי האָבן גאָר נישט שטאַרק געגלויבט אין זייערע געטער, דערפאַר האָבן זיי געהאַט אַנדערע מעלות, מיט וועלכע זיי האָבן געמעגט שטאָלצירן: זיי זענען געווען קינסטלער און דענקער, פּאָעטן און פילאָזאָפן. זיי האָבן געהאַט דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, פּרייהייט און אַ גראַנדיעזע פאַרשידנאַרטיקע קולטור, וואָס זיי האָבן געוווּסט ווי אָפּצושאַצן. דאָס וואָס זיי זענען געווען ווייניק רעליגיעז האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. און דאָס האָט זיי געהאָלפן זיך אַנטוויקלען קולטורעל און זיי געפירט צום פּראָגרעס.

ליידער זענען די מערסטע רעליגיעס ניט אויף דער זייט פון הלל הזקן

נאָר אויף דער זייט פון שמאי. אַוודאי געפינען זיך אין אַלע רעליגיעס טיף פּאָזיטיווע און מאָראַלישע ווערטן. אָבער די כהנים פון די רעליגיעס האַלטן זיך גראָד ביי די נעגאַטיווע זייטן. אנשטאָט ליבע פּרעדיקן זיי האס, אנשטאָט טאָלעראַנץ צוואַנג. די רעליגיעס קענען מער ניט באַרייכערן דעם מענטשלעכן געדאַנק און זיי פאַרמאָגן מער ניט די פרישע קוואַלן וואָס זאָלן פאַרשענערן דאָס מענטשלעכע לעבן.

די מערסטע גריכישע פילאָזאָפן האָבן געהאַלטן אַז די רעליגיעס זענען פאַלש און די געטער פאַלשע, די הערשער דאַקעגן האָבן געהאַלטן די רעליגיעס פאַר זייער נוצלעך.

די לענעניסטישע סטראַטעגיע

די ניט־בלוטיקע רעוואָלוציע אונטערן צייכן פון דער „סאָלידאַרנאָשטש" אין פוילן, כאָטש זי וועט בלייבן אַ גאָלדנער בלאַט אין דער געשיכטע פון פוילן, טאָר מען אָבער ניט פאַרגעסן אירע שווער־געמאַכטע פעלערן, איינע פון די הויפּט־סיבות פון די געמאַכטע פעלערן פון דער „סאָלידאַרנאָשטש", איז אומבאַדינגט דאָס גרינגשעצן די סטראַטעגיע פון קעגנער, דאָס איז דער ראַטן־פאַרבאַנד און פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. די זעלבע פעלערן מאַכן די מערסטע ניט־קאָמוניסטישע באַוועגונגען, וועלכע שעצן גרינג די באַדייטונג פון סטראַטעגיע פון דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג.

די באָלשעוויסטישע סטראַטעגיע און טאַקטיק,וועמענס הויפּט־שעפער איז געווען לענין, צייכנט זיך אויס מיט איר פעיקייט פון מענעווורירן, פון איינשלעפערן דעם קעגנער, פון באַנוצן זיך מיט ליגנס. די דאָזיקע טאַקטיק האָט געשפּילט אַ ריזיקע ראָלע, וואָס די באָלשעוויקעס, אַלס קלענסטע פאַרטיי אין רוסלאַנד איז געלונגען צו פאַרכאַפּן די מאַכט און זי שפּילט נאָך היינט אַ מעכטיקע ראָלע אין דער דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישער טעטיקייט פונעם קרעמל.

די דאָזיקע לענינסטישע טאַקטיק האָט ניט נאָר געהאָלפן די באָלשעוויקעס צו דעראָבערן די מאַכט נאָר אויך איינצוהאַלטן זי, און זיך אַרויספּלאָנטערן פון די שוועריקייטן פונעם בירגער־קריג ווי אויך צו ליקווידירן די שטאַרקסטע רוסישע פאַרטיי די עסערן און די רוסישע און אוקראַינישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג; דאָס

האָט אויך געהאָלפֿן די באָלשעוויקעס צו באַהערשן און אונטעראָרדענען די נאַציאָנאַלע פעלקער פונעם גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד.

פון די עלטסטע צייטן ביז צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און נאָך שפּעטער, זענען אַלע געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציעס געווען ספּאָנטאַנישע בונטן, ווי פון די שקלאַפן־בונטן און פאַרשקלאַפטע פּראָלעטאַריער און אויפשטענדיקע פויערים, וואָס האָבן אַלע זיך געענדיקט מיט די מפּלה פון די בונטאַרן. דאָס זענען געווען ניט אָרגאַניזירטע בונטן און אויפשטאַנדן, וואָס האָבן ברייט זיך באַנוצט מיט דער רעוואָלוציאָנערע פראַזע. ס׳וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען אַז זיי האָבן, אַפילו נאָך דער מפּלה, ניט געענדערט דעם גאַנג פון דער געשיכטע לטובת די אונטערדריקטע. אויך די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, צוזאַמען מיט דער פאַריזער קאָמונע זענען אַלע געווען פאַרשפּילטע, זיי האָבן אָבער געגעבן אַ שטויס די געשיכטע, אויף די געביטן פון סאָציאַלע און מענטשלעכע רעכטן, אויף הונדערט יאָר פאָרויס. פאַר לענינען איז אָבער דאָס וויכטיקסטע געווען דער זיג און די מאַכט.

דער ניט געלונגענער אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וואָס האָט געברענגט לענינס ברודער אומצוקומען אויף דער תליה, האָט ביי לענינען געבוירן דעם געדאַנק אַז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי דאַרף האָבן אַ שטאַרק צענטראַליסטישע אָנפירונג, מיט אַ מיליטערישער דיסציפּלין געשטיצט אויף אַ גרופּע פון ״פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן״. און פאַר אָט דער מיליטעריש־צענטראַליסטישער פּאַרטיי האָט לענין געשאַפן זיין באַרימטע ״לענינסטישע סטראַטעגיע און טאַקטיק״.

די וויכטיקסטע אַרבעט אויף דעם געביט איז אַ באַזונדערע אַרבעט א. נ. ״די קינדער קראַנקייט פון לינקיזם״ אָדער אין קורצן ״די קינדער קראַנקייט״, אָנגעשריבן אין יאָר 1920, אין רוסיש און שפּעטער איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש, דייטש און ענגליש און היינט איז דאָס בוך שוין דערשינען אין 57 שפּראַכן מיט אַ טיראַזש פון כמעט 10 מיליאָן עקזעמפּלאַרן. דאָס באַווייזט אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז געוואָרן די עוואַנגעליע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דאָס דאָזיקע בוך וואָס איז אייגנטלעך אַ

תורה פון מאָדערנעם ניו־מאַקוויאַליזם, האָט לויט דעם היסטאָריקער פון דער רוסישער רעוואָלוציע עדוואַרד האַלט באַור, אַרויסגערופן דעם גרעסטן איינפלוס און לויט די רייד פון ברעזשניעוון, זענען די "קינדער קראַנקייט" אַן אמתן ענציקלאָפּעדיע פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט.

וואָס לערנט לענין זיינע חברים אין דאָזיקן ווערק?

ער לערנט אַז "מען קען אומבאַדינגט פאַרבינדן די געטריישאַפט (צום קאָמוניזם), מיט דער פעיקייט צו דעצידירן זיך אויף יעדן פאָרם פון קאָמפּראָמיסן, געשטיצט אויף לאַווערירן, זיגזאַגיקייט און זיך קאָנען צוריקציען... דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס מיטן ציל צו אויספירן זיי אויפגאַבע מוז קאָנען באַהערשן אַלע ביז די קלענסטע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דערפירנדיק צום דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט, און אָפט מיט גרויסער ריזיקע און ריזיקע סכנות... צוליב דעם דאַרף דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס זיין גרייט צו אַן אומגעריכטן איבערגאַנג פון איין פאָרם פון קאַמף צו אַ צווייטער".

און לענין לערנט אין דאָזיקן בוך, ווי אַזוי אויסצונוצן יעדע פּאָליטישע קאָניוקטור און ער טאַדלט די "געוויסע פּאָליטיקער און מאַרקסיסטן וועלכע זענען ניט געווען קיין דיאַלעקטיקער און ניט גענומען אין אַכט אַ גיכן איבערגאַנג פון אַלטע פאָרמען אין אַ נייעם אינהאַלט און כסדר אַלץ געהאַלטן זיך ביים אַלטן אַרגומענט, אויף דעם ערשטן בליק אויסגעלערנטן, און באַקאַנטן אמת אַז — דריי איז מער ווי צוויי". ווייטער זאָגט לענין, אַז "פּאָליטיק איז מער ענדלעך צו אַלגעברע, ווי צו אַריטמעטיק און נאָך מער צו העכערע, ווי צו נידריקע מאַטעמאַטיק".

און לענין האָט אין זיינס אַ רעדע אַזוי פאָרמולירט זיינע געדאַנקען: "אויב איר וועט ניט זיין גרייט (אין נאָמען פון דער זאַך), קריכן אויפן בויך, אין דער בלאָטע, דאָס הייסט אַז ביסט נאָך ניט קיין רעוואָלוציאָנער, ביסט נאַר אַ פּלאַפּלער". (וועגן מלחמה און שלום 7 מערץ 1918 לענינס געזאַמלטע ווערק זייט 79) און לענין האָט טאַקע אַריינגעפירט די אַרבעטער־באַוועגונג אין די טיפע מאָראַלישע זומפּן און בלאָטעס.

אַט די מאַקוויאַליסטישע סטראַטעגיע און טאַקטיק האָבן טאַקע לענינס יורשים אויסגענוצט אין דער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועקנדיק ביים רוסישן פאָלק די פּאַטריאָטישע טראַדיציעס און נאַציאָנאַליסטישע געפילן. דער העכסטער אָבער אויסדרוק פון דער דאָזיקער סטראַטעגיע האָט קיינער ניט אזוי געטריי פאַרווירקלעכט, ווי זיין יורש סטאַלין, באַזונדער אין דעם סטאַלין־אַפּמאַך מיט היטלערן.

די "קינדער קראַנקייט"פון לענינען איז דאָס אויטאָראַטיווע האַנט־בוך פאַר דער מאָדערנער באַקיאַוועלישע סטראַטעגיע האָט געטריי פאַרווירקלעכט אין איר מאָראַלישגייסטיק־אידעישער און געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישע טעטיקייט. די דאָזיקע טאַקטיק האָט לענין אויסגענוצט אין זיינע קאָמפּראָמיסן ביים שליסן דעם בריסקער שלום מיט די דייטשן, מיטן "נעפּ". דער ציל האָט באַדאַרפט זיין אָפּנאַרן דעם שונא און דערנאָך אים אָנגרייפן. דאָס איז אויך געווען דאָס איבערנעמען די לאָזונג פון די עסערן — "די ערד די פּויערים". און דאָס צעטיילן די פּויערים די ערד, כדי די גאַנצע ערד שפּעטער ביי זיי צורויבן פאַר דער מלוכה. דאָס איז אויך געווען לענינס אָפּנאַרן די אַנאַרכיסטן, אַז — די סאָוויעטן זענען מער ניט קיין הערשאַפט, נאָר אַ צייטווייליקע הערשאַפט, אויפן וועג "אָפּצושטאַרבן" און דערנאָך געשאַפן די אכזריותדיקע, באָלשעוויסטישע דיקטאַטאָרישע הערשאַפט.

די דאָזיקע לענינס טאַקטיק קאָן מען אויך זען ביי לענינס פאָדערונגען צו די דייטשישע קאָמוניסטן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן "צייטווייליק" און שלום מאַכן מיטן ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט, כאָטש ער האָט דעם טראַקטאַט אָנגערופן ווי אַ טראַקטאַט פון "באַנדיטן און רויבער". לענין האָט גערופן זיך אָפּצוגרענעצן פון די רעכטע אָפּאָרטוניסטישע אָפּנייגונגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי פון דעם לינקן אָפּנייג, וויילביידע האָבן ניט פאַרשטאַנען די עלאַסטישקייט און בויגעוודיקייט פון דער לענינסטישער סטראַטעגיע, ווייל לענין האָט געזען פאַר זיך דעם גרעסטן ציל — די מאַכט. אויב עדוואַרד בערנשטיין האָט געשאַפן די פאָרמולע פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַז — דער ציל איז גאָר ניט, די באַוועגונג אַלץ, האָט לענין דערפירט דעם קאָמוניזם דערצו

אַז — די אידעע איז גאַרניט, די מאַכט איז אַלץ.

און אין קאַמף פאַר מאַכט האָט לענין זיך טיף אָנגעלייענט מיט דעם בוך פון קלאַוזעוויטשן (וועגן מלחמה), ווו ער לערנט, אַז דיפּלאָמאַטיע און פּאָליטיק איז אַ פאָרזעצונג פון מלחמה און מלחמה איז אַ פאָרזעצונג פון דיפּלאָמאַטיע אין פּאָליטיק. מיט אָט דער קאָנצעפּציע באַנוצט זיך דער קרעמל ביז היינטיקן טאָג. אַזעלכע לאָזונגען ווי: שלום, איינהייטלעכער־פראָנט אָדער פאָלקס־פראָנט, דינען נאָראַלס לעניניסטישן מאַנעוור אָפּצונאַרן די קעגנער. אין שלום צייט באַנוצט זי זיך סיי מיט שלום־ליבנדיקע פראַזן און מיט פאַרשקלאַפן גאַנצע פעלקער, ווי מיט טעראָר, מאָרד קעגן וויכטיקע פּאָליטישע קעגנער, מיט פאַרשלעפּערן דעם שונא און אים פּלוצים באַפאַלן.

אַלס מאַרקסיסטן אַנערקענען ניט די באָלשעוויקעס קיין אינדיווידועלן טעראָר און לענין האָט שאַרף געטאַדלט דעם טעראָר פון די פראַנצויזישע יאַקובינער, אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ער האָט אָבער געחוזקט פון אַלע די, וואָס האָבן געטאַדלט דעם באָלשעוויסטישן טעראָר, ווי אַלס קעגנער פון מאַרקסיזם. די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן טעאָרעטיש אָפּגעוואָרפן דעם אינדיווידועלן טעראָר האָבןברייט זיך מיט אים באַנוצט ווען דאָס האָט געדינט אירע נוצן און אירע צילן.

"באַלד נאָך די זיגערישע אָקטאָבער־טעג, שרייבט שטיינבערג: "האָט זיך לענין באַמיט צו איבערצייגן זיינע קאָלעגן אין דער נויטווענדיקייט פון געוואַלד, הריגות און טעראָר. טראָצקי דערמאָנט אין זיינע שריפטן וועגן לענינען, אַז ער און קאַמיענאָוו האָבן אויף דעם ערשטן קאָנגרעס פון די סאָוויעטן, נאָך דער זיגערישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פאָרגעלייגט אַ רעזאָלוציע וועגן אָפּשאַפן טויטשטראָף, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן. אָבער עטלעכע טעג שפּעטער האָט לענין, וואָס איז ניט געווען אָנוועזנד, בעתן אָננעמען יענע רעזאָלוציע, געווען שטאַרק אין כעס: "וואָס פאַר אַן אומזין" האָט ער געשריגן, "קאָן מען דען מאַכן אַ רעוואָלוציע אָן הריגות? גלייבט דען עמעצער, אַז מען קאָן באַזיגן אַ שונא דורך אַנטוואָפענען זיך, מיט אָוועקלייגן די וואָפן?"

שטיינבערג שרייבט אין זיינע זכרונות: "אויף אַ זיצונג פון

פאָלקס־קאָמיסאַרן דעם 11טן פאַברואַר 1918 איז באַהאַנדלט געוואָרן טראָצקיס צוגעגרייטער אויפרוף: ״דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז אין געפאַר״. דאָרט זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן די ווערטער: ״אַלע קעגנערס פון דער רעוואָלוציע מוזן אויפן אָרט אומגעבראַכט ווערן.״ ווען שטיינבערג, אין נאָמען פון יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט, האָט קריטיקירט דעם מאַניפעסט דערפאַר, וואָס ער פאַרמאָגט ניט קיין שום עטישן פאַטאָס, האָט לענין געענטפערט: ״פונקט גראָד אין דעם ליגט דער רעוואָלוציאָנערער פאַטאָס ביי די דיסקוסיעס איבער פּאָליציייאישע געוואַלד־מיטלען, וואָס לענין האָט פאַרטיידיקט, האָט דער אויפגערעגטער יוסטיץקאָמיסאַריאַט געזאָגט אַזאויב אַזוי איז ניט נייטיק בכלל צו האָבן קיין יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט און מען דאַרף גאָר ריידן וועגן אַזאַ קאָמיסאַריאַט, וואָס זיין ציל איז צו פאַרניכטן פּאָליטישע קעגנערס״. אויף דעם האָט לענין געענטפערט: ״אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין, אָבער מיר קאָנען דאָס נישט אָפן אַרויסזאָגן.

צו זען ווי ברייט לענין האָט זיך באַנוצט מיט דעם יאַקובינישן טעראָר, קאָנען דינען זיינע באַפעלן קיין ניזשני נאָוואָגראָד — ״אויפשטעלן אַ דיקטאַטאָרישן דריילינג (טרויקאַ), גלייך איינפירן מאַסן־טעראָר, דערשיסן, אָדער אַרויספירן פון דער שטאָט די פּראָסטיטוטקעס און די ווייסע אָפיצירן, דערשיסן פאַר באַזיצו געווער. ״אין אַ דעפּעשע קיין פענזע באַפעלט ער:

— אומרחמנותדיקן מאַסן־טעראָר, כאַפּן די ווייס־גוואַרדיסטן, די פאַרדעכטיקטע אָפּשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס. פאַרשטענדלעך אַז אונטערן נאָמען ״ווייסגוואַרדיסטן״ און ״פאַרדעכטיקטע״ האָט לענין געמיינט אויך די אַלע, וואָס זענען ניט איינשטימיק מיטן באָלשעוויזם, די אַלע אָפּאָזיציאָנערן, סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו אַ פריי, הומאַניטאַר און יושרדיק רוסלאַנד און זיי אַלע זענען דערמאָרדעט און דערשאָסן געוואָרן, און נאָמען פון דער רעוואָלוציע, פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט ניט געשאָנקן קיין פרייהייט, קיין סאָציאַלן יושר און ניט קיין מענטשן־רעכט דערפאַר איז טאַקע די גאַנצע באָלשעוויסטישע סטראַטעגיע און טאַקטיק, וואָס לענין האָט געלערנט זיין פאַרטיי אין דער ״קינדער קראַנקייט״, די אמתע קראַנקייט פון קאָמוניזם...

צוואַנציק יאָר נאָכן מרד פון דער יוגנט

הייַנטיקס יאָר ווערט צוואַנציק יאָר זינט דעם מרד פון די סטודענטן־יוגנט און אינטעליגענץ. איר קולמינאַציע־פּונקט איז געווען דער מאַי־אויפשטאַנד פון די סטודענטן אין פּאַריז אין 48סטן יאָר. דער דאָזיקער מרד פון דער יוגנט האָט אַרומגענומען פיל מערב־אייראָפּעישע, אַמעריקאַנישע און קאַנאַדישע שטעט און דערגרייכט ביז' צום קאָמוניסטישן פּוילן, אין כינע, דער בונט פון דער יוגנט, וועלכער איז דערשטיקט און פאַרלאָשן געוואָרן, האָט אָבער געלאָזט טיפע גייסטיקע שפּורן, וואָס ווערט האָבן איר המשך אויף דער אַנטוויקלונג און צוקונפט פון דער פּאָליטיק און קולטור.

דער מרד פון דער יוגנט וואָס האָט אין די 60קער יאָרן זיך אָנגעהויבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער טראַגישער מלחמה אין וויעטנאַם. צוזאַמען מיטן פּחד פאַר אַן אַטאָמישן אומקום איז געקומען דער גייסטיקער קריזיס און די כוואַליע פון אומצופרידנקייט האָט אַרומגעכאַפּט ריזיקע מאַסן. די אומצופרידנקייט מיט דער עקזיסטירנדיקע געזעלשאַטלעכע און פּאָליטישע לעבן־פאָרמען האָבן געשטויסן דער יוגנט צום בונט. צו זיי האָבן זיך צוגעשטעלט אַ גרויסע צאָל פון דער אינטעליגענץ, באַוווסטע שרייבערס און אין פּאָעטן.

דער קוואַל פון דעם בונט אין די 60קער יאָרן איז געווען די איבערצייגונג, אַז מיר שטייען פאַרן אָנקום פון אַ נייעם רענעסאַנס,

פאַר אַ נייער עפּאָכע פון אַ גרויסן איבערברוך, וואָס דאַרף ענדערן די גאַנצע געזעלשאַפט מיט אירע אינסטיטוציעס, מיט אירע אויפפירונגען, איר מאָראַל, מאָדעס. דאָס האָט דערוועקט אַ גייסטיקן אומרו, אַ קאָנפליקט צווישן דורות. די דיסקוסיע איבער מאָראַל און הומאַניזם איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף דער גאַס. עס האָבן זיך געשאַפן געהיימע גרופּן, מאַסאָנישע לאָשעס און ספּאָנטאַנישע קאָמונעס.

אויב דער ערשטער רענעסאַנס, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צום מיטלאַלטער איז אויסגעוואַקסן אונטער דער ווירקונג פון דער באַנייאונג פון דער אַטענישער קולטור און געשעפּט איר השראה, איר גייסטיקע דערוואַכונג פון דער רייכער גריכישער פילאָזאָפיע, גריכישער קולטור, פון איר עטיק, פּאָעזיע, טעאַטער און אַרכיטעקטור, ווען די טעאָרעטיקער פון צווייטן רענעסאַנס האָבן דעראָבערט זייער גייסטיקן געווער פון בודאַיזם, פון דער יוגאַ וואָס טראָגט אין איר טראַדיציע דעם פּאַסיון ווידערשטאַנד. זיי האָבן געשעפּט פון די פּאָפּולער געוואָרענע אַנטי־אויטאָראַטיווע פילאָזאָפיעס פון זעען אָדער טאַאָ, פון די געדאַנקען פון גאַנדי, טאַגאָרע און אוראַנדאָ. זייער קאַמף פאַר דער פרייהייט פון אינדיע האָט באַדאַרפט אינספּירירן דער גייסטיקער באַנייאונג פון אַמעריקע. די אינדישע פילאָזאָפיעס האָבן גענומען דינען, ווי אַן אולטערנאַטיוו קעגן דער אַמעריקאַניש־קאָמערצישער מאָראַל.

צו יעדער קולטור קומט אַ צייט פון איבערברוך, ווען גייסטיקע יחידים הייבן זיך אָן בונטעווען קעגן די אָנגעזאַמלטע פאַלשקייטן און אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע ליגנס, קעגן דעם אַבסורד פון די עקאָנאָמישע אומגערעכטיקייטן און פון די אַבסורדאַלע פּאָליטישע רעזשימען. דער בונט פון דער יוגנט איז געוואָרן אַ באַוועגונג ניט נאָר קעגן קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך קעגן דער קאַפּיטאַליסטישע קולטור און איר ציוויליזאַציע. ווי אויך קעגן דער טאָטאַלישע קאָמוניסטישע רעזשימען.

דער דאָזיקער בונט, ווי שוין געזאָגט, האָט געוואָנדן אירע אויגן צו דער טראַדיציע פון די אינדישע פילאָזאָפיעס, זי האָט געזוכט אירע אַספּיראַציעס ביי דעם "גייסט פון אַזיע", ביי די בודאַיסטישע סאַמורייען. זיי האָבן אויפגעלעבט די עראָטישע פּראַקטיק פון די שוין פאַרגעסענע אַלטע ביכער "קאַמאַ־סוטראַ". די טעאָרעטיקער פון די

סטיכיש אויפגעשטאַנענע קאָמונעס האָבן געלערנט פון די מאָדערנע בודואיסטישע כהנים די מעטאָדן פון יוגא. מיט דער הילף פון קרישני, ביי דער אַקאָמפּאַנימענט פון דער אינדישער מוזיק פון די טראַדיציעס פון אינדישע טענץ און געזאַנג האָבן זיי פּרובירט אויסצודריקן זייער פּראָטעסט קעגן דער מלחמה אין וויעטנאַם און אויסשרייען זייער פּראָטעסט קעגן דער פאַרפוילטער, מאָדערנער געלט־ציוויליזאַציע. די געבוירענע אין ניו־יאָרק, אַריזאָנע אָדער קאַליפאָרניע ווערן אָנהענגער פון דעם נייעם גאָט קרישני און זיי באַמיען זיך מיט זייערע טעאַטראַלישע קליידער און לאַנגע האָר, מיט זייער האַלטונג און אויסזעען צו קאָפּירן די בראַמינישע „הייליקע" חכמים און אויך שאַרלאַטאַנען, וואָס האָבן פאַרפלייצט אַמעריקע, וואָס האָבן געטראָגן לאַנגע בערד און גענומען לערנען דער אַמעריקאַנער יוגנט „געהיימע אמתן" פון אַלטן אָריענט, מיט דער הילף פון נאַרקאָטיקס און אימפּאָרטירטע מיסטישע לערעס האָבן זיי אין די שטעט פון די וואָלקן־קראַצערס אַריינגעבערענגט אַ קולטור, וואָס איז געבוירן געוואָרן אונטער די הויכע הימאַלאַיען־בערג.

דער צווייטער מקור, פון וועלכע עס האָט געשעפּט דער בונט פון דער יוגנט, איז געווען פון דעם הומאַנעם געדאַנק פון די גרויסע אַמעריקאַנישע דענקערס ווי: דזשעפערסאָן, וועלכער האָט ניט נאָר אָנערקענט די רעכט פון פאָלק צו מרידה קעגן דער מאַכט, נאָר ווי אַ פליכט פון אַ גוטן בירגער. ער האָט באַטראַכט דאָס אַריינמישן זיך פון אַ רעגירונג אין דעם בירגערס פּריוואַטן לעבן פאַר אַ ברוטאַלן געוואַלט. אויך דער געוועזענער פּרעזידענט און קעמפער פון שקלאַפעריי אייבערהעם לינקאָלן און דער אַמעריקאַנער דיכטער־פילאָזאָף עמערסאָן, וואָס האָבן געהאַלטן אַז יעדע מלוכה־מאַכט איז פאַרדאָרבן און קאָרומפּירט און די מענטשן מוזן דעריבער ניט זיין געהאַכזאַם צו די מלוכה־געזעצן, האָבן געדינט דער צעבונטעוועטער יוגנט פאַר וועגווייזערס. די דאָזיקע הומאַניטאַרע געדאַנקען האָבן דערגרייכט זייער שלימות ביי אַזעלכע אַמעריקאַנער דענקערס ווי: דזשאַיא וואַרען, סטיפאַן פולד און באַזונדער ביים פילאָזאָף און דיכטער ה. ד. טאָרא, וועלכער האָט געלערנט, אַז דער מלוכה־אַפּאַראַט אָן אַ געוויסן, וואָס באַזיצט די פעיקייט לעבעדיקע מענטשן צו פאַרוואַנדלען אין

מאַריאָנעטן־אונטערטאַנען. אין זיינע ווערק רופט ער זיך צו באַפרייען פון דעם אונטערטעניקייט־גייסט און ניט צו צאָלן קיין שטייערן, פאַרוואָס ער איז אַרעסטירט געוואָרן און אין טורמע האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער רעכט צו אומגעהאָרכזאַמקייט צו דער מדינה.

אָבער די צוויי הויפּט־יסודות פאַר אַ קולטורעלער ענדערונג אָדער די קאָנטערקולטור, וואָס האָט צעטרייסלט די היינטיקע מאָדערנער מערב־ציוויליזאַציע זענען געווען: קאָנסטענטאַציע און אָריענטאַליזאַציע. קאָנסטענטאַציע איז דאָס נעגירן די עקזיסטירנדיקע קולטור, פּאָליטיק, די עטישע נאָרמעס, די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פאַרשטענדלעך — די פאָרמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס וואָס זיי אַלעמען פאַראייניקט, איז דער טאָטאַלער צווייפל אין דער ראַציאָנעלקייט פון דער עקזיסטירנדיקערווירקלעכקייט. דער געדאַנק פון קאָנטערקולטור, די אָנהענגער פון קאָנטענסטאַציע, וואָס חוץ נעגאַציע באַדייט אויך דאָס אָפּרופן זיך צו ווערטן פון אַ העכערער קולטור. דאָס מיינט דעריבער ניט קיין דעסטרוקציע פון קולטור נאָר דאָס בויען אַ קאָנטערקולטור. די אָנהענגער פון קאָנטענסטאַציע האָבן זיך פאַררופן אויף ניטשען, מאַרקסן, פראָמען, מאַאָ, מאַרקוזע, עלידע אַלס די נביאים פון געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען. זיי האָבן געזען די סיבה פון גייסטיקן קריזיס אין דעם פאַרשווינדן פון אַ גייסטיקן צענטער, וואָס האָט סטאַביליזירט די אַלטע וועלט ווייל דער דאָזיקער אַרכימעדישער פונקט איז היינט פאַרשווינדן, שאַפט זיך אַ בילד פון אַ נייער ווירקלעכקייט עלידע האָט געזען דעם קריזיס פון דער מאָדערנער קולטור אין די צוויי פסיכישע פּראָצעסן פון דעזינטעריגאַציע און דעפאָרמאַציע. די דעזינטעריגאַציע נעמט אַרום די געביטן פון דער וויסנשאַפט, קונסט, רעליגיע אין טאָגטעגלעכן לעבן. אין דער וויסנשאַפט האָט די ספּעציאַליזאַציע און באַזונדערקייט דערפירט צו אַ ספּעציפישער בלינדקייט. דאָס זעלבע געשעט אין דער קונסט. איזאָלאַציע און באַזונדערקייט דערווייטערט אַלץ מער איין אומנות פון דער צווייטער און יעדע פון זיי ווערט אַלץ מער עליטאַר און אַלץ מער אומפאַרשטענדלעך פאַרן פשוטן מענטש. זי פאַרלירט דעם קאָנטאַקט

פון טאָג־טעגלכן לעבן. די מענטשלעכע נשמה ווערט ווי צעטיילט און פאַרמאַכט אין באַזונדערע שופלעדער. דער פּראָצעס פון איזאָלאַציע ווערט אַלץ טיפער אין דער עפּאָכע פון דער געוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און טעכניק און זי דעפּאָרמירט די פערזענלעכקייט פונעם יחיד, וועלכער פאַרלירט די אַמאָל מעכטיקע פאַרשטעלונג־קראַפט. זי איז די סיבה וואָס מאַכט פאַלש צו פאַרשטיין די וועלט און זיך אַליין. זי מאַכט אוממעגלעך די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון זיין פּסיכיק און קולטור. דער מענטשלעכער גייסט וואַקסט ניט מער אין דער טיפקייט פון אַ ראַציאָנעלער קולטור. דער מענטשלעכער אינטעלעקט, אָן געפילן, דערמאָנט מער אַ קאָפּ אָן אַ קערפּער. דער מערב ווערט אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין אַ בית־הקברות פון אידעען און ווערטן. די טעאָראַטיקערס פון דער קאָנטעסטאַציע האָבן אין 60קער יאָרן דערקלערט, אַז אַמעריקע, וואָס איז אויסערגעוויינלעך רייך, דערגייט אין איר גייסטיקן קריזיס צום שאַפן אַ "ציוויליזאַציע פון טויט". לויט מאַרקיזע שאַפט די אידענטישע ציוויליזאַציע אַ געמיינדע פון פּאַסיווע מענטשן מיט די זעלבע קינסטלעכע, אידענטישע באַדערפענישן און באַזיצן אין גאַנצן נישט קיין קריטישן חוש. זיי ווערן פאַרשקלאַפט צו די אַנטשטייענדיקע מאָדעס, צו די טעלעוויזיע־פּראָגראַמען. זיי ווערן פּאַסיוו צו די געזעלשאַפטלעכע עוולות, צו אויסנוצונג און פאַרלירן אַלץ מער זייער אייגענעם "איך".
כ. רייך זעט אין דעם מאָדערנעם מענטש אַ מין "איינזאַמע מאַסע", אַ געבונדענע אין די ראַמען פון באַשטימטע פאַלשקייטן, פון איזאָלירטע יחידים אָן טאַלאַנט זיך צו קענען קאָנטאַקטירן מיט אַנדערע יחידים. דאָס מאָדערנע לעבן פאַרלירט אַלץ מער דעם טעם און כדי דער מענטש זאָל קענען ווידער גייסטיק געבוירן ווערן דאַרף ער צעשמעטערן די אַלע איסטיטוציעס וואָס צעשטערן זיין פּערזענלעכקייט.

די אומצופרידנקייט מיט דער אַלטער אָרדענונג האָט געשטויסן די צעבונטעוועטע יוגנט צו זוכן נייע פאָרמען פאַר געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענלעבן, ווי דאָס זענען געווען די קאָמונעס וועמענס כאַראַקטער איז געווען אַ צייטווייליקער. זיי האָבן געשאַפן שטאָטישע און דאָרפישע, קליינע און גרעסערע, מוזיק, טעאַטער, אַנטימלחמה און

אַנטיראַסיסטישע קאָמונעס. זייער פּראַקטיק איז געווען אַ פאַרשידענע. זייער בענקשאַפט נאָך וואַנדערונגען האָבן זיי געשעפּט פון דער פּאָעזיע פון וויטמאַנען, סונדבערגן, פּרוסן, סטעווענסן און אַנדערע. פון דער פריערדיקער גענעראַציע ביטניקעס האָבן זיי געירשנט דאָס שטענדיקע אַנטלויפן פון „ברודיקן גן־עדן", זוכנדיק זייער אויטענטישן „איך" אין די אָריענטאַלישע פילאָזאָפיעס, ווי אין די נאַרקאָטיקס און פּאָרנאָגראַפיע דערמיט צו פאַרניכטן די איינגעזאַפּטע געוווינקייטן און שאַבלאָנען, שאַפנדיק אַן אידעאָלאָגיע פון מיסטיש־עראָטישע אוטאָפּיעס, ווי אַ מיטל צו אַ באַנייטער קולטור. זייער לאָזונג "Tura on" (ענדער זיך) איז געגאַנגען געפּאָרט מיט זייער פּאָליטישן קאַמף, דער עיקר פאַר שלום. אַ שלום־באַוועגונג וואָס האָט אַרומגענומען אויך ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

איינע פון די וויכטיקסטע לאָזונג פון דעם קולטור־רעוואָלט איז געווען „די קונסט פון ליבע" — אַ לאָזונג וואָס האָט געדינט זיי צום פּאָליטישן געראַנגל און אויך צו זוכן בעסערע פאָרמען פון מענטשלעכן און געשלעכטלעכן צוזאַמענלעבן, ווי די ספּאָנטאַנישע קאָמונעס האָבן באַדאַרפט פאַרטרעטן דעם דורכפאַל פון בירגערלכן פאַמיליען־לעבן. נאַקעטקייט און מאַטאָציקלען זענען געוואָרן דער סימבאָל פון דעם צוריק געפינענעם „פאַרלוירענעם גן־עדן".

צוזאַמען מיטן אַריינברענגען אַ נייע אַלטערנאַטיוו פון לעבנסטיל, האָבן זיי געזוכט אויך אין דער קונסט נייע אויסדרוק־פאָרמען, אַריינפלעכטנדיק כינעזישע, אינדישאַ און יאַפּאַנישע עלעמענטן אין דער אייראָפּעישער קונסט. ניט בלויז אין דער קונסט. די יוגנט פון דער עפּאָכע פון בונט, פון די 60קער יאָרן, האָבן אין דער הויך־אַנטוויקלטן אַמעריקאַנער־אייראָפּעישן לעבן אַריינגעבראַכט אַ נייער אַלטערנאַטיווער לעבנסטיל. זיי האָבן עס פאַרוואַנדלט די פאָרמען פון בילדונג אין „פרייע אוניווערסיטעטן" אָן אַ וויסנשאַפטלעכע הערארכיע, אָן געניו באַשטימטע פאָרשונג־פּראָגראַמען. אין דער קונסט האָבן זיי איינגעפירט גאַסן־טעאַטערס, וואָס האָבן פאַרבונדן דראַמאַטורג מיט אַקטועלע פּאָליטיק וואָס איז געגאַנגען געפּאָרט מיט פּראָטעסט־מאַרשן, אָקופּאַציע־סטרייקן. אין דער מאָלעריי האָבן זיי איבערגעריסן מיט דעם מעטאָד צו זיין אַ „פאַבריק פון

זאַכן", פון מוזעאומישע עקספּאָנאַטן, וואָס ווערן גענוצט אַלס קאַפּיטאַל־לאָקאַטן. אַ נייעם ווערט באַקומען די געמאָלטע בילדער אויף די טראָטואַרן פון די גאַסן, די סקולפּטורן ווערן געמאַכט פון שניי און אַלץ וואָס איז פאַרבייאיק און צייטווייליק באַקומט אַ ווערט. דער נייער לעבנסטיל ווערן די קליינע קאָמונעס ווי אַן אַלטערנאַטיוו צו דער אויטאָריטאַטיווער היעראַרכישער ציוויליזאַציע.

אויף זייערע גרויסע פעסטיוואַלן אין די זעכציקער יאָרן אין שיקאַגאָ, סאַן פראַנציסקאָ און וודסטאָק ווערן געבוירן נייע לאָזונגען פון די מאָדערנע נאמאדן, פון די וואַנדערנדיקע היפּעס, וועלכע דערקלערן די רעכט פון פרייע ליבע, די גלייכע רעכט פון דער פרוי. אויף די פּלעצער פון די שטעט האָבן זיי צעריסן די מאָביליזאַציע־קאַרטן און די פרויען האָבן פאַרברענט די ביוסטנהאַלטערס. די טעכניק פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד האָט אין אַמעריקע פאַרשפּרייט דער עיקר דער פּאַסטאָר מאַרטין לוטער קינג, אויפוועקנדיק די אַפּאַטיע פון די שוואַרצע געטאָס פאַר זייערע רעכטן און קעגן ראַסן־קרימינאַציע. ער האָט געשטעלט זיך אין שפּיץ פון די פּראָטעסט־מאַרשן קיין וואַשינגטאָן, און "פרייהייט־מאַרשן", ווי אויך גערופן צום בויקאָט קעגן די מלוכהשע אינסטיטוציעס. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן און זיין לויה האָבן זיינע אָנהענגער פאַרוואַנדלט אין אַ רעשיקע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע.

אין זייערע פלי־בלעטלעך וואָס די צעבונטעוועטע יוגנט האָט גערופן צו קומען קיין וודסטאָק און קיין שיקאַגאָ, איז געווען געשריבן: "קומט צו אונדז איר אַלע רעבעלן, יונגע גייסטער, פּאָעטן, פאַרליבטע און אַרטיסטן. מיר וועלן זיין אַ 500 טויזנט טאַנצנדיקע אויף די גאַסן מיט עלעקטרישע גיטאַרעס. מיר וועלן זיך ליבן אין די פּאַרקן, לייענען, זינגען, דרוקן צייטונגען, מיר וועלן מאַכן אַ פּאַראַדיזע פון די וואַלן און מיר וועלן פייערן דעם געבורט פון אַ פרייע אַמעריקע פון אונדזער צייט. מיר זאָגן אָן אַן עקספּלאָזיע פון נייעם גייסט. אַלץ וועט אויסברעכן אין דער מוזיק, פּאָעזיע, טענץ, צייטונגען און פילמען. אַלע שבטים וועלן זיך צונויפקומען, אַריינגאַנג אומעטום פריי. אַלץ אומזיסט. נעמט מיט קאָצן, געצעלטן, די מאָביליזאַציעקאַרטן, פאַרבן צו מאָלן, שפּייז פאַר זיך און פאַר נאָענטע, מוזיק־אינסטרומענטן,

באַגייסטערונג און גליק״.

אויף דעם צוזאַמענפלי פון די היפּעס איןוואָדסטאָקהאָט געהערשט דער גייסט פון ברודערשאַפט און עס האָט דאָרט געקלונגען דער פּראָטעסט קעגן מלחמה, קעגן ראַסן־האַס, קעגן דער דיסקרימינאַציע פון דער פרוי און קעגן ליגנט. ״עס איז שווער אין דעם לאַנד צו לעבן אָן בושה״ האָבן געזונגען די ריזיקע מאַסן פון די היפּעס. זייער מוזיק האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן חותם אויף דער אַמעריקאַנער קולטור ביזן היינטיקן טאָג. אָבער אין וודסטאָק איז אַלץ אַדורך אָן קרבנות. די וועמען מען באַשולדיקט אין הפקרות און אַנאַרכיע האָבן דאָרט איינגעשטעלט אַ ווונדערלעכע אָרדענונג, וואָס האָט ניט געגעבן דער פּאָליציי וואָס האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט דער בונטאַרער יוגנט, נקמה צו נעמען פאַר זייער אַנטימלחמה און אַנטימלוכהשע פּראָפּאַגאַנדע. דאָס איז זיי אבער געלונגען אין שיקאַגאָ.

דער צוזאַמענפלי פון דער יוגנט אין שיקאַגאָ האָט זיך אָנגעהויבן אונטער די דראָונגען פון דער פּאָליציי און געענדיקט מיט אַ בלוטיקער שחיטה. מיטן טויט פון 30 מאַן און 2000 פאַרוווּנדעטע. די דאָזיקע שחיטה האָט אַריינגעבראַנגט אַ גרויסע ענדערונג אין די מוחות פון דער יוגנט. פון די אידעאַלן פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד זענען זיי אַריבער צום פּאָליטישן קאַמף. כאָטש סעקס און נאַרקאָטיק האָט נאָך אַלץ פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט האָט דאָס אָבער באַדאַרפט דינען, ווי אַ מיטל קעגן די פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס. אָבער דער נייער קאַמף פאַר דער צוקונפט פון אַמעריקע האָט פארנומען דער קאַמף קעגן עסטאַבלישמען, פאַר ענדערן דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן. דאָס האָט צוגעלויבטן דער אידעע פון ״פרייע אוניווערסיטעטן״, און אַזעלכע האָבן עקזיסטירט אין 60 שטעט. זיי האָבן געשאַפן פון ס.ד.ס. (סטודענטעשע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע), וואָס האָט געפירט איר קאַמף פאַרן פרייען וואָרט. אין זייער ״דעקלאַראַציע פון פּאָרט הודאָן״ ווערט גערעדט וועגן אַ קאַמף צו ליקווידירן די אָרעמקייט, וועגן די אידעען פון אַ נייעם הומאַניזם. דער מחבר פון דער דעקלאַראַציע היידען, האָט געשטרעבט צו אַ סינטעז צווישן אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן.

די „פרייע אוניווערסיטעטן", וואָס זענען געווען פּאַקטיש אַנטי־אוניווערסיטעטן, האָבן עקזיסטירט אין אַמעריקע און אויך אין אייראָפּע. דער באַרימטער פון זיי איז געווען דער „פרייער אוניווערסיטעט" אין בערקעליי. אין 64סטן יאָר האָט אין דאָזיקן הויכן לערן־אַנשטאַלט זיך אָנגהויבן אַ 32־טאָגיקער זיץ־סטרייק און אַ בלאָקאַדע מיטן ציל צו בלאָקירן דעם וועג פאַר די פּאָליציי־אויטאָס, וואָס האָבן געפירט די ארעסטירטע אַגיטאַטאָרן פון די סטודענטן. גלייך נאָכדעם איז דאָרט אויסגעבראָכן אַן אָקופּאַציע־סטרייק. די אַרויסגערופענע פּאָליציי האָט זיך באַנוצט מיט די ברוטאַלסטע מיטלען קעגן די סטודענטן. דאָס צעשלאָגן די סטודענטן האָט אָבער פאַרשטאַרקט צו זיי די סימפּאַטיע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער קאַמף „פאַר דער פרייהייט". „ס'איז געקומען די צייט" — האָט געשריבן די אָנפירערין פון די סטודענטן מאַריאָ סאַוויא — „ווען דער פאָרם פון די האַנדלונגען פון דער מאַכט־מאַשין נעמט אָן אַן עקל. מען קען ווייטער ניט שווייגן. מיר דאַרפן וואַרפן אונדזערע קערפּערס אויף דעם ראָד, וואָס באַוועגט די געזעלשאַפטלעכע מאַשין און זי אָפּשטעלן. מיר זאָגן צו די וואָס באַוועגן די דאָזיקע מאַשין, זיי זאָלן פרייוויליק זי אָפּשטעלן, ווייל מיר זענען דעצידירט אין צעשטערן איר פונקציאָנירונג".

סטודענטן־אומרוען זענען פאָרגעקומען אויך אין די אוניווערסיטעטן פון פראַנקרייך, איטאַליע און אַפילו אין קאָמוניסטישן פּוילן, ווי עס האָט געדרודערט מיט פּראָטעסטן און בונט און האָט ניט ווייניק בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון דער „סאָלידאַרנאָשטש"־באַוועגונג. אָבער די גרעסטע געשעענישן זענען פאָרגעקומען אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע. די פּאַריזער סטודענטן האָבן געפירט זייער קאַמף אויף די פּאַריזער באַריקאַדן און פאַרוואַנדלט די מאַי־געשעענישן אין אַ פּאַקטישער מאַי־רעוואָלוציע. זיי איז געלונגען אויך צו באַוועגן די פראַנצויזישע אַרבעטער צו אַן אַלגעמיינעם סאָלידאַר־סטרייק מיט די סטודענטן, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען אַ 10 מיליאָן אַרבעטער, וואָס האָט באַדראָט דעם גאַנצן רעזשים אין פראַנקרייך.

אָבער דער גרויסער בונט, וואָס האָט זיך איז אַמעריקע אָנגערופן די עפּאָכע פון ל.ס.ד., אָדער דער צווייטער רענעסאַנס, די עפּאָכע פון „וואָדסטאָק", „די מדינה פון בלומען־קינדער", האָט זיך געענדיקט צוזאַמען מיט דער מלחמה אין וויעטנאַם. די טעאַטראַל־געקליידעטע און לאַנגהאָריקע בונטאָרן, מיט זייערע פאַרנעפּלטע אידעאַלן, פאַרנאַגראַפישער אויפגעבלאָזנקייט, האָבן ניט געקענט ווערן די פאָן־טרעגער פון אַ נייער העכערער קולטור און פון אַ נייעם דערהויבענעם מענטשן־טיפּ. אויך דער זיווג פון דער שוין אָפּגעלעבטער מערב־קולטור מיט דער אַלטער אָריענטאַלישער קולטור, האָט געשאַפן אַ מין טראַגיקאָמישער כאַאָטישקייט פון סטיכישע בונטן, ווי דורכלויפנדיקע שטורעמס, וואָס קען ניט געבוירן קיין נייעם און קאָנסטרוקטיוון איבערבוי פון דער געזעלשאַפט.

דער גרויסער בונט, וואָס האָט באַדאַרפט ווערן די בשורה פון אַ נייעם רענעסאַנס, איז געבראָכן געוואָרן דורך דער ברוטאַלער מלוכה־מאַשין. אָבער ניט בלויז דורך רעפּרעסיעס. די מלוכה־מאַשין האָט געוווסט ווי אַזוי לעכערלעך צו מאַכן אָט די באַוועגונג. זיי האָבן אין שריפט און אין פילם געשילדערט די לאַנגהאָריקע, ווי באַנדיטן און אומברענגער פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. די צעבונטעוועטע יוגנט און אינטעליגענץ איז צוריק אַוועק צו זייערע ביזנעס און קאַריערעס. ס׳האָט געפּלאַצט דער גלויבן, אַז די לאַנגהאָריקע טיפּן אין קאָלירטע לאַכעס קענען ווערן דער סימבאָל פון אַ נייער האָפענונג. עס זענען באַגראָבן געוואָרן די לאָזונגען פון בונט און פּראָטעסט. דאָס אַמעריקאַנער בירגערטום האָט לייכט אָפּגעעטעמט און געקוויקט זיך מיט די פּאַטריאָטישע לאָזונגען פון אַ „פאַראייניקט אַמעריקע". עס זענען פאַרשוווּנדן אַזעלכע פילמען ווי „האָר" און אויף זייער אָרט זענען געקומען פילמען, וואָס שילדערן דעם אַמעריקאַנער רואיקן און זאַטן בירגער. די קרעמערישע אידעאָלאָגיע האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

יאָ, דער בונט פון דער יוגנט איז פאַרלאָשן געוואָרן. אָבער די אַלע נעגאַטיווע זייטן פון דער בירגערלעכער מאָראַל און פון קאַפּיטאַליסטישן אומיושר זענען ניט פאַרשווּנדן. די געפאַר פון אַן אַטאָמישער

קאַטאַסטראָפע הענגט אַלץ איבער דעם גורל פון דער מענטשהייט. זענען טאַקע ניט פאַרשווונדן די סיבות, דאָס האָבן געבוירן דעם בונט פון דער יוגנט. דערפאַר איז אָט דער בונט פון דער יוגנט און אינטעליגענץ, כאָטש ער איז אָפּגעשטאָרבן, גאָר ניט קיין פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד, ער האָט געלאָזט נאָך זיך טיפע וואָרצלען און פון איר איז אויסגעוואַקסן דער "נייער לינקס" כאָטש דאָס איז ניט קיין איינהייטלעכע באַוועגונג און איז אויך אַרויסגעוואַקסן פון דער אַנטוישונג אין קאָמוניזם און פון דער אַנטוישונג אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז ניט ווייניקער אימפּעריאַליסטיש און ניט ווייניקער אונטערדריקעריש אָדער נאָך מער פון דעם קאַפּיטאַליזם. האָט אויך דער "נייער לינקס" ניט געקענט ווערן די נביאים פון אַ נייער קולטור. זיי איז אָבער געלונגען מער צו פאַרשאַרפן דעם קאָנפליקט צווישן דורות. זיי האָבן אויך געשפּילט אַ ניט קליינע ראָלע אין קאַמף קעגן קריג און באַוואָפענונג, ווי אויך פון דעם אַנאַרכיזם אַרויסגערופענעם פּראָבלעם פון אַקאָלאָגיע.

דער נייער לינקס, ווי געזאָגט איז ניט געווען אידעאָלאָגיש איינהייטלעך. אַ טייל האָט געהאַלטן זיך ווייטער ביי דעם גאַנדישן פּאַסיוון ווידערשטאַנד און ביי אַן אַנדער טייל איז דער קאָמוניזם שוין צו רענעגאַטיש און האָבן געזוכט צו ראַטעווען די וועלט מיט דער הילף פון מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן טעראָר. דער אידעאישער באַנקראָט פון מאַרקסיזם האָט אין פּראָפעסאָרישע מוחות געבוירן דעם געדאַנק פון ראַטעווען דעם מאַרקסיזם און אים באַנייען דורך מאַכן אַ סינטעז צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם. זיי האָבן פּרובירט שאַפן אַ בריק צווישן מאַרקסן און באַקונינען. דאָס האָבן געטאָן: הערבערט מאַרקוזע, דער איטאַליענער לואיגע פאַברי, דער פראַנצויז דאַניעל גועטין און צום סוף די ברידער כהן בענדיט. אָבער דער מאַרקסיזם האָט ניט געלאָזט זיך רעהאַביליטירן און דאָס פאַראייניקן אַזאַ אויטאָריטאַטיווע פילאָזאָפיע, ווי דער מאַרקסיזם מיט דער פרייהייטלעכער און אַנטי־אויטאָראַטיווער פילאָזאָפיע פון אַנאַרכיזם איז אַזאַ מין אומזין (ווי דאָס האָט ריכטיק דערקלערט דער וועטעראַן פון דייטשישן אַנאַרכיזם אויגוסטין זוכי), ווי דאָס שאַפן אַן אַטעיסטישן קאַטאָליציזם. אָבער פון "נייעם לינקס" איז אויסגעוואַקסן די מאַסן־באַוועגונג פון

די „גרינע" אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע און גלייכצייטיק די מאַרקסיטיש־לעניניסטישע טעראָר־גרופּן, ווי די: „באַדער־מיינהאָף" און „ראַפ" אין דייטשלאַנד און די „רויטע בריגאַדעס" אין יאַפּאַן, איטאַליע און אַנדערע לענדער.

די מיר זעען, האָט דער בונט פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע און זיך פאַרשפּרייט איבער די אוניווערסיטעטן פון די אייראָפּעישע שטעט, געלאָזט אונטער זיך טיפע שפּורן און איז אויסגעאָקסן דורך אירע יורשים, די „גרינע" און די אַלטערנאַטיווע גרופּן, אין אַ גאָר וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן כוח, וואָס האָט אויך אַ גרויסע ווירקונג אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין דייטשלאַנד און אויף דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד. אָבער אויך אין דער קונסט האָט די באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון די היפּעס, וואָס זענען אויסגעלאַכט געוואָרן און פאַרגעשטעלט דורך די פּאָליטיקערס פון די לענדער אין אַ קרימער שפּיגל, האָט געלאָזט ביז היינט גאָר טיפע שפּורן אין דער קונסט, באַזונדערס אין דער מוזיק, אַזוי זענען אומפאַרגעסלעך געבליבן די פּראָטעסט־לידער אין סטיל פון אַזעלכע זינגערס ווי: באָבּ דילאַן, דזשימי הענדריקס, יאַניצע יאפּין און אַנדערע. אָבער אויך די פילאָזאָפיע פון די היפּעס, וואָס זיי האָבן געשעפּט פון דער אַלט־אינדישער פילאָזאָפיע און פון דעם מאָדערנעם געדאַנק פון גאַנדיס פּאַסיוון ווידערשטאַנד, האָט ניט אויפגעהערט צו ווירקן אויף דעם מאָדערנעם געדאַנק אין קאַמף פאַר אַ נייער קולטור, ווען אָט די פילאָזאָפיע פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד וועט זיך באַפרייען פון איר מיסטישרעליגיעזן און אַסקעטישן כאַראַקטער, וועט איר ווירקונג זיין פיל גרעסערער, באַזונדערס איר ריכטיקע קריטיק איבער דער אייראָפּעישער און קאַפּיטאַליסטישער מאָראַל און לעבנשטייגער קען ניט פאַרשוויגן ווערן. אויך די אַלט־אינדישע און די גאַנדישע פילאָזאָפיע פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד איז היינט גאָר אַקטועל.

דעם געדאַנק פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, ווי גאַנדי האָט דערקלערט, האָט שטענדיק עקזיסטירט אין דער געשיכטע פון די גרויסע רעליגיעס און אירע נביאים, דעם געדאַנק קען מען געפינען אויך אין יעזוסעס „רייד אויפן באַרג", פון די אינדישע

רעליגיעזע פּראַקטיק, ווי פון הומאַניסטישן געדאַנק פון 19טן י.ה. לויט גאַנדי איז גאָט ניט קיין באַשטימטע געשטאַלט אין זיין רעליגיע. ווי ער דערקלערט, איז הינדואיזם די רעליגיע פון דער מענטשהייט.מען קען דאָס באַטראַכטן, ווי רעליגיע פון אמת. אָבער אַנשטאָט צו דערקלערן אַז גאָט איז דער אמת, איז בעסער זאָגן אַז דער אמת איז גאָט. גאַנדי נעמט אַרום דעם געדאַנק פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד גאַר ברייט — "דער מענטש וואָס וויל ניט דינען אַלעמען איז אַן אומגליק פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט". די גאַנדישע רעליגיע פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד איז קיין רעליגיע פאַר פוילע, ווייל זי פאָדערט אומגעוויינלעכע אָנשטרענגונג פון ווילן, פון קערפּער און גייסט אין קאַמף קעגן פיזישן כוח, ברוטאַלקייט, צוואַנג און מיליטערישן איבערגעוויכט. און שטיצט זיך אויף פּערזענלעכער און גייסטיקער דיסציפּלין. דאָס מיינט אויך ענדערן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען דורך קאָנסטרוקטיווע וועגן. ווי גאַנדי האָט דאָס דורכגעפירט מיט שאַפן קאָלעקטיווע דערפער, די "דעמאָקראַטישע דאָרפיש רעפובליקן", וואָס האָט פאַרווירקלעכט אויך דעם מעטאָד פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די איינוווינער און געדינט דאָס באַנייען פון דאָרף און די באַנייאונג פון פאָלק. אַלע זיינע ווירטשאַפטלעכע, קאָנסטרוקטיווע פּלענער האָבן זיך ניט געשטיצט אויף דער הילף פון מערבדיקן קאַפּיטאַל. זייער ניט קאָאָפּערירן מיט דער רעגירונג האָט געשטיצט זיך אויף דער סאָלידאַריטעט, צוזאַמענאַרבעט און קעגנזייטיקע הילף צווישן די רעגירטע. די גרעסטע דערגרייכונג, מיט דער הילף פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, איז דאָס אָפּמעקן די שאַנד פון די אינדיער צו דער קאַסטע פון "אומבאַרירבאַרע", ווי די גרעסטע דערגרייכונג אויפן געביט קעגן ראַסן־האַס און קאַסטן־העראַרכיע. די גאַנדישע פילאָזאָפיע פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד האָט אין אַמעריקע פאַרגעזעצט דער באַפּטיסטישער פּאַסטאָר קינג און די מורדים פון די אוניווערסיטעטן. כאָטש די לאָזונגען פון "וואָדסטאָק" און "שיגאַגאָ", וואָס האָט געמאַכט שטאַרקער קלאַפּן די יונגע הערצער, זענען שוין פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די "מאַגישע שטעט" און די נעכטיקע היפּעס גייען שוין געטריי אין די וועגן פון זייערע "פּראַקטישע" טאַטעס, דאָך עקזיסטירט

נאָך דאָס זוכן וועגן צו אַ נייער קולטור און דער גאַנדיזם לעבט ווייטער אויך אין אַמעריקע און אייראָפּע אין די פאַרשידנסטע אידעאַלע פאָרמען. אַלס בײַשפּיל קען דינען די גאַנדישע קאָמונע אין Lanzy del Vasto ניט ווייט פון פראַנצויזישן ניצע.

דער צווייטער גרויסער נביא פון פאַסיוון ווידערשטאַנד איז געווען דער אינדישער פילאָזאָף און גרויסער פּאָעט ראבינדראנאט טאגארא. ער האָט אָבער אין הינדיזם געפונען איר איבערראַלן ווערט און דעם אַלגעמיין מענטשלעכן כאַראַקטער אירן. ער האָט געזען דאָס שלעכטס און דעפּאָרמאַציע פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, אין דעם פּרינציפּ פון "טייל און הערש", צוויי פאַרשידענע עטיק, איינע פאַר "אונדזערע" און די אַנדערע פאַר "פרעמדע". ווי אין דער איזאָלאַציע פון די ספערן אין דער וויסנשאַפט, ווי פון ראַסן- און פעלקער-האַס, אין די באַקעמפנדיקע זיך רעליגיעס. ער האָט געשריבן: "אין מערב הערשט די איבערצייגונג אַז די מענטשלעכע נאַטור איז אָפּגעטיילט פון דער איבריקער נאַטור מיט אַ הויכער באַריערע. די מענטשן זענען שטאָלץ דערמיט וואָס זיי באַהערשן די נאַטור, ווי מיר וואָלטן געלעבט אין אַ פיינטלעכער וועלט פון וועלכע מען דאַרף אַרויסרייסן מיט געוואַלט יעדע זאַך וואָס איז נויטיק פאַר אונדזער לעבן. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דער מענטש וויל באַראַבעווען און באַרויבן די נאַטור און אַלץ דעראָבערן מיט כוח". לויט טאגאָראן געפינט זיך שוין אין די אַלטע ביכער פון קרישנא די פאָדערונג צום מענטש צו האַנדלען ניט לויט די פּערזענלעכע נוצן און אָפּוואַרפן דעם דורשט נאָך באַקומען די פּרוכט פון יעדער אַרבעט. דאָס איזאָלירן זיך פון יעדן מענטש און דאָס אַרומרינגלען זיך ווי מיט אַ מויער, וואָס זאָל אים באַשיצן פון דעם איינפלוס פון דעם אַרום איז די סיבה פון דעם שלעכטס. אַ מענטש וועלכער שטרעבט זיך צו באַרייכערן און אויפהויבן זיך איבער אנדערע קען ניט אָפּשאַצן קיין זאַכן און קיין מענטשן אָן פאַרקלענערן זייער ווערט. אין פאַרגלייך צום אייגענעם פערזאָן זעט אים אַלץ אויס פאַר ווייניק וויכטיק, ווייל ער פאַרשטייט ניט זיין פליכט צו דער אַרומרינגלענדיקער סביבה. ער לעבט ווי אין אַ טורמע אַרומגערינגלט מיט פיינטלעכע מויערן. מיר באַפרייען זיך ערשט ווען מיר טוען גוטס.

אין דער פראַגע פון דער אָנאָפּהענגיקייט פון אינדיע האָט טאגארט געהאַט זיין באַזונדערן צוגאַנג: „די אָנאָפּהענגיקייט פון אינדיע וועט ניט ליקווידירן די מענטשלעכע פאַרשקלאַפונג. די נויט און אָפּגעשטאַנענקייט". טאגארע האָט שאַרף געטאַדלט די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן פון די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע איזאָלאַטאָרן, ווי ער וואָלט פאָרויסגעזען די צוקונפטיקע צרות פון וואָס עס וועט ליידן דאָס קומענדיקע אָנאָפּהענגיקע אינדיע. ער האָט געשריבן „איך גלויב, אַז אינדיע וועט ווערן אַ ביישפּיל און סימבאָל פון צוזאַמענאַרבעט פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. פאַר אינדיע איז דאָס פאַרבינדן זיך דער אמת, די איצטיקע פרוּוון פון אָפּטיילן זיך פון מערב זענען ווענן צו גייסטיקער זעלבסטמאָרד". דעם גרעסטן געוויכט האָט טאגארא געלייגט אויף דער דערציאונג שאַפנדיק אַ „וואַלד־שולע", וועלכע ער האָט באַצייכנט ווי אַ „סטאַציע פון שלום", מיטן גלויבן, אַז די גרויסע ענדערונג אין אינדישן פאָלק קען פאָרקומען נאָר מיטן דערהויבן איר קולטור. וועגן זיין שולע שרייבט טאגארא: „די יינגלעך פון מיין שולע דעראָבערן פראַקטישן וויסן פון געבוי פון אַ בוים מיט זייער דירעקטע אָנטאַפּן דעם בוים. די לעקציעס קומען פאָר אויף דער פרייער לופט, צווישן ביימער און בלומען, ווו די גרענעץ צווישן וויסנשאַפט, אַרבעט און שפּילן ווערט אין גאַנצן פאַרווישט. אַ גרויס אָרט פאַר דערציאונג האָט סיי פאַר דער שולע, סיי פאַרן פאָלק געדינט דאָס טעאַטער. און אויך אויף דעם געביט איז די שולע „די סטאַציע פאַר שלום" געוואָרן אַ ביישפּיל פאַר די היינטצייטיקע טעאַטער־טעטיקייט אין די מערב־לענדער. טאגארע האָט אָנגעהויבן אין 1916 די קוראַציע פון דער מענטשלעכער נשמה דורך רעאַליזירן די אידעע פון בויען די צוקונפט־אוניווערסיטעטן, ווי אַ צענטרום פון אינטערנאַציאָנאַלע האַרמאָניע. ער איז געווען אַ קעגנער פון ביכער־ערודיציע און זכרון־אַדוקאַציע, נאָר געלערנט צו מאַכן דערפינדונגען פון יעדן מאַטעריאַל און צו אַנטוויקלען די פרייד, וואָס עס גיט דאָס שפּילן און דאָס שאַפן. טאגארא האָט ניט אָנגענומען דעם געדאַנק, אַז די אַלט־אינדישע קולטור קען דינען דער אָנאָפּהענגיקייט. דאָס אָפּרופן זיך צו דעם אָרטאָדאָקסישן

הינדיזן טראָגט אַ כאַראַקטער פון אָפּגעשטאַנענקייט. דער גרעסטער געפֿאַר פֿאַר די פֿעלקער ליגט אין זייער גייציקייט. רייכטום שאַפֿט אַ "גאָלדענעם שטייג", וואָס פֿאַרסמט די נאַטירלעכע ענערגיע פֿון קינד. "דעריבער האָב איך אין מיין שול פֿאַרבעטן דעם בעסטן לערער — די פּשוטקייט, ווייל זי פֿאַרלייכטערט דעם קאָנטאַקט מיט דער וועלט". די לעקציעס דאַרפֿן ניט בלויז לערנען נאָר דערציען אין נייעם גייסט און זוכן נייע וועגן פֿון פֿאַרניכטן די טויטע שאַבלאָנען פֿון דעם לעבן פֿון אינדישן פֿאָלק, וואָס האָט דעגענערירט צו דער ראָלע פֿון זאַמלען די שיריים פֿון פרעמדע קולטורן. "מיינע קינדער דאַרפֿן ווערן די נאָענטסטע קרובים פֿון דער נאַטור זייערע קערפּערס דאַרפֿן, ווי דיביימער און בלומען ציען צו דער זון און ליכט". טעאַטער ניט נאָר אויף דער עסטראַדע, פּאָעזיע ניט נאָר אויפֿן פּאַפּיר נאָר אין לעבן וואָס האָבן געווירקט כישופֿדיק אויף טאַגאָראַס שילער.

די רייכע געדאַנקען, וואָס מען קען שעפּן פֿון די אַלטאינדישע און אָריענטאַלישע פֿילאָזאָפֿיעס, ווי פֿון די לערעס פֿון גאַנדי און טאַגאָרא, קרייצן זיך מיט דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון מאָדערנעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק און מיט אירע שטרעבונגען צו אַ נייער קולטור און נייער געזעלשאַפֿטלעכע ווירקלעכקייט. דער געדאַנק פֿון פֿאַרוואַנדלען דעם יחיד אין אַ פֿרייע פּערזענלעכקייט, וואָס דענקט מיט אייגענע געדאַנקען, אין אַ געזעלשאַפֿט פֿריי פֿון יעדן צוואַנג, דאָס זענען די הויפּטפּרינציפּן פֿון אַנאַרכיזם, וואָס די אַמעריקאַנער בונט פֿון דער יוגנט און פֿון אייראָפּעישן "נייעם לינקס" און פֿון די הייַנטיקע "גרינע", האָבן ניט געקענט און קענען ניט פֿאַרווירקלעכן צוליב זייער פֿאַרשקלאַפּטקייט צום אויטאָריטאַטיוון מאַרקסיזם. דאָס באַפֿרייען זיך פֿון אויטאָריטיוון געדאַנק און פֿון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטראַליזם קען אויספּלאַסטערן דעם וועג צו אַ נייער קולטור.

די אַלע וואָס זענען געווען געווען אַזוי זיכער אַז דער בונט פֿון דער יוגנט אין אינטעליגענץ אין די 60 קער יאָרן איז געווען ניט מער ווי אַ היסטאָרישער עפּיזאָד, די אַלע פּיליסטערס וואָס האָבן אויסגעלאַכט און אָפּגעחוזקט פֿון דער צעבונטעוועטער יוגנט, די אַלע וועלן ניט פֿאַרשטיין אַז עס איז דאַן פֿאַרגעקומען אַ

גרויסע רעוואָלוציע, ניט נאָר אויף די באַריקאַדן נאָר אין די מוחות פון די מענטשן און פעלקער. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע וואָס איז אויסגעבראָכן מיט 200 יאָר צוריק האָט זיך, ווי טייל האָבן געמיינט, ניט געענדיקט זיך נאָך דעם טערמידער, זי האָט נאָך 50 יאָר זיך ווידער באַנייט אין די רעוואָלוציעס אין 48 יאָר, ניט נאָר אין פראַנקרייך נאָר זיך איבערגעטראָגן איבער גאַנץ אייראָפּע. רעוואָלוציעס וואָס האָבן געענדערט די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע; די מענטשלעכע קולטור און מענטשלעכע טראַכטן. זי האָט געבוירן ניט־נאָר דעם אַנגרייפערישן קאַפּיטאַליזם מיט איר מעכטיקער אינדוסטרי נאָר אויך דעם סאָציאַליסטישן און אַנאַרכיסטישן געדאַנק, וואָס ווירקט נאָך היינט אויף דער נשמה פון גאַנצע פעלקער.

דער בונט פון דער יוגנט וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקאַ אַלס פּראָטעסט קעגן דער וויעטנאַמער מלחמה און געצויגן זיך א גאַנץ צענדליק יאָר. ביז די מאַי־רעוואָלוציע אין פּאַריז, די בלוטיקע געשעענישן אין מזרח־דייטשלאַנד. דער בלוטיקער שטרייק אין דאַנציקער פּאָרט, וואָס האָט דערפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דער "סאָלידאַרנאָשטש" ביז די "קולטור־רעוואָלוציע" אין כינע, אָט די דאָזיקע רעוואָלוציע איז נאָך ניט געענדיקט. זי האָט דאָס ניט נאָר געבוירן דעם "נייעם לינקס" און די באַוועגונג פון די "גרינע" אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע און פראַנקרייך נאָר זי האָט אויך געבוירן דעם "אייראָ־קאָמוניזם" אין די וויכטיקסטע אייראָפּעישע לענדער. זי האָט דאָס געבראַכט אין ראַטן־פאַרבאַנד די עפּאָכע פון כרושטשאָוו און איצט פון גאָרבאַטשאָוו. און די "פּערעסטראָיקאַ" וואָס נעמט אַרום אַלע קאָמוניסטישע לענדער. עס געפינען זיך היינט אַזעלכע סאָוויעטאָלאָגן, וואָס רעדן וועגן א נייער רעוואָלוציע אין ראַטן־פאַרבאַנד. אוודאי איז דאָס א ניט־געלונגענע באַצייכענונג, ווייל רעוואָלוציעס זענען קיינמאָל און ווערן אין קיינמאָל ניט געמאַכט פון די הערשנדיקע עליטעס נאָר פאַרקערט, זי ווערט געמאַכט קעגן דעם הערשערישן רעזשים. און גאָרבאַטשאָוו מיט זיינע געהילפן זענען דאָך אַרויסגעוואַקסן פון די העכסטע הערשערישע קרייזן אויך פון דער פּאַרהאַסטער נ.ק.וו.ע.צע די דאָזיקע "רעוואָלוציאָנערן" האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט ניט פון מאַרקסיזם און האַלטן זיך

געטריי ביים לעניניזם וועלכער איז געווען א גרויסער טאקטיקער און קאָמוניסטישער סטראטעג. ער האָט דאָס דאָך איינגעפירט דעם "נעפ", ווען דאָס איז געווען נויטיק פאר דער באָלשעוויסטישער הערשאפט אונטער דער לאזונג: — א טריט צוריק כדי צו מאכן צוויי טריט פארויס. אָט די טאקטיק איז גוט באקאנט גאָרבאטשאָוון. דאָס מיינט ניט אז אין ראטן פארבאנד קומט ניט פאר קיין גרויסע געשעענישן. אויך דאָרטן איז אויסגעוואקסן א הויך אידעישע אינטעליגענץ וועלכע האָט שוין גענוג דעם גרויסן ליגן פון דעם באָלשעוויזם. אויף זיי ווירקן די אידעען פון זאכאראָוון פיל שטארקער, ווי די פּאָליטישע מאנעוורן פון גאָרבאטשאָוון. עס איז אויסגעוואקסן גרויסע שרייבערס, וואָס נאָך דער דעסטאליניזאציע האָבן אָנגעהויבן דערציילן דעם אמת. עס איז קלאָר אז די רעפּארמען פון גאָרבאטשאָוון וועלן האָבן א גרויסע רעוואָלוציאָנערע באדייטונג, זיי וועלן רעוואָלוציאָניזרן די מאסן, גאָרבאטשאָוו און זיינע אנהענגער מאכן ניט די דאָזיקע רעפּאָרמען, ווייל זיי ווילן נאָר זיי זענען פון לעבן דערצו געצוואונגען. דאָס לעבן וועט אפשר ווייטער צווינגען צו א גרויסע גייסטיקע פּאָליטישע, מאָראלישע רעוואָלוציע, וואָס וועט ענדערן דעם גאנצן סיסטעם פון ראטן פארבאנד נאָר אויך פון דער גאנצער וועלט. פארשטענדלעך אז די פעלקער נויטיקן זיך ניט אין בלוטיקע רעוואָלוציס, וואָס ברענגען אָפט צו מער דעספּאטיע און מער אונטערדריקונג נאָר אין א גרויסע גייסטיקע רעוואָלוציע, וואָס זאָל פירן צו א נייער קולטור.

★

אַז דעם מרד פון די סטודענטן אין די 60 קער יאָרן, וועמענס הויך־פונקט איז געווען די „מאַי־רעוואָלוציע" אין פּאַריז, האָט געטראָגן אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער ברענגען מיר פאַקטן:

פּוילן: אין 30 יאַנואַר 1968 האָט דער „נאַראָדני טעאַטער" אין וואַרשע פאַרגעשטעלט די דראַמע „דזשאַדי" פון מיצקעוויטשן און אויף די אַנטי־רוסישע טיילן האָט דער כהל רעאַגירט מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, דאַן האָט דער קאָמוניסטישע הערשער גאָמולקאַ באַפוילן גלייך אַראָפּצונעמען די דראַמע פון דער בינע. 50 סטודענטן וועלכע האָבן קעגן דעם דעמאָנסטרירט, פאַר דעם אמט פון דער צענזור, מיט דער לאָזונג „פרייהייט פאַרן טעאַטער" זענען אַרעסטירט געוואָרן. די מאַכט האָט אין גאַנצן ניט גערעכנט זיך דערמיט וואָס דאָס דאָזיקע ווערק פון מיצקעוויטשן האָט געהערט צו דעם פליכט פון לערנען אין די מיטל־שולן, און פון 1945 האָבן פאַרשידענע טעאַטערן אין פוילן 16 מאָל דאָס געבראַכט אויף דער בינע.

אויף די פּראָטעסטן פון די סטודענטן האָט די קאָמוניסטישע רעגירונג אַרעסטירט און באַזייטיקט אויף שטענדיק צוויי סטודענטן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ כעס ביי די ליבעראַלע עלעמענטן פון לאַנד. דער פּוילישער ליטעראַטן פאַריין האָט פּראָטעסטירט און געפאָדערט צו באַגרענעצן דעם ווילקיר פון דער צענזור. אין אָנפאַנג מאַרץ האָבן די סטודענטן דעמאָנסטרירט פאַרן דער ביוראָ פון דעם רעקטאָר

און די אוניווערסיטעט מאַכט וועלכער האָט ארויסגערופן באוואפנטע פּאָליציי און עס האָט זיך אנגעהויבן אַ בלוטיקער שלאַכט צווישןביידע צדדים.

די שילער פון טעכנישע הויך שולע אין ווארשע האָט זיך דאן געוואנדן צו דער מאַכט מיט אַ פעטיציע פון 71 פאראגראפן מיט פאדערונגען פון פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון אָרגאַניזירן זיך, באפרייען די ארעסטירטע סטודענטן. עס זאָלן ניט באשטראפט ווערן די לערערס וואָס זענען געשטאנען אויף דער זייט פון די שילערס, באזייטיקן די "פּאָלקס־מיליץ" פון די קאמפוסן און אפזאָגן זיך פון דער אפיציעלער אנטיסעמיטישער און אנטיציוניסטישע העצע. באזונדער האָבן די שילער פראטעסטירט קעגן דער העצע פון דער פרעסע קעגן די סטודענטן און יוגנט (דער דאָזיקער סיכסוך צווישן דער פרעסע און קעפנדיקער יוגנט איז געווען אַ וויכטיקער גורם אויך אין די סטודענטן־מהומות וואָס איז אויסגעבראָכן אין איטאַליע, דייטשלאַנד, יוגאָסלאַוויע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד).

אין משך פון דריי טעג האָבן די סטודענטן פארוואנדלט דעם וואַרשעווער קאַמפּוס פאַר אַ קאמפּס־ארענע, וואָס האָט צעשפּרייט זיך איבער אַלע טיילן פון דער שטאָט. די סטודענטן וועלכע האָבן געפונען אַ שוץ אויף די טרעפּ פונעם קלויסטער פון "הייליקן קרייץ" זענען אכזריותדיק צעשלאָגן געוואָרן דורך דער פּאָליציי. אויף דעם פאַקולטעט פון עלעקטראָניק ביים פּאָליטעכניקום איז דער פּאָליציי ניט געלונגען צו פארטרייבן די סטודענטישע דעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן אָן אויפהער געשריגן: "זאָל לעבן טשעכאָסלאָוואַקיע" דעם אין דער צייט האָט די מלוכישע טעלעוויזיע געוויזן בילדער פון ארבעטער־פארזאמלונגען אין די פאבריקן וועלכע האָבן קלומרשט "איינשטימיק" געטאדלט די סטודענטן און געפאָדערט "ריין צו מאַכן די פּאַרטיי פון ציוניזם".

דעם 19 מאַרץ 1968 האָט גאָמולקאַ געהאַלטן אַ רעדע וואָס האָט געזאלט באַרואיקן די סטודענטן צוזאגנדיק אַז די רעגירונג וועט באטראכטן די פאדערונגען פון די סטודענטן, דערביי האָט ער אונטערגעשטראכן אַז אין די סטודענטן־מהומות איז בולטער דער אָנטייל פון יידישע סטודענטן, ווי אויך אַ ביסל "רעוויזאניסטישע"

פּראָפעסאָרן.

גאָמילקאַס רעדע האָט ניט באַרואיקט די סטודענטן. אין פּאָליטעכניקום האָבן 5000 טויזנט סטודענטן דערקלערט אַ 24 שעהדיקן סטרייק און האָבן אַ גאַנצע נאַכט פאַרברענגט אין קאַמפּוס אונטער שאָפּענס מוזיק. אין דער פרי האָט די פּאָליציי געגעבן די סטודענטן אַן אולטימאַטום צו פאַרלאָזן דעם קאַמפּוס און ניט וועלדיק זיך אריינלאָזן אין אַ שלאַכט מיט דער פּאָליציי האָבן זיי פאַרלאָזט דעם קאַמפּוס רופנדיק צו אַן אלגעמיינעם שטרייק. דערנאָדאיז געקומען אַ כוואַליע פון באַזייטונגען, זעקס פּראָפעסאָר זענען באַזייטיקט געוואָרן פון דעם פאַקולטעט פאַר גייסטיקע וויסנשאַפטן, עס זענען אויך באַזייטיקט געוואָרן פּראָפעסאָרן פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע.

דאָס ליבעראַלע פּראַג, פּראַג פון ״פּרילינג 1968״האָט אָפן סימפּאַטיזירט מיט די סטודענטן. פון שכנישן פּוילן, פּראַג האָט אַפילו פאַרבעטן די אָפּגעזאָגטע אין פּוילן פּראָפעסאָרן צו האַלטן אַ ציקל פון לעקציעס אין דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון דעם ״קאַרל״ אוניווערסיטעט. דער טשעכישער ליטעראַטן־פאַריין האָט אוועקגעשיקט אַן אָפיציעלן פּראָטעסט צו דער פּוילישער אַמבאַסאַדע.

אין אַפּריל פאַר די עקזאַמינס האָט די לאַגע אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן זיך אַביסל באַרואיקט אָבער דער גייסט פון מרידה איז ניט פאַרשוווּנדן. ווי עס האָט מיטגעטיילט די וואַרשעווער צייטונגען זענען פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט באַזייטיקט געוואָרן 47 סטודענטן. אין זומער 1968 האָט די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָנגענומען שאַרפע שריט ניט צו דערלאָזן די סטודענטן אנצובינדן וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער־פאַריינען. די קאָמוניסטישע עסקנים האָבן ניט געוואַקלט זיך צו באַנוצן מיט דעם פאַסמטן געווער פון אַנטי־יידישע העצע. באַזונדער האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט דער אינער־מיניסטער גענעראַל מאָטשאַר, וועלכער איז אויך געווען דער פאַרזיצער פון דעם פאַרבאַנד פון די פּאַרטיזאַנער־קעמפער קעגן דער היטלער־אָקופּאַציע. ער האָט אויסגענוצט דעם פאַקט וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געשטעלט זיך אויף דער זייט פון די אַראַבער אין דעם ישראל—אַראַבישן קאָנפליקט

און ער צוזאַמען מיט גאָמולקאַן און מיט דער פּוילישער פּרעסע האָבן באַשולדיקט די יידן אַז זיי גראָבן אונטער דער עקזיסטענץ פון דער פּוילישער מדינה, און גאָמולקאַ האָט געראָטן די "סימפּאַטיקער פון ציוניזם" צו פאַרלאָזן פּוילן. און דאַן זענען אַלע יידישע קאָמוניסטן באַזייטיקט געוואָרן פון זייערע אמטן. דער מרד פון די סטודענטן אין 68 יאָר איז פאַרגעזעצט געוואָרן דורך די פּוילישע אַרבעטער און די דרייסטע ארויסטרעטונגען אין יאָר 1970 און אין די אומרועו פון 80—1981. אַלס רעזולטאַט פון די אומרועו איז אנטשטאַנען דער "סאָלידאַרנאָשטש" אָבער דאָס איז אַ גאָר אַנדער קאַפּיטל אין דער נייעסטער געשיכטע פון פּוילן.

איטאַליע: אין איטאַליע זענען אין 19 אוניווערסיטעטן (פון 33) די אומרועו אויסגעבראָכן גאַנץ אומדערוואַרט פאַר דער רעגירונג, אָן וועלכע עס איז וואָרענונג. אייגנטלעך איז אין אָנהייב 60 קער אויסגעבראָכן די אומרועו אין די אוניווערסיטעטן צוליב דער אומנאָרמאַלער לאַגע וואָס למשל אין רוים איז אויף 60,000 סטודענט האָבן זיך געפונען 300 פּראָפעסאָרן (1:200) דערצו זענען די פּראָפעסאָרן געווען באַשעפטיקט ביי פּאַרטייאישע ענינים און ניט געהאַט קיין שום פּערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט די סטודענטן. דער לערן־פּלאַן איז געווען אַ פאַרעלטערט און קאָנסערוואַטיוו. האָבן די סטודענט, ווי אויך אַ טייל פּראָפעסאָרן ארויס מיט דער פאָדערונג פון אַ יסודותדיקער רעפאָרמאַציע אין די אוניווערסיטעטן. די ערשטע צוזאַמענשטויסן האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם אוניווערסיטעט אין טאָרינאַ אין נאָוועמבער 1967 און פון דאָרט זיך פאַרשפּרייט קיין מילאַנאָ, רוים, נעאַפּאָלי. די סטודענטן האָבן אנגעטראָפן אַ סאָלידאַריטעט ביי די אַרבעטער (ביי די אַרבעטער פון פיאַט) און זיך אויסגעדרוקט אין שטרייקן, מהומות, דעמאָנסטראַציעס און באַזעצן געביידעס ביז דאָס שאַפן זיך פון "שטאָאַט־גערילע".

אין אָנהייב 1968 האָט די מאַכט געשלאָסן צענדליקע פאַקולטעטן אָבער אין אַפּריל 1968 האָבן די סטודענטן אָפּגעהאַלטן זייערע ערשטע דערפּאָלגן, אויסקעמפנדיק פאַרשידענע רעכטן אין דעם אוניווערסיטעט אין טורינאַ.

אין פרילינג 68 יאָר האָבן געשטראָמט קיין טורינאָ טויזנטער

סטודענטן צו לערנען די דערפארונג פון די טורינער סטודענטן און זיך מיט זיי צו באַראַטן. די מהומות האָבן פארשטארקט זיך איבער אַלע אוניווערסיטעטן און די רעגירונג האָט באשטימט אַ פּאַרלאַמענטארישע קאמיסיע וואָס זאָל באטראכטן די פאדערונגען פון די סטודענטן. אין פּאַרלאַמענט האָבן געפירט זיך הייסע דיסקוסיעס איבער די פאדערונגען פון די סטודענטן אָבער דער פּאַרלאַמענט איז פונאנדערגעלאָזט געוואָרן און צו די אפשטימונג איבער די רעפארמעס איז ניט געקומען.

דערווייל האָבן די אומרוען ארומגעכאַפּט אויך די יוגנט פון די מיטל־שולן. אין אַ חשובע שולע אין מילאַנאָ האָבן די שילער דערקלערט אַ שטרייק. דער מינהל פון דער שולע דניאל מאטאליא האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רופן פּאָליציי מיט דער טענה אַז די שילער האָבן רעכט צו שטרייקן. אויף אַ צוזאַמענפאָר פון די לערער האָט מען ארויסגערוקט די פּאָדערונג פון "זעלבסט הערשאפט" די שטרייקנדיקע שילערס האָבן באשלאָסן, אין דאָזיקן "בירגערלעכער" שולע ארייננצונעמען אויך קינדער פון ארבעטער און ביי געהיימע וואַלן האָבן זיי באשלאָסן אויסצוקלייבן דעם מנהל מאַטאָליאַ פאַר דעם "דעמאָקראַטישסטן דירעקטאָר אין מילאַנאָ". צו מאָרגנס איז די שולע דורך דער מאַכט געשלאָסן געוואָרן.

אין מאַרץ 1968 האָבן די סטודענטן זיך פארבארקאדירט אין רוימישן אוניווערסיטעט און אין משך פון 12 טעג נאָך אַ גאַנצע רייע קאמפן איז דער פּאָליציי געלונגען ארויסצוטרייבן די סטודענטן פון אוניווערסיטעט. אָבער די קאַמפן האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף די גאסן פון רוים. די סטודענטן האָבן געשטרעבט צוצוקומען צו דער אַמעריקאַנישע אַמבאַסאַדע צו פּראָטעסטירן קעגן דער אַמעריקאַנער מלחמה אין וויעטנאַם.

אין דער צייט האָט זיך אויף די גאסן פון רוים באוויזן גרופּעס פון עקסטרעמען רעכטע. 400 הונדערט יונגע נעאָ־פאשיסטן זענען געקומען אין דער הויפטשטאט מיט פענער און טראנספּאַראנטן, מיט די אויפשריפטן — "זאָל לעבן דער דוטשי!" "זאָל לעבן די איטאַליענישע רעפּובליק!" אין אַפּריל האָבן די דאָזיקע נעאָ־פאשיסטן דעראָבערט דעם בנין פון דעם פאַקולטעט פון משפטים און ארויסגעטריבן פון דאָרט די

סטודענטן. די סטודענט האָבן אָבער ניט קאַפּיטולירט און זיך אָרגאַניזירט פֿון דאָס ניי, באוואפנט מיט שטעקנס און אייזערנע קאסקעס האָבן אריינגעדרינגען אין דעם בנין. נאָך 13 שעה שלאַכט האָט דער רעקטאָר ארויסגערופן דער פּאָליציי. 100 סטודענטן זענען אין דעם קאמף פארוואונדעט געוואָרן. צומאָרגנס האָבן די מהומות זיך באנייט אין דעם פארקולטעט פאַר ארכיטעקטור און דאסמאל האָט די פּאָליציי זיך ניט באנוגנט מיט צעטרייבן די דעמאנסטראנטן נאָר פאַרנומען זיך מיט באשטראפן יעדן יוגנטלעכן, וואָס האָט געוואגט זיך צו באווייזן אויף דער גאַס.

דעם 27טן אַפּריל נאכדעם ווי עס האָט זיך באקומען דער איינדרוק פון אַ בארואיקונג אויף די גאַסן האָט די פּאָליציי באפאלן אַ גרופּע סטודענטן אן וועלכע עס איז סיבה. אין רעזולטאט זענען 50 סטודענטן פארוואונדעט געוואָרן און 160 ארעסטירט. דער אַדוואָקאַטן־קאמער האָט שטאַרק פּראטעסטירט קעגן דער ברוטאליטעט פון דער פּאָליציי, אויך דערפאר וואָס דער אנפאל איז פארגעקומען אויף די שטיגן פון געריכט־פּאַלאַץ.

ווי שוין געזאָגט איז אין דער צייט פונאנדערגעלאָזט געוואָרן דער פארלאמענט און אין 19 מאי איז באשטימט געוואָרן וואלן. אין ערשטן מאי האָבן די סטודענטן געטראגן לאזונג קעגן פּעטרא נאני, אן אלטער סאָציאַליסט, וואָס האָט געשלאָסן יד אחת מיט די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דער קאָאַליציע־רעגירונג פון אלדו מאָראָ — "נאני! דיין פּאָליציי איז ענדלעך צו דער געסטאַפּאָ". האָבן די דעמאָנסטראטן געשריי גן די לאגע האָט זיך אַזוי פאַרשארפט אַז אויף די גאַסן פון רוים האָבן חוץ דער פּאָליציי באוויזן זיך פאראשוטיסטן און געהיים־פּאָליציי.

אין דער צייט האָבן די עסקנים פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישע פּאַרטיי זיך געפונען אין אַ פּאָליטיש אומבאקוועמער לאַגע, פאַר די פאַרלאַמענט־וואלן האָבן זיי וועלנדיק ארויסווייזן זייער "פאראנטווארטלעכקייט" זיך געמוזט אפגרענעצן פון די ראַדיקאַל־לינקע עלימענטן און פאראורטיילן די סטודענטישע אומרוען.אין זייערע צייטונג־אָרגאַנען האָבן זיך באוויזן ארטיקלען ווי זיי האָבן פּרובירט איבערצוייגן דער צעבונטעוועטער יוגנט אַז איטאַליע נויטיקט זיך

אין אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אָבער ניט אין מהומות. פון דאַן האָט זיך פאַרטיפט די שפּאַלטונג צווישן דער רעוואָלוציאָנערע יוגנט פון איטאַליע און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועלכע האָט גענומען שפּילן די ראָלע פון אַ "סטאַטעטשנע" פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע פּאַרטיי, ווי די פאַרטיידיקערין פון דער דעמאָקראַטיע און פון דער מלוכישער אָרדענונג.

אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון נאָני פאַרלוירן 15 פּראָצענט פון אירע ערטער אין פּאַרלאַמענט. די קאָמוניסטן האָבן גאָר ניט פאַרלוירן, נאָר דער פּאַרלאַמענטאַרישער קריזיס איז ניט געענדיקט געוואָרן. די סטודענט האָבן נאָך געמאַכט אין 86טן יאָר עטלעכע פּרוּוון פון דעמאָנסטראַציעס און געשפּאַנט צוזאַמען מיט די אַרבעטער, אָבער דאַסמאָל בלויז אַלס סאָלידאַריטעט מיט זייערע חברים די פראַנצויזישע סטודענטן. פון די סטודענטישע אומרוען האָט זיך אויסגעטיילט אַ טעראָריסטישע גרופּע "די רויטע בריגאַדע", וועמענס ציל עס איז געוואָרן מיט טעראָר צו פאַרניכטן די איטאַליענישע מאַכט.

שפּאַניע: אויך אין פאַשיסטישן פראַנקאָ־שפּאַניע האָט די סטודענטישע באַוועגונג זיך אָרגאַניזירט פון די געוועזענע כוחות פון די קאָמוניסטישע, אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס. דער פראַנקאָ־רעזשים האָט געזאָרגט אַז צו די אוניווערסיטעטן זאָלן ניט האָבן קיין צוטריט די זין פון אַרבעטער און פּויערים. דער שכר לימוד איז געווען אַ הויכער, און 40 ביז 50 פּראָצענט פון די קאַנדידאַטן צו די אוניווערסיטעטן זענען דורכגעפאַלן. און כאָטש בלויז דריי פּראָצענט פון די סטודענטן זענען געווען זין פון אַרבעטער אָדער פּויערים האָט זיך אויך אין די שפּאַנישע אוניווערסיטעטן אנגעהויבן אומרוען און פּראָטעסטן. אין דעצעמבער 1967 ווערט געשלאָסן אין מאַדרידער אוניווערסיטעט די טויערן פון דעם פאַקולטעט פון סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע. די סיבה, ווי עס האָט דערקלערט דער רעקטאָר איז געווען, ווי ער האָט דאָס באַצייכנט "אַן אָפענער מרד". די סטודענטן האָבן אויסגעהאַקט די שויבן, געוואָרפן שטיינער און געשריגן "זאָל לעבן די פרייהייט, אַ טויט צו פראַנקאָ!" אַזוי זענען אויך פאָרגעקומען מהומות אין די אוניווערסיטעטן פון סאַלאַמאַנקאַ, אין באַרצעלאָניע

האָט די פּאָליציי צעטריבן אַ דעמאָנסטראַציע פון 200 סטודענטן, וואָס האָבן דעמאָנסטרירט זייער סאָלידאַריטעט מיט די סטודענטן פון מאַדריד. אין יאַנואַר 1968 האָט די פּאָליציי באַזעצט דעם קאַמפּוס אין מאַדריד און די פּאַקולטעטן זענען געבליבן געשלאָסן. די לאַגע פון די שפּאַנישע סטודענטן איז געווען פון אַ פּערמאַנענטער מרידה. דעם 30 אַפּריל 1968 איז אויסגעבראָכן אין מדריד מהומות וואָס האָבן געדויער פיר טעג. דאַסמאָל האָט די פּאָליציע ניט געקענט באַשולדיקן די סטודענטן, ווייל די ווירטשאַפטלעכע לאַגע, די אינפלאַציע און די פּאַרגליווערטע לוינען האָבן דאָ אַרויסגעטריבן די מענטשן פון אונטערגרונט אויף די גאַסן. אין סוף מאַי איז די רעגירונג געוואָרן געצוווּנגען צו מאַכן רעפאָרמען אין די אוניווערסיטעטן, די סטודענטן איז דערלויבט געוואָרן צו טראָגן אַלע סאָרטן פּלאַקאַטן מיט לאָזונגען אויסער אַזעלכע, וואָס קענען באַליידיקן דעם גענעראַליסמוז פראַנקאָ. צוזאַמען אָבער מיטן באַרואיקן איז געקומען אויך שווערע שטראָפן. 73 סטודענטן זענען פאַרמשפּעט געוואָרן פאַר זייער אָנטייל אין די פּירטעגיקע מהומות, איבער 1000 סטודענטן וועלכע האָבן זיך פאַרבאַרקאַדירט אין בניען פון פילאָזאָפישן פּאַקולטעט, אַלס פּראָטעסט קעגן אַרעסטירן דעם מאַרקסיסטישן מנהיג פּעדראָ גיראַל, זענען אַכזריותדיק צעשלאָגן געוואָרן. אַ גרויסער טייל האָט באַקומען מאָבליזאַציע־קאַרטן. די מאָבליזאַציע איז געווען די שטראָף פאַר "מאַכן צרות". אין יוני איז די פּאָליציי באַפאַלן די ביוראָ פון דעם סאָציאָלאָגישן פּאַקולטעט אין מאַדריד און פאַרכּפּט אַסך "פּאַרווערטע ביכער".

אַזוי אַרום האָבן די סטודענטישע אומרוען און דער מרד פון דער יוגנט פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע כּמעט לענדער און שטעט מיט אוניווערסיטעטן.

קריזיס אָדער באַנקראָט פון קאָמוניזם

1

איבער 70 טראַגישע יאָרן האָבן די סאָוויטישע פעלקער דורכגעלעבט זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציע וועמענס ציל ס׳איז געווען צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אין דאָזיקן ריזיקן לאַנד. אָבער אָנשטאָט דעם סאָציאַליזם, האָט ריכטיק באַמערקט דער פראַנצויזישער שרייבער אַנדריי זשיד, ״קען מען פון ראַטן־פאַרבאַנד לערנען ווי אַזוי דעם סאָציאַליזם ניט צו בויען״.

דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע און פיל שפּעטער געהאַט אויף דער וועלט מיליאָנען אָנהענגער, צווישן זיי גאָר וויכטיקע געלערנטע, דענקערס און שרייבערס. צום סוף איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן די צאָל פון אַנטוישטע און צווישן זיי טאַקע די וויכטיקסטע שרייבער. צווישן די אַנטוישטע האָבן זיך געפונען געווג אַזעלכע וועלכע האָבן אויפגעדעקט אַלע נעגאַטיווע זייטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטער דעם סאָוויעטישן רעזשים. דער פּראָלעטאַריאַט פון די סאָוויעטישע פעלקער, וואָס האָט דורכגעפירט די רעוואָלוציע איז געוואָרן דער גרעסטער קרבן פון דעם רעזשים, וואָס איז אַנטשטאַנען. דאָס פּאָזיטיווע פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז, וואָס די קאַפּיטאַליסטן אין די פאַרשידענע לענדער האָבן אין ציטער פאַר דער רעוואָלוציע, געוואָרן מער נאָכגיביק צו די אַרבעטער און דער עקאָנאָמישער ניוואָ פון אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט זיך אדאנק דעם שטאַרק געהויבן.

מיטן קומען פון גאָרבאַטשאָוון צו דער מאַכט איז ביי אַלע פריינט פון סאָציאַליזם אויסגעוואַקסן אַ נייע און גרויסע האָפענונג, אַז פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד הויבט זיך אָן אַ נייע ערע. עס זענען שוין אָבער אַדורך דריי יאָר זינט גאָרבאַטשאָוו און זיינע אָנהענגער געפינען זיך ביי דער מאַכט און מען קאָן שוין משפטן צי קומט טאַקע פאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד אַזאַ דראַמאַטישע, רעוואָלוציאָנערער איבערבוי („פערעסטרויקאַ") וואָס זאָל שפּייזן אונדזערע האָפענונגען? די שפּאַנט טאַקע דער ראַטן־פאַרבאַנד צו פרייהייט און אמתן סאָציאַליזם?

אויף דעם צו ענטפערן מוז מען קודם כל זיך פאַרטראַכטן איבער דער פראַגע — צי איז דאָס טאַקע אַן אמתע „פערעסטרויקע" אָדער בלויז אַ מאַנעוור אַרויסצוקריכן פון דער שווערער עקאָנאָמישער סיטואַציע און גלייכצייטיק צוריק דעראָבערן די סימפּאַטיע פון די מאַסן אין דער וועלט, ווי אַ נייע פּראָפּאַגאַנדע־אָפענסיווע?

פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן אין דער סאָוויעטישער דיקטאַטור זיך געטוישט שוין זעקס דיקטאַטאָרן און גאָרבאַטשאָוו איז דער זיבעטער. זינט לענין האָט איינגעפירט דעם טאָטאַלן רעזשים, האָט די ברוטאַלקייט דעריגרייכט ביי סטאַלינען דעם העכסטן גראַד, נאָך סטאַלינס טויט האָט דראַסטיש זיך פאַרקלענערט די צאָל דערשאָסענע פאַר כלומרשטע „קאָנטעררעוואָלוציע". מען מוז צוגעבן אַז אויך דער ניוואָ פון בילדונג האָט זיך געהעכערט אויך ביי די סאָוויעטישע מנהיגים. אויב סטאַלין האָט געקאָנט אָנוואַרפן זיין אַבסאָלוטן ווילן, אויף די סאָוויעטישע פעלקער און אויף די קאָמוניסטישע סאַטעליטן־מדינות, איז גאָרבאַטשאָוו, אויף דעם געביט, שטאַרק באַגרענעצט. אויך די ביוראָקראַטיע, וואָס איז אין סטאַלינס צייטן געווען אַלמעכטיק זענען איר פליגלען איצט אונטערגעבראָכן. צי באַדייט דאָס אַלץ אַ רעוואָלוציאָנערער איבערברוך אין דעם טאָטאַלן רעזשים?

ביז איצט האָט יעדער נייער פאַרטיי־סעקרעטאַר ניט נאָר געקומען מיט נייע פּלענער און נייע צוזאָגן פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, נאָר אויך באַזייטיקט די מענטשן פון אַלטן אַפּאַראַט. ביי גאָרבאַטשאָוון גייען די באַזייטיקטע פרידלעך אַ היים, זיי ווערן ניט אַרעסטירט און דערשאָסן נאָר גייען אַוועק אויף

פענסיע. גאָרבאַטשאָוו האָט זיך אויך אַרומגערינגלט מיט מענטשן פון העכערן וויסן, מיט פּראָפעסאָרן און געלערנטע. ער האָט אויך פיל באַפרייט פון די טורמעס און די „פסוכיושקעס". און דאָך איז אַלץ ניט זיכער וועט זיין שטאַרקער גאָרבאַטשאָוו מיט זיינע אָנהענגער אָדער די מעכטיקע ביוראָקראַטיע?

אין 1984 האָבן געהערט צום מלוכהשן — חוץ דעם פּאַרטייאישן, פּאָליציישן און מיליטערישן אַפּאַראַט, 19 מיליאָן מענטשן, דערפון אין ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט 15,3 מיליאָן. דער דאָזיקער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט איז באַשטאַנען פון 15 פּראָצענט פון דער אַרבעטפעיקער באַפעלקערונג, זיי זענען באַשעפטיקט אין טויזנט מיניסטעריומס. אָט דער מעכטיקער אַפּאַראַט, וואָס לעבט אויפן חשבון פונעם פאָלק, זענען די גרעסטע שונאים פון וועלכע עס איז סאָציאַלע אָדער ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמעס. זייער גרעסטע זאָרג איז איינצוהאַלטן איר עליטאַרישן כאַראַקטער און אירע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּריווילעגיעס. דאָך איז געלונגען דער גאָרבאַטשאָוו אַדמיניסטראַציע צו באַזייטיקן אָדער אַוועקשיקן אויף פּענסיע 6 ביז 22 טויזנט אָנגעשטעלטע. עס זענען אָבער נאָך געבליבן מיליאָנען אומנויטיקע אָנגעשטעלטע.

חוץ דעם האָט די דאָזיקע גאָרבאַטשאָוון אַדמיניסטראַציע שוין איינגעפירט אַזעלכע רעפאָרמעס: פופציק פּראָצענט פון אַלע אינוועסטיציעס דאַרפן פאַרווענדעט ווערן אויף טעכנישע פאַרבעסערונגען. פון ערשטן מאַי 1987 איז אַריין אין קראַפט דאָס געזעץ וואָס דערלויבט, אין אַ באַגרעצטער פאָרם, 29 קאַטעגאָריאָס פון פּריוואַטע, ווי אויך קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, אָנהייבנדיק פון דריי פּערזאָן, וועלכע מעגן קאָנקורירן, מיט די פּרייזן, מיט די מלוכהשע באַדינונג־אַמטן. עס זענען דערלויבט געוואָרן פּריוואַטע רעסטאָראַנען, רוזיר־אַנשטאַלטן און אַנד. עס איז גלייכצייטיק איינגעפירט געוואָרן אַ פאַרלייכטערונג אין דער צענזור. עס האָט זיך אַביסל געענדערט דאָס פּנים פון דער פּרעסע, טעאַטער, די באַציאונג צו קונסט און עס ווערן געמאַכט די ערשטע פּרוון פון דעצענטראַליזירן די ווירטשאַפט, ווי די אַדמיניסטראַציע, ווי אויך אַ פּרווו פון אויטאָנאָמיע פון די פאַבריקן און מע רעדט אַפילו וועגן זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס דאָס וואָלט דאָך באַצייט דעם אידעישן באַנקראָט קאָמוניזם. מען

טאָר ניט פֿאַרגעסן אַז דער מאַרקסיזם שטיצט זיך אויף דער אידעע פֿון גרעסטער קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע פֿון דער אינדוסטריע. אַן אידעע וועלכע האָט זיך ניט פֿאַרווירקלעכט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און איז פֿאַרן ראַטן פֿאַרבאַנד געוואָרן די גרעסטע שטערונג פֿאַר אַ ווירטשאַפֿטלעכן דערפֿאָלג.

עס איז קלאָר אַז די אַלע רעפֿאָרמעס זענען צו קאַרג אויפֿצושטעלן די סאָוויעטישע ווירטשאַפֿט אויף די פֿיס. אין כינע זענען די רעפֿאָרמעס פֿיל טיפֿערע, כאָטש אויך דאָרטן שטעלט די קאָמוניסטישע ביוראָקראַטיע אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד צו יעדן פּרוּוו פֿון ווירטשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן ליבעראַליזם.

פֿיל דרייסטע רעפֿאַרמעס קומען פֿאָר אין אונגאַרן. דאָס וואָס גאָרבאַטשאָוו דערלויבט זיך נאָך ניט צו טאָן אין ראַטן־ פֿאַרבאַנד טוען זיינע אָנהענגער, אין אונגארן וועלכע האָבן אַ קאַפּיטאַליסטישע טראַדיציע. צו דעם זעלבן ציל האָט גאָרבאַטשאָוו געמאַכט אַ וויזיט אין טשעכיען. ס׳איז אָבער אַ צווייפֿל צי די רעאַקציאָנערע טשעכישע קאָמוניסטישע מנהיגים, וועלכע געדענקען נאָך גוט די לערע, וואָס עס האָט באַקומען דובטשיק, צי זיי וועלן ניט באַטראַכטן גאָרבאַטשאָוון פֿאַר אַ סאָוויעטישן דובטשיק?

אַ גליק וואָס גאָרבאַטשאָוו איז ניט קיין פּאַרטיי־ סעקרעטאַר פֿון וועלכער ס׳איז קאָמוניסטישער סאַטאַליטן־מדינה, ווייל פֿאַר אַזאַ ליבעראַליזאַציע־ פּאָליטיק, וואלטן דאָך די סאָוויעטישע טאַנקען געמוזט קומען און מאַכן אַן "אָרדענונג" און גאָרבאַטשאָוו וואָלט זיך געפֿינען אַ פֿאַרשיקטער אין די סיבירער טייגעס. גייט טאַקע אין טשעכיען אַרום אַ וויץ אַז גאָרבאַטשאָוו איז פֿאַקטיש אַ סאָוויעטישער דובטשיק נאָר ער ווייסט נאָך ניט דערפֿון.

צוויי יאָר זענען אַדורך זינט גאָרבאַטשאָוו האָט פּראָקלאַמירט זיין "גלאַסנאָסט" (עפֿנטלעכקייט, אויפֿריכטיקייט) און היינט קען מען שוין אין ראַטן פֿאַרבאַנד לייענען ביכער, וואָס זענען ביז איצט געווען פֿאַרווערט. די צייטונגען זענען מער ניט קיין מכשיר פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך פֿאַר קריטיק, כאָטש מען באַנוצט זיך ווייטער מיט זיי אַלס טואַלעט־ פּאַפּיר, פּאַפּיר איינצוּוויקלען הערינג און צו פֿאַרדרייען אַ ציגאַר צום רייכערן. אויך אויף דעם געביט פֿון

אידעאָלאָגיע קומט פאָר אַ גרויסע ענדערונג. כאָטש די בילדער פון מאַרקסן און ענגלעסן קוקן נאָך אַלץ אַראָפּ פון די ווענט פון די מלוכהשע אַמטן, ווערן זייערע נעמען גאַר וויייניק דערמאָנט. אין די סאָוויעטישע אוניווערסיטעטן ווייסט מען זייער גוט, ווי אין דער צייט פון אַטאָם־פאָרשונגען, ווי ווייט דער "וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם" איז אומוויסנשאַפטלעך. דערפאַר ציטירט מען אָפט לענינען. סיי די אָנהענגער סיי די קעגנער פון די רעפאָרמען פאַרופן זיך אויף לענינען. אָבער אויך לענינס "פילאָזאָפיש" ווערק "עמפּיריאָקריטיציזם", ווערט ניט געלערנט נאָר פאַרשוויגן, ווייל לענינס פילאָזאָפיע" איז אין סתירה צו די נייעסטע דערגרייכונגען אין דער פיזיק.

איינע פון די וויכטיקע סיבות פון דער "פּערעסטרויקע" איז די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע אין דער סאָוויעטישער ווירטשאַפט. די אַגראַר־אינדוסטריע איז געוואַלדיק אונטערשטעליק, די אינדוסטריע אומנוציק און עקזיסטירט אויף דער באַזע פון פאַרמאַנענטע דעפיציטן. אויך די פּרייזן זענען ניט רעאַלע. זיי זענען באַשטימט געוואָרן דורך בעאַמטע. דאָס איינשטעלן רעאַלע פּרייזן וועט נאַטירלעך ברענגען צו אַ גרויסע פאַרטייערונג פון די פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך און אַרויסרופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט, וואָס צוזאַמען מיטן דרוק פון דער אומצופרידענער ביוראָקראַטיע, וועלכע איז דאָך די וויכטיקסטע באַזע פון קאָמוניסטישן סיסטעם, זי איז דאָך דער פאַקטישער הערשנדיקער קלאַס, צוזאַמען מיט דער אומצופרידנקייט פון די גרויסע רוסישע מאַסן פאַר וועמען דער ביליקער בראָנפן איז וויכטיקער ווי אַלע רעפאָרמעס, איז שווער ניט צו צווייפלען צי גאָרבאַטשאָוון דראָט ניט דער זעלבער דורכפאַל וואָס כרושטשאָוון. כאָטש די לאַגע איז היינט אַ גאָר אַנדערע און די געפאַרן פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד פיל גרעסערע.

דער ציל פון גאָרבאַטשאָוון איז דאָך צו ראַטעווען די סאָוויעטישע ווירטשאַפט פון באַנקראָט, אין קעגנזעץ צו כרושטשאָוון, וואָס האָט איינגעפירט זיינע רעפאָרמען פון "אויבן" טוט דאָס גאָרבאַטשאָוו פון "הונטן" דורך איינפירן די אויטאָנאָמיע אין די פאַבריקן, שטאַרקן די איניציאַטיוו פון די פאַבריק־פאַרוואַלטערס און די אונטערנעמונגען, וועלכע האַלטן זיך אויף דיפיציט, מוזן, ווי

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זיך ליקווידירן. עס איז קלאָר אַז אויב גאָרבאַטשאָוון וועט ניט געלונגען צו געבן דער באַפעלקערונג מער שפּייז און מער פלייש איז זיך צו ריכטן אויף אַ גרויסע אומצופרידנקייט און אַפילו מהומות.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן די ווירטשאַפטלעכע סיבות פון דער "פּערעסטרויקע". דער אמת איז אַז די וויכטיקע סיבה ליגט גאָר אין דער מיליטערישער און אויסערנפּאָליטיק פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. גאָרבאַטשאָוון איז גוט באַקאַנט די געפאַר פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, אויב די פאַרייניקטע שטאַטן, צוזאַמען מיט די מערב־מדינות וועט געלונגען צו פאַרווירקלעכן אירע פּלענער, וואָס זענען באַקאַנט אונטערן נאָמע: "שטערן־מלחמה". אונטער דעם דאָזיקן נאָמען באַהאַלטן זיך גרויסע און ראַדיקאַלע איבערבויאונג פון דער גאַנצער טעכניק און אינדוסטריע. ניט בלויז מיליטערישע. מיר שטייען ממש פאַר אַ מעכטיקער רעוואָלוציע אין דער טעכניק און אינדוסטריע, וואָס קאָן פאַרווירקליכט ווערן אין די ערשטע יאָרן פון 21טן י. ה. דאָס הייסט אין אַ 20 יאָר אַרום. און אויב דאָס וועט דערגרייכט ווערן וועט דער ראַטן־פאַרבאַנד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צווייטראַנגיקע מדינה, אויך אויפן מיליטערישע געביט, ווייל צוליב איר טעכנישער און אינדוסטריעלער אָפּגעשטאַנענקייט האָט זי ניט די מינדסטע מעגלעכקייט נאָכצוגיין דער דאָזיקער מעכטיקער אַנטוויקלונג, פאַר וועלכע מיר שטייען. דערמיט דערקלערט זיך די פּלוצימדיקע ליבע פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַר שלום. זי איז גרייט אַ סך נאָכצוגעבן אין דער פראַגע פון אַנטוואָפּענונג. ווייל דער ראַטן־פאַרבאַנד נויטיקט זיך אין פאַרקלענערן אירע מיליטערישע אויסגאַבן אין אַלע אירע רעסורסן צו אינוועסטירן אין דער אינדוסטריע, ווי אין פאָרשונגען אין דער טעכניק. מיט זיינע שלום־רייד, וויל גאָרבאַטשאָוו אויך ווירקן אויף אַמעריקע זי זאָל אָפּשטעלן אָדער אָפּשוואַכן אירע צוגרייטונגען אין דעם פּלאַן פון דער "שטערן־מלחמה". שווער צי גלויבן אַז דאָס וועט גאָרבאַטשאָוון געלונגען. אַמעריקע וועט וואַרשיינדלעך ניט אָפּזאָגן זיך פון אירע פּלענער. דאָן בלייבט פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד דאָס צו טאָן דורך אַ מיליטערישע אַוואַנטורע. אָבער אויך צו אַ מלחמה מוז מען האָבן אַ גוט אָרגאַניזירטע אינדוסטריע און אַגראַר־ווירטשאַפט. אויב דער

ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט מיט אירע געטרייע און העלדישע זעלנער, מיט אירע מיליאָנען קרבנות און פֿאַרגאָסענעם בלוט, געזיגט אין דער מלחמה קעגן היטלערן האָט זי דאָס צו פֿאַרדאַנקען די מעכטיקע הילף פֿון געווער, אַמוניציע, מאַשינען און שפּייז פֿאַר מיליאַרדן דאָלאַרן, וואָס אַמעריקע האָט איר צוגעשטעלט, ווי דאָס האָט מאָלאָטאָוו מודה געווען אין זיינס אַ רעדע. די דאָזיקע הילף האָט ניט ווייניק בייגעשטייערט, אַז דער ראַטן־פֿאַרבאַנד זאָל ווערן אַ מעכטיקע מיליטערישע גרויסמאַכט.

עס איז דאָ נאָך אַ גורם וואָס האָט ניט ווייניק משפּיע געווען אויף די גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען איצט פֿאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, דאָס אין דער אינערלעכער קאַמף פֿון דער אונטערגרונט קעגן דעם רעזשים. אַ שווערער קאַמף, וועגן וועלכן עס ווערט אַמווינציקסטן דערציילט. עס איז אַ גרויסער טעות צו מיינען אַז אין ראַטן־פֿאַרבאַנד קומט ניט פֿאָר קיין קלאַסן־ קאַמף. זי טראָגט נאָר אַנדערע פֿאָרמען ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. מען קאָן אָנשרייבן אַ גרויס ווערק וועגן די אַלע פֿאָרמען פֿון טאָג־טעגלעכן קאַמף פֿון אַרבעטער קעגן די הויכע נאָרמעס און קליינע פּרייזן פֿאַר די שטיק־אַרבעט, עס איז אויך באַקאַנט דער סיסטעם פֿון גניבות, וואָס קומט פֿאָר אין אַלע אונטערנעמונגען פֿון וועלכע מען קאָן אַרויסטראָגן עפּעס וואָס האָט אַ ווערט. אַזעלכע גניבות ווערן גאָר ניט באַטראַכט פֿאַר אַ מאָראַלישע זינד, און די שטראָפֿן זענען די קלענסטע (ביז אַ יאָר טורמע). דערמיט דערקלערט זיך וואָס אויף די באַזאַרן געפֿינט מען אַזעלכע פּראָדוקטן וואָס זענען ניט בנמצא אין די מלוכהשע מאַגאַזינען. די גניבה איז אַ מין קאָמפּענסאַציע פֿאַר די נידעריקע לוינען. עס איז אָבער דאָ אַ פּיל גרעסערער און פֿאַר דער מדינה מער געפֿערלעכער קלאַסן־קאַמף, וואָס נעמען אָפּט און ספּאָנטאַנע פֿאָרמען פֿון ווידערשטאַנד קעגן דער אומדערטרעגלעכער אונטערדריקונג. עס קומען אויך פֿאָר עפּנטלעכע שטרייקן, כאָטש דאָס איז געזעצלעך פֿאַרבאָטן און מען באַשטראָפֿט מיט לאַנגע יאָרן טורמע אָדער פֿאַרשיקונג.

די נויטיקייט פֿון האָבן טעכנישע פֿאַכמענער האָט געגעבן מעגלעכקייטן פֿאַר יוגנט צו לערנען. די לערן ־אַנשטאַלטן

זענען אומזיסטע און די סטודענטן באַקומען סטיפּענדיעס, דאָס האָט דערמעגלעכט עס זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער שיכט פון אינטעליגענץ, וואָס פילט זיך גענוג באַוווסטזיניק צו פאַרשטיין די ווערט פון פרייהייט און פון רעכט אויף קריטיק. עקזיסטירט טאַקע אַ גרויסער באַוווסטזיניקער שיכט מיט אַ היסטאָרישן באַוווסטזיין, וואָס האָבן צוריק אויפגעלעבט די פריערדיקע אַנטי־צאַרישע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען ווי: די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, אַנאַרכיסטן, טראָצקיסטן, וועלכע גייען פאַראייניקט מיט די אָנהענגער פון פאַרסטאַליניסטישע באָלשעוויקעס. אַ באַזונדערע ראָלע שפּילן די נאַציאָליסטישע עלעמענטן, באַזונדער פון אוקראַינע און די באַלטישע לענדער, וועלכע שטרעבן צו אומאָפּהענגיקייט פון זייערע לענדער.

אין צענטער פון דעם קאַמף, אין דער סטאַלינישער ערע איז געווען קעגן די צוואַנגס־אַרבעט אין די סיבירישע לאַגערן (1942—1945), ווי פיל פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען געווען קאָנצענטרירט. דאָ אין די לאַגערן האָבן שאַפן זיך הויך־קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס,וואָס נעמען אַרום אַסך לאַגערן. דער ערשטער שטרייק פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע איז פאָרגעקומען אין מיטן דער מלחמה אין יאָר 1942 אין אויסט־יאַסטא געביט.דאָ האָבן די פאַרשיקטע אַנטוואָפנט די וועכטער און אַנטלאָפן און די וועלדער ווי זיי האָבן געלעבט אַלס פּאַרטיזאַנער. אויך אין 48טן יאָר קומען פאָר שטרייקן אין פאַרשידענע לאַגערן, אָבער דער קולימינאַציע־פּונקט פון די שטרייקן געווען אין די יאָרן 1955/54, וואָס פאַרשפּרייטן זיך איבערן גאַנצן לאַנד און ווערן געפערלעך פאַר דער סאָוויעטן מאַכט. די גרויסע צאָל פון פּאָליטישע פאַרשיקטע מיט אַ הויכן באַוווסטזיין און די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פון די פאַרשיקטע.האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט מיטן אָנקומען אין לאַגער ווערקוטאַ פון סטודענטן פון די פרייע אוניווערסיטעטן און אין ענדע יולי 1953 נאָך דעם אויפשטאַנד, אין מזרח־בערלין. דער לאַגער־ווידערשטאַנד איז געווען גוט אָרגאַניזירט. די מאַכט איז געווען געצוווּנגען צו באַנוצן זיך קעגן די שטרייקנדיקע־פאַרשיקטע אין ווערקוטאַ,מיט פּאַנצער־געווער און לופט־אַטאַקעס. אין רעזולטאַט זענען אומגעקומען 700 שטרייקנדיקע. דער אויפשטאַנד פון די פאַרשיקטע אין קינגיר, איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ סאָלידאַר־

שטרייק פון 14,000 אַרבעטער פון די קופּער־מינעס. דער שטרייק האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, ווייל אַלס רעזולטאַט זענען די לעבן־געבליבענע פאַרשיקטע, אַמנעסטירט געוואָרן. עס איז וואַרשיינלעך דאָ אַ שייכות מיט דעם דערשיסן בעריאַן און דאָס דערשיינען פון אַ וויניקער ברוטאַלער סיסטעם פון מאַלענקאָוון מיט אַט די ספּאָנטנע רעוואָלטן פון די פאַרשיקטע. דער אויפשטאַנד אין קינגיר איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ שטרייק־קאָמיטעט,אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען אַלטע באַלשעוויסטישע פאַרשיקטע גענעראַלן פון דער רויטער־אַרמיי צוזאַמען מיט אַנאַרכיסטן.

אַ גאָר באַזונדערע ראָלע האָט געשפּילט די לענינגראַדער לינקע אָפּאָזיציע, וועלכע איז ביי אַלע רדיפות ווייט ניט ליקווידירט און איר השפּעה איז אַלץ נאָך אַ גאָר גרויסע. זי האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין פעברואַר 1976. צו דערעפענונג פון אַלסאָוויעטישן קאָמוניסטישן קאָנגרעס, האָבן זיי אין די פאַבריקן און אַמטן דערקלערט די אידעאָלאָגיע פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פאַר באַנקראָט און גערופן צום קאַמף פאַר אַ פרייען הומאַניטאַרן סאָציאַליזם. אַלס רעזולטאַט איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט געוואָרן דער זיבצניעריקער אַנדריי ראַזניקאָוו צו צוויי יאָר שווערע קאַטאָרגע.

אַלס וייטערדיקע טעטיקייט פון דער לענינגראַדער אָפּאָזיציע, פון דער יוגנט איז געווען דאָס שאַפן אַ קאָמונע אויף דער פּרימאַרסקי פּראָספּעקט 37, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון דער לענינגראַדער און פון אַנדערע שטעט, אינטעלעקטועלער יוגנט. די קאָמונע איז געווען אָפן פאַר יעדן איינעם, אויך די קאַפּעע "ספינקס" האָט געדינט פאַר טרעפונגען פון אַט דער יוגנט. אין לאָקאַל האָט זיך אויך געפונען אַ שרייב מאַשין וועלכע האָט געדינט צום דערשיינען פון דריי נומערן פון זייער אָרגאַן "פּערספּעקטיוון" (דערשינען אין די זומער חדשים פון 1967).

די דאָזיקע לענינגראַדער אָפּאָזיציע האָט געהאַט ברייטע קאָנטאַקטן מיט די יוגנטלעכע פון די באַלטישע רעפּובליקן, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און קאַווקאַז און זיי האָבן אַפילו געגרייט אַן אַל־סאָוויעטישן צוזאַמענפאַר, וואָס איז אָבער צוליב די גרויסע אַרעסטן פון חודש אָקטאָבער 1978 ניט געקאָנט צושטאַנדקומען,

כאָטש די דאָזיקע אָפּאָזיציע רופט אָן איר שיטה אַלס קאָמוניזם זענען אירע געדאַנקען דורכאויס אַנאַרכיסטישע. זיי רופן צו אַ באַלדיקע „אָפּשטאַרבן פון דער מדינה", צו איבערנעמען פון די אַרבעטער די פאַבריקן און אַנטשטאַלטן. זיי וואַרפן אָפּ לענינען און אַפילו טראָצקין און שעצן בוכאַרינען, וועלכער האָט באַשולדיקט לענינען אין „באָנאַפּאַרטיזם" און וועמענס ווערק זענען דאָ בולטע אַנאַרכיסטישער טענדענצן. האָבן טאַקע אין דער ביבליאָטעק פון דער יונגער אָפּאָזיציע זיך געפונען די ווערק פון קראָפּאָטקינען. זיי האַלטן אַז דער מאַרקסיזם איז דורך דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פאַרקריפּלט און געפעלשט געוואָרן און אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד שטייט אויף דער שוועל פון אַ קאַטאַסטראָפע און זי קען גראַטעוועט ווערן נאָר דורך אַ נייעם סאָציאַליזם פון אַ נייעם פרייען כאַראַקטער. זיי פאָדערן צו צעברעכן די מלוכה־מאַשין און די מלוכהשע ביוראָקראַטיע, ווי די מיליטערישע ביוראָקראַטיע, די קג"ב (געהיים פּאָליציי), און דעם קאָמסאָמאָל, ווי אויך אַ סוף מאַכן צו דער פּאַרטיי הערשאַפט און איינשטעלן די סאָוויעטישע אַרמיי אויף פרייוויליקע יסודות. זיי רופן צו ליקווידירן דעם מאָנאָפּאָליסטישן מלוכה קאַפּיטאַליזם דורך באַזייטיקן די ביוראָקראַטיע וואָס דאַרף דערגרייכט ווערן דורך דעם קלאַסן קאַמף פון רוסישן אַרבעטער קלאַס און אינטעליגענץ.

אוודאי איז דאָ נאָך אַ גרויסע סיבה וואָס צווינגט אויף דער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע צו זוכן נייע וועגן, דאָס וואָס עס איז נאָך דעם שוידערלעכן סטאַליניזם אַלץ ניט געלונגען צו דערשטיקן אין די מוחות דאָס טראַכטן און אַפילו די פאַנטאַזיע צו שטעלן אונטער טורמע־קראַטן.

אוודאי איז נאָך ניט אין גאַנצן דערשטיקט געוואָרן דער ווידערשטאַנד, געוואָגן אַזעלכע ווי סיניאַווסקי, דאַניעל, יעסענין־וואָלפּין, סאַכאַראָוו, יאַקיר, א. גינזבורג, פּ. ליטווינאָוו און אַנדערע וואָס מען האָט זיי גערופן די „אונטערשרייבערס", זיי איז אָבער ניט געלונגען צו שאַפן אַפילו אַ קליינע מינדערהייט פון אַ צען פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג וואָס וואָלט געקענט לייגן איר שטעמפּל אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד, די מאַכט איז אָבער געלונגען, מיטן

פונאַנדערפאַלן פון דער סאָוויעטישער קולטור, צו דערפירן צו אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג פון אינטעלעקטועלע פערזענלעכקייטן, פון צעשטויבן און פאַרמאַכן זיי אין טורמעס און אין משוגעים־אַנשטאַלטן און פאַרניכטן יעדן סימן פון פערזענלעכער פרייהייט, דאָס דערמעגלעכט ניט דאָס אָרגאַניזירן זיך פון די קלענסטע גרופּן. דערצו איז דאָך די סאָוויעטעשע מאַכט אַ מעכטיקע מאַשין, אפשר אַ צו מעכטיקע זי זאָל קענען ווערן וועלכע עס איז האָפענונגען אויף רעוואָלוציאָנערע אָדער ראַדיקאַלע ענדערונגען. דערצו האָט די דערפאַרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אונטערגעריסן די אילוזיע אַז מען קען מיט איין מאַך איבערבויען אַ געזעלשאַפט, פאַרניכטן אַ הערשנדיקן קלאַס, ברעכן די מאַכט־מאַשין און אויף דעם אָרט אויפבויען אַן אַנדערע אַ יושרדיקע. דער רוסישער רעוואָלוציע איז טאַקע געלונגען אַ סך בלוט צו פאַרגיסן אָבער ניט געגעבן דעם פאָלק קיין גליק, קיין יושר און ניט קיין פרייהייט. איז וואָס קען מען האָפן פון נייע רעוואָלוציעס?

און דאָך איז ניט אין גאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן דער פרייער געדאַנק. ער טליעט אַלץ ערגעץ טיף. די וואָרטזאָגער פון דער צעבונטעוועטער אינטעליגענץ ווי וואָלטשין טושטין און אַנדערע נעמען אָן די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע און זענען אידעאיש סאָציאַליסטן אָבער ניט קיין מאַרקסיסטן. דער יסוד פון זייער סאָציאַליזם שטיצט זיך אויפ ברייטע דעמאָקראַטישע פרייהייטן און רעכט און פרייהייט פונעם יחיד, ווי דער שליסל פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. זי נעמט אָן איר וועג, אין דער היינטיקער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, דעם מעטאָד פון גאַנדיזם, פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד אָדער ווי זיי רופן אָן זייער סאָציאַליזם גראַדואַליזם, וואָסנעמט פון אנארכיסטישן געדאַנק, אַז אין דער נייער געזעלשאַפט דאַרף דאָס רעגירן דערגרייכן צו אַ מינימום און די פערזענלעכע פרייהייטן צו אַ מאַקסימום, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט דאַרף זיין דאָס פאַרטיידיקן די פערזענלעכע פרייהייטן פון יחידישן לעבן און עס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן יעדע מלוכה־קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט וואָס דאַרף זיין אַ קאָאָפּעראַטיווע, ווי אַ פאַרייניקונג פון יחידים. אָן מלוכה־אייגנטום. די געזעלשאַפט דאַרף פאַרוואַלטעט ווערן פון אונטן אַרויף און

ניט ווי אין די טאָטאַלע און פאָרמעל דעמאָקראַטישע מדינות, פון אויבן אַראָפּ...

אָבער צו אַ סאָציאַלע איבערקערעניש זענען מיר נאָך גאַנץ ווייט אין היינטיקן ראַטן־פאַרבאַנד. איז וואָס וועט זיין דער מאָרגן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד? אַ סך מוחות פּרוּוון ענטפערן פאַרשידן אויף אָט דער גורלדיקער פראַגע, ניט נאָר פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. אַ סך נביאות ווערן אַרויסגעזאָגט, אָבער איין זאַך איז זיכער אַז קיין שום טאָטאַלער סיסטעם איז ניט קיין אייביקייט, מעג איר מאַכט זיין ווי מעכטיק. איין אויסערלעכע גרויסע אויפטרייסלונג קען צעטרייסלען די מוחות פון מיליאָנען פון די סאָוויעטישע פעלקער. און דאָס וואָס זיבעציק יאָר געווען הייליק קען ווערן פּסול, עס קען ווי אַ זייפן־בלאָז פּלאַצן דער גרויסער ליגנט. עס איז אָבער אַ פאַלש אילוזיע, דאָס צוריקקערן צו אַ מערב־דעמאָקראַטישן רעזשים, צום קאַפּיטאַליזם, ווייל אַלץ וואָס איז נעגאַטיוו אין דעם קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט דאָך אין דעם סאָוויעטישן מלוכה־קאַפּיטאַליזם. דער זעלבער סיסטעם פון געלט און ריווח, פון לוין־אַרבעט און שפּעקולאַציע, דעפּראַדאַציעס, גניבות און קאָרופּציע. עס זענען בלויז ניטאָ די קאַפּיטאַליסטן, אָבער דער העסלעכער סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, קאַפּיטאַליסטישע מאַכט, ביוראָקראַטיע, מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם לעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד גלייך ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע מדינות אין אַ סך אַ שעדלעכערן פאָרם. איז אויב אַן ענדערונג, קען עס נאָר זיין אַן אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע און אַנטי־טאָטאַלע און אַנטי־מאַכט איבערקערעניש פאַר אַ ניט־געפעלשטן סאָציאַליזם, וואָס וועט באַפרייען די פעלקער און די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט פון קאַפּיטאַליסטישן און קאָמוניסטישן יאָך און פון דער מאַכט פון מענטש איבער מענטש.

די כרושצאָוו־צייט האָט אַ סך געענדערט דעם כאַראַקטער פון דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אַזוי צ. ב. ווערט זייט 1956 מער ניט באַשטראָפט פאַר פאַרלאָזן אָדער ענדערן דעם ארבעסט־פּלאַץ. די אַרבעטער באַקומען די רעכט אָפּצוזאָגן זיך פון דער אַרבעט. חוץ דעם ווערן געשאַפן פאַבריקס־קאָמיטעטן, צו לעזן די קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער און דער פאַבריקס־אַדמיניסטראַציע. דאָך איז דער

קאַמף ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָר פאַרקערט. קיין אָפיציעלע באַריכטן זענען ניט דערשינען, אָבער פון די באַריכטן פון די אומלעגאַלע פרייע פאַריינען "סמאַט" ווערט איבערגעגעבן וועגן אַ גרויסע כוואַליע פון שטרייקן אין 1957. אומגעפער אַרום 360, כאָטש פאַקטיש איז די צאָל פיל גרעסער. עס ווערט אויך באַצייכנט אַז אין געוויסע ערטער זענען פאָרגעקומען גאַסן־קאַמפן. אַלסביישפּיל קאָן דינען דער אויפשטאַנד אין ערעבורג אין טעמיר טיי (קאַזאַכסטאַן), דאָרט פאַרברענען די אַרבעטער די פאַבריק־קאַנטינע און שטעלן אַוועק באַריקאַדן אין דער שטאָט, אָנגרייפנדיק די דאָרטיקע סטאַציאָנירטע מיליטער־איינהייט, וועלכע אַנטלויפט. ערשט שפּעטער האָבן זיי געקענט, מיט פאַרשטאַרקטע כוחות, צוריק דעראָבערן די שטאָט.

פון 1961 ביז 1963 נעמען די שטרייקן און קאַמפן אַרום גאַנץ רוסלאַנד און די ק.ב.ג. האָט אַלס נקמה אָנגעהויבן אַ געיעג אויף די מער באַוווסטזיניקע אַרבעטער. אין שייכות דערמיט קומט פאָר אַן אַטאַנטאַט אויף כרושטשאָוו און ווי אין די צאַרישע צייטן, רעוואָלטירן אַ צאָל סאָלדאַטן, באַזונדער מאַטראָזן, אין וועמענס זכרון ליגט נאָך דער פּאַנצער־קרייצער "פּאָטיאָמקין". אין וולאַדיוואָסטאָק נעמען די מאַטראָזן איבער אַ פּאַנצער־שיף און באַפרייען זי ערשט אונטער דער דראָונג, אַז זי וועט באָמבאַרדירט ווערן פון דער לופט. אַ טייל פון די אויפשטענדלער ווערן דערשאָסן און מאַסן דעפּאָרטירט צו די אוראַל־פאַבריקן.

נאָכן יאָר 1964 ווערט פאַרקלענערט די צאָל שטרייקן אָבער גלייכצייטיק פאַרווישט זיך די גרענעץ צווישן שטרייק און באַוואָפנטן־אויפשטאַנד. אַזוי צ. ב. שטורמען די פרויען פון די שטרייקנדיקע אַרבעטער אין 1967 אין דער אוקראַינישער שטאָט פרילוקי, די מיליציע־קאַזאַרמעס און דעמאָלירן זיי, מיט דער לאָזונג — "נידער מיט דער רוסישער ס. ס.!".

אין דאָזיקן דרייטאָגיקן שטרייק האָבן די אַרבעטער געדראָט די גאַז־רעזערוון פון אונטער דער שטאָט אויפצורייסן. גלייכצייטיק האָבן די שטרייקנדיקע געשיקט אַ טעלעגראַם צו ברעזשנעוון אין וועלכע זיי שטרייכן אונטער זייערע פאַרדינסטן אין דער מלחמה קעגן היטלעריזם. די רעגירונג האָט נאָכגעגעבן זייערע פאָדערונגען. די סאָוויעטישע אַרבעטער האָבן דורכאויס גענייאַלע איינפאַלן אין זייער

טאַקטיק, זייערע איבערצייגנדע אַרגומענטן זענען אַז פאַר דעם לוין, וואָס זיי באַקומען קען מען גאָר ניט קויפן.

זייט 1976 שטייגט ווידער די צאָל פון די שטרייקן באַזונדער אין לענינגראַד. אין די אויטאָ־זאַוואָדן אין גאָרקי און טאָגליאַטיס, ווו צוזאַמען מיט די קאַמפן וואַקסט דער באַוווסטזיין פון די אַרבעטער. אין לענינגראַד ווי אין טאָגליאַטיס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אומלעגאַלע פליבלעטלעך, וואָס באַווייזט אַז די אַרבעטער האָבן זייער אונטערערדישע דרוקעריי. אין 1980 זענען רעגיסטרירט געוואָרן צוועלף שטרייקן, דריי דערפון אין מינסק. ליידער פון יאָר 1981 ווערט איבערגעריסן די אינפאָרמאַציעס, וואָס באַווייזט אַז די שטרייק־באַוועגונג האָט אין דער צייט דערגרייכט איר הויכפּונקט. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף גאָרבאַטשאָווס איבערצייגונג, אַז אויב מען וויל אויסמיידן אַ בירגערקריג מוז אַלץ געטאָן ווערן צו פאַרבעסערן דאָס צושטעלן שפּייז פאַר דער באַפעלקערונג. אָבער אויך פאַר גאָרבאַטשאָוון שטייט די גרויסע פראַגע — ווי נעמט מען גענוג שפּייז און פּראָדוקטן, ווען די גאַנצע ווירטשאַפט־סיסטעם, איז געבויט אויף פאַלשע יסודות!

פון 1981, ווי עס איז אינפאָרמירט געוואָרן, עקזיסטירט אַן אומלעגאַלע גאָרילאַ־באַוועגונג. עס ווערן אויך געמאַכט גרויסע פּרוון, אויפצושטעלן אַ פרייע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, וואָס ווערט טאַקע געגרינדעט אין 1986/87. די גרופּע ווערט גערופן לויט איר איניציאַטאָר: „קלעבאַנאָוו־גרופּע". איר טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין דעקלאַראַציעס. אומלעגאַלע אויפרופן און עפנטלעכע דערקלערונגען אין דער אויסלענדישער פּרעסע. די גרופּע פון 149 פּערזאָן ווערט אָבער אין פעברואַר 1978 דורך דער ק.ב.ג. צעשלאָגן און די באַטייליקטע ווערן אין די טורמעס און פּסיכישע אַנשטאַלטן פאַרמאַכט. אָבער גלייך אין אַפּריל 1978 ווערט געגרינדעט די „אָרגאַניזאַציע פון אומאָפּהענגיקע פּראָפ. פאַריינען", וואָס האַלטן זיך ביי די זעלבע פּרינציפּן וואָס די „קלעבאַנאָוו־גרופּע", גלייכצייטיק ווערט אין מאָסקווע געגרינדעט אַ גרופּע פאַר ניט־אידעאָלאָגישע פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. אין 1978, אין אָקטאָבער ווערט געגרינדעט דער „סמאַט" פון הונדערט מאַן אָרגאַניזירט אין 8 גרופּן. אין דעם ראַט פון „סמאַט" טרעפן מיר פאַרשטייער פון די אַלטע אַנטי־

צאַרישע ריכטונגען, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען. דאָרט געפינען מיר דאָס אייניקל פון גריגאָרי גערשוני, דער גרינדער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי ס.ר., וולאַדימיר גערשוני (פּעב. 1930), אַלעקסאַנדער סקאָבאָוו, אַרקאַי זורקאָוו און אירענאַ זומאַנאָוואַ, באַקאַנט אונטערן נאָמען לאַפּאָטוכינאַ (פּעב. 1959) די רעפּרעזענטאַנטן פון אַנאַרכיזם. די אַנדערע זענען רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן, אָנהענגער פון מאַרקסן און טראָצקין.

פאַרשטענדלעך אַז עס זענען געמאַכט געוואָרן פון דער מאַכט און ק. ב. ג. די גרעסטע אָנשטרענגונגען דעם "סמאַט" צו ליקווידירן. אָבער נאָך די גרעסטע רעפּרעסיעס עקזיסטירט זי ווייטער און איר איינפלוס און די צאָל מיטגלידער האַלט אין איין וואַקסן, באַזונדער אין אוקראַינע. די רעגירונג איז אָפט געצוווּנגען נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די שטרייקנדיקע אַרבעטער. די גרעסטע ווירקונג אין דעם "סמאַט" האָבן די טראָצקיסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע פירן געמיינזאַם זייער טעטיקייט.

אין אוקראַינע חוץ "סמאַט" עקזיסטירט אַן אונטערערדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע די "אופּא". זייער אידעאָלאָגיע איז חוץ אומאָפּהענגיקייט פון אוקראַינע, איז דאָס אָפּשאַפן דעם מלוכה־קאַפּיטאַליזם, אָבער אויך ניט אויפשטעלן צוריק דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם. זיי זענען קעגן פּריוואַט־אייגנטום און פאַר אַ קאָלעקטיווער און קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט געשטיצט אויף זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די אַרבעטער. די דאָזיקע "אופּא"־באַוועגונג ווערט שטאַרק באַקעמפט פון דער מאַכט. זייער איינפלוס איז אָבער אַ גרויסער. דער קאָמוניסטישער רעזשים העצט קעגן זיי אַלס "באַנדיטן". זי האָט, איבער הונדערט טויזנט אוקראַינער עוואַקואירט אין אַנדערע געגנטן, אויך קיין פּוילן צו פאַרפּוילישע די געוועזענע דייטשע געביטן פון שלעזיע. אויך די פּוילישע קאָמוניסטישע רעגירונג העצט קעגן די אוקראַינער אַלס באַנדיטן, פאַרגעסנדיק אַז אויך צווישן פּאָלאַקן האָט קיינמאָל ניט געפעלט קיין באַנדישע עלעמענטן. אַפילו דער קלויסטער אין פּוילן האָט געהעצט קעגן די אוקראַינער כאָטש אויך זיי זענען דאָך קאַטאָליקן. אַזוי האָט זיך באַמיט די קאָמוניסטישע מאַכט פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון פּוילן, מיט שאָוויניסטישער העצ־

ניט צו דערלויבן אַ געמיינזאַמען קאַמף פון פוילישן און אוקראַינישן פאָלק דאָך קומט פאַר היינט אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן דער "אופּא" און די קאַמפּס־גרופּן פון דער "סאָלידאַרנאָשטש".

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט באַווייזט. אַז מיטן מאַרקסיזם־לעניניזם קאָן מען די סאָוועטישע פעלקער ניט זאַט מאַכן און ניט לייזן קיין איינע פון די שווערע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. עס פאַדערט זיך אַ גרויסע און ניט קיין אויבערפלעכלעכע "פּערעסטרויקע", ווייל דער גאַנצער קאָמוניסטישער סיסטעם טויג ניט. אָבער אויך דער קאַפּיטאַליזם טויג ניט, איז ניטאָ קיין וועג צוריק צום קאַפּיטאַליזם. עס פאַדערט זיך אַ נייער געוואַגטער גערדאַנק און נייער דרייסטער וועג, צום אמתן סאָציאַליזם. צי וועט גאָרבאַטשאָוו זיך קאָנען אָפּזאָגן פון קאָמוניזם און גייען אויף אַ נייעם וועג? ניין! די קאָמוניסטישע הערארכיע און די מעכטיקע ביוראָקראַטיע, וועט ער זאָל דאָס אַפילו וועלן, וועלן זיי דאָס ניט דערלאָזן, ווייל איינהאַלטן די מאַכט, דער ווילן צו הערשן איבער מענטשן און פעלקער, איז ביי זיי אַ סך וויכטיקער ווי די אינטערעסן און גליק פאַר דעם מענטש און גליק פאַר די פעלקער.

אַז דאָס וואָס מיר זאָגן דאָ, איז ריכטיק, קאָן אונדז באַשטעטיקן אונגאַרן. דאָרט זענען געמאַכט געוואָרן אַלע רעפאָרמעס צו וועלכע עס שטרעבט גאָרבאַטשאָוו און זיינע אָנהענגער. אונגאַרן אין דאָס קלאַסישע לאַנד פון ליבעראַלע רעפאָרמעס, וואָס דער קאָמוניזם קאָן זיך דערלויבן.

אונגאַרן שטעלט מיט זיך פאָר אַ גן־עדן פאַר טוריסטן און די וואָס קומען פון רומעניע אָדער פוילן טרעפן דאָ אַ גאַסטראָנאָמישן גן־עדן. אין די שוי־פענצטער פון די געשעפטן געפינט מען אַלץ בשפע. די ליבעראַליזאַציע אין דערווירטשאַפט, וואָס דערלויבט אַ געוויסע פריוואַטע איניציאַטיוו האָט רייך געמאַכט פיל מענטשן. די דאַטשעס זענען פול מיט הויכע באַאַמטע און טוריסטן. אָבער ווי איז נאָך יאָרן רעוואָלוציע, נאָך די סטאַליניסטישע אינקוויזיציע, דער סאָציאַליזם? צי דאַרף מען דעם סאָציאַליזם, כדי די טוריסטן זאָלן זיך דאָ פילן גליקלעך און אָנפילן די מלוכה־קאַסע מיט מיליאָנען דאָלאַרן? די געשעפטן זענען פול מיט סחורות אָבער אַן אַרבעטער

פאַרדינט ניט מער, ווי פון דער ווערט פון 150 ביז 200 דאָלער אַ חודש. אַ פענסיאָנער ניט מער ווי 70 דאָלער. ווו איז די גלייכהייט? צי איז מעגלעך אַן עקאָנאָמישע גלייכהייט אָן אַ פּאָליטישע פרייהייט? צי אַזאַ סאָציאַליזם, וויל דאָס איינפירן גאָרבאַטשאָוו, פון אַ רייכע מדינה און אַן אָרעמען אַרבעטער און פויער? איז דאָך אויך היינט דער דורכשניטלעכער לוין פון אַן אַרבעטער אין ראַטן פאַרבאַנד, ניט מער ווי 190 דאָלער אַ חודש. אַוודאי קאָן ניט זיין קיין רייד פון הויכע לוינען ווען אַ קי גיט מילך, ווי אַ ציג און די באַנען גייען מיט אַ גיכקייט פון אַ קעמל. אָבער דאָס איז ניט די שולד פונעם אַרבעטער אָדער פויער נאָר פון דעם רעזשים. און ניט בלויז גאָרבאַטשאָוו ווייסט וויפל שאָדן עס ברענגט דעם לאַנד די ביוראָקראַטיע, נאָר אַלע פריערדיקע סעקרעטאַרן און אַפילו סטאַלין האָט געשטעלט די פראַגע: "צי אַנטוויקלט זיך דער אַפּאַראַט פאָרויס אין דער ריכטונג צום מלוכה׳לאָזן קאָמוניסטישע געזעלשאַפט אָדער ער שלעפּט צוריק אין אַ פאַרשאָלטענער ביוראָקראַטישער בורזשואַזיע־געזעלשאַפט?, און צי זי פאַרקירצט און פון איר וועלן אַרויסגעטריבן ווערן די גנבים און אַפּעריסטן, דאַן וועט זיך אונדז איינגעבן נעמען פון די פויערים וויינקער, דאַן וועט די נאַציאָנאַלעווירטשאַפט אויסהאַלטן, אָדער דער אַפּאַראַט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זעלבסט־ציל, דאַן וואָס מיר וועלן נעמען פון די פויערים וועלן מיר דאָס פטרן אויף אויסצוהאַלטן בלויז דעם אַפּאַראַט און דאַן אַ פולשטענדיקער קראַך" (פון זיינס אַ רעדע אויף דעם צוועלפטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר). זענען דאָס ניט די זעלבער רייד וואָס עס רעדט היינט גאָרבאַטשאָוו? אָבער סטאַלין האָט ניט אַרויסגעטריבן די גנבים, נאָר אָנגעפילט דעם אַפּאַראַט מיט נאָך נייע גנבים. צי וועט גאָרבאַטשאָוו דאָס יאָ טאָן? צי וועט דאָס גרויסע רוסלאַנד אויפהערן צו שיכורן און מער אַרבעטן?

צי וועט גאָרבאַטשאָוו ענדערן די לאַגע, וואָס נאָך 70 יאָר סאָציאַליסטע מדינה איז דער ראַטן־פאַרבאַנד נאָך הימלווייט פון סאָציאַליזם? האָט דאָך שוין דער קאָמוניסטישער, שפּעטער דערשאָסענער טעאָרעטיקער סאָקאָלניקאָוו אין זייט צייט געפרעגט:

וואָס פּאַראַ סאָציאַליסטישע מדינה זענען מיר, ווען ביי אונדז עקזיסטירט די לוין־אַרבעט, דער ריווח, געלט און שפּעקולאַציע? עס זענען באַזייטיקט געוואָרן די קאַפּיטאַליסטן, אָבער דער קאַפּיטאַליזם איז געבליבן אין אַלע זיינע נעגאַטיווע פאָרמען". מען קאָן דערצו צוגעבן, אַז ניט לאַנג צוריק האָט די "קאָסמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", צום ערשטן מאָל דערציילט, אַז אין מאָסקווע און אין אַנדערע שטעט עקזיסטירט אַברייט־אַנטוויקלטע נעץ פון פּראָסטיטוציע, אַ זאַך וואָס מען האָט ביז איצט ניט געוואָלט דערציילן, ווייל ווי קומט פּראָסטיטוציע צו סאָציאַליזם? ווי שוין געזאָגט איז דער קאָמוניזם אַ באַנקראָטירטער און ברוטאַלער מלוכה־סיסטעם אויך דער קאַפּיטאַליזם איז אַן אומיושרדיקער און אויך באַנקראָטירטער סיסטעם. דער היינטיק באַוווסזיניקער מענטש קאָן מער ניט פאַרטראָגן די דאָזיקע סיסטעמען, וועלכע באַזירן זיך אויף דער אויסניצונג און הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש; אויף אַ סיסטעם, וואָס אַנשטאָט אָנזעטיקן מיליאָנען הונגעריקע קינדער אויף דער וועלט, אַנשטאָט אָפּשאַפן דעם הונגער און נויט, פּראָדוצירן זיי די שרעקלעכסטע געווער, די וועלט אומצובריינגען. ביידע, דער מלוכהשער ווי דער פּריוואַטער קאַפּיטאַליזם, זענען אַן אומגליק פאַר די פעלקער. און דער באַוווסטזיניקער מענטש, אין ביידע רעזשימען זוכן אַן אַלטערנאַטיווע, אַן אַנדערע און בעסערע געזעלשאַפטלע אָרדענונג. דעריבער ווערט אַלץ מער רייף די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען פון דעצענטראַליזאַציע, סיי אין דערווירטשאַפט, סיי אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. די מעכטיקע מדינות דאַרפן פאַנאַנדערלאָזן זייערע צענטראַלע אינסטאַנצן. די דעצענטראַליזירטע געביטן דאַרפן אויטאָמאַטיש זיך זעלבסטפאַרוואַלטן. דאָס גאַנצע געווער דאַרף געוואָרפן ווערן אין די ימען, די גרענעצן צווישן לענדער דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן, עס דאַרף אומעטום פאַרזיכערט ווערן די סוווערענע רעכט פון דעם יחיד. אז אָט די געדאַנקען ווערן רייף ניט נאָר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער נאָר אויך צווישן די אינטעליגענטע שיכטן פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועלן מיר, צום סוף. ציטירן אַ פּוילישן פּראָפעסאָר מאַרעק וואַלדנבערג, אַ מחבר פון דעם בוך אין 480 זייטן Prekursorzy nowej lewicy דערשינען אין קאָמוניסטישן פּוילן אין 1985, דער מחבר אַליין אַ מאַרקסיסט און אָט וואָס ער

שרייבט:

— "די היסטאָרישע דערפאַרונג לערנט אונדז, וואָס כאָטש די צענטראַלע אידעע פון אַנאַרכיזם טראָגט אַן אוטאָפּישן כאַראַקטער, כאָטש איר אידעע, איז מיט סימפּליפיקאַציעס און ראַדיקאַל; האָבן אירע שעפער בעסער פון די אַנדערע סאָציאַליסטן, צווישן זיי אויך די מאַרקסיסטן, זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג איבער די פּראָבלעמען פון דעם, וואָס עס געשעט מיט דער מדינה, נאָכן אומוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם! כ׳וויל דאָ פאַרנאָטירן די איבערצייגונג, אַז די מדינה, נאָך דער רעוואָלוציע, וועט ניט זיין קיין "אָפּשטאַרבנדיקע" (ווי מאַרקס און לענין האָבן דאָס פאַרזיכערט. — י. ל.) ווייל די עקזיסטענץ פון יעדער מדינה ווערט באַגלייט מיט דער שטרעבונג צו שאַפן אַ סיסטעם פון פּריווילעגיעס. די אַנאַרכיסטן האָבן פאָרויסגעזען נייע געפאַרן פאַר דער פרייהייט. די דערפאַרונג האָט באַוויזן אַז זייערע וואָרענונגען, זענען גאָר ניט געווען אומבאַגרינדעטע, ווי דאָס האָבן געמיינט זייערע אָפּאָנענטן. די דאָזיקע דערפאַרונג צווינגט אונדז גאָר אַנדערש צו קוקן אויף דעם כאַראַקטער פונעם אַנאַרכיזם, וועמענס אידעע האָט געהאַלטן אַז דאָס שאַפן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קען פאָרקומען נאָר ביי אַ פולע אַקטיוויטעט פון דער געזעלשאַפט, דורך שאַפן אַ בר׳ייטע נעץ פון פאַריינען און סינדיקאַטן, ווייל דער נייער סיסטעם איז אַ ספּאָנטאַניש ווערק פון פאַרשידנאַרטיקע אַקטיוויקייט פון די מאַסן און ניט פון אַן אַרמיי פון באַאַמטע (אוזשענדינקעס), דערמיט דערקלערט זיך, וואָס געוויסע טעזן פון אַנאַרכיזם, און די געוויסע פאָרמען פון זייערע געדאַנקען, ווי איר אַטמאָספער פון פרייהייט און ספּאָנטאַנישקייט, לעבן אויף ווידער אין דער, אָדער אַנדערע פאָרמען".

אויב דאָס זענען ווערטער פון אַ מאַרקסיסטישן פאָרשער און געלערנטן, איבער דער היינט־מאָדערנער סאָציאָלאָגיע, האָבן מיר דערצו ווייניק וואָס צוצוגעבן.

★

דאָס וואָס עס געשעט איצט אין ראַטן פאַרבאַנד און אין די קאָמוניסטישע א. ג. פאָלקס־דעמאָקראַטיעס האָט זיך גאָר ניט אָנגעהויבן מיט די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע רעפאָרמעס פון גאָרבאַטשאָוו, נאָר איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אַ גרויסן אידעיש־פּאָליטישן קריזיס אָדער באַנקראָט פון אלוועלטלעכן קאָמוניזם. אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער פּראָצעס גראָד אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מיט דעם א. ג. אייראָ־קאָמוניזם, מיט זייער נייער איינשטעלונג פאַר דעמאָקראַטישע פרייהייטן, מענטשן־רעכט און פּלוראַליזם. די דאָזיקע אידעאָלאָגישע ענדערונגען זענען ניט געקומען ווי אַ קאָמפּראָמיס מיטן קאַפּיטאַליזם אין די דאָזיקע לענדער נאָר איז אין דער ערשטער רייע געווען געוואָנדן קעגן דעם הערשאַפט־סיסטעם פון ראַטן פאַרבאַנד און אירע קאָמוניסטישע סאַטעליטן־מדינות. דער ראַטן פאַרבאַנד האָט אַזוי לאַנג געקענט זיך אַנטקייגעשטעלן דעם דרוק פון די קאַפּיטאַליסטישע מדינות פאַר מער פרייהייט און מענטשן־רעכט ביז אַזעלכע קאָמוניסטישע פירערס ווי בערלינגער, קאדרילא און מאַרכאַיס און זייערע פּאַרטייען האָבן ניט אָפן אַרויסגערוקט די קאָנצעפּציע פון בויען דעם סאָציאַליזם אויפן וועג פון פּלוראַליזם און אָפּגעזאָגט זיך פון דער טעאָריע פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט פאַרן גוטסטן פון פּאַרלעמענטאַרישן וועג צום סאָציאַליזם, ווי די גרייטיקייט אפילו מיטצואַרבעטן מיט קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און אנטיילנעמען אין רעגירונג אין

אַקאַליציע מיט בירגערלעכער פּאַרטייען, און אַפילו רעספּעקטירן דאָס געהערן פון זייערע לענדער צום אַטלאַנטישן מיליטערישן בלאָק. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן פּאַניק צווישן דער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע און די סאָוויעטישער מאַכט אין געשטעלט געוואָרן פאַר צוויי ברירות: אָדער דערקלערן די דאָזיקע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פאַר אַזעלכע וואָס זענען אריבערגעלאָפן אין אימפּעריאַליסטישן לאַגער, אָדער אָנהייב מיט רעפאָרמעס אין ראַטן פאַרבאַנד און אין די פאָלקסדעמאָקראַטיעס. אין ביידע פאַלן באַדייט דאָס אַ געוואַלטיקער קלאַפּ פאַרן פּרעסטיזש פון דער קרעמל ביוראָקראַטיע.

גאָרבאַטשאָוו וועלכער איז גוט באַקאַנט מיט לענינס מעטאָדן פון לאַווירירן און מאַנעווורירן, מיט גיין אויף קאָמפּראָמיסן (נ.ע.פּ.) ווען דאָס איז נויטיק צו פאַרזיכערן די הערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אָנגעהויבן מאַנעווורירן צווישן ביידע אויסוועגן, ער האָט זיך אָבער אָנגעטראָפן אויף ריזיקע שוועריקייט. אַוודאי האָט ער געהאַט גרויסע דערפאָלגן אין דער אויסערפּאָליטיק מיטן דערנענטערן זיך צו די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ער שטייט אָבער פאַר אַ ריס מיט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועמעס נייע אידעאָלאָגיע איז אַסך נענטער צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי צו דער לענינסטישער. דערמיט איז אויך געפּלאַצט די לאַזונג אַז דער ראַטן פאַרבאַנד איז דאָס פאָטערלאַנד פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט. גורבאַטשאָוו האָט אויך געשטעלט זיך אין אַ גרויסן קאָנפליקט מיט זיין אייגענער פּאַרטייאישער ביוראָקראַטיע, וועמען, צוליב די רעפאַרמען, דראָט צו פאַרלירן זייער אומבאַגרענעצטע מאַכט איבערן אָרבעטנדיקן פאָלק. ער שטייט אויך פאַרן געפאַר פאַר אַ דערוואַכטער אָפּאָזיציע אין אייגענעם לאַנד און נאָך מער אין לענדער פון די "פאָלקסדעמאָקראַטיע", וועלכע ווילן פאַר זיך וואָס מער אויטאָנאָמיע און אנאָפּהעניקייט פון דער קרעמל־ביוראָקראַטיע; ווי אויך פאַרן געפאַר פון אַ דערוואַכטע אָפּאָזיציע פון די פאַרשידענע פעלקער, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דער ראַטן פאַרבאַנד, קעגן דעם הערשנדיקן גרויסרוסישן נאַציאָנאַליזם. ווי מיר זעען דאָס וואָס קומט איצט פאַר אין אַרמעניע. דאָ מוז אָבער געזאָגט ווערן אַז אין אַלע פאַלן האַנדלט זיך ניט אין

קיין שום פרווו פון אַ צוריק־וועגס צום קאַפּיטאַליזם, נאָר פון אַ דערוואַכטע אָפּאָזיציע פון די אונטערגעדריקטע קעגן דעם ווילקיר פון דער ביוראָקראַטיע, קעגן דעם הערשאַפט־סיסטעם, קעגן נידריקן לעבנס־ניוואָ, ווי פאַר מער פרייהייט און מענטשן־רעכט, ווי קעגן דער צעפּוילטקייט וואָס הערשט אין דער סאָוויעטישער עקאָנאָמישער ווירטשאַפט, אין דער אגראַר ווי אין דער אינדוסטרי, ווי פאַר סטרייק־רעכט.

אָבער פאַר דעם קאָמוניזם אין דער וועלט באַדייט דאָס אַ ריס מיטן ראַטן פאַרבאַנד און מיט איר אייגענער אידענטיטעט, דאָס ניט וועלן זיין מער איינגעשפּאַנט אין דעם וואָגן פון דעם סאָוויעטן פאַרבאַנד, באַדייט אויך אַ גרויסע דערנענטערונג און אַפילו אידענטיפיצירונג מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַלס ביישפּיל קען אונדז אמבעסטן דינען איטאַליע, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין איטאַליע, וואָס אַרבעט היינט מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען און אַפילו מיטן רוימישן פּויפּסט, האָט צענדליקע יאָר געפּרעדיקט אַז די מדינה דאָס איז אַ זונה, וואָס שטייט אין דינסט פון קאַפּיטאַל, און איצט דערקלערן זיי אַז די אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט איז צו פאַרטיידיקן און צו שיצן די מדינה. די דאָזיקע פּאַרטיי שטייט איצט, ניט בלויז אין אַ אידעישן נאָר אויך פיזישן קאַמף קעגן דער טעראָריסטישער "רויטע בריגאַדע", וועמענס מענטשן זענען אויסהאָדעוועט געוואָרן אין די קאָמוניסטישע רייען און קרוינען זיך אַלס "מאַרקסיסטן־לענינסטן" און האַלטן זיך ביי דער פריעריקער קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע פון ניט מיטאַרבעטן און ניט פאַרטיידיקן די קאַפּיטאַליסטישע מדינה נאָר זי צושטערן. זיי שטעמפּלען די היינטיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַלס רעפאָרמיסן, רענעגאַטן און אַפילו פאַרעטער פון אַרבעטער־קלאַס.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען אַז דער אייראָקאָמוניזם וועט אין איר קאָנסעקווענץ דערגיין צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. זייער ציל איז גאָר אַן אַנדערער. מיטן פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיש פרייהייטן און בירגער רעכט. ווילן זיי דערגרייכן דעם סאָציאַליזם אָן צו גיין אין שפּאָן פון קרעמל, אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן טיטאָ און מאַו. און אָט איז געשען אַז די קאָמוניסטישע

פאַרטייען וואָס אגיטירן פאַר פרעסע־פרייהייט, פאַר אנאפהעניקע פראָפעסיאָנעלע פאריינען, פאַר שטרייק־רעכט פאַר די אַרבעטער אין ראַטן פאַרבאַנד ווערן גאַר ניט געפּסלט פון קרעמל אַלס „אגענטן פון אימפעריאַליזם".

דאָ שטעלט זיך צוויי קאַרדינאַלע פראַגן: די ערשטע פראַגע — וואָס האָט געשטויסן די קאָמוניסטישע פירערס און זייערע פאַרטייען פון פראַנקרייך, איטאַליע, שפּאַניע און ענגלאַנד אָפּצורייסן זיך אַידעאָלאָגיש פּאָליטיש און אויך אָרגאַניזאַציאָנעל פון קרעמל? קען מען ענטפערן אַז אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט דער מרד פון דער יוגנט אין די דרייסיקער יאָרן, וואָס איז פאָרגעקומען אָן דער איניציאַטיוו פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט. די מאַי־רעוואָלוציע אין פאַריז און דער גרויסער סאָלידאַר־שטרייק מיט מיליאָנען אַרבעטער איז פאָרגעקומען קעגן ווילן פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישע פאַרטיי, וואָס האָט אויף איר געוויסן דאָס ראַטעווען דע־גאָלס רעזשים אין פראַנקרייך. דערמיט האָט די קאָמוניסטישע באַוועגונג אָפּגעשפּילט איר ראָלע אַלס רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. איר ירושה האָט איבערגענומען פריער „דער נייער לינקס", וואָס איז געווען אנטי־מאַרקסיסטיש, און אנטי־ביוראָקראַטיש און דערמיט אויך אנטי־סאָוויעטיש. דער גאַנצער מרד פון דער יונגט אין די 60קער יאָרן, פון טשיקאַגאָ ביז שאַנכיי האָט געטראָגן אַ שטאַרקן אנטי־ביוראָקראַטישן כאַראַקטער. דאָס האָט זיך אויסגעדרוקט אין דער „קולטור־רעוואָלוציע" אין כינע, אין דער „סאָלידאַרנאָשטש" באַוועגונג אין פּוילן און דער מאַי־רעוואָלוציע אין פאַריז. פון דעם „נייעם לינקס" איז אויסגעוואַקסן די באַוועגונג פון די „גרינע" אין גאַנץ אייראָפּע, וואָס איז אויך אנטי־אימפעריאַליסטישן, אנטי־מאַרקסיסטיש, אנטי־ביוראָקראַטיש און אנטי־סאָוויעטיש. מיט זייער קאַמף קעגן מיליטאַריזם און מלחמה, קאַמף פאַר עקאָלאָגיע שטעלן זיי אין שאָטן די קאָמוניסטישע ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען, וואָס האָבן אידעאָלאָגיש זיך אויסגעהוילט. די „גרינע" ווי די אלטערנאַטיוו־באַוועגונג. האָט אין זיך מער אַנאַרכיסטישע קאָנצעפּציעס, ווי מאַרקסיסטישע און ווירקט אידעיש און פּאָליטיש אויף דער קאָמוניסטישער, ווי אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. דאָס

אַלץ האָט געשטויסן די פירער פון די אייראָפּעישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען ווי אויך פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (די לייבאר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד) צו מאַכן אַ טיפן חשבון־נפש, מיט זייערע אידעאָלאָגיע און פּאָליטישע טאַקטיק.

די צווייטע פראַגע איז: פאַרוואָס האָט די קרעמל־ביוראָקראַטיע מסכים געווען און דערלאָזט די אייראָפּעישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען צו באַפרייען זיך פון איר קאָנטראָל און ווערן זעלבסטשטענדיק? דער ענטפער איז אַ גאַנץ פּשוטער — דאָס הייל־מיטל וואָלט געווען ערגער ווי די קרענק, ווייל מיט די סטאַליניסטישע מעטאָדן פון צוואַנג וואָלט געבערענגט מער שאָדן, ווי נוצן דער קרעמל־ביוראָקראַטיע. ווייל מיר לעבן מער ניט אין די 70קער נאָר אין ענדע פון די 80קער יאָרן.

אָבער דאָס אויבן געזאָגטע איז ניט די איינציקע סיבה פון דער מהומע וואָס קומט איצט פאָר אין ראַטן פאַרבאַנד. די קאַרדינאַלסטע פראַגע פאַרן דער קרעמל־ביוראָקראַטיע איז דער געפאַר, וואָס עס דראָט איר פון כינע. ניט דער קאַפּיטאַליזם נאָר דאָס קאָמוניסטישע כינע איז דער גרעסטער שונא פון ראַטן פאַרבאַנד. די סיבה קען מען גלייך פאַרשטיין, ווען מען גיט נאָר אַ קוק אויף דער מאַפּע. אין כינע שטיקט זיך אַ מיליאַרד מענטשן אויף אַ טעריטאָריע, וואָס צווינגט דער כינעזישער מאַכט צו פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם וווקס פון דער באַפעלקערונג: אַ קאַמף וואָס דריקט זיך אויס אין שווערע שטראַפן פאַר פריע חתונות און אַפילו פאַר פריען סעקס. אין דער זעלבער צייט שטייען ריזיקע שיטער באַוווינטע שטוחים, אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד. אַזוי צום ביישפּיל איז דער שטח פון קאַזכסטאַן, וואָס איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע, באַוווינט בלויז פון פינף מיליאָן מענטשן. עס שטייט אויך ליידיק דאָס ריזיקע סיביר און אוזבעקסטאַן, וואָס ביז באַוווינט פון דער מאָנגאָלישער ראַסע, און ניט נאָר וואָס דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד דערלויבט ניט אריינקומען קיין כינעזישע קאָמוניסטן אויף די ניט באַזעצטע שטחים, נאָר וויל אויך ניט אָפּגעבן מאָנגאָליע, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט צוגערויבט ביי כינע. אָט אַזוי קענען צוויי קאָמוניסטישע מדינות, וואָס זענען אַנטשטאַנען

אויף דער אידעאָלאָגיע פון קאָסמאָפּאָליטיזם ניט געפונען קיין פשוטע און יושריקע לייזונג פון איבערגעבן די פרייע, ניט־באוווינטע שטחים צו דעם "ברידערלעכן" קאָמוניסטישן כינע. אַ באַוועגונג וואָס פּרעדיקט "פעלקער־פריינדשאַפט" און אַנטימיליטאַריזם שטעלט אויף האַרמאַטן אויף דער גרענעץ צווישן צוויי קאָמוניסטישע מדינות. האָט אויך דער פאַקט ניט געקענט בלייבן אָן ווירקונג אויף דעם אידעישן קריזיס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אויסער דעם ראַטן פאַרבאַנד. און איצט פירןביידע קאָמוניסטישע מדינות אינטריגעס, מיט די קאַפּיטאַליסטישע מדינות, איינע קעגן דער צווייטער. עס איז געגוג צו דערמאָנען אַז אין כינע געפינען זיך איצט "פּריוואַטע" דייטשישע גרויס־אינדוסטרעלער, וואָס העלפן צו אַנטוויקלען אַ מיליטערישע גרויס־אינדוסטרי, אויף צו פּראָדוצירן נייע געווערן, מיט וואָס צו שיסן אויף זייערע קאָמוניסטישע "חברים" פון יענער זייט גרענעץ. אין כינע געפינען זיך ניט ווייניק געוועזענע היטלעריסטישע גענערעלער און אָפיצירן, וואָס חלומען מיט דער הילף פון קאָמוניסטישן כינע אדורכפירן זייערע רעוואַנזש־פּלענער אָפּצונעמען צוריק די פאַרלוירענע שטחים נאָך דער היטלעריסטישער מפּלה.

אין דער צייט ווען דער ראַטן פאַרבאַנד פאַרנעמט זיך אין אַזיע מיט אַרומרינגלען דאָס קאָמוניסטישע כינע, מיט אַנטי כינעזישע מדינות, טוט כינע אַלץ צו שאַפן אַ צווייטן אַנטי־סאָוויעטישן פראָנט אין אייראָפּע. ווי עס האָט דערציילט דער גוט־אינפאָרמירטער זשורנאַל "דער שפּיגעל", פון מאַי 1978, האָט אין דער צייט ווען סאָלדאַטן פון בונדעסווער האָבן סאַלוטירט ברעזשניעוון אין באָן, האָט דאָרט זיך געפונען אַ כינעזיש מיליטערישע דעלעגאַציע, וואָס האָט פאַרנומען זיך מיט איינקויפן דייטשיש געווער פאַר כינע. און אין פּעקינג איז גאָר פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן דורכן כינעזישן פאַרטיידיקונג־מיניסטער און חבר פון פּאָליטביוראָ הסו־הסיאַנג־טשען דעם דייטשישן וויצע אַדמיראַל דע מייזערע און דעם גענעראַל־ליטינאַנט פון לופט־וואָפע פאַגעל. אין דער זעלבער וואָך האָט גענעראַל־לייטענאַנט ד. שוץ, פאַרזיצער פון דער מערב־דייטשער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט פאַר פאַרטיידיקונג, קאָנפערירט מיטן כינעזישן מיניסטער פאַר מיליטערישע צושטעלונגען טשאַנג־אַי־פּינג. צי האָט דאָס אַלץ

בלויז אַ ציל אָפּצושרעקן דעם ראַטן־פאַרבאַנד? „דער שפּיגל" רעכנט אויס גרויסע דייטשע געווערפאַבריקן וועלכע אַרבעטן היינט פאַר דעם מיליטערישן כוח פון קאָמוניסטישן כינע און הויכע אָפיצירן פון דער „בונדעסווער" פאַרנעמען זיך מיט אויסשולן און מיט מיליטערישע עצות, דער קאָמוניסטישער „פאָלקס־באַפרייאונגס־אַרמיי" אין כינע.

דער הויכפּונקט פון דעמאָנסטרירן די מערב־דייטשיש־כינעזישע פריינדשאַפט איז געווען דער באַזוך פון די מיליטערישע פאַרטרעטער פון דער כינעזישער פאָלק־באַפרייאונגס־אַרמיי" פאַרן הערמאַן־דענקמאָל אין דעם טאָטאָנבורגער וואַלד און אויך זייער באַזוך און די „מעסערשמידט געווערקע", ווי אין פאַנצערגעווער פאַבריקן „ראַט" און „מילאַן". ווי זיי האָבן געמאַכט גרויסע מיליטערישע באַשטעלונגען, מען קען באַווייזן די פריינדשאַפט־באַציאונגען מיט צענדליקע פאַקטן, צווישן די בולעטסטע איז געווען די כמעט קעניגלעכע אויפנאַמע, וואָס דער גרויסער דייטשישער רעאַקציאָנער יאָזעף שטראַוס האָט באַקומען אין קאָמוניסטישן כינע, פאָטאָגראַפירט זיך מיט מאַאָ אַליין, קורץ פאַר זיין טויט. קען דען דאָס אַלץ נאָר האָבן דעם ציל פון אָפּשרעקן? די סאָוויעטן זענען ניט אַזוי נאַיוו זיי זאָלן אין דעם גלייבן. דאָס באַווייזט דער אַלאַרם־אַרטיקל אין דער מאָסקווער „ליטעראַטונאיא גאַזעטא" וועלכע פרעגט: „צו קען מען זיך אין געדאַנק פאָרשטעלן אַ געהיימען מיליטערישן פאַקט צווישן די מערב־דייטשע רעוואַנזשיסטן מיט די כינעזישע מאַאָיסטן"? און די צייטונג ענטפערט: „עס קען גאָר ניט זיין קיין רייד אַז אַזאַ אָפּמאַך זאָל זיין בלויז אַ פאַנטאַזיע".

אַ סאָוויעטישער ספּעץ פאַר די ענינים פון מערב־דייטשלאַנד ערנסט הענרי שרייבט אַז „דער עקס גענעראַל שטיינהאָף זוכט, אין זיין פאַשיסטישן פאַנאַטיזם, נקמה פאַר דער דייטשישער מפּולה, אַ מיליטערישן פאַרבינדעטן אין אַזיע, ווייל אויף די יאַפּאַנער קען דייטשלאַנד זיך ניט פאַרלאָזן, ווייל זיין האָבן אנטוישט דייטשלאַנד מיט זייער נייטראַליטעט־פּאָליטיק לגבי דעם ראַטן פאַרבאַנד אין דער צווייטער וועלט מלחמה, קאָנספּירירט ער דערפאַר מיט פּעקינג.

עס איז קיין סוד ניט אַז מערב־דייטשלאַנד לייגט היינט איר גרעסטע האָפענונג אויף אַ מיליטערישן קאָנפליקט צווישן

ראַטן־פאַרבאַנד און כינע און טוט אַלץ צו פאַרשטאַרקן מיליטערישע און פּאָליטיש דאָס קאָמוניסטישע כינע קעגן קאָמוניסטישע רוסלאַנד. זיי פאַרופן זיך אויף דער טראַדיציאָנעלער דייטשישער פּאָליטיק, פון פריינדשאַפט מיט כינע, נאָך פון די צייטן פון ביסמאַרק. אויך די כינעזער לייגן זייער האָפענונג אויף די רעוואַנזש שטימונגען, וואָס הערשן אין מערב־דייטשלאַנד. דאָס קאָמוניסטישע כינע ווערט אַלץ מער אינטערעסירט אין אַ שטאַרק מיליטעריש דייטשלאַנד אַלץ מיליטערישער פּאַרטנער אין איר קאַמף קעגן ראַטן־פאַרבאַנד. דערמיט דערקלערט זיך וואָס דאָס מאַואיסטישע כינע פּראַראורטיילט די מאַואיסטישע טעראָר־כנופיות אין מערב־דייטשלאַנד, ווייל זיי שוואַכן אָפּ מאָראַליש און מיליטעריש דאָס לאַנד, דערמיט דערקלערט זיך אויך וואָס די מערב־דייטשישע פּרעסע און טעלעגראַפן־אַגענטורן האַלטן פאַר נויטיק צו פאַרטושן דעם פאַקט וואָס אָט די כנופיות זענען אידייאישע מאַואיסטן, ד. ה. כינעזישע מאַרקסיסטן און האַלט פאַר באַקוועמער זיי אָנצורופן — אַנאַרכיסטן, כדי ניט צו באַליידיקן זייער כינעזישן פּאַרטנער. דערפאַר שטיצט דער ראַטן־פאַרבאַנד, ווי מזרח־דייטשלאַנד אין גערהיים די מאַואיסטישע כנופיות, כאָטש זיי זענען אידיאיש קעגן סאָוויעטישן קאָמוניזם. פאַרשטענדלעך, אַז אידייאישע מאָטיוון שפּילן די קלענסטע ראָלע ווען עס האַנדלט זיך אין מאַכט־אינטערעסן און אימפּעריאַליסטישע צילן. דערפאַר קען דאָס קאַפּיטאַליסטישע דייטשלאַנד אַרבעטן געמיינזאַם מיטן קאָמוניסטישן כינע צום שאָדן פון קאָמוניסטישן רוסלאַנד. דערווייל ווערט די צוזאַמענאַרבעט פון די קאַפּיטאַליסטישע — קאָמוניסטישע גענעראַלן און פּאָליטיקאַנטן פון מערב־דייטשלאַנד און כינע פאַרשלייערט אונטער געמיינזאַמע פאַרשידנסטע ספּאָרט־אינטערנעמונגען אונטער וועלכע עס באַהאַלט זיך אַ גאַנץ בלוטיקע־שפּיל, וואָס דראָט ווידער מיליאָנען אין בלוט דערטרינקען.

כאָטש דער ראַטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגט קאָנווענציאָנעלע און אויך אַטאָמיש־געווער מער פון דעם אַטלאַנטישן מיליטערישן בלאָק. דאָך, צוליבן געפאַר וואָס דראָט איר פון כינע מוז זי האַלטן ביי דער כינעזישער גרענעץ אַ גרויסע צאָל מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס שוואַכט אָפּ איר מיליטערישע פּאָזיציע לגבי דעם אַטלאַנטישן

בלאָק. אָבער גאָר אַ נייער פּחד נעמט צו די רו פון דער קרעמל־ביוראָקראַטיע, וואָס צווינגט איר צו גיין אויף די גרויסע קאָמפּראָמיסן מיט דער מערב־וועלט, באַזונדער מיט דער צווייטער סופּער־אימפּעריע, מיט די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די "שפּיצן קאָנפערענצן" צווישן גאָרבאַטשאָוון און רייגענען. דאָס איז דער פּחד פאַר דער "שטערן־מלחמה", וואָס איז אייגנטלעך אַ ריזיקער מיליטערישער פּלאַן פון די מיליטער כוחות פון די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָס באַהאַלט זיך אונטער די דריי אותיות S.D.I. און רוסלאַנד איז גרייט אויף אַסך נאָכגיביקייט אַז אַמעריקע זאָל זיך אָפּזאָגן פון דאָזיקן פּלאַן. דאָס דערפאַר וואָס אין דער ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס קען קאָנקורירן מיט אַמעריקע אין אַן אַטאָם־מלחמה, קען זי דאָס ניט טון קעגן דעם פּלאַן פון דער "שטערן מלחמה", ווייל דערצו נויטיקט זיך אַ הויך־אַנטוויקלער טעכניק און אינדוסטרי אין וועלכן דער ראַטן־פאַרבאַנד קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט אַמעריקע. די קראַנקייט פון דער סאָוויעטישער אינדוסטרי באַשטייט אין איר גומהדיקער צענטראַליזאַציע און באַזונדער צוליב דעם וואָס די סאָוויעטישע עקאָנאָמיקער, אויסגעהאָדעוועט אויף מאַרקסיטישע טעאָריעס, וואָס האָט געלערנט אַז דער גרויס קאַפּיטאַל שטרעבט צו אַ וואָס גרעסערע קאָנצענטראַציע, וואָס וועט איינשלינגען די גאַנצע קליינאינדוסטרי, וואָס וועט אין גאַנצן פאַרשווינדן און צוזאַמען מיט דער דאָזיקער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל וועט אויסוואַקסן אַ ריזיקער פּראָלעטאַריאַט וואָס וועט ווערן דער באַגרעבער פון קאַפּיטאַליזם. אַ דאַנק דער טעאָריע, וואָס האָט אויך געזאָגט אַז דער קאָנצענטרירטער קאַפּיטאַל וועט ווערן נאַציאָנאַליזירט איז טאַקע אין ראַטן־פאַרבאַנד אַנטשטאַנען דער מלוכה־סאָציאַליזם. וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט ניט קיין סאָציאַליזם נאָר אַ מעכטיקע ביוראָקראַטיע, וואָס איז דער גרעסטער צעשטערער פון דער סאָוויעטישערווירטשאַפט, פון איר אַגראַר און אינדוסטרי. דאָס האָט אויך געשטערט און אָפּגעטויט דער קליין־אינדוסטרי. וואָס איז אַ גאָר וויכטיקער באַדינג פון דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטרי, ווי מיר זעען דאָס אין אַמעריקע, דאָס קלאַסישע לאַנד פון דער גרויס־אינדוסטרי, ווי עס

האָט זיך גאָר ניט פאַרווירקלעכט מארקסנס פראָגנאָזן. אין אַמעריקע עקזיסטירט אַ ריזיקע קליינאינדוסטרי, וואָס שטעלט צו אַלץ אין וואָס די באַפעלקערונג נויטיקט זיך. און דאָס טאָקע פעלט אין ראַטן־פאַרבאַנד, דאָס איז די קרענק וואָס צווישן דער באַפעלקערונג און דער גרויס־אינדוסטרי ליגט אַ גרויסע ווירטשאפלעכע פוסטקייט. ווייל די באַפעלקערונג נויטיקט זיך ניט בלויז אין טראַקטאָרן נאָר אויך אין "מאַמקעס" פאַר זויג־קינדער, אויך די גרויס־אינדוסטרי קען זיך נאָרמאַל ניט אנטוויקלען אָן אַ ברייטער קליין־אינדוסטרי. אונטערן פלאַן פון S.D.I. באַהאַלט זיך אַ ריזיקע טעכנישע און ווירטשאַפלעכע רעוואָלוציע, און וועלכע אַמעריקע נויטיקט זיך אין 15 ביז 20 יאָר רואיקייט כדי דעם דאָזיקן פלאַן צו פאַרווירקלעכן, און רוסלאַנד נויטיקט זיך אין אַמעריקאַנער טעכנישן וויסן זי זאָל קענען מיט אָט דעם אַמעריקאַנער פלאַן קאָנקורירן. צי וועט אַמעריקע איר דאָס געבן? איז אַ גרויסע פראַגע צייכן.

דאָס זענען די הויפּט־סיבות, פון דער מהומה אין די קרייזן פון דער קרעמל־ביוראָקראַטיע, וואָס גאָרבאַטשאָוו לייגט פאַר דורכצופירן און וואָס זענען שוין דורכגעפירט געוואָרן. דער ראַטן־פאַרבאַנד נויטיקט זיך אין אפשטעלן דעם באוואפענונגעיעג זי זאָל קענען מיט אירע רעסורסן אנטוויקלען איר טעכניק און גרויס־אינדוסטרי און איצט שטעלט זיך ווידער די וויכטיקסטע פראַגע. צו האָט דאָס, אָדער וועט דאָס גאָרבאַטשאָוון מיט זיינע מיטארבעטער געלונגען די דאָזיקע אַלע רעפארמען אין די גאַנצע "פערעסטרויקע" דורכפירן?

דערווייל טרעפט זיך גאָרבאַטשאָוו אָן אויף אַ שווערן ווידערשטאַנד פון דער סטאַליניסטישער און נעאָ־סטאַליניסטישער ביוראָקראַטיע, וואָס איז גאָר ניט גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון איר דיקטאַטאָרישער הערשאַפט, אין אירע פריווילעגיעס, זי איז אויך ניט גרייט צו פאַרשמעלערן איר ווילקיר לגבי די אַרבעטנדיקע. ערשט נאָך דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס וואָס דאַרף פאַרקומען צווישן 28טן יולי און 3 יוליע ד.י. וועט מען ערשט קענען טיילווייז וויסן, ווי זענען אויס די כוחות פארהעלטעניש צווישן דער מחנה פון גאָרבאַטשאָוו און זיינע קעגנער. אין דער אויסער־פּאָליטיק איז גאָרבאַטשן געלונגען צו געפינען אַ פאַרשטענדעניש מיט רייגענען און דערגרייכן אַ טיילווייזע אנטוואָפענונג. דאָס.

איז אים געלונגען ווייל אויך די אַמעריקאַנער מלוכישע עליטע האָט פאַרשטאַנען אַז דער ריזיקער באַוואָפענונג־געיעג, קען אַ סוף מאַכן פון ביידע מדינות ווייטער אנצוגיין אַלס סופּער־מאַכטן. אָבער דעם עיקר האָט גאָרבאַטשאָוו ניט דערגרייכט. אַמעריקע איז אַלץ ניט גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון איר ״שטערן מלחמה״־פּלאַן. אויך די אינערלעכע עקאָנאָמישע רעפאָרמעס האָבן דערווייל נאָך ניט געגעבן קיין באַזונדער דערפאָלגן, דער ראַטן־פאַרבאַנד זינקט נאָך אַלץ אין אַ טיפן ווירטשאַפטלעכן קריזיס. אויך דער קאַמף קעגן שיכרות האָט ביז איצט געליטן אַ גרויסן דורכפאַל. מיט פאַרמאַכן די בראַנפן־פאַבריקן און צוימען דעם בראַנפן פאַרקויף האָט די שיכרות פון דער גאַס זיך איבערגעטראָגן אין די שטובן, ווי מען שיכורט מער ווי פריער. אויפן אָרט פון די וואָדקע־פאַבריקן זענען אנטשטאַנען טויזנטער געהיימע וואָדקע ברענערייען. די צייטונגען ״טרוד״ און ״איזוועסטיאַ״ דערציילן אַז דער צוליב אנטי־אַלקאָהאָל־קאַמפּאַניע האָט די רעגירונג פאַרלוירן אַ גרויסן איינקונפט ס׳איז אויסעוואַקסן אַ גרויסע געהיימע בראַנדי־אינדוסטרי, וואָס שעפּט דערפון גרויסע רווחים. שמיעלאוו, אן אָנהענגער פון באגראַטשאָווס רעפאַרמען, האָט געזאָגט אַז די דאָזיקע אנטי־וואָדקא קאַמפּאַניע איז אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג, ווייל דאָס ווען מיט אדמיניסטראַטיווע מיטלען אָפּשטעלן דאָס שיכורן האָט געגעבן גאָר ניט פאַרויסגעזעענע רעזולטאַטן. די שוואַרץ־ברענערייען פּראָדוצירן איצט מער אַלקאָהאָל, ווי פריער די מלוכישע פאַבריקן. דאָס האָט דערפירט צו אַ פאַרגרעסערונג פון די פאַרברעכנס און דערביי געשאַפן אַ גרויסן מאַנגל און שפּעקולאַציע פון צוקער, וואָס דינט אַלס רוישטאָף פאַר דער בראָנפן־פּראָדוקציע. אַוודאי האָט דער ראַן־פאַרבאַנד צו פאַרצייכענען אַסך אַנדערע דורכפאַלן, סיי אין דער ווירטשאַפט סיי אין איר אויסער־פּאָליטיק. אפגאַניסטאַן איז געווען פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד דאָס וואָס וויעטנאַם פאַר אַמעריקע און אפשר וועט דאָס איר לערנען ניט צו לאָזן זיך אויף נייע אימפּעריאַליסטישע אוואַנטורעס! אָבער דאָס אַרויסציען די אַרמיי פון אַפגאַניסטאַן באַדייט אַ גרויסן קלאַפּ פאַר דעם פּרעסטיזש פון ראַטן־פאַרבאַנד אין די באַציאונגען מיט כינע קען דאָך ניט זיין קיין שום אנדערער אויסוועג, ווי עפענען די טויערן פון מיטלאַזיע, סיביר און מאָנגאָליע

פאַר צענדליקע מיליאָנען כינעזער וואָס וואָלט געווען אויך אַ ברכה פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער די הערשאַפט אינטערעסן פון די קרעמל מושלים וועלן צו אַזאַ מענטשלעך און הומאַניטאַרע לייזונג ניט דערגיין. די הערשער פוןביידע קאָמוניסטישע מדינות וועלן דאָך ניט איינגיין אָפּצושאַפן די גרענעצן צווישן איין קאָמוניסטישע מדינה מיט דער צווייטער און באַזייטיקן די האַרמאַטן.

אויך דעם קאָנטראָל איבער די קאָמוניסטישע אייראָפּעישע פּאַרטייען וועט דער קרעמל צוריק מער ניט באַקומען. אַנשטאָט צו דערקלערן די בערלינגערס, קאַרדילאָס און מאַרכאַיס "אַלס פאַרעטער פון אַרבעטער־קלאַס" רופט דאָך איצט באָגראַטשאָוו אַליין צו אַ שיתוף מיטן קאַפּיטאַליזם. ס'זענען אַוועק יענע צייטן ווען כרושטשאָוו האָט צוגעזאָגט גאָר אין קורצן איבערצושטייגן די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע איצט בעט זיך באָגראַטשאָוו הילף ביי דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט באָגראַטשאָווס "פּערעסטרויקאַ"? די דאָזיקע רעפאָרמען וואָס באָגראַטשאָוו לייגט איצט פאָר זענען שוין לאַנג איינגעפירט געוואָרן אין קאָמוניסטישן אונגאַרן. אַ גרויסער שיכט מענטשן זענען דערפון רייך געוואָרן. דער לעבנס־ניוואָ פון אונגאַרישן אַרבעטער־קלאַס איז געבליבן אַ גאָר נידריקער און דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס גאָר אַ גרויסער. אויך אין בולגאַריע זענען געמאַכט געוואָרן רעפאָרמעס, אָבער אַלע קאָמוניסטישע לענדער זינקען טיף אין אַ ווירטשאַפטלעכן קריזיס פון וועלכע עס איז ניטאָ קיין אויסוועג. ווייל די אַלע רעפאָרמעס האָבן דעם זעלבן ווערט, ווי געבן ווען אַספּירין ווען ער דאַרף אַן אָפּעראַציע. און די אַלע קאָמוניסטישע מדינות מיטן ראַטן־פאַרבאַנד אין דער שפּיץ נויטיקן זיך אין אַ גרויסער אָפּעראַציע.

אַזאַ אָפּעראַציע דאַרף באַשטיין אין ליקווידירן דעם מלוכה־קאַפּיטאַליזם, וואָס צו אַלע נעגאַטיווע זייטן פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם האָט זי איר באַזונדערע קראַנקייטן. די גרעסטע פון איר איז די אומגעלומפּערטע צענטראַליזאַציע און אומגעלומפּערטע ביוראָקראַטיע. מיטן איינפירן אַ נייעם "נעפּ", מיט עפענען אַ פּריוואַטע רעסטאָראַנען, רוזיראַנשטאַלטן און אַ פּאָר קאָאָפּעראַטיוון וועט דער ווירטשאַפטלעכער

קריזיס ניט געהיילט ווערן. ווייל מיט בלויזן פארטרייבן די קאַפּיטאַליסטן אין מיטן ארייננעמען די פאַבריקן, ערד און אלע אוצרות אין די הענט פון דער מלוכה באדייט דאָס נאָך ניט סאָציאַליזם. סאָציאַליזם באדייט ווען יעדע אונטערנעמונג וועט ניט רעגירט ווערן דורך מלוכישע באַסן און ביוראָקראַטן נאָר פאַרוואַלטעט דורך די וואָס אַרבעטן דאָרט. (דאָס דארפט אויך וויסן אונדזער הסתדרות, וועמענס אונטערנעמונגען און פאַבריקן ווערן אנגעפירט דורך באַסן און ניט דורך די אַרבעטנדיקע, וואָס זענען אין זיי באשעפטיקט) אַזאַ ווירטשאַפט און אַזעלכע אונטערנעמונגען, ווי די וואָס אַרבעטן האָבן דאָרט גאָר ניט וואָס צו זאָגן, האָבן דערפון ניט קיין מעגלעכקייט זאַט צו לעבן, אויך ניט קיין מעגלעכקייט צו וועלכע עס איז איניציאַטיוו; אַזעלכע אינטערנעמונגען, ווי די אַרבעטנדיקע פילן ניט אַז דאָס איז זייערס, נאָר געהערט צו עפעס אַן אַבסטראַקטע מדינה מיט פרעמדע ביוראָקראַטן וועט די אַרבעט קיינמאָל ניט זיין קיין פראָדוקטיווע. אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט באדייט, ווי די אַרבעטנדיקע אין יעדער אונטערנעמונג, זענען ניט אפהענגיק פון עפעס אַ וועלכע צענטראַלע מאַכט, נאָר פאַרוואַלטן אַליין אין זייערע אונטערנעמונגען. די דאָזיקע אויטאָנאָמע אונטערנעמונג דאַרפן זיין צווישן זיך אין אַ פרייע, קאָאָפּעראַטיווע פאַרבינדונג. פאַרשטענדלעך אַ דאָס איז מעגלעך ביי אַ פולשטענדיקע דעצענטראַליזאַציע פון דער גאַנצער ווירטשאַפט, געבויט אויף אויטאָנאָמע איינהייטן. דאָס קאָמוניסטישע יוגאָסלאַוויע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט איינגעפירט די זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די פאבריקן, פארופנדיק זיך אויף מאַרקסן אין זיין "בירגערקריג אין פראַנקרייך". זיי האָבן צו פאַרצייכענען מער דערפאלג, ווי די אונטערנעמונגען און ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער. אָבער ווי קאָמוניסטן האָבן זיי דאָרט ניט געקענט געבן די אַרבעטער קיין פולע אויטאָנאָמיע און פולע רעכטן צו האנדלען אָן דער קאָנטראָל פון דער פאַרטיי. אויך אין אַלזשיריע איז אין די מלוכישע פאַבריקן איינגעפירט דער סיסטעם פון זעלבסט פאַרוואַלטונג פון די אַרבעטנדע.

פאַרשטענדלעך אַז אַ דעצענטראַליזאַציע אין דער ווירטשאַפט מוז גיין געפּאַרט מיט אַ דעצענטראַליזאַציע פון דער גאַנצער מדינה. אויף דעם וועט

די קאָמוניסטישע ביוראָקראַטיע קיינמאָל ניט איינגיין, אויך ניט באָגראַטשאָוו. דאָס וואָלט דאָך באַדייט אַ נייע דעמאָקראַטיע פון אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פון פאָלק און ניט פון די הערשער. דאָס וואָלט באַדייט אַן אדמיניסטראַציע און ניט קיין הערשאַפט. אויך ניט קיין הערשאַפט פון איין פאַרטיי אָדער פון עטלעכע. נאָר דירעקט פון פאָלק אַליין מיט אַ פּערמאַנענטע ראָטאַציע, וואָס זאָל אוממעגלעך מאַכן דאָס אויסוואַקסן פון פּראָפעסיאָנעלע פאָלקס־פאַרזאָרגערס און פּראָפעסיאָנעלע הערשערס. דאָס וואָלט אייגנטלעך באַדייט אַן אנאַרכיסטישע געזעלשאַפט. פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע באַשטייט פון צענדליקע פעלקער, וואָלט אַזאַ דעצענטראַליזאַציע, מיט אויטאָנאָמע אַדמיניסטראַציעס פון די באַזונדער פעלקער און באַזונדערע ראַיאָנען באַדייט אַ סוף צו דער מעכטיקער קאָמוניסטישער אימפּעריע.

מען טאָר אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז די פּאָליטישע פאַרווירקלעכונג פון גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם. אַ דאַנק איר מיליטערישער קראַפט הערשן 135 מיליאָן רוסן איבער אַ ניט רוסישער באַפעלקערונג פון 85 מיליאָן פון פאַרשידענע פעלקער פון אייראָפּעיש־אַזיאַטישן קאָנטינענט. די רוסן באַנוצן זיך ניט בלויז מיט דעם געוועלטיקן סיסטעם פון "נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג" נאָר הערשן סיי דורך רעפּרעסיעס סיי מיטקאָאָפּעראַציע. ביז איצט איז דעם רוסישן נאַציאָנאַליז געלונגען דורך קאָאָפּעראַציע, ווי אויך קאָרופּציע און אינטעגראַציע, דורך ביסלעכווייזער פּאָליטישער און קולטורעלער איינזאַפּן אין זיך גאַנצע פעלקער, וואָס זענען עטיש איר נאָענט. שאַפּנדיק ביי זיי דער איינדרוק אַז זיי נעמען אָנטייל אין דער גרויסער געמיינזאַמקייט. רעפּרעסיעס זענען אָפּט אָנגעוואַנדן געוואָרן לגבי די פון וועלכן פאָלק האָט זיך אַנטקייגנגעשטעלט און געפּרוּווט זיך באַפרייען פון דער גרויס־רוסישער קאָנטראָל.

די געשיכטע פון דער רוסישער עקספּאַנסיע הייבט זיך גאָר ניט אָן מיטן קאָמוניסטישן רעזשים און זי דויערט שוין 300 יאָר, וואָס ציט זיך פון איר מלחמות קעגן די באַלקאַנישע לענדער און מיט די קלעפּ וואָס די צאַרישע הערשער האָבן געגעבן דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע און מיטן אונטעראָרדענען אונטער זיך די אוקראַינישע קאָזאַקן און די קרימער טאָטאַרן און ניט דערלאָזנדיק צו דאָזיקע

פעלקער זיך צו פאַרייניקן.

דערפון נעמט זיך אויך דער אידעאָלאָגישער אָנהענגערשאַפט צו צענטראַליזאַציע, וואָס נאָר זי פאַרזיכערט די העגימאָניע פון רוסישן פאָלק איבער די צענדליקע פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס דערמעגלעכט דעם גרויסרוסישן נאַציאָנאַליזם אנצוהאלטן איר מיליטאַריסטיש אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער.

כאָטש גאָרבאַטשאָװס מעטאָדן זענען גאַנץ אַנדערע װי פון די פריערדיקע דיקטאַטאָרן און אַנדערש איז זיין דיפּלאָמאַטישע שפּראַך לאָזט זיך אָבער ניט גלויבן אַז ער װעט לאָזן אפשוואכן די עקאָנאָמישע, װי די מיליטערישע מאַשין פון ראַטן־פאַרבאַנד.

אַװדאי ניט דאָס מיינט באַגראַשאָװ מיט זיין „פּערעסטרויקע". דערפאַר האָבן ניט די סאָװיעטישע פעלקער דערװאַרטן פון דער „פּערעסטרויקע" קיין משיחס צייטן. װאָס מען קען אָבער יאָ לערנען, פון דעם װאָס עס קומט איצט פאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד, און די אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער, אַז זיבעציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער רעװאָלוציע איז דעם קאָמוניזם ניט געלונגען ניט נאָר צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם נאָר ניט צו שענקען זייערע פעלקער די מענטשלעכע פרייהייט און מענטשן־רעכט. איצט נאָך זיבעציק יאָר מאַרקסיסטישן לענינינזמשטייט די קאָמוניסטישע באַװעגונג פאַר דעם גרעסטן אידעישן, פּאָליטישן און גייסטיקן קריזיס. זי שטייט פאַר דער גרויסער פראַגע־צייכן אין װעלכע ריכטונג דאַרף זי װייטער גיין? פון אָט דעם ענטפער איז אפהענגיק דער גורל ניט נאָר פון די קאָמוניסטישע לענדער נאָר פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויך גלאַסנאָסט אין יוגאָסלאַװיע

אויך יוגאָסלאַװיע איז אַ גוטער ביישפּיל פון דעם טיף אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן קריזיס אין דעם גאַנצן קאָמוניסטישן לאַגער. כאָטש דער „בונד יוגאָסלאַװישע קאָמוניסטן" ב.ק.ױ. איז ניט געװען איינגעשפּאַנט איז דעם סאָװיעטישן װאָגן און טיטאָ איז געװען צוקריגט מיט סטאַלינען דאָך האָט אויך אין יוגאָסלאַװיע עקזיסטירט אַ פּערזאָנען־קולט. אויך דאָרט איז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" געװען פּאַקטיש אַ דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די דיקטאַטור פון טיטאָן. געפינט זיך אויך יוגאָסלאַװיע אין אַ טיף

אידעאָלאָגישער קריזיס. אָט איז געמאָלדן געוואָרן פון בעלגראַד, אַז אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין זאַגרעב, האָט דער הויכער פּאַרטיי־פונקציאָנאַר פון קראָאַטיע אָנגיען קראַסטולאָוויטש אַרויסגעזאָגט דאָרט אַזעלכע ווערטער: "אונדזער געזעלשאַפט שטעקט אין אַ טיפן קריזיס. די פּאַרטיי שטעקט אין אַ טיפן קריזיס די יוגנט גלויבט אונדז מער ניט קיין איין וואָרט און דאָס אַלץ גייט אונדז גאָר ניט אָן". דערצו קען מען צוגעבן אַז נאָך קיינמאָל, נאָך טיטאָס טויט, איז די ב.ק.וו. ניט געווען אַזוי ניט אנערקענט ווי איצט.

די אונמעכטיקע יוגסלאַווישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט איצט אַמווינציקן דאָס רעכט זיך צו האַלטן פאַרן "אַוואַנגאַרד פון פּראָלעטאַריאַט", ווי זי האָט דאָס געוואָלט זיין. די מיטגלידער גיבן מאַסנווייז צוריק זייער מיגלידס־קאַרטן. פון יאָר 1983 ביזן פאַריקן זומער זענען אַרויסגעטרעטן פון דער פּאַרטיי 77476 מיטגלידער. דער אָנטייל פון יונגע מענטשן פון אונטער 27 יאָר איז פון 33 פּראָצענט געפאַלן אויף 27. ווי אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען רימען זיך אַז זיי זענען די פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס, אָבער וויניקער פון 30 פּראָצענט פון דער יוגאָסלאַווישע פּאַרטיי זענען פּאַקטישע אַרבעטער.

די לאַגע אין דער פּאַרטיי ווערט אַלץ ווייטער טרויעריקער. יוגאָסלאַוויע באַשטייט פון זעקס נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און פון צוויי אויטאָנאָמע פּראָווינצן. זייער פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלער מאַכט ווערט אַלץ מער פּראָבלעמאַטיש. און די מלוכה אַלס אַזעלכע האַלט זיך ביי צעפאַלן.

כאָטש דער פּאַרטיי־שעף באַסקא קרויניץ האָט אין זיין הויפּט־רעפעראַט, ביי דער עפענונג פון דער פּאַרטיי קאָנפערענץ אין בעלגראַד, אַלץ גערעדט מיט דער אַלטער שפּראַך וועגן: "ווידעראויפלעבונג פון דער אַוואַנגאַרדישע ראָלע" פון דער פּאַרטיי וועגן רעפאָרמעס, וועגן "פאַרקלענערן די ביוראָקראַטיע", ווי וועגן דער "פירנדיקער ראָלע פון דער פּאַרטיי אין דער געזעלשאַפט" און נאָך אַזעלכע שוין פּוסטע לאָזונגען קען מען אָבער דייטלעך זען אַז די "פירנדיקע ראָלע" פון דער בק.יו. איז היינט, ווי אַ נודיסט אין דעם יוגאָסלאַווישן פילם "דער טעם פון ליבע" וואָס שטייט נאַקעט און בלויז.

עס איז אָבער אַ פאַקט אַז די יוגאָסלאַווישע מעדיען, ניט געקוקט אויף די רעפּרעסיעס, האָט זיך דאַך פאַרוואַנדלט אין אַ "זיבעטע מדינה". אַזוי צום ביישפּיל האָבן זיי אויספּירלעך איבערגעגעבן פון דער אונגאַרישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וועגן די פאָדערונגען פאַר רעפאָרמעס און דערביי אונטערגעשטראָכן אַז ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמעס און פּאָליטישע רעפאָרמעס קענען ניט דורכגעפירט ווערן אָן ראַדיקאַלע פּערזאָנען ענדערונגען, וואָס מיינט דאָס באַזייטיקן די אַלטע ביוראָקראַטישע פּאַרטיי־אָנפירונג. אָבער אין די 35 טעזן צו דער יוגאָסלאַווישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ ווערט גאָר ניט דערמאָנט וועגן ראַדיקאַלע פּערזאָנען ענדערונג חוץ, וואָס דער פּאַרטיי־שעף האָט וועגן דעם צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער.

אָבער די פּאַרטיי־מיטגלידער אין יוגאָסלאַוויע רעוואָלטירן. אין די צאָלרייכע פאַר־קאָנפערענצן פאַר דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ זענען די 35 טעזן שטאַרק קריטיקירט געוואָרן אָדער מען האָט זיי אין גאַנצן אָפּגעוואָרפן, ווייל זיי האָבן אין זיך ניט קיין שום נייע עלימענטן וועלכע קענען דינען פאַר אַן אויסוועג פון דעם אידעישן קריזיס. דאָך איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די הויכע פּאַרטיי־עסקנים וועלן דאַרפן פון דאָס ניי געוועלט ווערן אויף די פּאַרטיי־קאָנפערענצן, דאָס איז געקומען אַ דאַנק דעם פאַרשלאַג פון דער באָשנישער דעלעגאַציע וועלכע האָט אויפגעהויבן די פראַגע פון קאָרופּציע פון די פּאַרטיי־שפּיצן, ווי דער סקאַנדאַל פון בויען זומער־ווילעס ביים אַדריאַטישן ים־ברעג און דאָס פּאַרטיילן בוי־פּלעצער פאַר די הויכע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן פאַר שפּאָטביליקע פרייזן. אויף אָט די קאָרופּציע־סקאַנדאַלן האָט דער פּאַרטיי־שעף קרוניץ רעאַגירט מיט אַזעלכע פאַר פאַרוואורף־ווערטער, אויף דער עפענונג פון דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ "פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס קענען ניט באַזעצט ווערן פון מענטשן וועלכע די מאָראַלישע פרינציפּן פון אַוואַנגאַרד פאַרשוועכן. די וואָס האָבן זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן געשטעלט איבער אַלץ און אויפן חשבון פון אַנדערע זיך באַרייכערט". ער האָט דערצו צוגעגעבן אַז "גלייכגילטיקייט קעגן גנבה, אומאָראַלישקייט, און אומערלעכקייט, ווי שווייגן דאָס דולדן אַזעלכע מענטשן אינערהאַלב דער ב.ק.י. איז איינע פון די ערשטע פאָרמען פון

אַפּאָרטוניזם״. און דאָך איז פון דער קאָנפערענץ ניט געקומען די ישועה פון אַ מאָראַלישע ענדערונג און ס׳איז ניט צו דערוואַרטן די פּאַרטיי זאָל ״פירנדיקע ראָלע אין דער געזעלשאַפט״ ווערן. אָבער דאָס וואָס די דעבאַטן און דיסקוסיעס זענען דורך די פּרעסע קלובן און דאָס וואָס אויסלענדישע זשורנאַליסטן זענען צוגעלאָזט געוואָרן צו דער געביידע, ווי דער קאָנגרעס איז פאַרגעקומען, דאָס אַליין קען באַטראַכט ווערן פאַר אַ באַזונדערע וואַריאַציע פון דע יוגאָסלאַווישן ״גלאַסנאָסט״.

פאר א נייער קולטור

1

יעדער טראַכטנדיקער מענטש, באַזונדערס קינסטלער, שרייבער און דיכטער מוזן האָבן זייער וועלטאָנשויאונג. זייער פילאָזאָפיע. עס זענען דאָ אָבער אַזעלכע וואָס מיינען אַז זיי נויטיקן זיך גאָר ניט אַפילו צו טראַכטן. טייל גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז די וועלט עקזיסטירט נאָר אין אונדזער באַוווסטזיין, אַנדערע וואַרפן אָפּ יעדע פילאָזאָפיע און יעדן סיסטעם און שאַפן זיך אַן אייגענע לאָגיק, וואָס האָט גאַנץ אָפּט קיין פיס ניט. איז דען נויטיק צו באַווייזן אַז די וועלט עקזיסטירט פאַקטיש? די טענדענץ פונעם מענטש איז אַריינצונעמען די כוחות פון דער נאַטור אין די אָרעמס פון אייגענעם ווילן. דער מענטש, דאָס קינד פון דער נאַטור איז אויך דער אַגענט פון דער געשיכטע און ער קען ניט פאַרלייקענען זיין שייכות צו די נאַטור־פּראָצעסן און ניט צו די געשיכטלעכע פּראָצעסן. וואָס מער דער מענטש מאַניפעסטירט זיינע שטרעבונגען און צילן אַלץ מער ווערט ער קאָמפּליצירט. דאָס פאַרלייקענען דעם שייכות צו דער נאַטור און געשיכטע גיט דעם אויסרייד צו בלייבן פּאַסיוו. אָבער אַרום דעם מענטש קאָכט און שטורעמט און דער סאָציאַלער פּראָצעס איז דאָך די פּרוכט פון דער מענטשלעכער טעטיקייט.

די געשיכטע ווייסט פון פּעריאָדן, וועלכע מיר באַצייכענען אַלס קאָנסטרוקטיווע אָדער דעסטרוקטיווע. עס זענען דאָ עפּאָכן ווען

דאָס אַלטע, וואָס האָט באַדאַרף זיין אַ ירושה פאַר ווייטערדיקע דורות, הויבט זיך אָן צו צעפאַלן. אומבאַקאַנטע כוחות גראָבן אונטער די אַלטע באַגריפן און פאָרשטעלונגען. אויך אַזעלכע פרינציפן, וואָס זענען פאַרהייליקט געוואָרן. עס ווערט פאַרלוירן דער רעספעקט פאַר דער טראַדיציע. דער מענטשלעכער גייסט פילט אין אַזאַ צייט אינסטיקטיוו אַז אַ נייע וועלט דאַרף געבוירן ווערן און דאָס אַלטע איז דערצו בלויז אַ שטערונג וואָס מוז פאַרשווינדן. די לופט אַליין איז אָנגעזאַמלט מיט די געבורט־ווייען. דאָס איז אַ פעריאָד פון נערוועזן פיבער, פון אָפטימיזם און פעסימיזם צוזאַמען, פון מעכטיקע האָפענונגען און ווייטיקלעכע אַנטוישונגען. דאָס איז אַ צייט פון גרויסע וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע דערגרייכונגען, פון דערשיינען פון גרויסע גייסטיקע געשטאַלטן, דענקערס און קינסטלערס. די צייט פון אַ גרויסע באַדערפעניש צו שאַפן.

אַזאַ פעריאָד פון צעשטערונג פון אַלץ וואָס איז אַלט האָט אין זיך אָבער גרויסע קאָנסטרוקטיווע עלעמענטן און ביידע גייען צוזאַמען. דאָס זענען צוויי פאָרמען פון זעלבן פראָצעס, ווייל אָן צעשטערונג פון אַלטן קאָן ניט געבוירן ווערן דאָ נייע דאָס זענען פעריאָדן פון מעכטיקע געדאַנקען. אַזאַ איז געווען גריכנלאַנד, ווען עס האָט דאָרט געבליט די פילאָזאָפיע. אַזאַ איז געווען די צייט פון רענעסאַנס און די צייטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די פעריאָדן פון בליאונג פון גרויסע הומאַניטאַרע געדאַנקען. אין אַזאַ צייט וואַקסט אויס אַ קונסט־אינסטינקט און קינסטלערישע שטימונגען.

אָבער צו וועלכע עפּאָכע קענען מיר פאַרגלייכן אונדזער צייט? פון איין זייט מעכטיקע דערגרייכונגען אין דער וויסנשאַפט, ווען דאָס אַלטע איז פאַרפוילט און באַנקראָט. זי איז אויך אַ פאַרברעכעריש, מען קאָן זי דרייסט קרוינען פאַר אַ בלוטיקע עפּאָכע. פון איין זייט צווינגט אונדז די וויסנשאַפט צו רעווידירן אונדזערע אַלטע געדאַנקען, פון דער צווייטער זייט זינקען מיר אין אַ טיפן מאָראַליש־גייסטיקן קריזיס. מיר זינקען אין די פינצטערע בלאָטעס פון פּאָליטיקאַנטישע אינטריגעס. און ניט די וויסנשאַפט, ניט די קונסט, ניט די ליטעראַטור האָט דעם כוח צו מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אונדזער אויפפירונג. זי פירט אונדז ניט צו

מאַכן אַ נייעם בליק, ניט מיט קיין נייעם דרייסטן געדאַנק. פאַרוואָס?

מעגלעך אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס די וויסנשאַפט באַמיט זיך היינט צו פאַרשטיין די וועלט לויט די ענגע וויסנשאַפטלעכע פאַכמעניִשקייט און דערווייטערט זיך פון די אַלע כלים, וואָס עס שטעלט צו די קונסט, שכל, מאָראַל און געפילן. זיי פאַרגעסן אַז די וויסנשאַפט איז בלויז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מענטשלעכער קולטור און זי קאָן גאָר ניט געבן קיין אויסשעפּלעכן ענטפער אויף דער פראַגע — וואָס איז אַזוינס לעבן? אַ היינטצייטיקער וויסנשאַפס־מאַן דאַרף אָנעמען דעם דעוויז פון געטהען, אַז "אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז מיר ניט פרעמד". די וויסנשאַפט דאַרף דינען דעם מענטש אין זיינע אַלע גייסטיקע און מאַטעריעלע אַספּיראַציעס. גלייכצייטיק מוז די וויסנשאַפט ענטפערן אויף די גרויסע פּראַגעצייכנס פון אונדזער רעאַליטעט און פון אונדזער עקזיסטענץ. דערווייל קאָן זי נאָר ענטפערן אויף אַ קליינער טייל פון דער רעאַליטעט.

די נייעסטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, באַזונדער די קוואַנטן־לערע זענען ניט ביכולת צו וויסן פון דער נאַטור, דאָס וואָס מיר ווילן וויסן. מיר וייסן בלויז געוויסע טיילן פון אייגנשאַפטן און פיזישע דערשיינונגען אין דער נאַטור. די קוואַנטן־לערע שטעלט בכלל אין ספק צי מיר וועלן ווען געפינען אַזאַ ריכטיקע און אַבסאָלוטן ענטפער אויף דער פראַגע — ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען די וועלט? אַפילו די גרויסע רעוואָלוציעס וואָס קומען פאָר אין דער פיזיק, נאָך איינשטיינען און נאָך שארדינגערן, קענען ניט ענטפערן דערויף. אפשר אין נייעם קומענדיקן י. ה. וועט דער מענטש וויסן מער וועגן די גרונטפראַגן פון אונדזער עקזיסטענץ.

אָבער דערווייל קענען מיר רעדן פון אַ דורכפאַל פון דער קלאַסישער פיזיק און פון אַלע אירע קאָנצעפּציעס, וועלכע זענען פון איר יסוד צעטרייסלט געוואָרן דורך איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. היינט קאָנען מיר ניט רעדן וועגן באַשטימטע לענגן פון אַ קערפּער, ווייל די לענג איז אָפּהענגיק פון דער רעאַליטיווער באַוועגונג פונעם קערפּער. דער סטאַנדאַרט פון דער לענג, וואָס איז דער באַזיס פון

אַלע פּיזישע אויסמעסטונג־אינסטרומענטן, האָט געפּלאַצט און עס האָט געפּאָדערט זיך אַ נייע אינטערפּרעטאַציע, פאַר כּמעט אַלע פּיזישע דערשיינונגען און עס האָט געפּאָדערט זיך אַ נייעם אַבסאָלוטן סטאַנדאַרט פון לענג, מען זאָל קאָנען ריכטיק דאָס אויסטייטשן.

אַ צווייטע רעוואָלוציאָנערע געשעעניש אין דער פיזיק איז געשען מיט אונדזערע באַגריפן וועגן אַטאָם. נאָך רודפאָרדס אַנטדעקונג איז דער אַטאָם אַ גאַנץ קאָמפּליצירט־עלעקטרישער פּלאַנעטן־סיסטעם און איז ניט מער קיין שטיק מאַטעריע, אָדער אַ האַרטער חומר נאָר גאָר, ניט עפּעס אַנדערש, ווי צעשפּרייטע עלעקטרישע פּונקטן, אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן. מיט אָט דער טעאָריע הויבט זיך אָן אַ גאָר אַנדערע פאַרשטיין די רעאַליטעט, וואָס איז, לויט דער נייער וויסנשאַפט אַ סך ברייטער און טיפער, ווי דאָס קאָן דערגרונטעווען אונדזער שכל און וואָס מיר קאָנען באַנעמען מיט אונדזערע חושים.

די דאָזיקע צוויי טעאָריעס: די רעלאַטיוויטעט און קוואַנטן האָבן אין גאַנצן געענדערט אונדזערע באַגריפן וועגן מאַטעריע און אַ סוף געמאַכט צו דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, וואָס האָט דורות־לאַנג געוווינט אין אונדזערע מוחות. זי האָט אויך דערמיט אונטערגעריסן די ביז־איצט אייזן־פעסטע באַגריפן וועגן קאַוזאַליטעט און דעטערמיניזם. די וויסנשאַפט שווימט איצט אַרום אין אַניט־רעאַלער וועלט פון מאַטעמאַטישע סימבאָלן, און מעטאַפיזישע פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס, אויף וועלכע עס שטיצט זיך איצט די פיסיקע רעאַליטעט. אויך צו די דריי דימענסיעס האָט די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע צוגעטשעפּעט אַ פערטע דימענסיע. דאָס וואָס האָט אַמאָל געדינט, ווי אַ שפּיל פאַר פאַנטאַזיאָרן און פּאָעטן, איז היינט געוואָרן אַ טייל פון אונדזער פיזישע רעאַליטעט. אַזוי אַז יעדע נייע דערפינדערישקייט טראָגט זיך אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע און אינטואיציע. די נייעסטע וויסנשאַפט קאָן ניט באַזייטיקן די טונקלייט אין וועלכע עס איז איינגעהילט אונדזער עקזיסטענץ.

דאָס ניט קענען, פון דער וויסנשאַפט, געבן אַן אַבסאָלוטן ענטפער אויף די ניט־פאַרענטפערטע פראַגן, גיט דאָס דעם כּוח פון די כּהנים פון אַלע רעליגיעס די מעגלעכקייט צו פאַרשפּרייטן

דעם גלויבן אין אַ פּערזענלעכן גאָט. דאָס ניט קאָנען ענטפערן פון דער וויסנשאַפט אויף דער קאָמפּליצירטער פראַגע — וויאַזוי איז אַנטשטאַנען די וועלט? ענטפערט אויף דעם די רעליגיע מיט אַ פּשוטן און אַבסאָלוטן ענטפער — גאָט האָט באַשאַפן די וועלט! אַזאַ ענטפער איז געווען דער פּאַסיקסטער פאַר דער פּרימיטיוו־מענטשלעכער פאַנטאַזיע. עס איז ניט געווען קיין מער לייכטערע זאַך, ווי דעם גאַנצן הימל מיט אירע געטער און הייליקע צו פאַרוואַנדלען אין אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער ערד. דער מענטש האָט געשאַפן זיין גאָט לויט זיין אייגענעם צלם־אדם. ביי די שוואַרצע איז גאָט אומבאַדינגט אַ שוואַרצער. ביי די גריכן האָבן זייערע געטער געהאַט די זעלבע שוואַכקייט וואָס די מענטשן. געהערשט ביי זיי קנאה, גייציקייט און שנאה. ביז נאָך היינט געפינען זיך מיליאָנען גלויביקע אין אַ פּערזענלעכן גאָט, וואָס מישט זיך אַריין אין גורל פון יעדן מענטש באַזונדער. דאָס איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער איינבילדונג.

עס איז ניטאָ קיין שווערערע זאַך, ווי באַפרייען דעם מענטש פון די פאַרשידנסטע איינבילדונגען. דער מענטש גלייבט אין דעם וואָס ער וויל גלויבן. אויב וויסנשאַפטלעכע אמתן דאַרף מען באַווייזן דורך דערפאַרונגען, עקספּערימענטן און לאַנגע פאָרשונגען, נויטיקט זיך די רעליגיע ניט אין דעם אַלעמען, ווייל ווער קען באַווייזן אַז עס עקזיסטירט ניט קיין גאָט? אָדער ווער קען באַווייזן אַז משה האָט ניט געשפּאָלטן דעם ים און יעזוס איז ניט געבוירן געוואָרן פון אַ בתולה? אַזוי קאָן מען ניט באַווייזן דעם אומזין פון קיין שום איינרעדעניש, פון קיין שום איבערגלויבן. איז דען ניט באַקוועם צו גלויבן אין אַ גאָט, וועלכער באַשטימט אַלץ און טוט אַלץ וואָס מיר ווינטשן זיך, און ער, ניט מיר, זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע אונדזערע דורכפאַלן אין לעבן. דאָס זיין פאַרשקלאַפט צו אַ גאָט מאַכט דאָס דעם וועג פון פאַרשקלאַפן איין מענטש צום צווייטן. ביי היינט־צו־טאָג עקזיסטירט נאָך אין אַמעריקע אַ סעקטע, וואָס גלויבט אַז די ערד איז פלאַך. דאָך האָט די וויסנשאַפט, כאָטש

זי ענטפערט ניט אויף אַלץ וואָס מיר ווילן וויסן, גענעבן אַ טויט־קלאַפּ דער רעליגיע. זי פאַרטריבן פון אונדזער גייסטיקן לעבן, כאָטש די הערשער איבער פעלקער זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער מאַכט פון דער רעליגיע איבערן מענטשלעכן מוח, ווייל דאָס פאַרזיכערט אויך זייער הערשאַפט איבערן מענטש.

אויב די וויסנשאַפט האָט זיך באַפרייט פון אַבסאָלוטע דאָקטרינעס און פון דאָגמעס איז דאָס נאָך מער וויכטיק פאַר געשיכטלעכע דערשיינונגען. עס איז אומגעלעך צו געפינען געזעצן אין דער געשיכטע, וואָס זאָלן געבן אַ לאָגישן ענטפער אויף אַלע בלוטיקע מלחמות, אויף אַזעלכע טראַגישע דערשיינונגען ווי דער היטלעריזם און סטאַליניזם; אויף אוישוויץ און אויף אַלע געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפעס. אין דער געשיכטע עקזיסטירט ניט קיין גרייטע עקסיאָמען. און דאָס זוכן געזעצן אין דער געשיכטע איז ווייט צו זיין ״וויסנשאַפטלעך״. שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי, אין דער צייט ווען מען פליט צו דער לבנה, האַלט זיך נאָך אַלץ דער ראַטן־פאַרבאַנד אין דעם מאַרקסיזם מיט איר ״היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״ מיט איר ״וויסנשאַפלעכן סאָציאַליזם״, וואָס איז דאָך אַנטיוויסנשאַפטלעך. דאָס קלאַמערן זיך אין אַלטע דאָגמעס איז די גרעסטע שטערונג פאַרדעם געבורט פון אַנייעם מענטשלעכן קולטור־רענעסאַנס, אַן וועלכע מיר וועלן ווייטער זינקען אין די פּאָליטישע בלאָטעס, אין געזעלשאַפטלעכן כאַאָס, אין פּחד פאַר בלוטיקע קאַטאַסטראָפעס.

ווי שוין אויבן געזאָגט לעבן מיר אין אַן עפּאָכע פון אַ גרויסער מאָראַליש־גייסטיקער דעסטרוקציע. מיר לעבן אין אַן עפּאָכע וואָס אונטערערדישע כוחות גראָבן אונטער דעם גאַנצן סיסטעם מיט אירע אַלטע באַגריפן. מיר לעבן אויך אין אַן עפּאָכע פון גרויסע אַנטוישונגען אָבער אָן גרויסע האָפענונגען, מיר זעען פאַר אונדזערע אויגן, ווי דאָס אַלטע גוסנט, שטאַרבט אָפּ, אָבער מיר פילן ניט אַז אַ נייע וועלט ווערט געבוירן. מיר זעען דעם אונטערגאַנג אָבער ניט דעם אויפגאַנג. אַלע שענסטע חלומות פון אַ בעסערע וועלט, זענען פאַרשוועכט. האָט צוזאַמען מיט אירע גרויסע דערגרייכונגען אויפגעשטעלט דעם שרעקלעכן געשפּענסט פון דער אַטאָמישער צעשטערונג־קראַפט.

אויב קעגן נאַטור־דערשיינונגען, אויב קעגן די נאַטור־פּראָצעסן איז דער מענטש אומבאַהאָלפן, ער קאָן בלויז זוכן די נאַטור צו פאַרשטיין און צו דערקלערן. אויב די דערשיינונגען אין דער נאַטור קען דער מענטש ניט ענדערן, איז אָבער אַנדערש די ראָלע פון דעם מענטש אין דער געזעלשאַפט. דאָ מאַכט דאָך דער מענטש אַליין זיין געשיכטע. איז פאַרוואָס קען דער מענטש זיין געזעלשאַפט ניט פאַרוואַנדלען אין אַ געזונט, פרידלעך און האַרמאָנישע, קולטורעלע וועלט? ווי מיר ווייסן קען די וויסנשאַפט מיט אירע רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען ניט שאַפן קיין נייע הומאַניטאַרע קולטור. ווייל פון איין זייט דינט זי דעם מענטש, זיין געזונט און זיינע באַקוועמלעכקייטן, פון דער צווייטער זייט דינט זי דעם טייוול, צוגרייטנדיק די ראַפינירטסטע מאָרד־מכשירים אומצוברענגען דעם מענטש. בלייבן צוויי וויכטיקע זיילן אויף וואָס דער דענקענדיקער מענטש קען אָנשפּאַרן זיינע גרעסטע האָפענונגען דאָס איז הומאַניטאַרע ליטעראַטור און די דערציאונג.

אין דער היינטיקער געזעלשאַפט מעגט איר נעמען דעם לאָמפּ פון דעם אַלטן גריכישן פילאָזאָף דיאגינעס און זוכן אַ גליקלעכן מענטש און איר וועט מסתמא אים גאָרניט געפינען. ווי מיר זאָלן זיך ניט קערן און ווענדן געפינט מען נאָר ליידן און פּיינען. די דאָזיקע פּעסעמיסטישע לערעס הויבן זיך אָן מיט די רעליגיעס. איוב זאָגט: אונטערגיין זאָל דער טאָג וואָס כ'בין אין אים געבוירן געוואָרן", און די עוואַנגליע זאָגט: אַז "דאָס גליק איז ניט פאַר דער וועלט".

דער פילאָזאָף שאָפּענהיער האָט דערצו צוגעגעבן: "דאָס לעבן האָט איר איבל און די וועלט־געשיכטע איז די נאַטור־געשיכטע פון ליידן און שמערצן". דער באַרימטער האַרטמאַן האָט מיט טריאומף דערקלערט: "דאָס לעבן קען ניט זיין אַנדערש ווי ליידן; דאָס איינציקע גליק איז די פאַרניכטונג פון דער וועלט און אירע איינוווינער. "זעט אויס אַז די פירער פון דער וועלט, צוזאַמען מיט זייערע גענעראַל־

שטאַבן, זוכן אויס טאַקע די ראַפינירסטע געווערן אומצוברענגען די וועלט כדי דערמיט די מענטשן גליקלעך צו מאַכן!

דער פעסימיזם פרעדיקט אַז דער מענטש איז ניט גליקלעך אויף דער וועלט. זיי ווילן אָבער ניט זאָגן דעם אמת, ווער איז אין דעם שולדיק, וואָס דער מענטש איז ניט גליקלעך?

★

מיר לעבן אין אַ צייט ווען אַ גרויסע גייסטיקע מידקייט באַהערשט דעם מענטש. אונדזער געדאַנקען־קאָמפּלעקס ווערט צעפרעסן פון יאוש און מאַכטלאָזן געפיל, אַז קיין זאַך לאָזט זיך ניט ענדערן, ניט בעסער מאַכן. די בעסטע מענטשן וואָס דאַרפן ווירקן, לערנען, דערציען קערן זיך אָפּ פון יעדער אַקטיווקייט. דאָס אַנטלויפן פון אַקטיוון לעבן ווערט אַ מאַסן־דערשיינונג, וואָס האָט מער אָנהענגער ווי די וואָס ווילן ענדערן דעם גאַנג פון לעבן. די אַלטע לאָזונג פון די בודיסטישע פּריסטערס באַאייפלוסט היינט שטאַרק אינטעלעקטועלע קרייזן, אַנטוישטע אין אידעאַלן. דער גייסט פון נירוואנאַ נעמט אַרום די אַנטוישטע און מידע, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַ בעסערע וועלט. שוואַכע נשמות שטייען אומבאַהאָלפן פאַרן שאָטן פון דער אָנרוקנדיקער קאַטאַסטראָפע און האָבן פאַרלוירן דעם ווילן צו קעמפן. די סיבות פון דער אַנטוישונג איז ניט בלויז צוליב דער קעגנזאַץ צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, ניט צווישן אוטאָפּיע און ווירקלעכקייט, נאָר ווייל געוויסע אידעען זענען גלייך פון אָנהייב געווען קראַנק. פון אָנהייב האָבן זיי ניט געגלויבט אַז די מענטשלעכע חלומות און שטרעבונגען קענען פאַרווירקלעכט ווערן. יעדן געוואַגטן געדאַנק, יעדע סאָציאַלע וויזיע האָבן זיי פאַרשריגן פאַר אַ „וואַנזיניקן עקספּערימענט", כאָטש דאָס וואָס זיי האַלטן פאַר לאָגיש און פּראַקטיש באַדט זיך דאָך אין אַן עלנטן צושטאַנד אין די שמוציקע זומפּן. די לייענער וועלן דאָך פאַרשטיין אַז איך מיין וועגן דעם צושטאַנד אין וועלכע עס געפינט זיך היינט דער סאָציאַליזם פון ביידע מאַרקסיסטישע פליגלען.

דער צושטאַנד פון מידקייט און פּאַסיקייט איז דאָך ווי געווונטשן פאַר די וואָס ווילן אויפהאַלטן דעם סאָציאַלן אומיושר, די שנאה צווישן פעלקער. די הערשנדיקע עליטעס ווילן ווייטער זיך באָדן אין שווילטאָג ווען אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט שטאַרבן מאַסנווייז קינדער פון הונגער און קראַנקייטן פאַר די אויגן פון זייערע אומגליקלעכע מאַמעס. אַנשטאָט ברויט פאַר די הונגעריקע פאַרפלייצן זיי די אָפּגעשטאַנענע לענדער מיט טאַנקען און האַרמאַטן, מיט זשאַנדאַרן און טורמעס. אונדזער ציוויליזירטער צייט־מענטש קוקט זיך גלייכגילטיק צו ווי מען פאַרוויסט גאַנצע לענדער. זיי באַטראַכטן דאָס שיקן געזונטע מענער צום טויט, דאָס אומברענגען הונדערטער טויזנטער פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך, ווי אַנדערש קאָן גאָר ניט זיין. די געווינקייט צו פאַרברעכן און מאָרד מאַכט די באַרבערייַ פאַר די נאַטירלעכע פאָרם פון אונדזער ציוויליזאַציע. אַזאַ וועלט דאַרף דאָך געהאַסט ווערן. אַזאַ וואַנזיניקע וועלט פון גייסטיקע פאַרבלענדונג, פון גרויזאַמע אומגערעכטיקייט, פון קאָרומפּירטן לוקסוס און מוראדיקן עלנט, וואָס באָדט זיך אין איר אייגענע פאַרברעכנס. אָבער ווי איז דער פּראָטעסט פון טראַכטנדיקן מענטשן, פון וואַנען די גלייכגילטיקייט?

ס׳זענען געווען אָבער אַנדערע צייטן ווען דער שטורעם־קראַפט פון די הערצער האָבן געברויזט מיט פּראָטעסט, דאָס בלוט איז געפלאָסן גיך אין די אָדערן. דאָס זענען געווען צייטן פון גרויסע און געוואַגטע אידעען, פון סאָציאַלע איבערקערעניש, פון אידעעישע ליידנשאַפטן, ווען דער מענטש האָט זיך געוואָרפן אין געריש פון לעבן, זיין גייסט האָט זיך צעבונטעוועט קעגן סאָציאַלן אומיושר. זיי די ספּאַרטאַקוסעס פון אַלע צייטן האָבן ליקווידירט די שקלאַפעריי. די זשעלאַבאָווס און קאָרופּסקייעס זענען אַוועק אויף די תליות, כדי אַ סוף צו מאַכן צו די דעספּאָטיעס. די באַקונינס און קראָפּאָטקינס האָבן אויפגעהויבן די קעפּ פון די אונטערדריקטע. פינף מוטיקע אַנאַרכיסטן זענען אין שיקאַגע אויפגעהאַנגען געוואָרן כדי מיליאָנען אַרבעטער זאָלן ניט אַרבעטער מער ווי אַכט שעה אַ טאָג. דזשאָרדינאָ ברונאָ איז פאַרברענט געוואָרן דורך דער קאַטוילישער אינקוויזיציע פאַר דעם גרויסן אמת, וואָס ער האָט

געשאַנקען די מענטשהייט. דער גרויסער אַנאַרכיסטישער פּעדאַגאָג, פראַנציסקאָ פערער איז אַוועק אויף דער תליה פאַרן חטא וואָס ער האָט אַרויסגעריסן די קינדישע נשמות פון די גלחישע הענט און די קינדישע נשמות באַלויכטן מיט פרייד פון וויסן.

די ווירקונגס־קראַפט פון איינציקע גרויסע און געוואַגטע דענקערס, קעמפערס, געלערנטע און שרייבערס זענען אָפט שטאַרקער פון די גרויסע מענטשן־מאַסע. דאָס קעניגטום פון גייסט איז אַ סך שטאַרקער פון די גרעסטע מאָנסטערס, פון די קעניגלעכע דינאַסטיעס און הערשנדיקע כנופיות. די ברענענדיקע קראַפט פון די פעדערס פון די געניאַלע שרייבערס און דענקערס ווי: וואָלטער, שעקספּיר, סערוואַנטעס מיט זייער בייסיקן סערקאַזם, מיט זייער פאַרשטיין די נשמה פון מענטש, לעבן איבער לאַנגע דורות. דער אומשטערבלעכער דאַנטע האָט אַריינגעוואָרפן אין זיין גיהנום די גרעסטע דעספּאָטן פון זיין צייט; די מאָראַלישע קראַפט פון אַ לעוו טאָלסטאָי וועט אויף דורות איבערלעבן אַלע דעספּאָטן און הערשערס. אַזעלכע גייסטער ווי: ראַבלעי, עראַסמוס, בערנאַרד שאָו, בעראַנזשע האָבן באַרייכערט די מענטשלעכע נשמה מיט גרויסע געדאַנקען. די געשיכטע פון דער קולטור איז די געשיכטע פון איינציקע וואָס האָבן באַווירקט מיליאָנען. דאָס איז אויך אַ בעטהאָווען אין דער מוזיק און מיכאַל אַנדזשעלאָ אין דער סקולפּטור. דאָס זענען סאָקראַטעס און שפּינאָזאַ אין דער פילאָזאָפיע, דאָס איז פּאַסטער און דאַרווין אין דער וויסנשאַפט. וויפל אַזעלכע ליכטיקע נעמען קענען נאָך אויסגערעכנט ווערן, וואָס האָבן באַלויכטן דעם מענטשלעכן גייסט!

היינט זענען אַלע גרויס שטרעבונגען, אידעאַלן און האָפענונגען געשטאָרבן. באַגראָבן ליגן די שענסטע וויזיעס. מיר האָבן היינט ניט די פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געשוווּמען קעגן שטראָם. ס'זענען פאַרשאָטן געוואָרן די גלויבנס אין דער פאַרווירקלעכונג. מיר לעבן אין אַ תקופה ווען דער לעבנס־ציל איז צו שווימען מיטן שטראָם פון דער געמיינקייט און היפּאָקריטיע. דער היינטיקער מענטש איז גייסטיק אָרעם און עלנט כאָטש מאַטעריעל לעבט ער זיך אַ סך באַקוועמער. מיר זענען אָבער ערגער פון די בעטלערס, ווייל מיר האָבן פאַרלוירן די אידעאַלן, ווייל מיר האָבן ניט דעם מוט צו גיין קעגן די כוואַליעס פון אָנוואַקסנדיקן

האָס און שאָוויניז. ווייל מיר האָבן ניט דע מוט צו צעשמעטערן די שרעקלעכע געווערן מיט וועלכע מיר וועלן אַליין זיך פאַרניכטן. מיר האָבן ניט דעם מוט צו פאַרטרייבן די מלחמה סטראַטעגן און מלחמה־העצערס. מיר האָבן גאָר ניט געלערנט פון דער טראַגעדיע פון היטלעריזם און סטאַליניזם, ניט פון דער טראַגעדיע — אוישוויץ און מיר זינקען אַלץ טיפער אין אַ לאַנגזאַמען גייסטיקן שווינדזוכט, אויפן וועג צום גייסטיקן טויט.

און די וואָס דאַרפן זיין "דאָס פאָלק איז די שטים פון גאָט" דאָס זענען היינט (און נישט נאָר היינט) די שטים פון : טיראַנים, וואָס לאָזן זיך אָפנאַרן פון יעדן דעמאַגאָג, פון יעדן פראַזן־דרעשער. די מאַסע וואָס היינט איז זי דעמאָקראַטיש מאָרגן רעאַקציאָנער, היינט קאָמוניסטיש, מאָרגן פאַשיסטיש. צי קאָן אַזאַ מאַסע זיין שטענדיק גערעכט? און די יוגנט, דער אַוואַנגאַרד, די האָפענונג, די שטים פונעם מאָרגן, ווי זענען אירע אידעען, אירע טאַטן? זי אַנטלויפט היינט פון לעבן פאַרשיכורנדיק זיך מיט אַלקאָהאָל, מיט די פאַרשידנסטע נאַרקאָטיקס. זיי אַנטלויפן צום פוטבאָל, וווּ דער גאַנצער שכל ליגט אין די פיס. זיי ווערן פאַטריאָטן, ניט פון גרויסע געדאַנקען, נאָר פון פוטבאָל־מאַנשאפטן, קוקן זיך צו מיט ליידנשאַפט צו יעדן קאָפּ אין דער באָל, פרייען זיך מיטן זיג פון זייער מאַנשאַפט, זיי טומלען אויף די ספּאָרט־פּלעצער, גרייט זיך צו שלאָגן פאַר יעדער באָל, גרייט אַפילו צו בלוט־פאַרגיסונג, ווי אין דעם באַל וואָלט געלעגן זייער גרעסטע גליק. דאָס איז די יוגנט וואָס פאַרשרייט יעדן געדאַנק מיט אַ מוראדיקן ריטשען פון זייער מוזיק.

די ראָלע פון דעם מענטש אין דער היינטיקער געזעלשאַפט איז דאָס פאַסיווע זיך צוקוקן צו דער בלוטיקער קאָמעדיע, צו די פאַרברעכנס פון די וואָס פירן די פעלקער ביי דער נאָז. אמת די מאַכט, די רעגירונגען זענען (חוץ אין די קאָמוניסטישע און פאַשיסטישע לענדער) ניט מער אַזוי מעכטיק און ברוטאַל ווי אַמאָל. זיי הערשן ווייניקער מיט צוואַנג און כוח, דערפאַר באַזיצן זיי היינט דעם גרויסן טאַלאַנט צו הערשן מיטן כוח פון ליגנס און דעמאַגאָגיע, מיט פאַרלאַמענטאַרישע אינטריגעס און פאַרטייאישן שווינדל. דער פשוטער מענטש מיט זיין שכל,

טעכניק און וויסנשאַפט איז אוממעכטיק קעגן דער דעמאַגאָגיע, ווי קאָן ער זיך באַפרייען פון אַזעלכע הערשער, ווען ער אַליין איז ניט פריי? דער היינטיקער מענטש איז גייסטיק צו פויל צו ווערן דער באַלעבאָס איבערן אייגענעם גורל. דערפון דאָס אָפּזאָגן זיך פון גליק און האָפענונג, דערפון דער אונטערגאַנג פון דער פערזענלעכקייט. אַנדערע דערגייען ביז צום האַסן די וועלט, ביז צו דער גרעסטער פּאַראַכטונג, צו וועלכע עס זענען אַמאָל דערגאַנגען אין דער ליטעראַטור אַזעלכע פראַנצויזישע שרייבער, ווי הויסמאַן און אקטאוו מירבא, וועלכע האָבן זיך געוונטשן אַז די גאַנצע וועלט זאָל ווערן איין גרויס פּנים אין וועלכן מען זאָל קענען אַריינשפּייען... צום גליק האָט דאָס לעבן אַ סך פּנימער שיינע און מיאוסע און ווער וועט דאָס אַריינשפּייען אין אַ שיין פּנים?

דאָס באַהאַלטן זיך אונטערן מאַנטל פון פעסעמיסטישן געדאַנק, אַז קיין זאַך לאָזט זיך ניט ענדערן, אַז דער מענטש איז געבוירן צו ליידן, אַז דער מענטש איז ניט פריי און מענטשן וועלן קיינמאָל ניט זיין גליך, דאָס זענען אַלץ תּירוצים צו פאַרדעקן די אייגענע גייסטיקע פוילקייט און אייגענע שוואַכקייט. צי איז טאַקע אמת אַז דאָס לעבן און דער מענטש איז אַזוי אומעכטיק און הילפלאָז?

די ביז איצטיקע דערגרייכונגען פון מענטשן, וואָס איז אַרויס פון די היילן און פליט שוין צו דער לבנה איז די גרעסטע אָפּלייקענונג פון פעסימיזם. יאָ דער מענטש קאָן זיין גליקלעך, דאָס ווענדעט זיך נאָר אין אים אַליין. מענטשן אידעאַליסטן, דענקער און קעמפער געפינען זייער גליק אין קאַמף פאַר זייער אידעע. זיי זעען אין אַ פינצטערע נאַכט דעם בליץ און שטראַל פון דעם ליכט, וואָס באַלייכט דעם וועג צו אַ שענערן מאָרגן.

ליידער מיטן זעלבן אייפער ווי איין מענטש, אָדער אַ גרופּע מענטשן, ווילן הערשן איבער אַנדערע, אַזוי שטאַרק וויל דער מענטש הערשן איבער דער נאַטור. דער מענטש, ניט וואָס ער עקספּלאָאַטירט ברוטאַל די נאַטור, נאָר ער טוט זי ביסלעכווייז פאַרניכטן. די היינטיקע טעכניק פאַרסמט די לופט, די טייכן און ימען, ברענגט אום די וועלדער. אָט די הפקר־באַציאונג צו דער נאַטור,

די פּאַרשפּרייטונג פון דער אַטאָם־אינדוסטרי, וואָס פּילט אָן די לופט מיט שעדלעכע ראַדיאָ־אַקטיווע אַרויסשטראַלונגען. דאָס פּאַרנאַכלעסיקן די סאָציאַלע און עקאָלאָגישע קריטעריעס זענען דער קיך־צייכן פון דעם הײַנט. אַ קולטורעל־מאָראַלישע באַוועגונג קען ניט בלײַבן גלײַכגילטיק קעגן דער פאַרברעכערישער באַציאונג צו דער נאַטור, ווי צום לעבן און געזונט פונעם מענטש, וואָס איז מיט גאָר ניט ווייניקער וויכטיק ווי דער עקאָנאָמישער קאַמף. דאָס איז דאָך אויך דער קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די דורות וואָס קומען נאָך אונדז, פאַר אונדזערע קינדער און אייניקלעך. מיר מוזן דאָך אויך זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קומענדיקע דורות.

★

דער מענטש אַלס דענקענדיקע חיה דערזעט די רעאַליטעט דירעקט ווען ער דענקט, וואָס דערפירט אים צו דער יסודותדיקער פראַגע: פון וואָס באַשטייט די רעאַליטעט פון דער וועלט? דאָס זעלבע איז מיט אונדזער „דאָזיין". די פראַגע פון אונדזער עקזיסטענץ איז דער פּולס, וואָס קלאַפּט אין אונדזער באַוווסטזיין און זוכט דעם ענטפער אויף אונדזער האַרטער ווירקלעכקייט.

דאָס מענטשלעכע פאָרשן און דענקען איז ניט קיין פראַגע פון בלויז נײַגעריקייט, אויך ניט בלויז אַרויסצורייסן וואָס מער סודות פון דער נאַטור און וואָס מער נוצן. נאָר וואָס דער מענטש לעבט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס פאַרמאָגט אַ סך דעפעקטן און דער יחיד געפינט זיך אין שטענדיקע קאָנפליקטן מיט דער געזעלשאַפט. ער קאָן אָבער פון דער געזעלשאַפט ניט אַנטלויפן. ער איז ניט געבוירן געוואָרן צו זײַן אַ רובינזאָן קרוזאָ, נאָר ווי אַ גליד פון דער געזעלשאַפט פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק דער גורל פונעם יחיד. דעריבער שטרעבט דער יחיד זיך וואָס באַקוועמער אַרײַנפּאַסן אין די געזעלשאַפטלעכע ראַמען. אָבער די געזעלשאַפט אין איר ביזאַיצטיקן צושטאַנד, ווערט אָפּט אַ שטערונג צו די באַדערפענישן און שטרעבונגען פונעם יחיד, ווייל ניט אַלע האָבן דערגרייכט דעם זעלבן מאַטעריעלן ניוואָ און די זעלבע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. דער יחיד וואָס אינטעלעקטועל רייפער אַלץ שווערער איז אים צו דערטראָגן די עקאָנאָמישע אומגלײַכקייט און יעדע באַגרענעצונג

פון זיין פרייהייט. דערפון די שטרעבונגען, חלומות און קאַמפן פאַר רעפאָרמעס און פאַר אַ נייער קולטור. און דער מענטשלעכער געדאַנק זוכט אַלע פראָגנאָזן און אידעען ווי אַזוי צו ענדערן די געזעלשאַפט. און כדי צו ענדערן די געזעלשאַפט מוז מען דערקענען די רעאַליטעט פון דער וועלט און דערקענען דעם מעכאַניזם פון דער געזעלשאַפט.

ווען מיר ווילן מאַכן די אָנשטרענגונגען פאַר אַ נייער קולטור קאָנען מיר ניט דורכשפּרינגען גאַנצע עפּאָכעס פון מענטשלעכן געדאַנק. קיין שום אידעע פאַלט ניט אַראָפּ פונעם הימל, גרויסע געדאַנקען ווערן אויסגעשמידט דורך דורות. דעריבער מוזן מיר זיך שטענדיק ווענדן צו דער פאַרגאַנגענהייט און פון איר ציען דעם גאָלדענעם פאָדעם, וואָס זאָל אונדז פירן צו אַ נייער ליכטיקער קולטור. דעריבער וואַרפן מיר אונדזערע בליקן אין דער רעטראָספּעקציע פון געדאַנק.

די ערשטע פראַגע וואָס מיר מוזן שטעלן אין אונדזער פאָדערונג צו דער געזעלשאַפט איז: ווי אַזוי גליקלעך צו מאַכן דעם מענטש? די שטרעבונג צו גליק איז דער ציל פון אַלע מענטשלעכע געדאַנקען, פון זיינע אידעען און חלומות. אָבער וואָס מיינט גליק? ניטאָ וועגן דעם קיין איינהייטלעכער באַגריף, קיין איינהייטלעכע מיינונג און אַרום דער פראַגע: וואָס איז גליק? האָבן פאַרשידן געענטפערט די פאַרשידענע פילאָזאָפן און די פאַרשידענע רעליגיעס. אויב מיר ווילן בויען אַ נייע קולטור מוז מען ענטפערן אויף דער פראַגע, ווייל עס קאָן זיין ניט קיין גוטע געזעלשאַפט ווו דער יחיד זאָל ניט זיין אין איר גליקלעך. דערפאַר פאַרנעמט זיך די גאַנצע פילאָזאָפיע פון עטיק מיט דעם פראָבלעם פון גליק, וואָס גייט אָבער ענג געפאָרט מיט דער פראַגע: וואָס איז די אויפגאַבע און דער ציל פון דעם מענטש אויף דער וועלט?

די יידישע רעליגיע האָט אין צענטער געשטעלט די מאָראַל פאַרן העכסטן ציל און פון גאָטס ווילן, דאָס דינען גאָט פאַרן העכסטן גליק. אָבער די רייכע זענען געווען פול מיט זינד, די רייכע פון שומרון האָבן געבאָדן זיך לוקסוס. די תבואה־הענדלער אין די שטעט האָבן געזוכט די גרעסטע פּראָפיטן, די וווכערניקעס האָבן צוגענומען די לעצטע מלבושים פון די אָרעמע פאַר משכנות

און דאָס לעצטע ביסל תבואה פאַר צינזן. די לאַנד־אייגנטימער האָבן פאַרכאַפּט, מיט אַלע מיטלען, די פעלדער און הייזער פון די אָרעמע שכנים און די פויערים פאַרקנעכט צו די פּריצים. האָט דער גאָט פון די נביאים ניט געחנפנט נאָר געשטראָפט. ביי די נביאים איז ער דער גאָט, ניט בלויז פון די יידן נאָר פון אַלע פעלקער, אַן אוניווערסאַלער גאָט. לויט עמוסן איז דאָ איין גאָט פאַר אַלע פעלקער און פאַר אַלעמען איין מאָראַליש געזעץ, אויך איין שטראָף פאַר זינד. זיין גאָט וועט שטראָפן מיט אַ וועלט־חורבן, ווייל די פעלקער זענען פאַרדאָרבן. זיי פירן אַ מיאוסן האַנדל מיט שקלאַפן. מיט אכזריות פאַרכאַפּן זיי טעריטאָריעס, וועלן דערפאַר אומקומען זייערע מלכים און די פירשטן. אָבער אויך די יידן וועלן געטראָפן ווערן אין דער וועלט־קאַטאַסטראָפע, ווייל זי איז אַ זינדיק פאָלק, וואָס האָבן פאַרוואָרפן די תורה פון גאָט און ניט געהיטן זיינע געזעצן.

ווייל זי איז פאַרפירט געוואָרן פון ליגנס.

דערפאַר (זאָגט גאָט) וועל איך שיקן אַ פייער אויף יהודה און עס וועלן פאַרברענט ווערן די פּאַלאַצן פון ירושלים.

די נביאים זענען געווען הויך מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן, אָבער זייער פאַנאַטיזם האָט זיי געטריבן צו ברוטאַלקייט, צו באַנאַלע קללות. אויך דער גאָט פון די נביאים איז געווען אכזריותדיק אין זיינע שטראָפן. די נביאים האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט טאָלעראַנץ.

ביי די גריכן האָט די רעליגיע ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, דערפאַר ניט זייענדיק רעליגיעז־פאַנאַטיש האָט געקאָנט צעבליען דער געדאַנק, די קולטור און קונסט. זיי זענען אויך געווען טאָלעראַנט צו די פרעמדע, פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן פאַרפלייצט אַטען. יעדער האָט געקענט גלויבן אין וואָס ער האָט געוואָלט, קיינער האָט זיך ניט אַריינגעמישט אין פרעמדע ענינים. אויב גריכנלאַנד איז שפּעטער באַהערשט געוואָרן דורך רוים איז אָבער רוים באַהערשט געוואָרן דורך דער גריכישער קונסט און גריכישער פילאָזאָפיע.

די גריכישע פילאָזאָפיע האָט מער פון אַלץ זיך פאַרנומען מיט

עטיק. שוין אין 15־טן י. ה. פאַר די קריסטלעכע צייט־רעכנונג, איז צווישן אירע גרויסע דענקערס אויסגעוואַקסן סאָקראַטעס, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט די פּראָבלעמען פון גוטסקייט, יושר, רחמנות און א.ז.וו. דערמיט איז ער געוואָרן דער גרינדער פון וויסנשאַפטלעכער עטיק. די גריכישע פילאָזאָפיע האָט די מאָראַל־פילאָזאָפיע, ענג פאַרבונדן מיט דער עסטעטיק.

סאָקראַטעסעס שילער אַנטיסטהעננעס, דער גרינדער פון דער אַזויגערופענער קינישער שולע, וואָס איז באַזונדער באַרימט געוואָרן צוליב דיאָגענען, האָבן באַטראַכט דאָס באַפרייען זיך פון די באַדערפענישן, אַלס יסוד פון מאָראַלישער אומאָפּהענגיקייט. די וואָס מיר רופן "ציניקער" ("קיניקער") זענען געווען די מאָראַלישסטע מענטשן, די ערשטע קעמפער קעגן שקלאַפעריי און די רעכט פון דער פרוי, פאַר פרייהייט פון וואָרט און געלעבט אין קאָמונעס. פון די קיניקער זענען אַרויסגעוואַקסן די סטאָיקער, וועלכע האָבן געזוכט זייער גייסטיקע אומאָפּהענגיקייט דורך דער קאָנטראָל איבער די געפילן. זייער ציל איז צו דערגרייכן די גייסטיקע רואיקייט אָדער דאָס וואָס געטהע האָט באַצייכנט מיטן באַגריף "געמיטלעכקייט". די סטאָאישע שולע האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דעם קריסטנטום. די סטאָאישע פילאָזאָפיע איז אַנטשטאַנען אין די צייטן ווען גריכנלאַנד האָט פאַרלוירן איר אומאָפּהענגיקייט און דאָס פאָלק האָט פאַרלוירן איר פרייהייט. דאַן די אינטעלעקטואַלן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער סטאָאישער פילאָזאָפיע פון זענאָ און קיטאָ, זיי האָבן געלייגט דעם גרעסטן אַכט אויף דער עטיק און האָבן געהערט צו די ערשטע הומאַניסטן, כאָטש זיי האָבן געפּרעדיקט רעזיגנאַציע און דאָס באַפרייען זיך פון אַלע ליידנשאַפטן, פון פרייד, גענוס און לעבנס־אינסטינקטן. אַ פילאָזאָפיע וואָס האָט געפירט צו פּאַסיווקייט און אַפּאַטיע. דאָס וואָס ס'איז געווען קעגן דעם כאַראַקטער פון גריכישן פאָלק, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט פרייד און לוסט. דאַן באַווייזט זיך עפּיקור, וואָס פּרעדיקט דאָס פאַרקערטע וואָס די סטאָיקער. נעמליך: אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז פאַרן מענטש, אויך די נאַטור און ער רופט צו לעבנספרייד. צום ערדישן גענוס, צו חושמדיקע און גייסטיקע תענוגים. דער מענטש דאַרף זיין פריי און פרייהייט גייט געפּאָרט מיט

רעספּעקט צום לעבן. גליק, לערנט עפּיקור באַשטייט פון הנאה און לוסט, וואָס איז דאָס נאַטירלעכע פון די מענטשלעכע שטרעבונגען. אין קעגנזאַץ צו די סטאָיקער אָנערקענט ניט עפּיקער די נויטווענדיקייט פון פליכט און דאָס אונטערוואַרפן זיך פונעם יחיד צום כלל. דער ציל פון דער עטיק איז צו דערגרייכן דאָס גליק פאַרן יחיד. עס איז אָבער פאַלש די מיינונג, אַז ביי עפּיקורן מיינט לוסט אויסגעלאַסנקייט און פּוסטע פאַרגעניגנס, נאָר פאַרקערט, לוסט איז ביי אים באַגרענעצט דורך אַ געפיל פון געמעסיקייט. ער האָט געלערנט זיינע תלמידים אַז דאָס מענטשלעכע גליק קען מען דערגרייכן דורך פאַרגעניגן פון גייסט פון מאָראַל און עסטעטישער הנאה. דער ציל פון זיין פילאָזאָפיע איז געווען דאָס מענטשלעכע גליק. און פרייד און פאַרגעניגן איז אַזוי נויטיק דעם מענטש, ווי דאָס שטילן פון הונגער אָדער דורשט. דעם זעלבן געדאַנק טרעפן מיר אויך אין שפּינאָזאָס „עטיק". לויט לוקריציוס, דעם רוימישן שילער פון עפּיקורן דאַרף די מענטשלעכע געזעלשאַפט זיין אַ פאַרבינדונג פון מענטש דורך פריינדשאַפט און ליבשאַפט, וואָס איז צעשטערט געוואָרן צוליבן ווּקס פון עשירות, פון פּריוואַט־אייגנטום און מלחמות. דעריבער איז דאָס גלייכסטע, צוריק אויפבויען אַ נייע ניט־מלוכהשע געזעלשאַפט, ווייל דער שטאַט איז דער גרעסטער צעשטערער פון דער פריינטשאַפט, ווייל זי האָט געשאַפן אַ געזעלשאַפט געשטיצט אויף קאָנקורענץ פון איין מענטש מיטן צווייטן. און די נייע געזעלשאַפט דאַרף זיין אַ קלאַסנלאָזע און פרייוויליקע, ווי דער העכסטער גוטזעליקייט דאַרף זיין די פריינטשאַפט.

אין קעגנזאַץ צו דער פילאָזאָפיע פון עפּיקורן האָט דאָס קריסטנטום אָנגענומען די פילאָזאָפיע פון אַסקעטיזם. דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער ערדישער גוטס און האַלטן ריין די נשמה פון יעדן זינד. פאַרן קריסטנטום איז די העכסטע גוטזעליקייט, פאַר גאָט פאַרן קלויסטער זיך אָפּזאָגן פון יעדן ערדישן גוטס, פון גענוס און פאַרגעניגן, אַפילו פון געשעכטלעכן גענוס. די קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט אָבער שלום געמאַכט דערמיט וואָס אַ טייל קריסטן געניסן פון אַלע שווילטאָגן ווען אַנדערע לעבן אין די באַדינגונגען פון אַ געצוווּנגענעם אַסקעטיזם. דאָס וויכטיקסטע פון דער קריסטלעכער מאָראַל איז רחמנות, דאָס

האָט גאָר ניט געשטערט דעם קריסטלעכן פאַנאַטיזם צו דערגיין צו אינקוויזיטאָרישע פּייניקונגען. אויב פאַר עפּיקורן איז דער יחיד אַלץ און אַלץ איז געשאַפן פאַרן מענטש, אויך די נאַטור איז ביים קריסטנטום דער מענטש ניט מער ווי אַ געצייג אין די הענט פון גאָטס ווילן. דאָס קריסטנטום קאָן אַלזאָ מיט גאָר ניט ביישטייערן פאַר דעם גליק פון די מענטשן.

דאָס קריסטנטום האָט אַ סך "געגנאַשט" פון פּלאַטאָנען. ניט בלויז דעם הערארכיע־סיסטעם פון זיין אידעאַלער מדינה, וואָס דאָס קריסטנטום האָט איינגעפירט אין איר קלויסטער, נאָר אויב ביי דעם קריסטנטום איז גאָט אַלץ און דער מענטש דאַרף אים בלויז זיין געהאָרכזאַם, אַזוי איז ביי פּלאַטאָנען די מלוכה אַלץ און דער מענטש דאַרף זיין געהאָרכזאַם און אויספירן אירע געזעצן און באַפעלן. וואָס ס'איז גוט פאַר דער מלוכה מוז זיין אויך גוט פאַרן יחיד. פאַר פּלאַטאָנען איז דער יחיד ניט מער, ווי אַ שרייפעלע אין דעם מלוכה־סיסטעם. פּלאַטאָן האָט בכלל ניט אונטערשיידט צווישן געזעלשאַפט און מלוכה פאַר אים איז מלוכה און געזעלשאַפט געווען דאָס זעלבע. די אידעאַלע פּלאַטאָנישע מלוכה איז געווען ניט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער מלוכה־אָרדענונג, וואָס האָט עקזיסטירט אין ספּאַרטאַ, וואָס איז געווען אַ מיליטעריש, דיסציפּלינירטע, מיט אַ הערארכיע־סיסטעם, אַ צוגעפּאַסטע צו פירן אייביקע מלחמות און דעראָבערונגען.

עס האָבן עקזיסטירט אַזעלכע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אין פּלאַטאָנס הערארכישע מלוכה־סיסטעם געזען אַ מוסטער פאַר דער סאָציאַליסטישער צוקונפטיקע געזעלשאַפט, און האָבן פּלאַטאָנען באַטראַכט פאַר איינעם פון די פאָרגייער פון סאָציאַליזם. אין דער ווירקלעכקייט געפינט זיך ניט ווייניק פון פּלאַטאָנס אידעען אין דער פאַרווירקלעכונג פון באָלשעוויסטישן מלוכה־סיסטעם.

פּלאַטאָ האָט באַזירט זיין עטיק אויף דער אידעע פון גוטסקייט אָדער אולטראַיזם, אַנדערע האָבן אָנגעשפּאַרט זייער עטיק אויף נוצלעכקייט. לויט זיי איז אַלץ וואָס נוצלעך איז עטיש אָדער אַלץ וואָס איז נאַטירלעך. אַנדערע אויף רחמנות, אויף געוויסן, אויף לאָגיק, אויף שיינקייט, אויף פאַרגעניגן, אויף דאָס גייסטיקע, און אַ.ז.וו.

די זעלבסטדערהאַלטונג איז דער ציל פון מענטשלעכן לעבן, פאַר אַט דעם ציל האָט ער רעכט זיך צו באַנוצן מיט אַלע מיטלען. דאָס ניט באַפרידיקן דעם דאָזיקן ציל שאַפט די לאַגע פון מלחמות פון יחיד קעגן יחיד און פון אַלע קעגן אַלעמען. דעריבער שאַפן זיך עטישע באַגריפן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דאָס צוזאַמענלעבן צווישן די יחידים און צווישן יחיד אין דער געזעלשאַפט. דער געדאַנק אַז דער מענטש באַזיצט איינגעבוירענע עטישע אידעען האָט זיך אָנגעהויבן פון פלאַטאָנען און שפּעטער ביי דעלאַרטן און שפּינאָזען. ביי לאָקן צעפאַלט זיך דער געדאַנק, ווי אַ קאַרטן הויז, ווייל אויב אידעען בכלל זאָלן זיין איינגעבוירענע, וואָלטן קינדער באַדאַרפט זיי מיט זיך ברענגען, ווי אַ ירושה־אייגנשאַפט, און מען וואָלט זיי ניט באַדאַרפט צו לערנען. עטיק איז אַלזאָ ניט קיין אייביקע נאַטור־מידה. די עטישע אידעען ענדערן זיך מיט די באַדינגונגען און באַדערפעניש פון דער צייט, און אויך מיטן אָרט. דאָס וואָס איז מאָראַליש אין איין אָרט איז ניט־מאָראַליש אויף אַ צווייט אָרט. די עסקימאָסן גייען ניט נאַקעט און טראָגן לאַנגע קליידער ניט צוליב מאָראַל נאָר צוליב דער קעלט און פרעסט. אין די הייסע טראָפּישע לענדער איז ניט אַנטי־מאָראַליש צו אויפדעקן אינטימע טיילן פון קערפּער. עס איז וואַרשיינלעך אַז אונדזער מוטער חוה האָט פאַרדעקט מיט אַ פייגן־בלאַט, ניט ווייל זי האָט זיך פאַרשעמט, נאָר ווייל זי האָט דערמיט געוואָלט באַצירן איר קערפּער, ווי דאָס האָבן געטאָן דורות־לאַנג די פרויען פון די פרימיטיווע פעלקער.

אַזוי האָט אויך אין יעדער צייט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איר עטישע נאָרמעס און באַגריפן אויך שטרעבונגען צו נייע עטישע אידעען. די היינטיקע וועלט פון פיזישן, גייסטיקן, רעליגיעזן אָדער אידיעשן צוואַנג און מלחמות איז אַן אַנטי־מאָראַלישע און אַנטי־עטישע געזעלשאַפט. ווען מיר שטרעבן צו אַ קולטור מוזן מיר פאַרויס באַשליסן, אַז די נייע געזעלשאַפט, מעג זי זיך אָנרופן סאָציאַליסטישע, וועט ניט קאָנען באַפרידיקן דעם מאָדערנעם און קולטורעלן מענטש, אויב זי וועט ניט זיין קיין עטישע געזעלשאַפט, געשטיצט אויף פרייהייט, גלייכהייט און יושר. אויב זי וועט ניט מאַכן אַ סוף צו דער אויסנוצונג און הערשאַפט פון איין מענטש איבער אַנדערע. די עטיק, די מאָראַל

וועט אויך זיין אַן אַנדערע צוגעפּאַסט צום גייסט פון דער נייער קולטור.

ווען מיר ריידן וועגן אַ נייע קולטור, קאָנען מיר ניט פּאָרויסזען, ווי זי וועט אויסזען. קיין שום דאָגמעס, קיין שום "וויסנשאַפטלעכע" לערעס וועגן דעם "וואָס עס וועט זיין", טאָרן ניט געמאַכט ווערן. דער נייער מענטש וועט זיך איינאָרדענען זיין לעבן לויט זיין ווילן און לויט דעם גייסט פון זיין צייט. די אַלע דאָגמאַטישע טעאָריעס וועגן דער מענטשלעכער צוקונפט מוזן אָפּגעוואָרפן ווערן, פּאַר אומרעאַלע. פון וואָס דער צוקונפטיקער דור וועט ניט טאָרן זיך אָפּזאָגן, דאָס איז פון פרייהייט, גליק, יושר און פרייד פון יחיד. זי וועט מסתמא זיך שטיצן אויף דריי גרונט—יסודות: סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקע הילף און די פרייהייט פון יחיד אויף אַזוי פיל זי זאָל ניט שטערן די פרייהייט פון אַ צווייטן. די דאָזיקע עטישע באַגריפן דאַרפן אויך היינט באַלייכטן אונדזער קאַמף פאַר אַן אַנדער נייער קולטור!

נאָך דעם אַלעמען, וואָס איז געזאָגט געוואָרן שטעלט זיך די וויכטיקסטע פראַגע: ווי אַזוי וועט פאַרווירקלעכט אָדער דערגרייכט ווערן די נייע קולטור? ביז איצט האָט אין דער וויסנשאַפט, ווי אין דער סאָציאָלאָגיע און פילאָזאָפיע געהערשט דער דעטערמיניזם. די הערשנדיקע מיינונג איז געווען אַז אַ וויסנשאַפטסמאַן מוז במילא זיין אַ דעטערמיניסט, וואָס מיינט אַז דער מענטשלעכער ווילן האָט גאָר ניט צו טאָן מיטן מענטשלעכן גורל, אַז ניט דער מענטש, נאָר "געשיכטלעכע נויטוועדיקייט", וואָס קומען אַלס רעזולטאַט פון די ענדערונגען פון די פּראָדוקציע־מיטלען, ווי דאָס האָט געוואָלט קאַרל מאַרקס, זיי מאַכן עס די געשיכטע. די עקאָנאָמישע פּראָצעסן זענען דאָס די השגחה העליונה, וואָס באַשטימט דעם מענטשלעכן גורל. אָבער די געשיכטע, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט בלוט און פייער, זי וואָס האָט געבוירן דעם היטלעריזם און סטאַליניזם און די טראַגעדיע — אוישוויץ, מאַכט אַ סוף, ביים טראַכטנדיקן מענטש, אַז מעכאַנישע פּראָצעסן פירן אָן מיט דער געשיכטע, און פון דער טעאָריע פון "געשיכטלעכע נויטוועדיקייט", וואָס איז געווען אַ נייער איבערגלויבן פון דעם פאַנאַטישן מאַרקסיזם. ווער קאָן היינט

אַננעמען דעם פּוסטן קוואַטש, אַז אוישוויץ איז געווען אַ „היסטאָרישע נויטווענדיקייט?" דער דעטערמיניזם אָנערקענט ניט קיין שום צופאַלן, כאָטש די געשיכטע איז פול מיט זיי. די געשיכטלעכע דערפאַרונג האָט אויך געלערנט אַז פון איין און דער זעלבער סיבה קאָנען אַרויסוואַקסן גאָר אנדערע און קעגנזעצלעכע רעזולטאַטן.

אָבער ניט בלויז די געשיכטלעכע דערפאַרונג, נאָר אויך די נייעסטע דערגרייכונגען אין דער פיזיק; וואַרפט אָפּ דעם דעטערמיזם און שטעלט אויף דעם גלויבן אין דעם פרייהייט פון ווילן (דעם אינדעטערמיניזם), אין איר גאַנצער גרויס. דער אינדעטערמיניזם שטיצט זיך אויך אויף דעם עטישן אַרגומענט, אַז מיר קאָנען זיך האַלטן מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע מעשים בלויז אין דעם פאַל ווען די דאָזיקע מעשים זענען אַ רעזולטאַט פון אייגענעם, ניט געצוואונגענעם ווילן. דעריבער וועט דער סאָציאַליזם, די נייע קולטור ניט אויסוואַקסן פון צוואַנג און געוואַלט, ניט פון געזעצן און דערקרעטן נאָר פון מענטשלעכן פרייען ווילן, ווייל דער רעזשיסער פון דער געשיכטע איז נאָר דער מענטש!

2

אויב דער מענטש זאָל ניט האָבן קיין פרייען ווילן אין זיין טעטיקייט צו האַנדלען לויט זיין שכל, דאַן האָט די מענטשהייט קיין שום האָפענונג זיך צו דערהויבן צו אַ העכערער קולטור און דער מענטש ניט צו דערגרייכן דעם מעמד פון אַ הויך מאָראַליש באַשעפעניש.

די פראַגע פון פרייען ווילן (וואָס איז דער פילאָזאָפישער באַגריף פון פרייהייט) איז איינע פון די עלטסטע אין דער גאַנצער פילאָזאָפיע. שוין אין די גאָר אַלטע צייטן און באַזונדער אין מיטלאַלטער האָבן די דענקער זיך געאַמפּערט אַרום אָט דער פראַגע. דאָס קריסטנטום האָט דעם ווילן באַטראַכט פאַר אַ כלי־זיין וואָס איז דעם מענטש געגעבן געוואָרן זיך צו ראַנגלען אַנטקעגן די נסיונות פון לעבן. דער שווער־פּונקט פון מאָראַל איז געווען דער ווילן. אויך די יידישע רעליגיע אָנערקענט דעם מענטשלעכן ווילן צו באַשטימען צווישן גוטס און שלעכטס. ביי די גריכן איז דער מענטש אַ שפּילצייג אין די הענט פונעם גורל.

שפינאָזאַ דער דעטערמיניסט האַלט אַז דער מענטשלעכער שכל איז אונטערגעוואָרפן אונטער דער שליטה פון דער דרויסנדיקער וועלט. "אַלע זאַכן זענען פאָרויס באַשטימט דורך אוניווערסאַלע נאַטור־געזעצן, צו עקזיסטירן און צו אָפּערירן אויף אַ באַשטימטן און פּינקטלעכן אופן. אין דער נאַטור קומט אַלץ פאָר לויט דעם זעלבן סדר, מיט איינע און די זעלבע סיבות. קיין זאַך געשעט ניט אין דער נאַטור, וואָס זאָל קענען באַטראַכט ווערן פאַר אירן אַ חסרון". ווייטער שרייבט שפינאָזאַ: "איך וויל באַטראַכטן די מענטשלעכע האַנדלונגען און שטרעבונגען פונקט אַזוי, ווי עס וואָלט געווען אַ פראַגע פון ליניעס, פלאַכן אָדער קערפּערס".

דער דאָזיקער טעאָלאָגישער דעטערמיניזם איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך אַ סך אידעאַליסטישע פילאָזאָפן, וואָס האָבן געהאַלטן אַז ערגעץ איז פאַראַן אַן אויג וואָס קוקט און באַשטימט, דאָס איז דאָס לאָגישע אויג פון דער השגחה. לויט זיי און שפינאָזאָן איז אַלץ אין דער אוניווערסאַלער וועלט, ווי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט קומט פאָר מיט אַ לאָגיש און מאַטעמאַטישע פּינקטלעכקייט און ווי אַ געזעצמעסיקע נויטווענדיקייט.

אויך דער מעכאַנישער דעטערמיניזם האַלט זיך שטאָל און אייזן, מיט די מאַטעריאַליסטן, מיט קאַרל מאַרקסן צוזאַמען און צוזאַמען מיט די אידעאַליסטישע פילאָזאָפן, אַז דער גלויבן אין פרייען ווילן איז אַן אויסגעטראַכטע און אַן אילוזיע. די אידעאַליסטישע פילאָזאָפן זעען אין גאָט אַן אַבסאָלוטע פולקאָם וועזן און די וועלט אַ פאַרטיקע, ווי אַלע געשעענישן און ווערענישן זענען פאָרויס באַשטימטע.

דאָך קומט אויס ביי שפינאָזאָן דער מענטש אַלס אַ פרייער, אַדאַנק דעם וואָס גאָט, איז לויט אים, אומענדלעך. קומט אויס אַז דער מענטש האָט אומענדלעכע מעגלעכקייטן אויף צורוקן זיך אַלץ נענטער צו דער געטלעכקייט. און דער מענטש כאָטש ער איז אונטערגעוואָרפן אונטער דער געטלעכער שליטה קען "אין אַ געוויסער מאָס זיך באַפרייען פון איר און לעבן לויט דער אייגענער נאַטור". אויף אַזאַ אופן ווערט שפינאָזאָס דעטערמיניזם פאַרוואַנדלט אין אַן אינדעטערמיניזם, ווייל אויב גאָט פאָרט פרייהייט

מיט נויטוועדיקייט. קען דאָך נויטווענדיקייט ניט זיין פרייהייט, און פרייהייט ניט קיין נויטווענדיקייט.

אָבער דער מענטשלעכער באַוווסטזיין האָט ניט געקאָנט זיך קלאַמערן ביי דער דעטערמיניסטישער פילאָזאָפיע, ווייל ער האָט ניט געקענט זיך באַטראַכטן, ווי אַ פייגעלע אין אַ נעסט אָדער אַ מאַלפּע געפירט מיט אַ שטריק. איז טאַקע ביי די פילאָזאָפן דעקאַרט און לייבניץ האָט דער דעטערמיניזם זיך געפינען אין אַ טיפע סתירה צווישן דער געטלעכער פולקאָמהייט און דעם פרייען ווילן. ווייל אונדזער ווילן איז דערמיט דאָך פריי, וואָס מיר קענען פרייוויליק יאָ אָדער ניט מסכים זיין מיט פיל זאַכן. דער פאַקט איז אַזוי קלאָר אַז ער דאַרף פאַרצייכנט ווערן צווישן די ערשטע און געמיינזאַמע פון אַלע אונדזערע איינגעבוירענע באַגריפן. זיי האָבן געהאַלטן אַז דעם פרייען ווילן שפּירן מיר אין די טיפענישן פון אונדזער נשמה, וואָס קיין לאָגיק און קיין פּילפּולים קענען ניט אונטערדריקן. איז דאָס טאַקע בייביידן געווען די סתירה וואָס זיי האָבן ניט געקענט פאַרענטפערן.

לויט שפּינאָזאַן איז דער שכל אידענטיש מיטן ווילן. אויב מען וויל זיין פריי דאַרף מען פאַרשטאַרקן די קראַפט פון פאַרשטאַנד, באַפרייען זיך פון די ליידנשאַפטן און עמאָציעס און פאָלגן דעם דיקטאַט פונעם שכל.

דער עקזיסטענציאַנאַליזם קומט צו דעקאַרטס פילאָזאָפיע פון צווייפל, כאָטש דער מענטש איז אַ מין סוזיפוס, וועמענס טעטיקייט איז אומזין און אָן תכלית איז ער דאָך דערמיט פריי וואָס ער איז די איינציקע באַשעפעניש וואָס קאָן זאָגן — ניין! די איינציקע באַשעפעניש וואָס זוכט אַ זין און פאָדערט אַ זין; די איינציקע באַשעפעניש, וואָס קען זיך בונטעווען קעגן דעם הערשנדיקן אַבסורד. די פילאָזאָפיע פון די עקזיסטענציאַליזם נעמט אָן די קאָנצעפּציע פון פרייען ווילן, כאָטש אַ שטאַרק באַגרענעצטע. אַ מין פרייהייט, וואָס מען קאָן פאַרגלייכן צו דער פרייהייט פון אַן אַרעסטאַנט אין טורמע, וואָס קען זיך פריי באַוועגן דאָרט ווי מען דערלויבט אים. דאָך האָט דער מענטש פרייהייט צו שטרעבן, צו בונטעווען זיך, צו ליבע, צו מאָראַלישע ווערטן. עס זענען אָבער דאָ עקזיסטענציאָנאַליסטן וועלכע, ווי סאַרטער, וואָס זעט ניט קיין איינציקע שטראַל פון

האָפֿענונג און קיין איינציק טראָפּן ליכט און אונדזער לעבן. ביי קאַמין טרעפֿן מיר אָבער אַ סך פּאָזיטיווע ליכט וואָס ליגט אין מענטש. און ניט קיין ייאוש.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט וואַרפֿט אויך די וויסנשאַפֿט אָפּ די טעאָריעס פֿון שטרענגער "געזעצמעסיקייט" און "אייזערנע נויטווענדיקייט". אינעם גאַנג פֿון אַנטוויקלונג. פֿון די צייטן ווען שפּינאָזאַ האָט געשריבן זיין "עטיק", האָבן די אמתן זיך שטאַרק געענדערט און פֿאַרלוירן אַ סך פֿון זייער קלאָרקייט און זיכערקייט. אַ סך פֿון די אַבסאָלוטע אמתן זענען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פֿון רעלאַטיווע באַגריפֿן. בערטהארד ראַסעל האָט דעפֿינירט די מאַטעמאַטיק אַלס אַ קעגנשטאַנד וועגן וועלכן מיר ווייסן קיינמאָל ניט וועגן וואָס מיר רעדן און אויך ניט אויב דאָס וואָס מיר זאָגן איז אמת". דאָס וואָס דער מענטש האָט זיך באַשאַפֿן "נאַטור־געזעצן" זענען אומבאַדינגט פֿאַר אים נוצלעך, זיי זענען אָבער ניט וויסנשאַפֿטלעך און ניט אמת.

די נייע געדאַנקען אין דער וויסנשאַפֿט ווי אין דער פֿילאָזאָפֿיע האָבן אַרויסגענומען די "אייזערנע נויטווענדיקייט" פֿון דער מאַטעמאַטיק, ווי פֿון די נאַטור־געזעצן, וועלכע זענען איר צוגעשריבן געוואָרן, באַגריפֿן וועלכע מיר קענען מער זיכער היינט ניט פֿאַרטראָגן.

אויך די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט פֿאָדערט אַז זיין אַקטיוויטעט זאָל האָבן אַ רעאַלן ממשות, זיין שאַפֿן זאָל זיך שטיצן אויף דער שטאַרקייט פֿון זיין ווילן און אויף דער קראַפֿט פֿון זיין פֿרייהייט. די מענטשלעכע פֿאַרפֿאָלקאָמונג זאָל זיין אַ רעזולטאַט פֿון זיין ווילן און זיין פֿרייהייט. אָבער כדי צו זיין פֿאָלקאָם מוז דער מענטש געפֿינען דעם וועג פֿון אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן מיט די אַנדערע מענטשן, דאָס מיינט צו געפֿינען זיין אָרט אין דער געזעלשאַפֿט. אַזאַ האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן איז נאָר מעגלעך ווען דער מענטש און די געזעלשאַפֿט רופֿט אַרויס דעם אינסטינקט פֿון געזעלשאַפֿטלעכקייט, ווי די געפֿילן פֿון סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקע הילף, אויך סימפּאַטיע און ליבע. די דאָזיקע געפֿילן ווערן דער גרונט־רעגלען פֿון אונדזערע מאָראַלישע האַנדלונגען, וועלכע לערנען אונדז "ניט טאָן דעם אַנדערן דאָס, וואָס דו ווילסט ניט מען זאָל דיר טאָן". דער ציל

פון דער לערע וועגן עטיק איז צו דערגרייכן "דעם גרעסטן גליק פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן".

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געבוירן דעם סאָציאַליזם, ווי אַן אידעאַל פון פּאָליטישע. עקאָנאָמישע און סאָציאַלע, גלייכהייט, וואָס האָט געהאַט איר גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָראַל, וואָס איז געוואָרן דער אויסדרוק פון די שטרעבונגען צו סאָציאַלן יושר. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָבער גלייכצייטיק געברענגט צום זיג דעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט געשטיצט זיך אויף די אַנטימאָראַלישע נאָרמעס פון עגאָיזם, קאָנקורענץ און עקספּלאָאַטאַציע פון איין מענטש דעם אַנדערן. טעאָרעטיש דינט דעם קאַפּיטאַליזם די טעאָריעס פון דאַרווינען, ווי דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ שטיצט זיך אויף דער אויסטראָטונג פון די שוואַכע דורך די שטאַרקע, ווי אַ נאַטור־געזעץ. מיט דער דאָזיקער טעאָריע האָט מען געזוכט צו באַרעכטיקן די מוראדיקע פאָלגן פון קאַפּיטאַליסטישער און אימפּעריאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג, וואָס פירט פּאַקטיש צו דער מאָראַלישער דעגנעראַציע פון מענטשלעכן מין און ניט צום מענטשלעכן פּראָגרעס, ווי עס האָבן פאַרזיכערט די טעאָרעטיקערס פון קאַפּיטאַליזם.

אויך דער מאַרקסיזם האָט אַריינגעפירט דעם דאַרוויניזם אין דער סאָציאָלאָגיע. די געשיכטלעכע דערפאַרונג לערנט אונדז אָבער אַז ניט שטענדיק זיגן די שטאַרקע איבער די שוואַכע. מיר ווייסן פון מעכטיקע פעלקער, וועלכע זענען מאָראַליש דעגענירירט געוואָרן, וואָס האָט זיי דערפירט צו אַ פיזישער קאַטאַסטראָפע.

דער מאַרקסיזם האָט ניט אָנערקענט די פרייהייט פון ווילן און דערמיט צוגערויבט די איניציאַטיוו און פאַרקריפּלט די וועגן צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע פון סאָציאַליזם. דערמיט דערקלערט זיך וואָס אַזאַ מעכטיקע אָנשויאונג, אַזאַ לערע וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, אַזאַ פילאָזאָפישער בנין, וואָס האָט באַרוישט די פאַנטאַזיע פון מיליאָנען האָט טעאָרעטיש און פראַקטיש זיך איינגעבראָכן. אירע אידעאַלן זענען פאַרקריפּלט געוואָרן און דער בנין איז איינגעפאַלן. דער מאַרקסיזם האָט גאָר ווייניק בייגעשטייערט צו שטאַרקן די מאָראַלישן באַגריפן און די עטיק פאַרנעמט אין מאַרקסיזם אַ גאַנץ

אָרעמען אָרט.

אויך דאָס איינזייטיקע אויסטייטשונג פון דאַרוויניזם האָט געברענגט ניט וויייניק שאָדן די מאָראַל־לערעס כאָטש דאַרווין אַליין האָט נעבן דעם קאַמף צווישן מינים אַריינגפירט אויך זיין טעאָריע פון „פּערמאַנענטן אינסטינקט", ווי אַ וויכטיקער גורם פון קעגנזייטיקער הילף אין דער נאַטור. ערשט פּיאָטר קראָפּאָטקין האָט די דאָזיקע לערע ברייטער באַגרינדעט אין זיין בוך: „די קעגנזייטיקע הילף", ווי אין זיין „עטיק" און זיינע פאַקטן און געדאַנקען זענען פון קיין ביאָלאָג ביז היינט ניט אָפּגעלייקנט געוואָרן.

דער מענטש איז ניט געבוירן געוואָרן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָס וויגעלע פון זיין קולטור און זיינע ערשטע אינסטיטוציעס זענען געבוירן געוואָרן אין אַ וועלט, ווו דער מענטש האָט זיך אָנגעזאַפּט ניט נאָר מיט די באַגריפן פון סאָלידאַריטעט נאָר אויך מיט נויטיקייט פון קעגנזייטיקער הילף ערשט די שפּעטערדיקע תקופות פון שקלאַפעריי און די בלוטיקע מלחמות פאַר מאַכט, ווו די רעליגיעזע מלחמות האָבן דעגנעריכט ־די עטישע אייגנשאַפטן וואָס דער מענטש האָט זיך דעראָבערט שפּיגלען זיך אַלע אונדזערע וויזיעס און אידעאַלן אין דער רעטראָספּעקציע, ווי אַ בליק צוריק צום „פאַרלוירענעם גן עדן", צו דעם וויגעלע פון דער מענטשלעכער קולטור, וועלכע איז נאָך ניט געווען פאַרדאָרבן דורך דעם קאַמף פאַר מאַכט, פאַר דעראָבערן קאַפּיטאַלן און פון מלחמות, דער קאַמף פאַר צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט דעריבער ניט זיין פאַר מאַכט נאָר פאַר גליק און פרייהייט.

צו דעם ווילן מיר צוגעבן אַז דער וועג צו אַ נייער פרייער געזעלשאַפט פירט דורך אַ נייער דערציאונג פון אַ פרייען מענטש, צו אַ נייער שולע, וואָס זאָל גייסטיק צוגרייטן דעם מענטש וואָס רעוואָלטירט קעגן די פינצטערע שאָטנס און העסלעכן בילד פון דעם היינט, וואָס שטרעקט אויס זיינע הענט צום הייליקן גליק פון דער צוקונפט; וואָס רעוואָלטירט קעגן די פינצטערע בלאָטעס פון דער אינטריגאַנטישער פּאָליטיק, וואָס זאָל דערציען אַ בונטאַר קעגן לאַנגווייל, אומזיניקן אַבסורדישן לעבן, אָן אינהאַלט און אָן פרייד. אַ בונטאַר קעגן די קאָנווענציאָנאַלע סטאַדע־

אידעאָלאָגיעס, פאַר אַ מענטש מיט דרייסטע געדאַנקען און דרייסטע טאַטן, מיט מוט צו שווימען קעגן שטראָם; וואָס האָט ליידנשאַפטלעך ליב די פרייהייט, די סוווערניטעט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט; אַ בונטאַר קעגן די אַלטע פאַרשימלטע פראַזן און אָפּגעלעבטע פאַרפוילטע אינסטיטוציעס; קעגן די איינגעפונדעוועטע ליגנס.

די נייע דערציונג דאַרף זיין געוואָנדן קעגן דעם מערדערישן סיסטעם פון די מלחמה־פאַרברעכנס און בלוט־פאַרגיסונגען, קעגן יעדער אַגרעסיע און געוואַלט, וואָס זאָל פעיק זיין צו בויען די מענטשלעכע צוקונפט אויף יושר און פרייהייט.

מיר מאַכן זיך אָבער גאָרניט קיין אילוזיעס אין דער מעגלעכקייט אַז אַזאַ פרייע שולע קען אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפט געבויט ווערן און פריי פירן איר דערציערישע טעטיקייט, טאָ ווי אַזוי זאָלן מיר שוין היינט פאַרזעצן דעם וועג צו אַ פרייער געזעלשאַפט, ווען היינט ווערן דערצויגן שקלאַפן צום "גאָלדענעם קאַלב"? מיר קענען אָבער ניט וואַרטן ביז עס וועט אויסוואַקסן די נייע שול און די נייע לערערס און מיר מוזן שוין היינט אָפּוואַרפן די טרייסטלאָזע ווערטער פון די "פאָלקס־פריינט", אַז: "דאָס פאָלק איז נאָך ניט רייף צו גרויסע ענדערונגען און נאָך ניט גענוג געבילדעט!" מיר מוזן שוין היינט רופן צו ענדערן די וועלט, מיר מוזן וואָרענען דעם מענטש, אַז ער טאָר ניט זיין פאַרמשפּעט צום אונטערגאַנג נאָר פאַרקערט — צו האָבן די פולע רעכט צו גליק, אָבער גליק נעמט מען נאָר מיט אייגענע הענט, און שוין היינט שפּאַנען פאָרווערטס צו אַ נייער וועלט, צו אַ נייער געזעלשאַפט. לאָמיר ניט פאַרגעסן די ווערטער פונעם דיכטער: "דעם אמת וועל איך קיינמאָל ניט פאַראַטן!" מיר מוזן זיך היינט שוין לערנען אין אונדז אַליין צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלע שטרעבונגען און מיט אונדזערע געדאַנקען און טאַטן, מאַניפעסטירן אונדזער ווילן און שטרעבן צו דעם גרויסן ציל.

מעגן די קענגער חוזיקן איבער אונדזערע אידעאַלן, מעגן געשווירענע פּעסימיסטן פאַרלירן דעם מוט צו טעטיקייט, די זון וועט שטענדיק אויפגיין מיט איר מוטיקן פרימאָרגן־ליכט...

★

די שלעכטע באַדינונגען און אומצופרידנקייט מיט די באַדינונגען

פונעם הײנט האָט בײַ אַלע פעלקער דערוועקט אַ בענקשאַפֿט צו אַ נײַער און אַנדערער געזעלשאַפֿט. צו אַ הערלעכן עתיד. בײַ די ייִדן בײַ וועמען דאָס שווערע לעבן, און די גאַנצע דורות, האָט אויסגעחלומט אַ משיח־געשטאַלט, וואָס זאָל ניט בלויז באַפֿרײַען פֿון פֿיזישער קנעכטשאַפֿט נאָר אויך פֿון גײַסטיקער. די נביאים האָבן גערופֿן ניט נאָר קעגן מאָרד, רויב און פֿאַלשקייט פֿון די תקיפֿים, נאָר צו זײַן גערעכטיק און צו אַ שלום מיט די שכנים. אַזוי האָט זכריה גערופֿן "לא בחיל, ולא בכוח כי אם ברוחו אמר ה' צבאות".

דער נביא עמוס איז געווען דער שטורמער און קעמפֿער פֿאַר סאָציאַלן יושר, פֿאַר גלײַכקייט און מענטשן־רעכט. ער דערלויבט זיך צו רעדן קעגן קעניג און קעגן די רײַכע, ווי קעגן די כהנים וועלכע באַרויבן און באַגזלען דאָס פֿאָלק.

ישעיהו איז געווען דער וויזיאָנער פֿון אייביקן שלום. אָבער פֿאַר די נביאים איז די תורה געגעבן געוואָרן דעם מענטש ער זאָל וויסן ווי צו געניסן און הנאה האָבן פֿון לעבן און צו קענען אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס און דאָס זוכן גליק פֿאַר דעם וויכטיקסטן ציל פֿון מענטשן.די תורה מיינט דאָס גליק פֿונעם יחיד, ווען פּלאַטאָ בויט זײַן עטיק אויף דעם געוויכט פֿון כּבוד, שטאָלץ און צו דינען די אינטערעסן פֿון שטאַאַט. אָבער אויך עפּיקור לייגט דעם טראָפּ אויפֿן גליק פֿונעם יחיד.

פֿאַרשידענע פֿילאָזאָפֿן און הוגה דעות האָבן פֿאַרשידן געזען דעם וועג צו מענטשלעך גליק, וואָס קען קודם כל זײַן אין אַן עטישע געזעלשאַפֿט, געשטיצט אויף פֿרײַהייט און יושר. אויב מיר זאָלן אָננעמען די פּרינציפּן פֿון פּראַקטישע נוצן אָדער די איבערפֿערזענלעכע, די סאָציאַלע און די טעאָריע פֿון פֿליכט, אָדער די טעאָריע פֿון עוואָלוציע־פּרינציפּ אַז די מאָראַלישע טאַטן זענען אַ טייל פֿון ווירקלעכן לעבן און דינען צו דער דערהאַלטונג פֿון דעם יחיד און דער ראַסע בײַם לעבן,דינען די אַלע טעאָריעס דעם סאָציאַלן פֿאַקטאָר פֿון שטענדיקן פֿאַרקער מיט די מיטמענטשן און מיט דער געזעלשאַפֿט. אַפֿילו אַזאַ "אַנטי־ מאָראַליסט", ווי ניטשע וועמען אַ סך האָבן באַשולדיקט, אַז ער וויל צעשטערן די מאָראַל־ פֿילאָזאָפֿיע און די עטיק, איז דאָס דערפֿאַר, ווייל ער טרעט אַרויס קעגן דער

גוזמהדיקער זעלבסט פאַרלייקענונג און קעגן אַסקעטיזם, מיט אַזאַ שאַרפער שפּראַך און קראַפט פון געדאַנק, וואָס צעשטערט אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג. ער טרעט ארויס קעגן דעם ווילן איינצוברעכן דעם מענטשלעכן גייסט דורך רעליגיע אָדער אידעען פון צוואַנג, דורך פאַראַליזירן די מאָראַלישע ענערגיע פון מענטש. און ניטשע פאָדערט אַ ברייטערע און העכערע אַנטוויקלונג ווי אַ דערהויבונג צום פרייד פון לעבן. דער שטאַאַט, לויט אים, דערשטיקט די פּאָזיטיווע ווערטן און נטיות וואָס פירן צו אַ העכערע לעבנס־קראַפט. מיטן פאַרטיפן זיך אין ניטשעס עטישע טעאָריעס וועלן מיר טרעפן ביי אים געזונטע פּרינציפּן וועלכע מיר געפינען ביי שפּינאָזאַ און שפּעטער ביי שילערן. ניטשע פאַרלאַנגט אַז די טראַדיציאָנעלע אַסקעטישע עטיק זאָל פאַרביטן ווערן אויף אַן עטיק פון פרייד, אַז אַנשטאָט דער אַלטער עטיק פון אָפּזאָגן פון זיך אַליין זאָל איינגעפירט ווערן אַן עטיק פון מענטשלעכער אַקטיוויקייט. לויט אָט די פּרינציפּן דאַרף יעדער מאָראַל־טאַט זיין אַ רעזולטאַט פון אַ באַוווּסטזיניקן ווילנס־אַקט, וואָס איז ענג געבונדן מיטן פּראָבלעם פון פרייהייט.

דער מאָראַלישער אורטייל טראָגט אַ סאָציאַלן כאַראַקטער און איז אַ ווירקנדיקער פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. די געזעלשאַפט איז אויך דער געבורט־פּלאַץ פון די מאָראַל־אידעען. אָבער ווי לאַנג דער יחיד איז געבונדן דורך רעליגיע, טראַדיציעס און מנהגים קען ער אַלץ ניט דערגרייכן די זעלבסטשטענדיקייט פון זיין געדאַנק. אָבער וואָס מער עס וואַקסט די קולטור, שיידן זיך אַלץ מער ארויס גייסטיק פּערזאָנען פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט, און די וואָס שטעלן זייער פּערזענלעכקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון געדאַנק העכער פון דער "עפנטלעכער מיינונג", העכער פון דעם דעת־הקהל, העכער פון דער מאַכט פון טראַדיציע און פון נאָכפאָלגן אינסטינקטיוו דעם פירער. מיר הויבן אָן אַלץ מער באַטראַכטן דעם ווילן אַלס ריכטיקע מאָס פון מאָראַל, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דאָס אונטערדריקן אונדזערע נאַטירלעכע נטית אָדער ליידנשאַפטן; דאָס אונטערדריקן די פיזישע און גייסטיקע פרייהייט. דער פרייער ווילן וואָס פירט צו דעם זעלבסט־באַוווּסטזיניקן יחיד צו זיין שטאָלץ מיט זיין קראַפט איבער זיך אַליין און מיט זיין ווילן זיך

צו באַפרייען פון אויסערלעכן צוואַנג, ווי דאָס האָט אַמבעסטן אויסגעדריקט דער גרויסער אינדיווידואַליסט פון אַלע צייטן געטע: "פון דעם צוואַנג, וואָס בינדט אַלע ווערזנס באַפרייט זיך דער מענטש, וואָס איז מנצח זיך אַליין". דערפאַר איז אויך גערעכט ניטשע, אַז אַ פרייוויליקע איבערגעגעבנקייט צום אַלגעמיינעם ווילזיין פון דער געזעלשאַפט האָט אַ גרעסערן סאָציאַלן ווערט, ווי די זעלבסטפאָרלייקענונג און געהערט דעריבער צו אַ העכערער עטישער מדרגה. ווען די זעלבסטפאַרלייקענונג ווערט באַטראַכט פאַר אַ ציל איז זי בלויז מסוגל צו פאַראַליזירן דעם מאָראַלישן פאַרזונך, בעת אַ פרייוויליקע איבערגעגעבנקייט צו די סאָציאַלע אינטערעסן העלפט פאַרגרעסערן די מאָראַלישע כוחות.

דער אַלגעמיינער ווילן שטרעבט צום ווילזיין פון דער געזעלשאַפט, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז די פירער פון וועלכע עס איז פאַלק אָדער פון וועלכע צייט, זענען פעיִק אָדער ווילן באַשטימען די געהעריקע מיטלען צו דעם צוועק. עס איז אויך אומפאַרמיידלעך אַז די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס, וואָס זענען אַמאָל געווען נוצלעך אָדער נויטיק זאָלן מיט דער צייט ווערן איבריק און אַפילו שעדלעך, און שטערט אָפט דעם מענטשלעכן ווילזיין אָנשטאָט צו העלפן. די מעגלעכקייט צו לעבן אין פולן הסכם מיט דעם מאָראַלישן חוב איז היינט אָפּהענגיק ניט בלויז פונעם גוטן ווילן פון יחיד נאָר אויך, אין אַ גרויסער מאָס, פון דעם סאָציאַלן רעזשים אין וועלכן ער לעבט. דאָס דערפילן די מאָראַלישע פליכטן איז אָפּהענגיק צי די סאָציאַלע אָרדענונג איז דערצו געגוג פּאַסיק. אָבער דאָס געהערט שוין צו דער סאָציאָלאָגיע.

דער גרונט־געדאַנק אויף וועלכן עס האָט געשטיצט זיך אַריסטאָטעלעס, אַז דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעך בריאה, איז נאָך ביז היינט דער יסוד פון יעדן סאָציאַלן געדאַנק. עס זענען ערשט שפּעטער פונאַנדערגעטיילט געוואָרן די באַגריפן — שטאַאַט און געזעלשאַפט. ביי פּלאַטאָנען זענען ביידע באַגריפן די זעלבע. וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון שטאַאַט זענען געשאַפן געוואָרן די פאַרשידנסטע טעאָריעס. טאָמאַס האָבבס באַטראַכט די שטאַאַט אַלס אינסטיטוציע, וואָס דער מענטש האָט אויסגעטראַכט צוליב דער געמיינזאַמער פאַרטיידיקונג. ביי רוסאָ איז דער שטאַאַט א

סאָציאַלער קאָנטראַקט. לויט פּלאַטאָן איז דער שטאַאַט אַ העכערער אָרגאַניזם, וואָס אַנטוויקלט זיך לויט געזעצן,וואָס זענען ענלעך צו די אַנטוויקלונג־געזעצן פון דעם יחיד. ערשט לודוויק גומפּלאָוויטש האָט אַריינגעברענגט אַ קלאָרקייט אין די דאָזיקע פּארנעפּלטע טעאָריעס און אויף דער דערפאַרונג און אומגעהויערע צאָל פאַקטן געקומען צום באַשלוס אַז דער שטאַאַט איז אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע, וואָס ווערט אויפגעצווונגן דורך אַ זיגרייכער סאָציאַלער גרופּע אויף די באַזיגטע. מיט דעם איינציקן צוועק צו עקספּלאָאַטאַציע פון די באַזיגטע דורך די זיגער. די דאָזיקע טעאָריע האָט פאַרטיידיקט און באַאַרבעט פראַנץ אָפּנהיימער אין זיין ״די שטאַאַט״. דער שטאַאַט איז, לויט מאַרקסן, אַ הערשאַפט פון איין קלאַס איבער די אַנדערע. און יעדע הערשאַפט מיינט פון איין זייט צוואַנג און פון דער צווייטער אַ קאַמף פון די אונטערגעדריקטע קלאַסן קעגן דער הערשאַפט. לויט מאַרקס און לאַסאַל קען די גאַנצע פאַרגאַנגענע היסטאָרישע אַנטוויקלונג פאַרשטאַנען ווערן, ווי אַ רעזולטאַט פון קלאַסן־קאַמף און פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט און עקאָנאָמישע באַדערפעניש אין די פאַרשידענע פאָרמען פון די פּראָדוקטיווע אינדוסטריעס, די עקאָנאָמישע אויסטייטשונג פון דער געשיכטע איז אָבער אַלס פילאָזאָפיע פון געשיכטע צו פלאַך און שטימט ניט מיט די געשיכטלעכע פאַקטן, ווייל זי נעמט ניט אין אַכט די גרויסע באַדייטונג פון דעם ביאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן גורם, ווי דער גורם פון מענטשלעכן שכל און מענטשלעכן ווילן, ווי אויך דאָס וואָס העגעל רופט אָן, אַלס דעם ״פּראָגרעסיוון פונאַנדערוויקלונג פון דעם פרייהייט־באַוווסטזיין״. אַזוי באַקומט דער מאָראַל־אורטייל איר גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

שוין די גריכישע פילאָזאָפיע האָט די עטיק פאַרבינדן מיט דער עסטעטיק. דער עסטעטישער פאַרגעניגן רייצט אויף צו אַקטיווקייט און באַרייכערט דאָס גייסטיקע לעבן, באַפרידנדיק סיי די אינטעלעקטועלע באַדערפעניש, סיי די געפיל־פונקציעס.

די יידישע חכמים האָבן ניט שטאַרק זיך באַגייסטערט פאַר דער שיינקייט און געהאַלטן פון ״שקר החן והבל היופי״. ווען דעם באַגריף פון שיינקייט זענען פאַראַן אַ סך אַספּעקטן. עס גיבן

אויך פאַרשידענע מדרגות פון שיינקייט: שיינקייט, חן, פראַכט, שימער, א. א. אָבער וואָס איז שיינקייט? פאַר טייל פילאָזאָפן באַדייט שיינקייט: האַרמאָניע און סימעטריע, ביי סאָקראַטעסן איז דאָס גוטע שיין. ביי פּלאַטאָנען איז דאָס דער גורם פון הנאה. ביי די דאַרוויניסטן האָט שיינקייט אַ ביאָלאָגישע באַדייטונג, דינענדיק פאַר די באַשעפענישן דעם ציל פון פריה. שיינקייט איז געבונדן מיט ליבע, דאָס מיינט ניט אַז אַלץ וואָס שיין האָט מען ליב נאָר אַלץ וואָס מען האָט ליב זעט אונדז אויס צו זיין שיין. ביי טשערנישעווסקין איז שיינקייט אַלץ וואָס לעבט אָדער דערמאַנט אונדז דאָס לעבן. דער באַגרייף שיינקייט געבונדן מיטן געפיל, איינדרוק און אויך שכל. דער געפיל צו שיינקייט איז ניט קיין עגאָיסטישער און האָט גאָר ניט צו טאָן מיט נוצלעכקייט.

די עסטעטיק האָט אַ צווייפאַכיקע באַדייטונג, ווי אַ פילאָזאָפיע פון שיינקייט און אַ פילאָזאָפיע פון קונסט. אויף דעם גורל פון דער קונסט פאַלט אויס די ראָלע פון קינסטלער צו זיין די בעלי טובות פון דער מענטשהייט. די קונסט מאַכט דעם מענטש צו זיין מער מענטשלעך.

ביי יידן איז די מאָראַל געשטעלט געוואָרן העכער ווי די שיינקייט. מיט זייער פאַרשטעלונגס־קראַפט האָבן זיי געשאַפן די גרויסע ווערק, דעם תנ״ך, דעם תהילים א. א. ביי די גריכן איז די עטיק געגאַנגען צוזאַמען מיט דער עסטעטיק און זיי זענען געווען גרויסע קינסטלער און גרויסע דערציילערס. די עסטעטיק האָט אויך אַ גרויסן ווערט אַלס אַ סאָציאַלער עלעמענט. אין דער קונסט באַקומט דער יחיד, די פּערזענלעכקייט, די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צוליגן זיין חתימה ניט נאָר אויף דעם עסטעטישן געשמאַק נאָר אויך אויף דעם קולטור־צושטאַנד פון דער תקופה. ליידער האָבן די היינטיקע דיכטער ליב צו פאַרוואַנדלען דאָס וואָרט אין אַ קלאַנג, ווען גראַד נאָר מיטן הילף פון וואָרט קען מען דאָך זוכן דעם אמת. די ווערטער זיי דערנענטערן דאָך דעם דיכטער צום מענטש, צו דער ערד, צו דער נאַטור און מיט אַלץ פון באַשאַף. ווי דער קלאַנג פאַר דער מוזיק, די פאָרם און קאָליר פאַרן מאָלער, אַזוי איז דאָס וואָרט פאַרן דיכטער. און נאָכמער

פאַרן שרייבער פון פּראָזע. פּאַר ווען דאָס וואָרט קען ניט זיין קיין שפּיל פון ווערטער אָן תּכלית, ווי ביי די מאָדערניסטישע דיכטער. ביי דעם פּראָזאיקער דינט דאָס וואָרט צו געבן אַ שפּיגל פון דער געזעלשאַפט אין זיין צייט און שילדערן דעם מענטשלעכן גורל, זיינע חלומות און זיינע טראַגעדיעס, דער פּראָזאיקער, מיטן כישוף פון וואָרט, קען רופן צו אַ בעסער, שענער און גערעכטערע וועלט.

★

דעריבער ווען מיר רעדן וועגן אַ נייע קולטור, טאָרן מיר ניט פאַרגעסן אין דער גרויסער ראָלע וואָס עס שפּילט אַפּ די קונסט באַזונדער די ליטעראַטור. די אויפגאַבע פון אַ שרייבער איז אָנצורופן אַ קאַץ מיטן נאָמען קאַץ. די הפקרות צו דער שפּראַך נעמט היינט אָן אַ קרענקלעכן פאָרם און דערווייטערט די ליטעראַטור פונעם לייענער. ניט אומזיסט האָט סאַרטער באַצייכנט די מאָדערנע ליטעראַטור ווי אַ ראַק פון ווערטער. פיל מאָדערנע שרייבער צעשמעטערן די ווערטער און פאַרניכטן דעם אינהאַלט און געדאַנק פון זייערע ווערק.

ווען מיר שטרעבן צו אַ נייער קולטור מוזן מיר האַלטן ריין און דייטלעך דאָס וואָרט און געדאַנק. ליידער איז דער באַגריף סאָציאַליזם, וועלכער האָט באַדאַרפט זיין דער סימבאָל און די בשורה פון אַ נייער קולטור און נייער געזעלשאַפט, איז היינט אַזוי פאַרנעפּלט און אַזוי פאַרקריפּלט, אַז עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין איר אינהאַלט, איר ממשות. דאָ איז ניט דאָס אָרט אויסצורעכענען די אַלע פאַרקריפּלונגען, וואָס די טעאָרעטיקער, סיי פון "דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם", סיי פון ברוטאַל דיקטאַטאָרישן סאָציאַליזם, האָבן אַריינגעברענגט און וויפל חטאים עס האָבן די עסקנים פון די דאָזיקע סאָציאַליסטישע סיסטעמען אויף זייער געוויסן, וואָס צוזאַמען האָבן זיי דערווייטערט און צונישט געמאַכט די צילן און וועגן צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. איינע און די פאַרסמטע געווערן פון מאַרקסיזם איז דאָס באַצייכענען יעדן געדאַנק, וואָס אַפּעלירט צום מענטשלעכן שכל, צו גערעכטיקייט צו דעם פּרייוויליקן, צום קאָנסטרוקטיוון וועג און

צו אַן איניציאַטיוו פון פרייען ווילן, צו פאַרשרייען ווי אַן אוטאָפּיזם. וויפל מאַרקסיסטישע טעאָריעס האָבן און דער ווירקלעכקייט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוטאָפּיש? נעמען מיר אַזאַ טעאָריע וועגן "אָפּשטאַרבן פון דער מדינה" אָדער ענגלעס "שפּרונג פון דער מענטשהייט פון דעם קעניגרייך פון באַדערפענישן אינעם קעניגרייך פון פרייהייט", צי ליגט ניט אין מאַרקסיזם די גרויסע שולד וואָס נאָך הונדערט יאָר, נאָך דעם ווי דיביידע שטרעמונגען אין מאַרקסיזם האָבן געהאַלטן און האַלטן היינט די מאַכט אין זייערע הענט האָבן זיי ניט נאָר אין ערגעץ ניט פאַרווירקלעכט דעם סאָציאַליזם נאָר געפירט די וועלט פון איין קאַטאַסטראָפע צו דער צווייטער. האָט דאָס מאַרקס אין איר פּאָלעמיק מיט פרודאָנען געזאָגט: "דער אַרבעטער קלאַס וועט אין משך פון זיין אַנטוויקלונג אַוועקשטעלן אויפן אָרט פון דער אַלטער בירגערלעכער געזעלשאַפט אַן אַסאָציאַציע, וועלכע וועט אויסשליסן די קלאַסן און זייער אַנטאַגאָניזם און עס וועט מער ניט עקזיסטירן קיין פּאָליטישע מאַכט אין אייגנטלעכן זין, מחמת די פּאָליטישע מאַכט איז טאַקע דער אָפיציעלער תמצית פונעם אַנטאַגאָניזם בתוך דער בירגערלעכער געזעלשאַפט" און אָט הערשט שוין דער "פּראָלעטאַריאַט" אין ראַטן פאַרבאַנד 70 יאָר און קלאַמערט זיך ביי דער מאַכט. אָדער קעמפט פאַר מאַכט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע מיט די זעלבע בירגערלעכע מעטאָדן, וואָס די בורזשואַזיע פּאַרטייען, מיט די זעלבע אינטריגעס. און ווי זיי קומען צו דער מאַכט טראַכטן זיי גאָר ניט פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם און טרעטן אָפּט אָפּ די מאַכט די בירגערלעכער רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. ווי דאָס איז אויך געשען און געשעט ביי אונדז אין לאַנד. דערפאַר עקזיסטירט אַן אַנדערער אויסוועג, אַן אַנדער סאָציאַליזם, וואָס ווייסט אַז ניט מיטן פּאַרטוישן איין מאַכט אויף אַ צווייטע נאָר אַ סוף מאַכן צו דער צענטראַליסטישע און ביוראָקראַטישע ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען, דאָס מוז ניט פאַרווירקלעכט ווערן דווקא דורך רעוואָלוציעס און בלוט פאַרגיסונגען און ניט דורך פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצן און ניט אין די "הייזער פון פּלאַפּלערס" (ווי מאַרקס האָט אָנגערופן די פּאַרלאַמענטן) און ניט דורך פּאָליטישע פּאַרטייען. אויך ניט דורכן איבערגיין פון דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין דעם רשות פון

דער מלוכה, נאָך דורך דער דעצענטראַליזאַציע פון דער שטאַאַטישער אינדוסטרי, וואָס זאָל איבערגיין אין די הענט פון די וואָס אַרבעטן אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען. שוין הײַנט האָבן מיר איז אַ סך לענדער ערנסטע און געלונגענע אַזעלכע אונטערנעמונגען. אין דאָרף קען נאָר אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, וואָס זאָל שטיין אין אַקאָאָפּעראַטיווע פֿאַרבינדונג מיט די שטאַטישע אויטאָנאָמע אונטערנעמונגען, און מיט קאָאָפּעראַטיווע קאָנסומציע געזעלשאַפטן, ווי אַ פֿאַראייניקונג פון די פּראָדוקציע מיטן קאָנסום. אָט דאָס איז דער וועג, אָן דער אַריינמישונג פון מלוכישע, ביוראָקראַטישע און פּאַרטייאישע פּאָליטיזאַציע, קען אויפקומען אַ נײַע ווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע און סאָלידאַרישקייט צווישן מענטשן, און, ס'זאָל אַנטשטיין אַ פֿרײַע און גערעכטע געזעלשאַפט. נאָר ווען די ערד וועט געהערן צו די וואָס באַאַרבעטן זי און די פֿאַבריקן צו די וואָס אַרבעטן דאָרט, דאַן וועלן פֿאַרשווינדן אַלע "פֿאַרשטייערשאַפטן" וואָס נעמען זיך די רעכט צו רעדן אין נאָמען פון אַנדערע און זײַן די "פֿאַרזאָרגערס" פון אַנדערע, נאָר דאַן וועט דער מענטש ווערן דער בעל בית איבער זײַן אייגענעם גורל, און צוגרייטן אַ צוקונפט פֿאַר זיך און זײַנע קינדער און אייניקלעך. מיטן פֿאַרשווינדן פון די אַלע "פּרעזידענט" אין "ווייסן הויז" און די דיקטאַטאָרן פון קרעמעל, וועלן פֿאַרשווינדן אַלע מלחמות. דאָס פּראָבלעם פון אַנטוואָפֿענונג פון די אַטאָם און אַנדערע געווערן קען געשען נאָך דער אַנטוואָפֿענונג פון דעם סיסטעם פון הערשער און באַהערשטע, נאָכן צעשמעטערן אַלע גרענעץ־סלופּעס און אַלע גרענעצן צווישן פֿעלקער און מענטשן. דאָס איז גאָר ניט קיין לעגענדע און קיין אוטאָפּיע, נאָר אָפּהענגיק פון דעם מענטשלעכן ווילן. האָט דאָך שוין וואָלטער אין זײַן צײַט געזאָגט, אַז דער גאַנצער כּוח פון די כּהנים ליגט אין דעם וואָס מיר גלויבן אין זיי. לאָמיר אָנהייבן צו גלויבן אַז עס קען זײַן אַנדערש, וועלן מיר די אַנדערשקייט דערגרייכן.

★

די עטיק פון די סטאָקער האַלט אַז דער מענטש דאַרף זיך שטרענג באַציען צו זײַנע אייגענע שוואַכקייטן און אַז דאָס לעבן

איז אַ קאַמף און ניט קיין געַנוס מיט אַלערליי פריידן און אַז דער ערגסטער שונא פון מענטש איז דאָס ניט האָבן קיין העכערן ציל. פאַר אַ גליקלעך לעבן איז, לויט די סטאָיקער, נויטיק אינערלעכער מוט, עלית נשמה און הערויִזם. די דאָזיקע אידעע האָט זיי געפירט צום געדאַנק פון אַלוועלטלעכער "ברודערלעכקייט" פון דער מענטשהייט. די עפיקורער האָבן דעם באַגריף גליק פאַרשטאַנען ווי אַ גייסטיקער געַנוס. אויך די סאָפיסטן, פּלאַטאָ און די עפיקורער האָבן געהאַלטן אַז דער מענטש דאַרף טון אַלץ, "כדי אים זאָל זיין גוט". אָבער גוט און גליק, האָבן זיי פאַרשטאַנען, ליגט ניט אין די תענוגים פון האַלב־מענטש, האַלב־חיה און קען דערגרייכט ווערן ווען דער מענטש איז גייסטיק פריי און דערהויבן.

פרייהייט איז ניט קיין אַבסטראַקטער באַגריף, נאָר אַ טיפער באַגער, אַ נאַטירלעכער אינסטינקט, אַ טיף איינגעוואָרצלטער אין דער מענטשלעכער נאַטור און אויך ביי חיות. די פרייהייט פון מיטמענטש איז דער ערשטער באַדינג פאַר דער אייגענער פרייהייט. אַ פרייער מענטש איז דער וואָס רעספּעקטירט די פרייהייט פון אַנדערע און איז טעטיק אין די נוצן פון אַנדערע. פּרודאָן האָט געשריבן:

"פרייהייט איז באמת אַן אָרגאַניזירטע קראַפט וואָס זיכערט די פרייהייט צווישן מענטשן און דעם שלום צווישן פעלקער". דאָס מיינט אַז דאָרט ווי עס איז ניטאָ קיין פרייהייט הערשט ווילקיר און אונטערדריקונג. פרייהייט מיינט פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט צו באַשרענקען די פרייהייט פון מיט־מענטש. מען באַנוצט אָפט דעם באַגריף פרייהייט ווי אַ נעגאַציע צו פאַרשקלאַפונג. מען קען אָבער זיין פיזיש פריי און גייסטיק פאַרשקלאַפט. מען קען זיין פאַרקנעכט צו אַבערגלויבנס, צו איינרעדענישן אַ פאַנאַטיקער קען ניט זיין פריי.

אַ פרייער מענטש איז אָבער גאָר ניט פריי פון פליכטן. ניט קיין באוסטזיניקע, פרייוויליקע: צו דער געזעלשאַפט, צו נאָענטסטע, צו פריינט און חברים און אַזוי ווי.

דער פרימיטיווער מענטש איז ניט געווען פריי, ער האָט געלעבט

אין פחד פאַר איבערנאַטורלעכע כוחות. ער האָט ניט געקענט זיך פאָרשטעלן זיין עקזיסטענץ אָן אַ הערשער איבער אַנדערע. הערשאַפט איז. טאָקע אַ ירושה־קראַנקייט פון די פרימיטיווע דורות.

פרייע מענטשן טראַכטן מיטן אייגענעם שכל און זענען טאָלעראַנט צו פרעמדע מיינונגען. זיי וואַרפן קיינמאָל ניט אָן וועמען זייערע געדאַנקען און ניט זייער הערשאַפט. די וואָס הערשן איבער אַנדערע זענען אַליין קיינמאָל ניט פריי.

לויט לענינען קען די געזעלשאַפט דערגרייכן זיין העכסטע פרייהייט, ווען זי דריקט "דערוויילי" אונטער אַלע פרייהייטן דערפאַר האָבן טאַקע די סאָוויעטן געטראָטן מיט טאַנקען אויף דער פרייהייט פון אַנדערע פעלקער און אָפט צוגערויבט די פרייהייט פון זייערע אייגענע חברים. דער אמת איז, אַז פרייהייט קען מען ניט דערגרייכן דורך צוואַנג נאָר דורך פרייהייט.

כאָטש אומצופרידנקייט איז דאָך דער לאָקאָמאָטיוו וואָס פירט אונדז פאָרויס, איז זי דאָך אויך דער רעזולטאַט פון ניט דערגרייכטן גליק. גליק איז דאָך דער הויפט־ציל פון דעם יחיד און פון דער געזעלשאַפט און דאָס ניט דערגרייכן די גליקזעליקייט ברעכט אונטער דעם געזעלשאַפטלעכן גלייכגעוויכט. ווייל וואָס עס שטערט צום גליק איז אומגלייכהייט, אומגערעכטיקייט, דאָס עקספּלאָאַטירן פון איין מענטש די אַנדערע און און די הערשאַפט פון איין מענטש איבער אַ צווייטן.

דער גראַנגל פאַר גליק איז אַ שטאַרק קאָמפּליצירטער, ווייל דעם מענטש איז אַלץ ניט קלאָר וואָס איז אַזוינס גליק, אויב גליק מיינט דאָס דערגרייכן דאָס באַגערטע, ווייסן מיר קיינמאָל ניט ווי ווער אין דערווירקלעכקייט אויסזען דאָס באַגערטע, ווייל יעדע זאַך באַזיצט דער מענטש פריער אין טרוים איידער ער באַזיצט דאָס אין דער ווירקלעכקייט. די זעלבע פונקציע ווי דער טרוים פילט אויס די קונסט וואָס שפּאַנט אין דער זייט אָדער באַגלייט דער ווירקלעכקייט.

ווען מיר טראַכטן וועגן גליק מוזן מיר געדענקען אַז דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון דער ערד, פון וועלכער ער קען זיך ניט אָפּרייסן און אַ זין פון דער געזעלשאַפט פון וועלכער ער קען ניט אַנטלויפן.

זיין גליק קען דער מענטש געפינען נאָר אין די ראַמען פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט אָבער אויך אין סאָלידאַריטעט מיט דער נאַטור. דאָס פּריוואַטע און מלוכהשע אייגנטום עקספּלאָאַטירט צו גרויזאַם די נאַטור, וועט אויך די באַפרייאונג פון מענטש מוזן גיין מיט דער באַפרייאונג פון דער נאַטור. דערפאַר ווען דער נביא ישעיה האָט געזאָגט אַז „זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס" און אַז: „אַ פאָלק וועט קעגן אַ פאָלק ניט אויפהייבן זיין שווערד" האָט ער גלייך צוגעגעבן אַז „אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס און אַ לעמפּערט מיט אַ ציג וועט הויזן און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי". דאָס איז די וויזיע פון סאָלידאַריטעט צווישן מענטשן און פון דער נאַטור.

מיט דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און אינדוסטרי ווערט דער שייכות צווישן מענטש און נאַטור אַ גאָר ברענענדיק פּראָבלעם. ליידער איז די טעכניק געוואָרן אַ שונא פון דער נאַטור און זי באַרויבט זי שעדלעך. זי פאַרגעסט אַז די נאַטור גיט אונדז גאָר ניט אויף גראַטיס און מיר מוזן מיט איר מיטאַרבעטן. מיר לעבן מיט אַ פאַלשן באַגריף אַז ערד, וואַסער און לופט זענען אומאויסשעפּלעך און מיר פאַרסמען און צעשטערן אירע אוצרות. מיטן פאַרגוואַלדיקן די נאַטור איז אויך אָפּהענגיק די באַציאונג פון מענטש צו מענטש. אויך צו דער נאַטור דאַרפן מיר זיין הומאַניטאַר, אויך צו דער חיות־וועלט, וועלכע זענען דאָך אונדזערע שכנים. דער מאָרד איבער מענטשן הויבט זיך אָן מיטן מאָרד איבער חיות.

★

זיי פריילעך! דאָס איז געווען די לאָזונג, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם גאַנצן ציל און שטרעבן פון די אַלטע גריכן. זיי פריילעך ווייל דו לעבסט! זיי פריילעך צוליבן זוניקן הימל און גרינגע ערד. זיי פריילעך צוליב דיינע געטרייע חברים, פריינד און צוליבן כישוף פון דער ליבע! זיי פריילעך און פאַרגעס ניט, אַז דאָס לעבן איז צייטווייליק און קורץ, וואָס דער קבר איז פאַר אַלעמען געעפנט. זיי געטריי דאָס לעבן און טראַכט אבער ניט וועגן טויט.

דאָס זענען געווען די לעבנס־פּרינציפּן, וואָס האָט געגעבן די גריכן

יענעם הערלעכן און דערהויבענעם פּאַרם, יענע קרעפטיקע לײַדנשאַפט און זייער ליבע צו שיינקייט און קונסט. לײַדער איז דער העלענישער גייסט אונטערגעגאַנגען, צעריסן געוואָרן דורך די בלוטיקע נעגל פון ברוטאַלן רוים, דער העלענישער גייסט איז אויך פאַרשאָלטן געוואָרן דורכן קריסטנטום, וואָס האָט באַדעקט די וועלט מיט איר שוואַרצן מאַנטל. דאָס קריסטנטום איז געוואָרן דער גרעסטער שונא פון יעדן פריילעכן לעבן. די קריסטלעכע קירכע האָט געלערנט, ווי דאָס לעבן צו האַסן און פון יעדע פריילעכקייט און גענוס געמאַכט אַ זינד. דעם וועג פון דער מענטשהייט האָט זי פאַרזייעט מיט שטעכיקע דערנער, ביז דער קאַטאָליציזם איז אבער געקומען צו דער איבערצייגונג אַז אָן קערפּערלעכן פאַרגעניגן קען דער מענטש ניט עקזיסטירן און זיך ניט פאַרמערן, אויך דאָס געזונטע און נאַטירלעכע האָט ניט אָנגענומען די דאָזיקע לערע און די רעליגיע איז געוואָרן געצוווּנגען צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן מיטן נאַטירלעכן און מיטן ערדישן.

דער מענטש איז דאָס קינד פון דער וועלט און די ערד איז זיין היימלאַנד. זיין האַרץ ווערט אַנטציקט פון טויזנטער שיינקייטן און פריידן פון דער וועלט. די פריידן פון דער עקזיסטענץ קען ניט פאַרטוישט ווערן אויף די שענסטע צוזאָגן פון אַ „יענער וועלט" און ניט פון די מאָנאָטאָנע פּרעדיקונגען פון די פאַנאַטישע פּריסטער און כהנים פון די רעליגיעס. דער מענטש זוכט ליכט און לופט, שיינקייט און ליבע.

נאָר אונטער זון און ליכט קענען פלאַנצן עקזיסטירן און דער מענטש זיך אַנטוויקלען. אַ גרויסער שאָד, וואָס עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַרשטעלן אונדז די ליכט, מיט זייערע פאַרשימלטע און פאַלשע דאָקטרינעס.

★

וואָס אייגנטלעך מיינט דער באַגריף — נייע קולטור אויב ניט קיין געזעלשאַפט מיט ברייטע פרייהייטן? און פרייהייט קען פאַרשטאַנען ווערן נאָר אין דעם זינען ווען פריי איז דער יחיד. דער יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג איז געבונדן מיט דער דערהויבונג פון דעם יחיד, מיט זיינע שטרעבונגען גוטע און שלעכטע נטיות; מיט זיין דינאַמיש־פּסיכאָלאָגישער אַנטוויקלונג. די פרייהייט פון

זעלבסטשטענדיקן טראַכטן שמידט אויס די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט.

די מאָדערנע געשיכטע פון אייראָפּע און אַמעריקע ברענגט אַלץ שטאַרקער אַרויס די שטרעבונג פון באַפרייען דעם מענטש פון די מלוכישע, עקאָנאָמישע און רעליגיעזע קייטן, כדי צו דערגרייכן די פּערזענלעכע פרייהייט, וואָס אפילו אין די דעמאָקראַטישע לענדער איז אַ שטאַרק באַגרענעצטע. כאָטש עס גייען אָן אויפהער אָן די מלחמות צווישן פעלקער, רעליגיעס, פון די אונטערדריקטע קעגן די פּריווילעגירטע, דאָך ביי אַלע דורכפאַלן און קרבנות האַלט די פרייהייט אָפּ אירע נצחונות. דער זיג פון דער פרייהייט שטויסט אומעטום פאָרויס די מענטשלעכע אַנטוויקלונג.

ס'וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו גלייבן, אַז דער גורל פון דער פרייהייט ליגט בלויז אין די הענט פון איינציקע טיראַנען, וועלכע באַגוועלטיקן און וואַרפן אָן זייער דיקטאַטור איבער די מאַסן. היטלער אָדער מוסאָליני וואָלטן קיינמאָל ניט געקומען צו דער מאַכט, ווען די מאַסן פון זייערע לענדער וואָלטן ניט גרייט געווען מוותר צו זיין פון זייער פרייהייט אָדער געווען גלייכגילטיק צום גורל פון זייער לאַנד. די דיקטאַטאָרן דעראָבערן זייער מאַכט ניט בלויז מיט שווינדל און אָפּנאַרערייען, נאָר אויך ווייל די דעמאָקראַטישע רעזשימען זענען געווען קאָרומפּירט אַז די מאַסן זאָל וועלן פאַר זיי קעמפן. עס זאָל זיך לוינען פאַר זיי צו שטאַרבן.

מען מוז אויך געדענקען אַז צוזאַמען מיט דער שטרעבונג צו פרייהייט עקזיסטירט אין מענטש אויך אַ נטיה צו אונטערטעניקייט, רעזיגנאַציע און קאַפּיטולאַציע פאַרן כוח פון מאַכט, צוואַנג און אויטאָריטעט פון אַ מנהיג, ווי צו דער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע וואַרפט אויך אָן איר דיקטאַטור אויפן יחיד. אויך די רעליגיעס לערנען אַז דער מענטש איז ניט דער האַר איבער זיין לעבן, ער געהערט צו גאָט, וועלכער משפט אַלע זיינע מעשים. די רעליגיעס אַנטוויקלען אין מענטש דעם געפיל פון נישטיקייט און אונטערטעניקייט. דער מיטלאַלטער, אין דער צייט פון דער קאַטוילישער הערשאַפט צייכנט זיך אויס מיטן פאַרניכטן די פּערזענלעכע פרייהייט צוזאַמען מיטן וווקס פון פאַנאַטיזם, אומוויסן און אָבערגלויבנס. ערשט דער רענעסאַנס ברענגט צום אויפבלי פונעם יחידישקייט, וואָס גיט אַ שטויס פאָרויס די אַנטוויקלונג פון

מענטשלעכן געדאַנק און מענטשלעכער קולטור.

אָבער אויך דער קאַפּיטאַליזם פאַרשקלאַפּט דעם מענטש, ניט נאָר די וואָס ווערן דורכן קאַפּיטאַל עקספּלאָאַטירט נאָר אויך די וואָס ווידמען זייער טעטיקייט לשם רווחים. דער ריווח דינט גאָר ניט צו פאַרגרעסערן דאָס מענטשלעכע גליק, נאָר צו פאַרגרעסערן אַלץ מער די קאַפּיטאַלן. דער מענטש אין דער אינדוסטריעלער תקופה ווערט געשטויסן זיך אָפּצוזאָגן פון זיין אינדיווידועלער פרייהייט דינענדיק דעם נייעם גאָט — דאָס געלט.

ווי שוין געזאָגט, דינט די פרייהייט דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק און זי קען דערפאַר אויף אַ לענגערע צייט ניט אונטערגעדריקט ווערן. דער מענטש קויפט זיין פרייהייט כדי אַרויסצוגיין פון זיין איינזאַמקייט אין זיך פאַרבינדן מיט דער געזעלשאַפט און מיט דער נאַטור. די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט וואַקס מיט זיין פאַרייניקונג מיט דער וועלט, דורך ליבע, אַרבעט און שעפערישקייט. דער מענטש ווערט פריי מיטן מאָמענט ווען ער אַנערקענט זיך אַלס אַ באַזונדערער איינס, און אַלס זעלבסטשטענדיקער "איך". פּונקט ווי אַ קינד, וואָס ווערט וואָס אַמאָל מער זעלבסטשטענדיק אַזוי שטרעבט דער מענטשלעכער מין צו מער פרייהייט. שוין אין דער געשיכטע פון בראשית ווערט דערציילט ווי דער מענטש, קעגן ווילן פון גאָט, פאַרזוכט פון עץ הדעת. דאָס איז דער ערשטער אַקט פון מענטשלעכער זעלבסשטענדיקייט און ערשטער אַקט פון זיין מלחמה קעגן דער נאַטור. אַזוי אַז פרייהייט קען מען ניט אָפּטיילן פון דעם מענטשלעכן קיום. אָבער פּערזענלעכע פרייהייט טאָר ניט איזאָלירן דעם מענטש פון דער געזעלשאַפט נאָר ענגער אים פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער קולטור. פרייהייט מיינט אויך דאָס רעספּעקטירן און דאָס ניט שטערן די פרייהייט פון דעם מיטמענטש.

די פיזיש־ביאָלאָגישע שוואַכקייט פונעם מענטש איז געווען דער ערשטער באַדינג, וואָס האָט געטריבן דעם מענטש צו ווערן אַ קולטור־באַשעפעניש. אָבער קיין קולטור איז ניט מעגלעך אָן דעם דער מענטש זאָל זיין פיזיש און גייסטיק פריי. מיר לעבן אָבער אין אַ צייט ווען די קולטור איז מוראדיק פאַרקריפּלט געוואָרן. די וווּקס פון טעכניק און וויסנשאַפט האָט ניט געהויבן די מענטשלעכע מאָראַל ניט דאָס מענטשלעכע

גליק און ניט דערהויבן די מענטשלעכע קולטור. די דיקטאַטאָרישע רעזשימען און די מלחמות דערנידעריקן דעם מענטש און זיין קולטור. איז גאָר ניט קיין ספק אַז מיר נויטיקן זיך אין אַן אַנדערע און נייע קולטור. צי קענען מיר ווייטער לעבן אין דעם דזשונגל פון ביזנעס און פחד פאַר אַן אַטאָמישע פאַרניכטונג, ווי אין גרויסן שווינדל פון פּאָליטישע אינטריגעס, ווי אין גרויסן משוגעת פון טעראָר און מאָרד, פון פאַרסמטע לופט, און פאַרסמטע, ליגנערישע פּאַראָלן אָן וועלכע עס איז טרייסט? באַזונדער הײַנט נאָך דער שרעקלעכער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך אוישוויץ, נאָכדעם ווי אַלע אידעאַלן האָבן באַנקראָטירט, אַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען זענען דורכגעפאַלן און די באַרבאַרישע מעטאָדן פון טעראָר טריאומפירט איבער דער וועלט, וואָס האַלט זיך אויף דעם אָפּגעלעבטן סיסטעם פון אַלמעכטיקע סופּער־מדינות און אויף דעם פרימיטיוו־קאָרומפּירטן באָלשעוויסטישן "סאָציאַליזם"; ווען דער אידעאַל פון פרייהייט, מענטשן־רעכט און מענטשלעכקייט ווערט אויסגעלאַכט און די געלט־אינטערעסן שטעלן מיט זיך פאַר דער העכסטער אידעאַל; ווען די געלט־דורשטיקע פינאַנסיסטן האַלט צעשפּרייט זייערע לאַפּעס איבער דער ווירטשאַפט און פּאָליטיק און די בלוט־דורשטיקע גענעראַלן גרייטן נאָך אַלץ די מערדערלעכע געווערן צו מאַסן־מאָרד. צו קען מען דערמיט שלום מאַכן?

עס זענען אָבער דאָ אַ גרויסע צאָל מענטשן, אויך צווישן דער אינטעליגענץ וואָס גלויבן ניט אין דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַ בעסערע און פרייע געזעלשאַפט און ניט אין אַ פרייע קולטור, זיי האַלטן זיך ביי דער מיינונג אַ דאָס איז אַן אוטאָפּיע; זיי גלויבן ניט אין דער מעגלעכקייט פון אַ יושרדיקע געזעלשאַפט און האַלטן אַז פרייהייט און גלייכקייט איז אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן, ווען דאָס וואָלט געווען אוממעגלעך וואָלטן מיר נאָך אַלץ געלעבט אין די צייטן פון שקלאַפעריי. דער אמת איז אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט האַלט זיך אין איין ענדערן און איבערבויען. ביי אַלע טראַגישע יאָרן, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט, ביי אַלע מערדערישע רעזשימען, פון די פאַשיסטישע ביז די באָלשעוויסטישע קומט פאָר אַ פּערמאַנענטע שטרעבונג צו פערזענלעכע פרייהייטן. צו

האָט דער דאָזיקער טענדענץ דען אַ גרענעץ, ווי זיך אָפּצושטעלן? מעגן דער טענדענץ זיך ניט וואַרפֿן אין אונדזערע אויגן, מעגן דאָס ניט דערזעען ווערן דורך די אייביק אומקריטישע פּעסימיסטן. קען מען דאָך ניט פֿאַרלייקענען אַז סע לעבן גרויסע כוחות וואָס שטויסן דער געשיכטע פֿאָרויס צו אַ נייער און העכערע קולטור. צו אַ נייער פֿרייער געזעלשאַפֿט און מיר הערן אפֿשר די קלאַנגען פֿון אַ נייעם פֿרילינג.

די אַלמעכטיקע ביוראָקראַטיע פֿאַרלירט אַלץ מער איר באָדן אונטער די פֿיס אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון די קאָמפּיוטאָרס. עס וואַקסט אומעטום דער טענדענץ צו דעצענטראַליזאַציע און לאָקאַלע אויטאָנאָמיע. עס ווערט אַלץ מער פּאָפּולער דער געדאַנק פֿון זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אין דער ווירטשאַפֿט ווי אין דער אַדמיניסטראַציע. אויך די טעטיקייט פֿון קאָלעקטיווע געזעלשאַפֿטן און קאָאָפּעראַציע. כאָטש מיר זענען נאָך ווייט פֿונעם ציל ווערט אָבער שטאַרקער אין מענטשלעכן באַוווסטזיין דער ווילן צו אַ פֿרייען בונד פֿון די פֿעלקער, וואָס זאָל מאַכן אַן ענטגילטיקן סוף צו אַלע מלחמות און בלוטפֿאַרגיסונגען, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פֿון דער גרויסער תאווה צו מאַכט און פֿון קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ און נאַציאָנאַלן עגאָיזם.

אָבער וואָס מיינט אייגנטלעך פֿרייהייט לויט דער מענטשלעכער דערפֿאַרונג און וואָס איז די סיבה, וואָס פֿאַר אַ טייל מענטשן איז די פֿרייהייט אַ דערהויבענער אידעאַל און פֿאַר אַנדערע אפֿשר אַ שווערער עול! מעגלעך אַז די באַדייטונג פֿון פֿרייהייט קען נאָר קלאָר ווערן ווען מיר מאַכן אַן אַנאַליז פֿון דעם כאַראַקטער פֿון דעם מאָדערנעם מענטש און פֿון דער סביבה אין וועלכער ער לעבט, ווייל דער אייגנטלעכער שלאַכטפֿעלד פֿאַר דער פֿרייהייט געפֿינט זיך אין די טיפֿענישן פֿון אונדז גופֿא? אָבער דאָס געהערט שוין צו דער פּסיכאָלאָגיע, ווייל די געשיכטע פֿון קולטור פֿאַרנעמט זיך ניט דערמיט, וואָס דער מענטש לעבט דורך און פֿילט נאָר דאָס וואָס דער מענטש שאַפֿט.

קולטור נעמט אַרום אַלץ וואָס דער מענטש האָט נאָר געשאַפֿן, סיי פֿיזיש סיי גייסטיק. זי נעמט אַרום די ווערק פֿון קונסט, וויסנשאַפֿט, טעכניק, רעליגיע; אַלע ווערטן וואָס מענטשלעכע הענט,

ווילן, און מענטשלעכער שכל האָט געשאַפן, וואָס ווירקט אויף דעם פאָרם און אינהאַלט, אויף דער פרייהייט און זעלבסטדיסציפלין, וואָס סטאַביליזירט און אַנטוויקלט. זי ענדערט און באַוועגט און שענקט דעם לעבן איר גייסטיקער דינאַמיק.

די געזעלשאַפטלעכע ווירקלעכקייט און איר אָרדענונג איז ניט דאָס זעלבע וואָס די אָרדענונג, וואָס הערשט אין דער נאַטור, ווייל זי באַשטייט אויך פון אַ באַוווסטזיניקער טעטיקייט, וואָס די דאָזיקע אָרדענונג שאַפט. דערפאַר עקזיסטירט אַ באַזונדערקייט צווישן הומאַניסטיק און נאַטורוויסנשאַפט.

די מענטשלעכע קולטור האָט איר אייגענער געשיכטע וועלכער פאַרצייכנט איר פאַרגאַנגענהייט און אַנטוויקלונג, זי האָט אָבער אויך איר וויזיע פאַר אַ צוקונפט. אָבער קיין שום וויזיע פון אַ נייער קולטור, אויך ניט די וויזיע פון סאָציאַליזם טאָר ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" נאָר ווי אַן אָרדענונג וועלכע מען ווינטשט זיך, צו וועלכע מען שטרעבט. זי קען דעריבער ניט פאַרווירקלעכט ווערן מיט כּוח און צוואַנג.

דער וועג צום סאָציאַליזם איז דאָס ערשטע דאָס אומוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און באַפרייען זיך פון דער אינסטיטוציע פון הערשאַפט (מלוכה). ווייל דער כאַראַקטער פון יעדער הערשאַפט איז דאָס אויפהאַלטן די צעטיילונג אויף הערשער און באַהערשטע, פּריווילעגירטע און בעוולטע. דאָס איינהאַלטן די מאַכט נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם קאַפּיטאַליזם באַדייט דאָס איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקערס, ווי דאָס איז געשען אין רוסלאַנד און איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָקראַטישע מדינות. לויט דער מאַרקסיסטישער קאָנצעפּציע פון אַ פּאַמעלעכער אָפּשטאַרבונג פון דער מדינה, אָדער אפילו אַ „פּאַרלאַמענטאַרישער סאָציאַליזם" וועט צעטיילן די געזעלשאַפט אויף צוויי גרופּן: איינע אַן עליטע, אָרגאַניזירט אין אַ פּאַרטיי, וואָס נעמט אויף זיך די פליכט צו טראַכטן פאַר די מאַסן און זיי ווייסן אויסגעצייכנט וואָס איז גוט אָדער שלעכט פאַר די מאַסן, די צווייטע וועלן זיין די וואָס אַרבעטן און שאַפן, אויסהאַלטנדיק מיט זייער אַרבעט אָט די ביוראָקראַטישע עליטע, וואָס וועט הערשן אין נאָמען

פון פאָלק. דאָס וועט זיין אַזאַ מין הערארכישע געזעלשאַפט לויטן מוסטער פון פּלאַטאָנס "אידעאַלע געזעלשאַפט".

צווישן די באַקאַנטע ליגנס געהערט די מיינונג, אַז "דער אַנאַרכיזם איז די שענסטע אידעע, וואָס לאָזט זיך אָבער קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכן". פרעגט זיך אַ שאלה: צי דער פּראַקטישער, רעאַלער און אַפילו, ווי ער קרוינט זיך, וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם פון די מאַרקסיסטן, האָט ערגעץ־ווו יאָ פאַרווירקלעכט דעם סאָציאַליזם? ניט מיטן כּוח פון מאַכט און טעראָר אין די קאָמוניסטישער לענדער, ניט מיט דער הילף פון פּאַרלאַמענטן אין די דעמאָקראַטישע לענדער. די גרעסטע אוטאָפּיע איז אפשר דער גלויבן, אַז מען קען מיט הילף פון דער מלוכה פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. דערפון דרינגען אַ טייל, אַז קיין גערעכטע געזעלשאַפט קען מען בכלל ניט דערגרייכן. פרעגט זיך אויב דער מענטש קען פאַרניכטן און צעשטערן, פאַרוואָס זאָל ער ניט קענען בויען? אויב ער איז פעיק צו שאַפן אַן אומגערעכטע געזעלשאַפט, פאַרוואָס זאָל ער אויך ניט קענען שאַפן אַ גוטע און גערעכטע געזעלשאַפט?

★

די האָפענונג פאַר דער אויפקום פון אַ נייער קולטור קען מען ניט שטענדיק דענווארטן ביי די מאַסן, וואָס זענען אָפט פאַרסמט מיט שינאה, נאַציאָנאַליזם און ראַסיזם. וואָס לויפן נאָך יעדן דעמאַגאָג, אָדער זיי זענען גאָר פּאַסיוו, זעלטן ווערן זיי צעפלאַקערט פון אידעאַלן און דאַן מאַכן זיי געשיכטע. די אידעאַלן ווערן אָבער געשאַפן פון גרויסע יחידים, זיי זענען די אָנזאָגער פון יעדער נייער תקופה. די אָנזאָגער פון נייע האָפענונגען. דער באַרימטער סקולפּטאָר און מאָלער מיכאל אַנדזשעלאָ, וואָס איז געווען די צירונג פון דער מענטשלעכער קולטור און דאָס געוויסן פון איטאַליענישן פאָלק, איז אין זיין צייט געווען אין גאַנצן איינזאַם, אומבאַקאַנט דעם פאָלק און פאַרהאַסט, ניט ווייניקער ווי דער גענישאַלער דיכטער פון דער אומשטערבלעכע "געטלעכע קאָמעדיע", דאַנטע. זיי האָבן מיט זייער געניאַלן טאַלאַנט באַקעמפט די קאָרופּציע פון קאַטוילישן קאַטאָליציזם און אַריינגעברענגט ליכט אין פינצטערן מיטלאַלטער. אַזעלכע גרויסע נעמען האָבן געמאַכט רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן

אין די מענטשלעכע מוחות און געטריבן פּאָרויס די מענטשלעכע קולטור. דער כּוח פון אַזעלכע יחידים איז אָפט ווייכטיקער פון גאַנצע נאַציעס. אַזעלכע גייסטער האָבן אָפט געמאַכט ציטערן די הערשער און דעספּאָטן פון אַלע צייטן. דאַנטע, מיכל אַנדזשעלאָ, אַ ראַבעי, אָדער סערוואַנטעס און פיל אַנדערע, האָבן ווער מיט דער בייסיקער קראַפט פון זייערע פּעדערס, ווער מיטן טעלעסקאָפּ, ווער דורך פיזיק, געאָמעטערע און אַלגעברע, געענדערט דעם גאַנצן סדר פון מענטשלעכן לעבן און געוואָרן די שעפער פון נייע עפּאָכעס און נייע קולטורן. די קולטור־געשיכטע לערנט אונדז, אַז אַזעלכע ווי אַכימעדעס, סאָקראַטעס, איינשטיין אָדער שעקספּיר האָבן פאַר דער מענטשהייט אַ סך גרעסערן ווערט ווי אַלע הערשערס און זיגערס און מלחמות. זייערע נעמען וועלן אייביק לויכטן, ווען די נעמען פון די אַמאָל באַרימטע פּאָליטיקערס זענען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן אויך גרויסע פילאָזאָפן,דענקערס, דיכטערס און שרייבערס לייכטן מיט זייער טאַלאַנט און מיט זייער וואָרט איבער דורות.

מיר לעבן אין אַ וועלט פון וווּנדערלעכע וויסנשאַפטלעכע גייסטיקע דערגרייכונגען און אַנטדעקונגען, וואָס רעוואָלוציאָנירן דאָס גאַנצע מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבן פון די פעלקער און אונדזערע ערד־קוגל. מיר לעבן אָבער גלייכצייטיק אין אַ ציוויליזאַציע וואָס אין דער מערדער פון מענטש. זי האָט אויסגעשאָכטן גאַנצע פעלקער. מיט אירע בלוטיקע מעשים, פאַרסמט זי די מענטשלעכע קולטור. אויב די קריסטלעכע מאָנאַרכן האָבן אונטער פייערדיק־ פרומע רעדעס געשיקט 10 מיליאָן מענטשן צום טויט אויף די קרייצוגן, ברויכט מען היינט ניט דערצו קיין פאַנאַטישע מאָנאַרכן פאַר נייע קרייצצוגן. היינט טוען דאָס די ברוטאַלע מאַכטן פון מיליטאַריסטן און פּאָליטיקאַנטן, וואָס שטייען אין דינסט צום מעכטיקן קאַפּיטאַל, צום גאָט פון געלט. זיי טרייבן עס מיליאָנען צום מאָרד און טויט, אין נאָמען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע און אין שוץ פון דער אייראָפּעישער ״קולטור״. די היינטיקע מלחמות זענען ניט מער, ווי אָרגאַניזירטע מאַסן־מאָרדן. דאָס איז די פאַרשאָלטענע ציוויליזאַציע, וואָס רופט אונדז צו מאָרדן און צו שטאַרבן. דאָס איז אַ

ציוויליזאַציע אַנגעפּירט פון הויך־געלערנטע הענקערס. די הײנטיקע ציוויליזאַציע און די הײנטיקע קולטור איז דער מערדער פון דער פרייהייט. דער מערדער פון דער נאַטור און פון מענטש. מיר מאַכן געוואַלטיקע פּאַרשריטן אין דער וויסנשאַפט און קונסט. דער מענטש שאַפט ריזיקע געניאַלע ווערק, אָבער מיר קריכן נאָך אַלץ, ווי ווערעם אין דער קנעכטשאַפט צו די גענעראַלן און פּאָליטיקאַנטן און מיר פילן גאַרנישט די שאַנדע פון אונדזער ציוויליזאַציע, וואָס מאַכט אונדז פאַר פּחדנים און פאַר עלנטע, אומזיניק פלייש פאַר האַרמאַטן און טאַנקן.

ניין, מיר האָבן גאָרנישט וואָס צו שטאָלצירן מיט אונדזער קולטור, ניט מיט אונדזער כלומשטער פרייהייט און כלומרשטער דעמאָקראַטיע. מען דאַרף זיין בלינד אָדער אָן געפילן ניט צו זעען אַז דאָס וואָס מיר באַטראַכטן פאַר אַ ״נאָרמאַלע וועלט״, איז ניט מער ווי אַ ווירקלעכער גיהנום, אָנגעפירט דורך פינצטערע טייוולאָנים. די איינגעאָרדנטע ציוויליזאַציע איז פאַקטיש אַ גרויסער כאַאָס, אַ מאָראַליש צעפוילטער, אַ ציוויליזאַצע פון מאָרד, גנבות, זעלבסטמאָרדן, באַנקראָטן, אַרבעטלאָזקייט; פון מאָראַלישער צעפוילטקייט, מיט אָנגעפילטע טורמעס און אָנגעפילטע קאַזאַרמעס, ווי מען האַלט באַוואָפנטע מענטשן גרייט צו מאָרדן מיליאָנען, צו פאַרניכטן לענדער און שטעט.

מיר לעבן אין אַ צייט פון אַטאָם, לייזער־שטראַלן און קאָמפּיוטערס, אין אַ תקופה פון גיגאַנטישער פּאַרשריט אין דער וויסנשאַפט און טעכניק. מיר לעבן אָבער אויך אין אַ צייט פון היפּאָקריטיזם און קאָנווענציאָנעלן ליגן. עס גייט ניט דורך קיין טאָג אַז ערגעץ זאָל זיך ניט גיסן קיין בלוט. אין אונדזער צייט פון ״שלום״ קומען פאַר אויף דער וועלט צענדליקער מלחמות אין די פאַרשידענע טיילן פון דער ערד. אומעטום הערשט ברוטאַלקייט און עכזריות. מיר שטייען פאַר די קברים פון אַלע האָפענונגען. עס ליגן באַגראָבן אַלע מענטשלעכע אידעאַלן, ווייל מיר האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין זייער פאַרווירקלעכונג. דער מענטש איז פאַרצווייפלט און אַנטוישט, פאַרמשפּט ער זיך אַליין צו אַ גייסטיקן טויט. אַ מין גייסטיקער שווינדזוכט באַהערשט גרויסע מאַסן, אַזעלכע כאַפּן זיך אָן, ווי

אַן איינציקע האָפענונג אין אַ גלויבן אין פּירערס, דערלייזערס, פּאַרטיי־אינטריגאַנטן, שווינדלערס־דעמאַגאָגן און פּאַרטיי־קאַריערניסטן. די פּאַרטייען באַטריגן זיך און די מאַסן. זיי שפּאַלטן און פּאַראַייניקן זיך און האָבן אַ גאַנץ שוואַכן אידעיִשן באָדן אונטער זיך. זיי זענען צו קורצזיכטיק צו באַגרייפן די נויטן פון די מאַסן און די געבורטסווייען פון דער צייט. אין די פּאַרשידענע פּאָליטישע מאַכינאַציעס און אינטריגעס ווערט נוצלאָז פּאַרשוואָנדן די ענערגיע, איניציאַטיוו פון אָפט נוצלעכע און ערלעכע מענטשן. אין די ענגע פּאַרטיי־גרענעצן פּאַרלירט דער מענטש דעם אידעאַליזם און דעם כוח צו קעמפן, די פּאַרטייען שענקען אויסגעבאַרגטע געדאַנקען, וואָס טויטן אָפּ דעם ווילן צום פרייען, זעלבשטענדיקן טראַכטן מיט אייגענע געדאַנקען.

איז דען אַ וווּנדער וואָס דער רעליגיעזער פּאַנאַטיזם און רעליגיעזע אַגרעסיע פּייערט איר גרעסטן נצחון? דער גלויבן אין גאָט, אין אַ פּירער, הערשער און דערלייזער איז אַ רעזולטאַט אויך פון די טיף איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, אָן וועלכע ס'איז קריטיק. דער רעליגיעזער גלויבן איז דער גרונט־באַדינג פּאַר דער מאַכט און הערשאַפט. עס שפּילן דערצו צו די אַלגעמיינע אומוויסנקייט פון די מאַסן, פּאַרשקלאַפטע צו טאָגטעגלעכע אַרבעט, צום זאָרג פּאַר עקזיסטענץ. די רעליגיעזע טראַדיציע ווערט איינגעפּלאַנצט פון דער קינדהייט. זי ווערט דערנערט און געפּלעגט דורך פּאַרסמערס פון די נשמות, דורך פּרומע פּאַנאַטיקערס, דורך פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקערס און דאָס קריצט זיך איין אין אומקריטישע מוחות און ווערט אַ גייסטיקע געוווינהייט, וואָס איז אָפט מעכטיקער פון דעם געזונטן מענטשלעכן פּאַרשטאַנד. די פּאַרשאָלטענע מענטשלעכע געזעלשאַפט האַלט מיליאָנען אין אייביקער בלינדקייט און פּאַרוואַנדלט זיי אין קרבנות פּאַר די בלוטיקע מיליטעריש־דיפּלאָמאַטישע געטער. דורשטיקע נאָך מאַכט, דורשטיקע נאָך בלוט. די פּאַרייאושטע מאַסן, וואָס קענען ניט אַנטלויפן פון גורל, זוכן אַ טרייסט און האָפענונג אין דער רעליגיע, ווער אין אַלקאָהאָל, אָדער נאַרקאָטיק, ווער ס'זוכט זיין גליק אין דער האָפענונג אין אַ גרויסן געווינס אין מפעל הפיס. ווייל וואָס איז דען געבליבן נאָך דעם, ווי אַלע

אידעאַלן האָבן באַנקראָטירט, די „איזמען" האָבן פאַראַטן?

אָט די פאַרסמטע מענטשן־מאַסע, וואָס אָנשטאָט צו רייסן זיך נאָך ליכט, נאָך פרייד און גליק, נאָך פרייהייט און גערעכטיקייט, נאָך אַ נייער קולטור און נייעם געזעלשאַפטלעכן לעבנסטיל, זענען אָבער זייערע מוחות פאַרטעמפּט פון די פרעדיקערס, וואָס חוזקן פון יעדן דרייסטן און פרייען געדאַנק. יעדן ליכטיקן אידעאַל פאַרשרייען זיי ווי אַ פוסטע אוטאָפּיע, פאַר אַ נאַיוון חלום, וואָס קען קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. זיי פאַרסמען דערמיט די מוחות און פאַראַליזירן די הענט פון די מאַסן, כדי צו פאַראייביקן, אָדער פאַרלענגערן די פינצטערע מאַכט פון די פאַרשאַלטענע מושלים איבער די פעלקער. דאָס קריסטנטום האָט דאָס געטאָן מיט איר רוף זיך אָפּצוזאָגן פון די ערדישע גענוסן און פרייד. זיי האָבן געפּרעדיקט, אַ דאָס לעבן איז נישטיק און דער מענטש איז זינדיק. אַזוי אויך אַלע רעליגיעס האָבן גערופן צו געהאָרכזאַמקייט און אונטערטעניקייט צו די אויסנוצערס און מלחמה־מערדערס. צו גאָט און די מושלים, אַלע רעליגיעס האָבן פאַרגעשטעלט גאָט מיט אַ בייטש אין דער האַנט. זיי האָבן עס פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין אַ גוטן שקלאַף און אַ „בראַוון" סאָלדאַט. זיי האָבן דאָס איינגערעדט די מאַסן אַז אַנדערש קען ניט זיין, אַז דער מענטש איז אויף אייביק פאַרמשפּט צו בלייבן אַ שקלאַף צו אָט דער אומזייניקער, אַבסורדאַלער וועלט; אַז קיין שום ענדערונגען זענען ניט מעגלעך אָדער וועלן גאָר ניט געבן, זיי האָבן איינגעפלאַנצט דעם הערשנדיקן יאוש און דעם פּעסימיזם.

די אַלע פּעסימיסטן וואָס גלויבן ניט אין דער מעגלעכקייט פון אַ העכערער און בעסערער קולטור, ווו עס וועט הערשן פרייהייט, יושר און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט; אַ געזעלשאַפט פון פולשטענדיקע האַרמאָניע — אָן אַגרעסיע, אָן געוואַלט, אָן הערשער און אָן באַהערשטע, אָן אויסנוצערס און אָן עקספּלאָאַטאָרן, פאַרגעסן אָדער לערנען גאָרנישט פון דער געשיכטע, אַז פון די צייטן פון שקלאַפעריי האָט דאָך אַזויפיל זיך געענדערט, אַז דער מענטש האָט אַמאָל געלעבט אין היילן. זיי זעען גאָרנישט אַז די אָנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט מוז ניט דווקא פירן צו טויט און פאַרניכטונג.

האָבן מיר דאָך היינט מער מענטשרעכט, מער דעמאָקראַטיע, ווי אין די צייטן פון די נעראָס און אַנדערע דעספּאָטן און זעלבסטהערשערס. דאָס גיט אונדז דעם גלויבן, אַז די געשיכטע וועט ניט בלייבן שטיין ביי דער היינטיקער פאַרדאָרבענער תקופה און מיט זיכערע טריט וועט זי שפּאַנען פאָרויס צו אַ נייער קולטור. צו מער מאָראַל, צו מער פרייהייט און יושר.

די אַלע וואָס גלויבן ניט אין דער מעגלעכקייט, די וואָס גלויבן ניט אין נייע דרייסטע געדאַנקען נאָר אין אַלץ וואָס די מערהייט זאָגט און אָנערקענט פאַר ריכטיק, זיי פאַרגעסן אַז פאַר קאָלאָמבוסן האָט די גאַנצע וועלט געגלויבט, אַז די ערד איז פלאַך. און פאַר גאַליליי און קאָפּערניקן האָבן אַלע געגלויבט, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד. האָט דען די וועלט ניט געלעבט אין אַ טעות? אַזוי האָבן פעלקער געגלויבט אַז אַ פאָלק קען ניט לעבן אָן אַ קייזער און היינט גלויבן נאָך מאַסן מענטשן, אז מען מוז האָבן איבער זיך מיניסטאָרן און גענעראַלן, מעגן זיי זיין ווי נאַריש און ווי קאָרומפּירט. נאָך היינט לעבן מיליאָנען אין איבערגלויבנס און אין קאָנווענציאָנעלע ליגנס.

די פּרעקוסאָרן, די פאָרגייער אין קאַמף פאַר אַ נייער קולטור, קען מען געפינען ניט נאָר אין די פילאָזאָפיעס פון אַנאַרכיזם אָדער ניהיליזם, נאָר אויך אין די פילאָזאָפיעס פון ניטשע, שאָפּענהויער, יונג, מאַרצעל, מאַנער, ווי אין דער פסיכאָאַנאַליז און אין דער פראַנצויזישער „נייע פילאָזאָפיע", אַוודאי אויך אין דער אַלט־אינדישער און כינעזישער פילאָזאָפיע פון קאָנפוציוש און טאא ביז צו די פילאָזאָפיעס פון גאַנדי און טאַגאָראַ, ווי אויך אין די היינטצייטיקע פּרווון צו אַנדערש אינטערפּרעטירן דעם נייעם טעסטאַמענט ביז די פּרווון פון דער צעבונטעוועטער גענעראַציע, וואָס דערקלערן אַ טאָטאַלע מלחמה קעגן אַלע מלחמות. זיי אַלע העלפן און פלאַסטערן אויס אַ נייעם וועג צו דער נייער קולטור, ווי אַ נייע האָפענונג פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

סקיצן פון א רייזע איבער מערב־איראָפּע

איך וויל פּאָרויס זאָגן אַז די לייענער, וואָס וואַרטן אַז איך זאָל זיי דערציילן וועגן די שיינקייט פון די באַזונדערע שטעט מיט זייערע פּאַלאַצן, קלויסטערס. מוזעאומס און טעאַטערס וועלן זיך פון די דאָזיקע נאָטיצן שטאַרק אַנטוישן. כאָטש כ׳בין גאָר ניט גלייכגילטיק געווען צו זען די וויכטיקסטע ערטער, צו באַזוכן און צו באַוווּנדערן, וועל איך דאָך דערציילן בלויז וועגן מיינע באַגעגענישן מיט מענטשן, וואָס האָט מיך אַמערסטן, אין מיין רייזע, אינטערעסירט.

מיין רייזע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם פלי קיין ציריך, אין דער שווייץ און אַ חודש אַרום צוריק פון דער פּאַריזער פליפּלאַץ ארלי. וועל איך טאַקע אָנהייבן פון צוריך, די גרעסטע שווייצאַרישע שטאָט. אָבער פאַר דעם אַ פּאָר ווערטער וועגן שווייץ אין אַלגעמיין:

אין שווייץ לעבן נאָענט צו 7 מיליאָן שווייצאַרער און אַ צווי מיליאָן פרעמדע. שווייץ איז אַמאָל געווען אַ מקלט פאַר פּאָליטישע פאַרפאָלגטע, דער עיקר פון צאַרישן רוסלאַנד. היינט זענען די עמיגראַנטן, דאָ הונגעריקע נאָך אַרבעט: פון פּאָרטוגאַל, טערקיי און אַנדערע לענדער. דאָ לעבן דריי פעלקער צוזאַמען און רעדן אין דריי באַזונדערע שפּראַכן, דייטש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש. ערשט אין דער שווייץ האָב איך זיך דערוווּסט פון אַ פערט פאָלק, וואָס רעדט אויף ב׳רומאַניש און גיבן אַפילו אַרויס אַן אייגענע טאָג־צייטונג אין דער ברומאַנישער שפּראַך. ניטאָ צווישן די אַלע פעלקער קיין שום שנאה און קיין קאָנפליקטן, אַלע לעבן צוזאַמען אין איין לאַנד

אין דער גרעסטער טאָלעראַנץ, און יעדער האָט איר אייגענע שפּראַך און קולטור. מען מוז צוגעבן — אַ הויכע קולטור, עס דערשיינען דאָרט 360 טאָג־צייטונגען. כמעט יעדע שטאָט האָט איר אוניווערסיטעט, טעאַטאָרן, מוזיק־צענטערס און אַ רייכע ליטעראַטור, מאָלעריי און פאָלקלאָר.

שווייץ האָט אויך איר רייכע געשיכטע פון קאַמף קעגן פרעמדע אָנגרייפער און ווי קעגן די אייגענע פריצים און פעאָדאַלן, וואָס האָבן געוואָלט אָנוואַרפן זייער מאַכט און הערשאַפט איבער די פרייע שטעט. און טאַקע אין די דאָזיקע קאַמפן האָט זיך געשאַפן די לאַגע, וואָס די שווייצאַרער זענען געוואָרן די באַקאַנטסטע קריגער און סאָלדאַטן, וואָס האָבן געקעמפט אין די פאַרשידנסטע מלחמות און געדינט יעדן וואָס האָט זיי בעסער באַצאָלט, פאַר גיין זיך שלאָגן אויף פרעמדע פראָנטן. צוזאַמען דערמיט איז אָט דאָס קריגערישע פאָלק געווען אויך אַ פאָלק פון קעלנער אין די פאַרשידנסטע האָטעלן אין אייראָפּע און מען האָט טאַקע יעדן האָטעל־אָנגעשטעלטן גערופן אַ "שווייצער", ווייל שווייץ פאַרמאָגט ניט קיין שום נאַטירלעכע אוצרות און דאָס לאַנד איז באַדעקט מיט בערגיקע וועלדער, טייכן און אָזערעס און האָט ניט געקאָנט שפּייזן איר באַפעלקערונג, און די מענער האָבן געמוזט גיין דינען און שלאָגן זיך פאַר אַנדערע.

אָבער דאָס דאָזיקע, פון נאַטור אָרעם לאַנד, איז היינט דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט. אירע בענק זענען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און געלט. וואָס פליסט צו איר פון אַלע לענדער אין דער וועלט. פון וואַנען נעמט זיך איר רייכקייט?

איר ערשטע גרויס־אינדוסטריע איז איר נאַטירלעכע שיינקייט און אירע פרישע לופט, וואָס ציט צו מיליאָנען טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט. אַ דאַנק איר ריינער באַרג־לופט האָבן זיך דאָ געהיילט מענטשן פון פאַרשידענע קראַנקייטן באַזונדער טובערקולאָז, און איר האָט דאָך מסתמא געלייענט דאָס שיינע ווערק פון טאָמאַס מאַן: "דער צויבער באַרג" פון דעם לעבן אין דער דאָזיקער הייל־סאַנאַטאָריום איר צווייטע גרויס־אינדוסטריע, דאָס איז איר פרידלעכקייט, איר נייטראַליטעט און שלום־פּאָליטיק, איבער 150 יאָר האָט שווייצאַריע,

אַט די נעכטיקע „לוין־סאָלדאַטן" ניט געפירט קעגן ווענען ס׳איז, קיין מלחמה. און דערפאַר איז דאָס לאַנד אַזוי פרידלעך העפלעך, טאָלעראַנט און געמיטלעך, כמעט אַ „פּאַרכישפט לאַנד" ווי יעדער דורכגייער באַגריסט דיך העפלעך און יעדע פרוי שמייכלט צו דיר.

איך האָב אָבער געטראָפן אַ צווייט שווייץ, וואָס מאַכט צענישט איר שיינקייט, איר געמיטלעכקייט און פאַרסמט אירע טייכן, וועלדער און איר וואונדערלעכע לופט. דאָס איז די וואָס האָבן, דאָס לאַנד וואָס איז געווען באַרימט מיט איר קליינאינדוסטריע, מיט אויסאַרבעטן פון קעז און זייגערס, די באַרימטע שווייצאַרישע זייגערמאַכערס פון די גרויסע מייסטערס, די קינדער פון אַ גרויסן חלום פון פרייהייט און גערעכטיקייט. וואָס האָבן מיט די הענט אויסגעאַרבעט די זייגערס און יעדער פון זיי איז געווען כמעט אַ פילאָזאָף. זיי זענען עס געווען די ערשטע אין אייראָפּע וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון דייטשן קאַזאַרמעגייסט און האָבן געשטעלט העכער פון אַלץ די פרייהייט און רעכט פונעם יחיד, אַלס ערשטער באַדינג, פאַר אַ פריי הומאַניטאַרער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער פרייהייט־גייסט איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די האַנט־זייגערס, צוזאַמען מיט דער צייט. היינט איז אויפגעשטאַנען אין שווייץ אַ מעכטיקע שווער־אינדוסטריע, באַזונדערס אַ כעמישע, ווי מען דאַרף מער ניט קיין מענטשלעכן טאַלאַנט און שכל, ווו דער אַרבעטער איז מער ניט קיין פילאָזאָף, נאָר אַ ראָבאָט, אַ שקלאַף צו דער מאַשין, און אָט די פאַבריקן האָבן אַ סוף געמאַכט צו דער שווייצאַרישער לופט און פאַרסמט דעם פּרעכטיקן ריין, דעם טייך פון דער לאָרעליי. איר האָט דאָך זיכער געלייענט, אַז שווייץ מוז איצט צאָלן גרויסע סומעס אַנטשעדיקונג, די מדינות, ווי עס פליסט דער ריין פאַר פאַרסמען טויזנטער טאָנען פיש. איר האָט דאָך זיכער די טעג געלייענט אַז אין דער פּרעכטיקער שטאָט באַזעל האָט די באַפעלקערונג צוויי טעג ניט געטאָרט פאַרלאָזן די וווינונגען און ניט עפענען קיין פענצטער, צוליב דעם גאַז וואָס האָט אויפגעריסן אין אַ גרויסער כעמישער פאַבריק. אָבער פאַרוואָס פּראָדוצירט שווייץ כעמישע גאַזן? מסתמא ווייסט

איר וויפל איראַנישע מוסולמענער ווערן דערשטיקט אויף די פּראָנטן פון די גאַזן, וואָס עס שיקט אויף זיי די איראַקישע מוסולמענער, כדי די שווייצאַרישע בענק זאָלן נאָך מער זיך אָנשטאָפּן מיט גאָלד און וואַלוטעס.

אָנגעקומען בין איך מיטאָג־צייט קיין צוריך, פון וואַנען אַ ספּעציעלע באַן פירט פון פלי־פּלאַץ צו דער שטאָט. אַוועקגעלייגט מיין קליינעם באַגאַזש אין אַ ניט טייערן האָטעל האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער גרעסטער שטאָט אין דער שווייץ, וווּ מען רעדט דייטש, וואָס איז שטאַרק ענלעך צו יידיש. אָדער בעסער געזאָגט אַז אונדזער יידיש איז זייער ענלעך צו זייער דייטש.

צוריך אַ שטאָט פון גרויסע בענק, קלויסטערס, פון לוקסוס און זאַטקייט. אָבער מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט איז גראָד געווען מיט דער אָרעמקייט. איך האָב זיך דאָ באַגעגנט מיט אַנאַרכיסטישע יוגנט, וואָס האָבן מיט זייער באַוווּסטזיניקייט מיך דערמאָנט אין די יידישע יוגנט פון פּוילן. איך האָב זיי געטראָפן אין מיטן פון אַ שווערן קאַמף קעגן דער שטאָט־ראַט,וואָס האָט געשטעלט צום דינסט איר פּאָליציי צו די הייזער־איגנטימער, וואָס צוליבן גרויסן דירה־מאַנגל האָבן זיי באַשלאָסן איינלייגן זייערע אַלטע הייזער, צו קענען אויף זייער אָרט אויפשטעלן גרויסע און מאָדערנע הייזער כדי נאָך מער רייך צו ווערן. אָבער גאָר ניט צופעליק לעבן אין די הייזער אָרעמע איטאַליענישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אַ מאָל אַנטלאָפן פון מוסאָלינעס איטאַליע. זיי זענען נאָך די יאָרן, צוזאַמען מיט די הייזער, אַלט געוואָרן, זיי זענען אָבער ניט רייך געוואָרן און האָבן ניט קיין געלט אויף אַריינצוגיין אין נייע דירות, ווו די דירה־געלט איז אַ גאַנץ הויכע און הייזער־באַלעבאַטים זענען ניט גרייט צו באַצאָלן זיי אַנטשעדיקונג, נאָך אַזוי פיל יאָר וואָס זיי האָבן געצאָלט דירה־געלט. האָט די דאָזיקע יוגנט געשטעלט זיך אין שוץ פון די דאָזיקע אָרעמע עמיגראַנטן. זיי איז געלונגען צו אָרגאַניזירן די אַרומיקע שכנים און שוין עטלעכע מאָל איז דער פּאָליציי צוזאַמען מיטן שטאָט־ראַט ניט געלונגען די הייזער איינצולייגן, ווייל די פּאַרזאַמלטע יוגנט, ניט דווקא בלויז אַנאַרכיסטן, צוזאַמען מיט די שכנים שטעלן זיך

אַנטקעגן דער פּאָליציי מיט אַ לעבעדיקע וואַנט פון מענטשן, וועמענס געפיל פון גערעכטיקייט איז אַ הויכע. דערווייל האָט אָט די יוגנט אויסגעפּוצט די הייזער מיט די אַנאַרכיסטיטע סימבאָלן (אַן "A" אין מיטן אַ רינג) באַשמירט די הייזער מיט פּראָטעסט־לאָזונגען און דאָס אין זעקס ערטער אין מיטן צענטער פון דער רייכער שטאָט.

אין מיינע שמועסן מיט אָט דער יוגנט האָבן זיי דאָס ערשטע מיך געפרעגט פאַרוואָס ווערן די פּאַלעסטינער אין ישראל באַעוולט? פאַרשטענדלעך אַז כ׳האָב ניט געלייקנט, פאַר זיי, אַז דאָס לעבן פון די אראבער אין ישראל איז א גאַנץ שווערע אין אז די ישראל־רעגירונג האָט לגבי זיי געמאַכט ניט ווייניק פעלערן. איך האָב זיי אָבער דערציילט אַז אויך די יידן זענען ניט ווייניק באַעוולט. איך האָב זיי דערציילט וועגן דעם יסורים־וועג פון די געראַטעוועטע יידן פון די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן און זיי איבערגעצייגט, אַז יידן מיט די אַראַבער קאָנען לעבן צוזאַמען בשלום, ווען ניט די שאָוויניסטישע עלעמענטן פון ביידע פעלקער; ווען ניט דער אַראַבישער טעראָר קעגן יידישע פרויען און קינדער. ביי זייער געפיל פון גערעכטיקייט האָבן זיי מיך גוט פאַרשטאַנען,ליידער הערן זיי פון דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע נאָר איינזייטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן די אַראַבער. און כ׳האָב זיי דערציילט, ווי אין ישראל זענען פאַראַנען גאַנצע באַוועגונגען, וואָס פאָדערן גלייכע רעכט פאַר די אַראַבישע מאַסן אין ישראל. ליידער איז ביי די אַראַבער ניטאָ אַזאַ באַוועגונג, פאַר שלום, ווי דאָס איז "שלום עכשיו".

צוויי טעג און צוויי נעכט האָב איך פאַרברענגט אין דער פּרעכטיקער שטאָט ציריך. מיין האָטעל געהערט צו אַ קאַטוילישע האָטעל־נעץ און דערפאַר איז דער פּרייז געווען דאָ ביליקער ווי אין אַנדערע האָטעלן און דעם זכות האָט איבער מיין בעט געהאַנגען דאָס בילד פון גאָטס־מוטער. אַזוי אַז כ׳בין געווען פאַרזיכערט פאַר אַ גוטן שלאָף און גוטע חלומות. פאָרט דאָך אַ יידישע טאָכטער אָבער פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט עפּעס היימישע באַקאַנטע קולות. איך האָב צערוקט דעם פאָרהאַנג און דערזען

אַז אין דעם קעגנאיבערדיקן בנין פונעם שמאָלן געסל, אין אַ פּריוואַטער שטוב, שטיין יינגע יידן אין טליתים און דאַווענען. זעט אויס אַז צו דער סינאַגאָגע איז צו ווייט, און יידן האָבן דאָך ניט קיין צייט, קומען זיי אין אַ פּריוואַטער שטוב דאַ דאַווענען אין אַ מנין, און עס איז דאָך גראָד געווען די סליחות־טעג, האָבן זיי געדאַוונט אַ ביסל העכער. דאָס זענען געווען אַזעלכע וואָס אין שטאָט וואָלט מען זיי גאָר ניט דערקענט פאַר יידן. איך האָבן אָבער געטראָפן אויך אַנדערע יידן. מיט אַ טייל געכאַפּט אַ שמועס. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז קיין פּרנסה פעלט זיי ניט, אין דער שווייץ, פון אַנטיסעמיטיזם ווייסן זיי אויך ניט. די שווייצאַרער אינטערעסירט ניט זייערע עקזאָטישע בגדים און צו רעליגיע זענען זיי גאַנץ טאָלעראַנט. איינער אַ יונגער חסיד האָט מיר געזאָגט אַז אויב כ׳וועל זיין אין לאָגאַנאָ זאָל איך אַריין אין זיין טאַטנס האָטעל, ער האָט מיר פאַרזיכערט אַז דאָרט איז דאָס עסן כשר, אַ סימן אַז אין דעם האָטעל קומען רביים און פרומע יידן פון אַמעריקע און פון ישראל זיך ״דערהאָלן״. איך האָב אויך דאָרט געטראָפן חוזרי בתשובה זעט אויס אַז די דאָזיקע מאָדע איז ניט בלויז אַ ישראלדיקע. אָבער וועגן עולה זיין קיין ישראל טראַכטן זיי גאָר ניט, אַפילו ניט צו פאָרן אויף אַ וויזיט. דערפאַר פאַראינטערעסירט זיך די שווייצאַרישע פּרעסע ניט ווייניק מיט ישראל. איך האָב זיך דערוויסט אין אַ ״ציריכער־צייטונג״ אַז מיט מזל איז אין ישראל געשען די ראָטאַציע. אויפן אָרט פון פרסן איז שמיר געוואָרן פּרעמיער.

דערווייל האָב איך געגאָסן ניט נאָר פון דער שיינקייט פון דער שטאָט נאָר אויך פון דעם טרוקענעם גאָלדענעם האַרבסט, וואָס האָט מיך באַגלייט די ערשטע צוויי וואָכן אין מיין רייזע איבער אייראָפּע

אין ישראל האָב איך זיך באַזאָרגט מיט אַ צוויי־וואָכיקן באַן־בילעט, אַ דאַנק וועלכן כ׳האָב געקאָנט פאָרן איבער גאַנץ מערב־אייראָפּע אין ערשטן קלאַס. ניט ווייל כ׳בין אַ סנאָב נאָר ווייל די דאָזיקע בילעטן זענען נאָר פאָרן ערשטן קלאַס און צוליב די טייערקייט פון די באַנען מאַכט דאָס דאָך אויס אַ סך ביליקער.

און טאַקע, אין אַ זייער באַקוועמע וואַגאָנען בין איך אַוועק קיין באַזעל.

קיין באַזעל בין איך אָנגעקומען נאָך מיטאָג און גלייך אַוועק צו מיינע שווייצאַרישע פריינט, די קיכלערס. ד״ר קיכלער איז אין באַזעל אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט, אַקטיוו אין דעם שווייצאַרישע פאַרבאַנד פאַר מענטשן־רעכט. אויך אַ באַקאַנטער פּובליציסט און שרייבער, ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישע ביכער און בראָשורן איצט גרייט צו ד״ר קירכלער אַ בראָשור אין דייטש וועגן דעם בונדישן מאַרטירער אַרטור זיגלבוים. איך האָב אים צוגעשטעלט אויף דער טעמע אַ ביסל מאַטעריאַלן, אין ענגליש. די קיכלערס פאַרמאָגן, אין דער אַלטשטאָט פון באַזעל אַ גוט באַקאַנטע בוכהאַנדלונג. ווו מען קאָן געפינען זעלטענע אַנטיקוואַר־ביכער און באַזונדער די ביכער וואָס די היטלער־מאַכט האָט באַפוילן צו פאַרברענען. זיי קויפן איין אַזעלכע דייטשע ביכער אין פאַרשידענע לענדער און קומט אויך צוליב דעם אָפט קיין ישראל, ווו ער האָט זייער גוטע פריינט, אין די שטעט און קיבוצים.

איך האָב איבערגעלאָזט מיין קליינעם באַגאַזש אין דעם בוך־האַנדלונג און מיט גרויס נייגעריקייט זיך געלאָזט איבער דער וווּנדערלעך אַלטער שטאָט, געבויט אין אַ געמיש פון רענעסאַנס און גאָטישן סטיל. כ׳האָב דורכגעשפּאַנט די גאַסן. אַדורך דעם גרויסן פּרוכט־ און גרינס־מאַרק — דאָ האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו פאַרזוכן אַ זאַפטיקן אייראָפּעאישן עפּל. די פאַרקויפערין האָט מיט אַ העפלעכן שמייכל מיר אויסגעקליבן די בעסטע און שענסטע עפּל. איך האָב דאַן געטראַכט וועגן דעם תל־אביבער שוק הכרמל, מיט אירע געשרייען און זידלערייער. דער מאַרק איז געווען פול מיט אַלדאָס גוטע, די פרייזן כמעט ווי אין ישראל. פון מאַרק בין איך אַוועק צום ריין, וואָס פליסט אַזוי רואיק און געמיטלעך ווי אין היינעס באַרימט ליד, כאָטש ער פליסט אַרויס, ניט ווייט פון די אלפּן־בערג איז ער דאָך גענוג ברייט און עס שווימען אויף אים אַרום גרעסערע און קלענערע מאָטאָר־שיפן. דער ברעג איז פול מיט טוריסטן און מיט אַ פריילעכע יוגנט. איך האָב מיט די אויגן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס רוישיקע און געמיטלעכע לעבן פון דער שטאָט. באַזוכט אַ מוזעאום

און אַ קלויסטער. איך האָב אָבער געמוזט פאַר זיבן אָוונט צוריקערן אין בוך־האַנדלונג איידער די פאַמיליע קיכלער שליסט זייער געשעפט. און צוזאַמען מיט זיי זענען מיר מיטן טראַמוויי אַוועק צו זייער באַקוועמע וווינונג און ביים אָוונט־ברויט האָבן מיר געפירט אַ לאַנגן שמועס וועגן ישראל אין אירע פּראָבלעמען. די פאַמיליע קיכלער: ער אַ שווייצאַרער פון דור־דורות, די פרוי אַ שפּאַניערין. זענען ביידע גרויסע פריינט פון ישראל. באַזונדער די פרוי קיכלער, וועלכע טראָגט אויפן האַלדז אַ מגן־דוד און איז פול מיט באַגייסטערונג פאַר ישראל. אַלץ דאָרט געפעלט איר, די פרוי קיכלער געפינט ניט קיין ווערטער פון קריטיק, האָב איך איר געמוזט זאָגן, אַז יידן זענען ניט ערגער און ניט בעסער פון אַנדערע פעלקער, עס זענען דאָ גוטע און אויך שלעכטע יידן. דער אַנטיסעמיטיזם איז זייער שעדלעך אָבער פילאָסעמיטיזם האָט די שוואַכקייט, וואָס ווען מען אַנטוישט זיך, קאָן האָבן אַ שלעכטע ווירקונג.

ד״ר הענריק קיכלער איז אַ געלערנטער, אַ קענער פון עטלעכע אייראָפּעישע שפּראַכן. זייענדיק אַ לינקער פּובליציסט איז ער מיט ניט איינשטימיק מיט מיין צוגאַנג צו דער פּראַגע פון די באַציאונגען צו די אַראַבער, ווען ער וואָלט געווען אַ ייד וואָלט איך אים באַשולדיקט אין יידישן נאַציאָנאַליזם און אַפילו שאָוויניזם. זיין סימפּאַטיע צו ישראל איז ניט קיין מויל־שטייער, ער האָט פאַר ישראל אַ סך געטאָן סיי אין שריפט, סיי אין דער פּראַקטישער טעטיקייט. נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט זיך אין דער שווייץ, ווי אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע אָנגעהויבן אַ העצע קעגן ״ישראלדיקן אימפּעריאַליזם״, אַממערסטן האָבן געטרישט די סטודענטן פון נייעם־לינקס און קאָמוניסטן. האָט קיכלער, וועלכער איז באַקאַנט אין די שווייצאַרישע אַקאַדעמישע קרייזן, איינגעאָרדנט אַ סימפּאָזיום וועגן ישראל און ער האָט פון ישראל אַראָפּגעבראַכט אַ שפּאַניער, אַ חבר פון קיבוץ החותרים, וועלכער האָט אין שפּאַנישן בירגערקריג, קעמפנדיק אין דער אַנאַרכיסטישער מיליץ, פאַרלוירן אַ האַנד און פון שפּאַניע איז ער נאָך פראַנקאָס זיג אַנטלאָפן קיין ישראל, וווּ ער לעבט אַלע יאָרן, געשאַפן דאָ אַ פאַמיליע, אויסגעלערנט עברית און אין דער יום־כיפור מלחמה פאַרלוירן אַ

זון. און אָט איז ער דער שפּאַניער געשטאַנען קעגן דער טומלנדיקער קאָמוניסטישער און האַלב־קאָמוניסטישער יוגנט און צווישן אַנדערע זיי דערציילט — „איך בין ניט קיין געבוירענער ייד, כאָטש מיין היים איז ישראל, איך האָב ווי אַ שפּאַניער גאָר ניט קעגן די אַראַבער, ביי מיר זענען אַלע פעלקער גלייך און אַלע האָבן רעכט צו לעבן. איך האַלט די אַראַבער פאַר ניט ערגערע און ניט בעסערע מענטשן, ווי די יידן אָבער איין זאַך, וואָס כ׳האָב געלערנט פון מיין דערפאַרונג, אַז די אָנגרייפער זענען די אַראַבער. אָט האָב איך גלייך נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן אַן אַראַבישע קינדערשולע אין עזה־געביט און כ׳האָב דאָרט אויף די ווענט געזען אַ סך אויפשריפטן און קאַריקאַטורן. האָט מיר אַן אַראַבישער לערער איבערגעלייענט, וואָס דאָרט איז געשריבן, דאָס איז געווען אַ שוידערלעכע העצע צו מאָרד. זייענדיק אין ישראל האָב איך אויך באַזוכט ישראלדיקע שולן. אויך ביי מיר אין קיבוץ איז פאַראַן אַ קינדער־שולע, אָבער קיינמאָל האַב איך ניט געהערט מען זאָל יידישע קינדער העצן צו מאָרדן אַראַבער און פלאַנצן אין זיי אַ געפיל אַז די אַראַבער זענען ניט קיין מענטשן״. פאַרשטענדלעך אַזאַ און אַנדערע דערקלערונגען, ניט פון קיין ייד נאָר אַ שפּאַניער, אַ קעמפער קעגן פאַשיזם, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער דאָזיקער לינקיסטישער יוגנט.

ד״ר קיכלער האָט אויך געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן פאַר מיר אַ צוזאַמענטרעף מיט סטודענטישע יוגנט. איך בין אָבער געקומען קיין באַזעל גראָד אין דער צייט פון האַרבסטפעריען, ווען דער אוניווערסיטעט איז געשלאָסן און די סטודענטן צעפאָרן זיך זייערע היימען.

צומאָרגנס נאָכן פרישטיק בין איך מיט די קיכלערס אָפּגעפאָרן אין זייער בוך־געשעפט, ווו די קיכלערס האָבן מיך געוואָלט באַקענען מיט זייערע אַן אָנגעשטעלטע, וואָס איז די פאַקטישע לייטערין פון דאָזיקן געשעפט, די דאָזיקע פריילין קען ניט בלויז יעדעס ווינקעלע און יעדעס אָרט פון יעדן בוך, זי קען אויך דאָס עס איז געשריבן אין די ביכער. די דאָזיקע אינטערעסאַנטע פריילין איז אָנגעקומען אַרבעטן צו די קיכלערס מיט צוועלף יאָר צוריק, גלייך פון אַ קליידער־מאַגאַזין, ווו זי האָט פריער געאַרבעט און אין אַ קורצער

צייט האָט זי אַזוי באַהערשט איר אַרבעט, אַז אָן איר וואָלטן די קיכלערס זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן. זי אָבער גיט זיך אָן זיי זייער גוט אַן עצה, ווען די קיכלערס פאָרן אַוועק אויף חדשים, פירט זי דאָס געשאַפט מיטן גרעסטן טאַלאַנט און איבערגעגעבנקייט. אין די צוועלף יאָר האָט זי זיך אַזוי אָנגעזאַפּט מיט ביכער, אַז זי אַליין קאָן פריי רעדן וועגן די קאָמפּליצירסטע פילאָזאָפישע פראַגן מיט געלערנטע און דאָקטוירים, וועלכע קומען קויפן און באַזוכן דאָס געשעפט. איר ויסן איז אַן אוניווערסאַלער, דערצו האָט זי אַ פענאָמענאַלן זכרון. זי איז אויך באַקאַנט מיט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, ווי די קיכלערס איז זי אַ פריינד פון ישראל. איר איז באַקאַנט אַפילו די נעמען פון אַלע ישראל-מיניסטאָרן און פאַרטיי-פירער; און מיט די פאַרטייען, און זי האָט וועגן אַלעמען איר באַזונדערע מיינונג. זי האָט טאַקע מיך אויסגעפרעגט וועגן ישראל, באַזונדערס וועגן די קיבוצים און מיר געזאָגט אַז איר חלום איז צו מאַכן אַ וויזיט אין ישראל און צוליב דעם זאַמלט זי אירע פעריע-טעג אויף אַ לענגערן באַזוך. דער צווייטער אָנגעשטעלטער האָב איך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען, ווייל זי איז גראָד געווען אויף אורלויב.

נאָך דעם אינטערעסאַנטן געשפּרעך מיט דעם פרייליין-אָנגעשטעלטע בין איך ווידער אַוועק איבער דער שטאָט, מיטן ציל וואָס מער צו זען, וואָס מער באַרייכערן מיין אויג מיט די שיינקייטן פון דער שטאָט און מיט אירע אייגנטימלעכקייטן. אין אָוונט בין איך אַוועק צו די קיכלערס און נאָכן אָוונטברויט, האָב איך דאָרט איבערגעלאָזט מיין קליינעם באַגאַזש און אין דער באַגלייטונג פון די קיכלערס אַוועק צו דער באַן צו מאַכן אַ נאַכט-רייזע קיין ווענעדיק. איך האָב טאַקע אין די לוקסוס-וואַגאָנען גוט דורכגעשלאָפן די נאַכט און פאַרטאָג אָנגעקומען קיין ווענעדיק.

האָב איך זיך געלאָזט איבער דער שטאָט ווענעדיק, וואָס שטייט ווי אַן אינדזל, אַרומגערינגלט מיטן ים און דורכגעשניטן מיט אַ נעץ פון קאַנאַלן. גלייך ביים וואָקזאַל ציט זיך אַ ברייטער קאַנאַל און איבער אים שווימען גאָנדאָלעס. דאָס איז ניט בלויז אַן אַטראַקציע פאַר טוריסטן נאָר אויך איינע פון די

קאָמוניקאַציע־מיטלען פון איין טייל שטאָט צו דער צווייטער. איך האָב געקוקט אויף דעם קאַנאַל, וואָס איז געווען ברייט ווי אַ טייך; געקוקט אויף די גאָנדאָלן און מיין פאַנטאַזיע האָב איך געזען ווי מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק — די צוויי גרעסטע ענגלישע דיכטערס שעלי און לאָרד בייראָן האָבן דאָ לאַנגע חדשים אַרומגעשוומען אויף גאָנדאָלעס איבער די ווענעציאַנער קאַנאַלן, און געשאַפן זייער וווּנדערלעכע פּאָעזיע. ביידע גרויסע דיכטערס פון אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם, האָבן געמוזט אַנטלויפן פון ענגלאַנד, ווייל ווי האָט מען דען ליב דיכטערס וואָס קאָנען דערציילן פון אמת! דער פרינץ פון דער פּאָעזיע סווירסי ביש שעלי דער מחבר פון דער בונטאַרישע פּאָעמע: "דער באַפרייטער פּראָמאָטעאוס" איז יונג אומגעקומען אין איטאַליע, דערטרונקען געוואָרן אין די וואַסערן פון איטאַליע, און לאָרד בייראָן, דער קעניג פון פּאָעזיע, האָט געטרוימט וועגן אַ פריי גריכנלאַנד און אַפילו געקרוינט געוואָרן אַלס קעניג פון גריכנלאַנד. איז ווי האָב איך געקענט זיך באַהערשן און ניט מאַכן אַ רייזע אין אַ גאָנדאָלע און דערביי טראַכטן וועגן דעם גורל פון דער פּאָעזיע און פּאָעטן. ווען זיי וואָלטן געווען פיליסטערס וואָלטן זיי געקאָנט מיט זייער פאַרמעגן פירן אַ רייך לעבן. זיי האָבן אָבער זיך צעבונטעוועט קעגן פיליסטערישן מאָראַל. בייראָן האָט אין לאָרדן־הויז געהאַלטן זיין באַרימטע רעדעס, ווו ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די רעכטן פון די קוילן־גרעבער און ביי שעלין האָט מען אַלץ צוגערויבט אַפילו זיינע צוויי קינדער. דאָס געריכט האָט געפסקנט אַז ער איז ניט גענוג מאָראַליש זיי צו דערציען. האָט דאָך שוין פּלאַטאָ גערופן צו פאַרטרייבן די פּאָעטן פון זיין לאַנד. ווייל זענען דען דאָ מער געפערלעכע בונטאַרן ווי די פּאָעטן?

איך האָב באַקענט איטאַליע אין דער צייט פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אויף מיין אומלעגאַלן וועג קיין ישראל בין איך דורך דער "בריחה" צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע און מיט די קינדער וואָס, כ'האָב מיט זיך געפירט, געוואַרט לאַנגע חדשים אויף אַ שיף, וואָס זאָל אונדז פירן קיין ישראל. אין דער צייט האָב איך באַקענט איטאַליעס גרויסע שטעט ליב באַקומען דאָס לאַנד און

דאָס פּאָלק, אָבער ווענעדיק האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען. דערפאַר האָב איך אַזוי גיריק געשפּאַנט איבער אירע מיסטעריעזע געסלעך און ברייטע פּלעצער. די געסלעך האָבן מיר אויסגעזען ווי כ׳וואָלט געבלאָנדזשעט אין אַ פּאַרכישפטן לאַבירינט. עס איז גראָד געווען זונטיק און די געסלעך האָבן געהאַט אַ יומטובדיקן אויסזען, געווען פול מיט טוריסטן און כּיבֿין פּאַרכאַפּט געוואָרן מיט די שטראָמען פון יוגנט. איך האָב געזען דוכט זיך דעם גרויסן טריאומף פון דער יוגנט, וועלכע וואַנדערט אַ שטאָלצע איבער דער שיינקייט פון דער וועלט. אָבער וואָס פּאַראַ מאָרגן וואַרט אָט דער פרייליכער, דער ליבער יוגנט פון דער וועלט? זיי וואָלטן דאָך געקענט פאַרפּלייצן די וועלט מיט ליבע, גליקלעכער און פרייד אָבער די מושלים פון די לענדער גרייטן צו אָט דער יוגנט צו וואַרפן זיך איינער קעגן צווייטן.

ווענעדיק פאַרמאָגט אַ סך קאַטוילישע קלויסטערס, איז ווי זאָל איך דאָרט ניט אַריינגיין? עס האָט זיך מיר גלייך געוואָרפן אין די אויגן דער גרויסער אונטערשיד פון די קאַטוילישער קלויסטערס און פּראָטעסטאַנטישע קירכעס, וואָס כ׳האָב געזען אין ציריך און אין באַזעל. די פּראָטעסטאַנטן האָבן זעט אויס אַרויסגעיאָגט גאָט פון די קירכעס און דאָרט איז אַלץ אַזוי קאַלט און אָן אַ נשמה, דאַקעגן, אין די קאַטוילישע קלויסטערס הערשט: שיינקייט, מיסטעריע און ראָמאַנטישקייט. פון אומעטום שיינען אַראָפּ די זיסע פּנימער פון דער מאַדאָנע, די פריילין־מוטערס, זייערע שיינקייטן ציען מסתמא צו ניט ווייניק גלויביקע. און אפשר איז די שיינקייט בלויז צו מאַסקירן די קאַטוילישע פאַרברעכנס, אינקוויזיציעס און מאָרד? ווען איך וואָלט געווען אַ קריסט וואָלט איך דאָך ליבער געגאַנגען אין אַ קאַטוילישן קלויסטער איידער אין די קאַלטע זאַלן פון די פּראָטעסטאַנטישע קירכעס. אַרויסגעריסן האָב איך זיך ערשט אין אָוונט פון די געסלעך־לאַבירינט און מיט אַ גאָנדאַלע אַוועק צוריק צום וואָקזאָל, וועלכער איז געווען פול מיט מענטשן פון אַלע לענדער ווי זיי וואָלטן געקומען צו עפּעס אַ פייערלעכן פעסטיוואַל פון פעלקער־פאַרברידערונג. אויף די שטיגן צום וואָקזאַל זענען געזעסן מאַסן יוגנטלעכע, מוטערס מיט קינדער און סתם טוריסטן און

יעדער האָט געוואַרט אויף זיין באַן וואָס זאָל אים אָפּפירן צוריק אַהיים. אויך איך האָב באַדאַרפט לאַנג וואַרטן און מיט פאַרחלומטע געדאַנקען געקוקט אויף דעם שיינעם זונען־אונטערגאַנג, אין אַ שיינעם טרוקענעם האַרבסט־טאָג, איבער דער פאַרכישפטער שטאָט. ווען עס שוין געוואָרן כמעט פינצטער האָט די באַן מיך אַוועקגעפירט קיין זשענעוו. ווידער האָב איך אַ מידער פון אַ סך גיין, גיך אַנטשלאָפן געוואָרן אין מיין לוקסוס־וואַגאָן און געהאַט ווונדערלעכע חלומות, וואָס כ׳האָב זיי ליידער גיך פאַרגעסן.

זשענעוו די שטאָט, וואָס האָט אַמאָל אונטער אירע פליגלען, געשיצט די אַלע פּאָליטישע פאַרפאָלגטע פון די אַלע אכזריותדיקע רעזשימען איז איצט די שטאָט פון אונטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס. דאָ האָט פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז דער צווייטער עקזיסטירט די "פעלקערליגע", ווו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אַ שיעור שלום־קאָנפערענצן. און וויפל קאַפּע האָבן עס די דיפּלאָמאַטן דאָ אויסגעזויפט, וויפל אָנגעפלאַפּלט ווערטער האָט מען דאָ פון די ציינגער געוואָרפן און מער געשטויסן צו נייע מלחמות, ווי צו שלום. אין זשענעוו האָט מיך באַגעגנט דער ערשטער רעגן, האָב איך אויסגעשפּרייט מיין שירם און געשפּאַנט איבער די גאַסן. די באַפעלקערונג רעדט דאָ נאָר פראַנצויזיש. אויב אין די דייטשישע קאַנטאָנען קענען די שווייצאַרער אויך פראַנצויזיש, איז דאָ קען מען ניט געפינען ווער ס׳זאָל פאַרשטיין אַ פּאָר דייטשישע ווערטער. אויך דער לעבנסטיל איז דאָ אַ פראַנצויזישער.

האָב איך דאָ טאַקע ניט געזוכט קיין פאַרבינדונגען און בין אַוועק אין .C.I.R.O דאָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרכיוו, אַ פאַרלאַג און ביבליאָטעק פון אַנאַרכיסטישע דאָקומענטן, ביכער. דער לעבעדיקער גייסט פון דער דאָזיקער באַקאַנטער אינסטיטוציע איז מרים ענקעל. אַ שווייצאַרערין, וואָס צו אַנדערע שפּראַכן האָט זי אויך זיך אויסגעלערנט לייענען יידיש. זי איז געשטאַנען און שטייט נאָך היינט אין פאַרבינדונג מיט די אַמעריקאַנער יידישע אַנאַרכיסטן. זי האָט אויך יאָרן־לאַנג געלייענט די ניו־יאָרקער "פרייע אַרבעטער שטימע". זי האָט מיט אַ צייט צוריק צוגעשיקט אונדזער פאַרשטאָרבענעם מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרק, אהרן טהאָרן אַן אַרטיקל

אין פראַנצויזיש ער זאָל דאָס איבערזעצן פאַר די ״פּראָבלעמען״. זי האָט דאָרט געשריבן וועגן איר רייזע קיין פּוילן, און וועגן דער ״סאָלידאַרנאָשטש״. איך האָב אָבער איר דאָרט נישט געטראָפן, זי איז גראָד געווען אויסער דער שטאָט. דערפאַר האָב איך דאָרט געטראָפן עטלעכע בולגאַרישע פּאָליטישע עמיגראַנטן און מיט זיי האָב איך גוט געקענט זיך פאַרשטענדיקן אין רוסיש. זיי האָבן מיר אויך געוויזן מיין בוך אין יידיש און עברית, וואָס געפינט זיך אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק.

כ׳האָב איבערגעלאָזט די שיינע גאַסן, די אָזערע, די פּאַרקן און רייכע געשעפטן. די שטאָט פון אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס און בין אָפּגעפאָרן קיין לוזאַן, אויך דאָ פאַרברענגט נאָר אַ פּאָר שעה. אין ביידע שטעט האָב איך געטראָפן אויסגעשטעלטע טישלעך ווי עפּעס אַ ״בירגער־איניציאַטיוו״, וואָס זאַמלען, אונטערשריפטן קעגן בויען אין שווייץ אַטאָמישע רעאַקטאָרס.

אין שפּעטן אָוונט בין איך שוין געווען צוריק אין באַזעל. דאָ האָב איך ביי דער פאַמיליע קיכלער אָפּגעגעסן און געלייגט זיך שלאָפן, כדי גאָר פרי אויפצושטיין, אין דער באַגלייטונג פון די קיכלערס בין איך פרי אָפּגעפאָרן צום וואַקזאָל, כדי אַוועקצולאָזן זיך קיין מינכען. וואַרטנדיק אויפן צוג האָב איך זיך געפונען אין אַ דערהויבענעם געפיל, וואָס כ׳האָב געהאַט די גרויסע געלעגנהייט צו באַקענען דאָס ווונדערלעכע לאַנד פון געמיטלעכקייט, טאָלעראַנץ און העפלעכקייט. פון דער צווייטער זייט האָט מיך אַרומגענומען אַ שווערער געפיל וואָס כ׳פאָר קיין דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון די גרויליקסטע מערדערס. איך בין אָבער פאַרבעטן געוואָרן דורך יונגע דייטשן, וואָס ווייסן ניט פון קיין פעלקער־און ראַסן־שינאה. זיי זענען געווען ביי מיר אין תל אביב און כ׳האָב געפילט אַ חוב מיט זיי זיך צו טרעפן. ליידער איז מיין צווייוואָכן־באַן־בילעט געהאַלטן שוין ביי ענדע. אין ווייטע און לאַנגע רייזעס קען איך זיך מער ניט דערלויבן, האָב איך באַשלאָסן אַריינצופאָרן בלויז קיין מינכען און פון דאָרט נאָך האָלאַנד וואָס האָט מיך אַמשטאַרקסטן געלאָקט. מיט אָט דעם שווערן געפיל, אַז כ׳פאָר אַריין אין דעם לאַנד, וועמענס מענטשן האָבן אַזוי פיל בלוט

פּאַרגאָסן, אַזעלכע מוראדיקע רציחות דורכגעפירט און אומגעבראַכט מיין משפּחה, מיינע נאָענטסטע און טייערסטע חברים, בין איך אַריין אין מיין לוקסוס וואַגאָן וועלכער איז כמעט געווען ליידיק און מיטן טאָפּלטן געפיל באַשלאָסן, דורכן וואַגאָן־פענצטער צו אַבסערווירן אָט דאָס דאָזיקע לאַנד, ווי זי זעט איצט אויס.

איך בין געזעסן איינער אַליין אין אַן אָפּטיילונג פון וואַגאָנען פאַר זעקס פּאַסאַזשירן, פּלוצים עפנט ווער די טיר און ווער פרעגט העפלעך צי מען קען זיך זעצן נעבן מיר? וועלכער מאַן וואָלט דאָס ניט געווען מסכים, אַז קעגנאיבער אים זאָל זיך זעצן אַ יונגע שיינע פרוי?

און אַז מען דאַרף זיצן פינף שעה צוזאַמען אין איין אָפּטיילונג פון אַ לוקסוס־וואַגאָן איז דאָך נאַטירלעך, אַז עס פאַרבינדט זיך גלייך אַ שמועס צווישן אונדז. דאָס וויכטיקסטע, וואָס זי וויל פון מיר וויסן איז וועגן מיין איינדרוק, מיט וואָס איך פאַר אַוועק פון דער שווייץ. און איך שילדער איר מיט גרויס ענטוזיאַזם מיין טיפע דאַנקבאַרקייט צום שווייצישן פאָלק פאַר איר העפלעכקייט און פריינדלעכקייט, ווי אויך פאַר דער שיינקייט פונעם לאַנד. איך באַמערק אָבער גלייך אַ טיפע אַנטוישונג אויף איר שיין פּנים און זי זאָגט צו מיר: „האָסט ליידער, מיין פריינד, גאָר ווייניק געזען און גאָר ווייניק געלערנט אין דיין רייזע איבער שווייץ. דו האָסט ניט געזען, אַז דאָס שווייצישע פאָלק טראָגט אַ גרויסע מאַסקע אויף איר פּנים. די גאַנצע פריינטלעכקייט און העפלעכקייט איז דורך און דורך אַ פאַלשע. אונטערן פריינטלעכן שמייכל ליגט באַהאַלטן אַ טיף שינאה צו יעדן פרעמדן, כאָטש זיי טוען די אַרבעט וואָס די שווייצער ווילן ניט טון און מאַכן, מיט זייער אַרבעט, רייך דאָס לאַנד. יעדער צווייטער שווייצער דינט דער געהיים־פּאָליציי און טראָגט צו גלייך ווער פון די פרעמדע איז געבליבן אָן אַרבעט, כדי מען זאָל אים גלייך פאַרטרייבן פון לאַנד. „איך אַליין האָט זי געזאָגט, שטאַם פון אַ רייכער משפּחה און האָב געהאַט די גוטע געלעגנהייט צו באַקענען דעם כאַראַקטער פון די שווייצאַרישע בירגער. זיי איז פרעמד וועלכע עס איז אידעאַלן. זייער איינציקער אידעאַל איז געלט און אַ באַקוועם לעבן. זיי

גייט גאָר ניט אָן וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. האָב איך טאַקע געפילט זיך ווי אַ פרעמדע צווישן מיין פאָלק. איך האָב פאַרלאָזט מיין לאַנד, צוויי יאָר געלעבט און געלערנט אין ענגלאַנד, שפּעטער אין פּאַריז. איך האָב אומעטום געזוכט פאַר זיך אַן אידעאַל און אַ ציל אין לעבן. איך האָב אָבער געטראָפן אַלע שענסטע אידעאַלן באַנקראָט. אויך דער סאָציאַליזם האָט מיך טיף אַנטוישט. אויך אין פּריוואַטן לעבן האָב איך קיין גרויס נחת ניט געהאַט. זיך יונג פאַרליבט אין אַ בחור, אָבער מיט דער צייט האָב איך אים דערקענט אין זיין גאַנצער פּוסטקייט, מיט זיין מענערשאָוועניזם, און איצט וויל איך זיין אַליין און פריי. מיין איינציקער באַגער איז צו האָבן אַ קינד, וואָס זאָל מיר זיין אַ חבר אין לעבן, אָבער קיין מאַן איבער זיך וויל איך ניט מער האָבן".

מיר האָבן ווייטער גערעדט וועגן שווייץ און זי האָט מיט פאַרצווייפלונג אויסגעשריגן: — וואָס האָבן זיי געמאַכט פון מיין שיינעם לאַנד!!

איך האָב אָבער געוואָלט פאַרבעסערן איר געפיל צו איר לאַנד און דערציילט איר וועג דער גרויסער ראָלע וואָס שווייץ האָט געהאַט פאַר די פּאָליטישע גערודפטע פון אַלע לענדער. איך האָב איר דערציילט וועגן דער גרויסער אידעישקייט פון די שווייצאַרישע זייגערמאַכער פון די יוראַבערג, וואָס זענען געווען אפשר די ערשטע אין אייראָפּע אַנאַרכיסטן, איך האָב איר דערציילט וועגן דער אידעישער יוגנט וואָס כ'האָב געטראָפן אין צוריך און זייער קאַמף קעגן איינלייגן די אַלטע הייזער, אָן צו באַצאָלן אַנטשעדיקונג פאַר די איינוווינער. איך האָב איר דערקלערט, אַז אויך איך בין אַן אַנאַרכיסט פון ישראל און פאַרבונדן חבריש מיט אַנאַרכיסטן פון פאַרשידענע פעלקער און אַז איך פאָר צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז. האָט זי מיר געזאָגט, אַז לײדער ווייסט זי זייער ווייניק וועגן אַנאַרכיזם. זי ווייסט בלויז אַז אַנאַרכיסטן זענען קעגן יעדער אָרדענונג און זי פאַרשטייט ניט ווי קען מען לעבן אין אַ געזעלשאַפט אָן וועלכע עס איז אָרדענונג! איך האָב איר דערקלערט, אַז דער אַנאַרכיזם איז גראָד פאַר דער העכסטער אָרדענונג, אָבער געשטיצט אויף יושר און גלייכקייט.

איך האָב איר געוויזן וויפל גוטס ליגט אין דעם שווייצישן סיסטעם פון קאַנטאָנען אָנשטאָט אַ צענטראַלע מאַכט, ווי יעדער פון די איבער צוואַנציק קאַנטאָנען, באַשליסט אירע אייגענע געזעצן און מאַכט מעגלעך, אַז דריי פעלקער זאָלן לעבן צוזאַמען אויף איין טעריטאָריע, אָן פעלקער־האַס און אָן מלחמות צווישן זיך. זי האָט נייגעריק געהערט אַלץ וואָס איך דערצייל איר וועגן אַנאַרכיזם און צום סוף אויסגערופן: „אייגנטלעך זענען דאָס דאָך מיינע געדאַנקען. איך האָב דאָך גאָר ניט געוווסט אַז איך בין פּאַקטיש אַן אַנאַרכיסטקע!“ האָב איך איר געטרייסט, אַז זי איז ניט די איינציקע, וואָס טראַכט ווי אַן אַנאַרכיסטקע און ווייסן ניט גאָר ניט וועגן אַנאַרכיזם, אָדער האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט די פאַלשע און פאַרקריפּלטע מיינונגען, וואָס די שונאים פון אַנאַרכיזם פאַרשפּרייטן איבער דער וועלט. איך האָב איר געגעבן דעם אַדרעס פון די קיבלערס זי זאָל זיך מיט זיי פאַרבינדן.

ווייטער איז אונדזער שמועס אַוועק וועגן ישראל. זי האָט מיר דערקלערט, אַז זי איז אַ קעגנערין פון ישראל צוליב איר ברוטאַלער באַציאונג צו די פּאַלעסטינעזער. איך האָב ניט געלייקנט אין די פעלערן וואָס די ישראל־רעגירונגען האָבן געמאַכט און מאַכן קעגן די אַראַבישע מאַסן אין ישראל, איך האָב אָבער איר אויך דערציילט, אַז די יידן אין ישראל האָבן ניט קיין לייכט לעבן אונטער דעם אַראַבישן טעראָר, וואָס ווערט געשטיצט פון די אַראַבישע פעאָדאַלע מדינות און פון ראַטן־פאַרבאַנד. כ'האָב איר דערציילט וועגן דאָס אומברענגען דאָס אייראָפּעישע יידנטום דורך די נאַציס און וועגן ישראל אַלס אַ היים פאַר די געראַטעוועטע פון אומקום. איך האָב איר דערציילט וועגן דער שלום־באַוועגונג און וועגן דער קיבוצישער באַוועגונג. זי איז מסכים געווען אַז צווישן פאָלק און איר הערשנדיקער קליקע ליגט אַ גרויסער מהלך. זי האָט האָט אַלץ מיט נייגעריקייט אויסגעהערט און מיר געזאָגט, אַז אייגנטלעך דאַרף ישראל זיין אַן אינטערעסאַמט לאַנד און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט זי באַזוכן ישראל. איך האָב איר געגעבן מיין אַדרעס אין ישראל און זי איר אַדרעס אין שווייץ און גאָר ניט באַמערקט, ווי עס איז דורך די פענצטער פון וואַגאָן דורכגעלאָפן אַ שטיק דייטשלאַנד,

און אַז עס זענען גיך דורכגעלאָפן די שעהן און מיר האָבן זיך שוין געפונען גאָר נאָענט צו מינכען.ביידע האָבן מיר געפילט אַז מיר האָבן זיך נאָך אַ סך וואָס צו זאָגן און באַשלאָסן אומבאַדינגט זיך טרעפן אין ישראל, אָדער אין שווייץ, אויף פאַרצוזעבן אונדזער אינטערעסאַנטן שמועס. שוין נאָענט צו מינכען האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי קומט איין מאָל אין וואָך קיין מינכען און יעדעס מאָל ווען זי קומט אין דער שטאָט פילט זי זיך אין אַ געדריקטער שטימונג, ווי זי וואָלט אַריינגעפאָרן אין אַ קאַזאַרמע־שטאָט. איך האָב זי ניט געפרעגט צו וואָס זי קומט קיין מינכען, איך האָב אָבער אַלץ נענטער צו מינכען געפילט עפּעס אַ שווער־מעלאַנכאָליש געפיל.

ביים אָנקומען קיין מינכען האָבן מיר זיך גאָר פריינטלעך געזעגנט ווי אַלטע גוטע פריינד.

אָנגעקומען קיין מינכען האָט עפּעס אַ יונג מיידל אַ שאָפערין געכאַפּט מיין וואַליזע און אַריינגעוואָרפן אין איר אַ טאַקסי. איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ברוגעזן זיך די אַרומיקע שאָפערן אויף איר, ווייל עס איז ניט געווען איר רייע. ערשט פאַרנדיק האָט זי מיר דערקלערט אַז די שאָפערן זענען גערעכט. פאַרנדיק האָב איך זיך דערוויסט אַז דאָס דאָזיקע „שאָפער־מיידל" איז שוין אַ מאַמע פון צוויי קינדער און אַרבעט שוין 6 יאָר אַלס שאָפערין מיט איר טאַקסי. איך האָב ניט געהאַט קיין סך צייט מיר איר צו שמועסן, ווייל מיר זענען שוין געווען אויף דער גאַס נעבן הויז, וווּ זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס מאָל האָב איך ניט דערלויבט אַז אַ פרוי זאָל שלעפּן מיין וואַליזע און זי אַרויסגענומען פון אירע הענט און צוגעטראָגן צו דעם הויז, וווּ מען האָט שוין געוואַרט אויף מיר.

נאָך זייענדיק אין באַזעל האָב איך זיך טעלעפאָניש פאַרשטענדיקט מיט מאַרטען און איר געזאָגט גענוי ווען איך קום און זי האָט שוין געוואַרט אויף מיר מיטן מיטאָג. מיר האָבן זיך באַגריסט, איך האָב איר ביז דאַן פערזענלעך ניט געקענט. דאָס האָט אָבער גאָר ניט געשטערט מיר זאָלן גלייך זיין אויף „דו" און איך זאָל זיך פילן אין איר שטוב היימיש. איך האָב זיך

געוואַשן די הענט און מיר האָבן ביידע גענומען זיך — ווי מיר וואָלטן שוין לאַנג זיך געקענט — צום מיטאָג. און ביים עסן געכאַפּט דעם ערשטן שמועס. אויסגערוט בין איך געווען נאָך דער לאַנגער רייזע אין דעם באַקוועמען וואַגאָן. מיט דער נייגעריקייט צו זען די שטאָט האָב איך פאָרגעלייגט מיר זאָלן גלייך אַרויס אויף אַ שפּאַציר, איבער דער מיר אומבאַקאַנטער שטאָט. מיט די אויגן האָב איך גיריק אויפגעכאַפּט די גאַסן, הייזער און מענטשן און האָב גערן געהערט, וואָס מאַרטאַ דערציילט וועגן דער שטאָט, וואָס זי האָט גוט געקענט.

מאַרטאַ איז לאַנגע יאָרן אַן אַקטיווע אַנאַרכיסטקע, אין די זעלבע יאָרן וואָס איך. זי איז געווען גוט באַקאַנט און באַפריינדעט מיט אַזעלכע אַנאַרכיסטישע פּערזענלעכקייטן, ווי רודאָלף ראָקער און אויגוסטין זוכי. זי האָט געהאַט פריער אַ יידישן מאַן אויך אַן אַקטיווער אַנאַרכיסט, וועמען די היטלעריסטן האָבן אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אין אוישוויץ, פון וואַנען ער איז נאָך היטלערס מפּלה אַרויסגעקומען אַ צעבראָכענער און גיך געשטאָרבן.

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט איז אין דייטשלאַנד, די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג געווען צעטיילט אויף צוויי גרופּן: איינע אַ מיליטאַנטישע, וואָס האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף לגבי דעם היטלעריסטישן טעראָר ענטפערן מיט אַן אַטענטאַט אויף היטלערן. די צווייטע, אַ מעסיקע, האָט בכלל אָפּגעוואָרפן יעדן געדאַנק פון יחידישן טעראָר, אַפילו קעגן היטלערן. זיי האָבן אויך מאָטיווירט אַז אַפילו דער אַטענטאַט אויף היטלערן וועט געלונגען. וועלן די היטלעריסטן ענטפערן מיט אַ שרעקלעכער נקמה און בלוט־באָד איבערן דייטשישן אַרבעטער־קלאַס און באַזונדער אויף דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אָבער, „ביז־ווען" האָט דער היטלעריזם גענומען זיך צו די אַנאַרכיסטן זיי האָבן דערמאָרדעט דעם יידיש־דייטשישן אַנאַרכסטישן פּאָעט עריך מיהזאַם, וואָס האָט ניט באַוויזן צו אַנטלויפן. זיין פרוי איז געלונגען צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט איר מאַנס רייכן אַרכיוו, וואָס די סאָוויעטן האָבן ביי איר, מיט שיינע צוזאָגן, אויסגענאַרט און איר אָפּגענאַרט. אַ געוויסע טייל, צווישן זיי אוגוסטין זוכי, איז געלונגען צו אַנטלויפן, אַנדערע זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן

אין די לאַגערן צווישן זיי מאַרטעס מאַן און איר איז געלונגען אין מיטן נאַכט צו אַנטלויפן דורך דער האָלענדישער גרענעץ צוזאַמען מיט איר קליין טעכטערל. אין אַמסטערדאַם, ניט האָבנדיק קיין פּעניק ביי דער נשמה האָט זי זיך געוואָנדן צו דער יידישער קהילה נאָך הילף. זיי האָבן אָבער אַלס דייטשקע איר אָפּגעזאָגט, זי האָט דאָך ניט געבעטן פאַר זיך נאָר פאַר איר טעכטערל, פון אַ יידישן טאַטן. דאַן האָט מען איר דאָרט געלערנט אַ פרשה הלכה, לויט וועלכן אַ קינד פון אַ ניט יידישער מאַמען איז ניט קיין יידיש קינד. זי האָט אָבער מיט דער הילף פון די האָלענדישע אַנאַרכיסטן זיך דערשלאָגן קיין פּאַריז. דאָ האָט מאַרטאַ זיך באַפריינדעט מיט פראַנצויזישע און יידישע אַנאַרכיסטן און ביי זיי איבערגעלאָזט איר טעכטערל און אַוועק קיין שפּאַניע קעמפן אין דער אַנאַרכיסטישער מיליץ פאַר א פריי שפּאַניע.

פאַרשטענדלעך אַז אין די דריי טעג, וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען האָט זי מיר ניט באַוויזן אַלץ צו דערציילן פון איר שטורמיש לעבן. באַזונדער וועגן איר אָנטייל אין שפּאַנישן בירגער־קריג. איך ווייס בלויז אַז זי איז דאָרט אַרעסטירט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער, אָדער סאָוויעטישער געהיים דינסט און צוזאַמען מיט אַנדערע אַנאַרכיסטקעס און טראָצקיסטינס חדשים לאַנג געהאַלטן געוואָרן אין אַ פרויען־טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. נאָכן זיג פון פראַנקאָס אַרמיי געפינט זי זיך ווידער אין פּאַריז, אָבער אויך אַהער שפּאַנט אַריין די היטלעריסטישע אָקופּאַציע מאַכט און זי מוז אַנטלויפן. איר איז געלונגען דורך פּאָרטוגאַל אָנצוקומען קיין קאַנאַדע, ווי זי האָט געלעבט ביז דער מפלה פון דער היטלער־מאַכט און איבערלאָזנדיק איר טאָכטער, וועלכע האָט שוין באַוויזן גרויס ווערן און אַפילו צו הייראַטן אין קאַנאַדע, און זי קערט זיך צוריק קיין דייטשלאַנד, ווי זי האָט געטראָפן איר שטאָט מינכען אין גאַנצן צושטערט, צוזאַמען מיט אירע רייכע קלויסטערס און מוזעאומס. פון די אַנאַרכיסטישע חברים זענען גאַנץ ווייניק פאַרבליבן, נאָר איינציקע זענען צוריקגעקומען, צווישן זיי אויך אויגוסטין זוכי, וועלכער איז שוין געווען אין די הויכע זיביציקער, דאָך איז ער נאָך אַלץ געווען טעטיק, געשריבן וועגן

שפּאַנישן בירגערקריג, ווי ער האָט געהערט צו די אַקטיוויסטע פּערזענלעכקייטן. ער איז אָפּט אַרויסגעטרעטן אין דייטשן ראַדיאָ און טעלעוויזיע, ווו ער האָט אָפּגעלייקנט די פּאַרשפּרייטע ליגנס אַז אַנאַרכיזם פאַרנעמט זיך מיט טעראָר. ער האָט אויך צוויי מאָל באַזוכט ישראל (געווען אַ מאָנאַט צייט אַ גאַסט אין מיין שטוב). ער האָט אויך געגעבן צוויי לעקציעס אין תּל־אביבער אוניווערסיטעט און אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די ישראל קיבוצים, געווען אויך עטלעכע מאָל אין שוועדן. ער האָט זייער שלעכט געזען אויף זיינע אויגן, געווען אויך ניט געזונט, האָט אים מאַרטע, געהאָלפן מיט אַלעמען און געווען ביי זיין בעט ביז ער אויסגעהויכט זיין נשמה, אַלט זייענדיק 91 יאָר. ער איז געווען איינער פון די גרויסע הומאַנע פּערזענלעכקייטן, איינער פון די קעמפער פאַר אַ נייער, פרייער און גערעכטער וועלט.

מיט מאַרטאַן האָבן מיר דריי טעג דורכגעוואַנדערט דעם גאַנצן צענטער פון מינכען. די הייזער מאַכן דעם איינדרוק פון אַ ריזיקער קאַזאַרמע. די צוריק אויפגעבויטע קלויסטערס מאַכן אָבער אַ שטאַרקן איינדרוק. מאַרטע האָט געקענט אַלע הייזער, וואָס זענען חרוב געוואָרן און צוריק אויפגעבויט געוואָרן. גאַנצע גאַסן זענען איצט געשטאַנען, ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין מלחמה ניט געווען אויף דער וועלט. איך וואָלט זיך פיל בעסער געפילט צו שפּאַנען דאָ איבער חורבות איידער צו באַוואונדערן די קאָלאָסאַלע קלויסטערס. מאַרטע האָט מיך צוגעפירט צו אַ פּלאַץ ווי אויף אַ גרויסן שטיין איז אויפגעשריבן, אַז דאָ איז אַמאָל געשטאַנען די יידישע סינאַגאָגע, וואָס איז דורך די היטלעריסטן פאַרברענט געוואָרן. מאַרטאַ האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אַז די פּראָטעסטאַנטישע קלויסטערס זענען געבויט ווי פעסטונגען, ווייל זיי האָבן טאַקע געדינט אויך אַלס פעסטונגען אין די צייטן פון מלחמה קעגן דער קאַטוילישער הערשאַפט. מיר האָבן באַזוכט די באַרימטע טעאַטער־קירכע און דעם פעלדהאָרן־האַלע, ווו היטלער פלעגט האַלטן זיינע גיפטיקע העץ־רעדעס קעגן יידנטום.

מאַרטאַ האָט מיר דערציילט וועגן דער שווערער רעאַקציע, וועגן נאַציסטישן גייסט, וואָס הערשט אין בייערן אין דער פעסטונג פון פראַנץ

יאָזעף שטראַוס. עס איז געווען נאָך די וואַלן צום ביירישן פּאַרלאַמענט, פראַנץ יאָזעף שטראַוס, איז ווייטער געבליבן ביי דער מאַכט. די סאָציאַליסטן האָבן פאַרלוירן, ווייל זיי האָבן זיך פאַרוויקלט אין אַ קאָרומפּירטער אַקציע פון בויען הייזער. די גרינע האָבן דערפאַר באַדייטנט פאַרגרעסערט זייערע דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט. מאַרטאַ זאָגט מיר אַז אַלע אירע שכנים זענען ניט נאָר געווזענע, נאָר אויך ווייטער פאַרבליבן נאַציסטן. צו די וואַלן איז דאָס מאָל צום ערשטן מאָל אָפן געגאַנגען די נאַציסטן אונטערן נאָמען פון — "רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי", וואָס האָט אָנגעצויגן ניט ווייניק שטימען. מאַרטאַ איז געווען זייער קריטיש צו איר לאַנד און פאָלק. ווען אַ ייד וואָלט זיך דערלויבט אַזוי קריטיקירן זיין פאָלק וואָלט מען אים זיכער פאַרשריגן פאַר אַן אַנטיסעמיט. אונטער דער השפּעה פון דעם אַנאַרכיזם איז אויסגעוואַקסן אַן עקאָלאָגישע און אַנטי־מלחמה באַוועגונג. די "גרינע" האָבן אָבער די באַוועגונג פאַרקריפּלט דערמיט, וואָס זי טראָגט אויסשליסלעך אַן אַנטי־יענקישן כאַראַקטער, ווי עס וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט קיין סאָוויעטישער אימפּעריאַליזם. אין דער "גרינער"־באַוועגונג געפינען זיך סימפּאַטיקער פון אַנאַרכיזם, סיי אָנהענגער פון לענינען אָדער טראָצקין, וואָס האַלטן אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד, האָט פאַרראַטן די רעוואָלוציע און דער קאָמוניזם אין איז צו אָפּאָרטוניסטיש. איך האָב איינעם פון די דאָזיקע "אַנטי־יענקישע" — געפרעגט פאַרוואָס נאָר אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, עס עקזיסטירט דאָך אויך נאָך אַן אימפּעריאַליזם, האָט ער מיר געענטפערט אַז דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם איז פיל שעדלעכער פון סאָוויעטישן.

נאָך זייענדיק אין שווייץ האָב איך געהערט אַז אין דער שטאָט באָן איז דערמאָרדעט געוואָרן, דורך די טעראָריסטן, איינער פון די וויכטיקסטע באַאַמטע פון אויסערן מיניסטעריום. נאָך דעם ווי ס'איז ליקווידירט געוואָרן די באַדער־מיינהאָף כנופיה איז אויפגעשטאַנען די "ראָפ" טעראָריסטן, וואָס רופן צו אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער דייטשישער רעגירונג "אַלס דינערן פון יענקי־אימפּעריאַליזם". זי האַלט זיך ביי דער אונטערגרונט־קאָנצעפּציע און ביי דער קאָנצעפּציע פון מאַו־טסע־טונגס "שטאָט־גערילאַ". זיי האַלטן זיך פאַר

אמתע לענייניסטן און בענקען נאָך צום סטאַליניזם זיי רופן צו אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, וואָס זאָל איינשטעלן אַ "דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", וואָס באַדייט אייגנטלעך אַז נאָך דער רעוואָלוציע (זייער אַ רעוואָלוציע) וועלן זיי די אַנאַרכיסטן "שטעלן צום וואַנטל". די אַנאַרכיסטן זאָגן גערן זיך אָפּ פון דינען אַזאַ רעוואָלוציע, וואָס זאָל ווידער פאַרשמאַכן דעם מענטש און צורויבן זיין פרייהייט. מערב דייטשלאַנד איז אַ גינסטיקער באָדן פאַר די פאַרשידנסטע טעראָר־גרופּן. לענייניסטישע, ווי נאַציסטישע, די גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, די שינאה צו די "גאַסטאַרבעטער", אַ שינאה וואָס איז געוואָרן דער עיקר קעגן די טערקן, גיט אַ מעגלעכקייט פאַר אַ באַנייטן וווקס פון נאַציזם. אָבער די גאַנצע העצע פון דער רעגירונג קעגן טעראָר ווערט געפירט אונטערן מאַנטל: "קעגן אַנאַרכיסטישן טעראָר". עס גייט אַזוי ווייט אַז מען האָט מיד געוואָרנט כ'זאָל הויך ניט באַמערקן דאָס וואָרט — אַנאַרכיזם. פון וואַנען קומט דאָס וואָס די רעגירונג וויל דווקא די לענייניסטן פאַרוואַנדלען אין אַנאַרכיסטן? זיי זענען דאָך ניט אַזוי אידיאָטיש זיי זאָלן ניט וויסן דעם קאָלאָסאַלן אונטערשיד צווישן ביידע, און דאָך. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די טעראָר־גרופּן ווייזן אַרויס זייער סימפּאַטיע און שעפּן זייער אידעאָלאָגיע פון כינעזישן קאָמוניזם, און מאַאָ־טסע־טונג איז געוואָרן זייער געץ. אָבער די גאַנצע, אָפענע און באַהאַלטענע האָפענונג פון דייטשישן מיליטאַריזם און נאַציאָנאַליזם איז היינט — אויף כינע. די איינציקע מעגלעכקייט צוריק צו פאַרייניקן ביידע דייטשלאַנדס, זעען זיי אין דעם צוקונפטיקן קריג צווישן כינע און ראַטן־פאַרבאַנד. אַ באַזונדערע ליבע צו כינע ווייזט טאַקע אַרויס פראַנץ יאָזעף שטראַוס צוזאַמען מיטן גאַנצן נאַציָנאַליסטישן לאַגער, וועלכער טרוימט נאָך אַלץ פון אַ "דייטשלאַנד איבער אַלעס". די דייטשע אינדוסטריעלער מאַכן גרויסע אינוועסטיציעס אין כינע און די רעגירונג שיקט אַהין מיליטערישע אינסטרוקטאָרן, גענעראַלן אין רעזערוו צום אויסשולן די כינעזישע אַרמיי. אין אַזאַ לאַגע ווי קען מען דאָך די מאַאויסטישע "שטאַאַט־גערילעס", ניט אָנרופן מאַאויסטן, וואָס קאָן דאָך באַליידיקן די כינעזישע מאַכט, איז ניטאָ קיין באַקוועמערס, ווי זיי צו קרוינען אַלס אַנאַרכיסטן. ליידער פלאַפּלען דאָס

נאָך אויך ישראל־זשורנאַליסטן.

כאָטש דייטשלאַנד לעבט נאָך אין אַ קאָשמאַרן חלום, וואַקסן דאָרט אויס אידעאישע גרופּן, וואָס קומען מיט געוואַגטע אידעען, פון איבעראַנדערשן די וועלט. מיר געפינען אַזעלכע צענדליקע גרופּן און געזעלשאַפטן, וואָס חוץ דעם קאַמף פאַר עקאָלאָגיע און קעגן מלחמה, קומען זיי מיט אידעאַליסטישע פּרווון ווי דאָס איז די "אלטערנאַטיוו" מיט זייערע גערטנער, דאָס זענען אייגנטלעך אַ מין פּרוּוו צו שאַפן שטאַטישע קאָמונעס. און מיר געפינען אין מינכען אַ גרופּע, וואָס לייגט פאַר אָפּשאַפן דאָס געלט און צאָלן דעם לוין אין פּראָדוקטן. עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי דאָס אַלץ דערקלערן מיטן וואָרט — אוטאָפּיע. מיטן דאָזיקן וואָרט קאָן מען אָוועקהרגענען די שענסטע אידעען. איז אָבער די מעשה וואָס די "פּראַקטישע" מענטשן, די "פּראַקטישע" פּאַרטייען האָבן דאָס לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן אומזין, ווי עפּעס אַ ניט־רעאַלע וועלט און שטויסן אַריין די צוקונפט אין אַ גרוילעכן גיהנום, וואָס אפשר נאָר דורך אַן "אוטאָפּיע" קאָן מען נאָך אַרויסשלעפּן פון אירע זומפּפיקע קאָשמאַרן, נאָר דורך עפּעס אַ געוואָגטן חלום.

זייענדיק אין מינכען האָט מען אין אַ סך דייטשישע שטעט אָפּגעצייכנט 50 יאָר שפּאַנישן בירגערקריג, האָט זיך טאַקע געוויסע ראַדאָ־סטאַציעס און טעלעוויזיע זיך דערמאָנט אין מאַרטאַן, וועלכע איז געווען אַן אַקטיווע קאַמפּערין אין דאָזיקן בירגערקריג, מען האָט זי פאַרבעטן אַרויסצוטרעטן אין פאַרשידענע שטעט אויף מיטינגען און זי איז טאַקע פאַר מיין קומען קיין בינכען אַ סך אַרומגעפאָרן, אָבער אויך די דייטשע זשורנאַליסטן האָבן ניט געקאָנט אויסמיידן קיין געמיינקייט און ווען מאַרטאַ האָט אומעטום דערקלערט אַז זי האָט געקעמפט אין שפּאַניע אין דער אַנאַרכיסטישער מיליציע האָבן זיי אומפאַרשעמט געשריבן אַז זי האָט געקעמפט אין דער רעפּובליקאַנישע מיליץ. מיט אָט דעם שווינדל באַנוצן זיך ניט בלויז דייטשישע זשורנאַליסטן נאָר אויך אַלע אַנדערע, באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך אין דער באַציאונג צום אַנאַרכיזם.

האָב איך טאַקע אין מינכען, אין די דריי טעג עפּעס געלערנט

וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער בונדעסרעפּובליק. איך האָב לײדער, צוליב צײַט און געלט ניט געקאָנט זיך דערלויבן צו באַזוכן אַנדערע דײַטשישע שטעט און טרעפֿן זיך אויך מיט אַנדערע חברים. און דעם דריטן טאָג אין אָוונט האָט מיך מאַרטאַ באַגלײט צום וואָקזאַל און זי אַלײן איז אָפּגעפֿאָרן קײן נירנבערג, וווּ עס האָט אויך געדאַרפֿט פֿאָרקומען אַן אָוונט געווידמעט 50 יאָר בירגערקריג אין שפּאַניע. מיר האָבן זיך געזעגנט ווי גוטע פֿרײַנט און באַשלאָסן זיך צו טרעפֿן אין צוויי וואָכן אַרום, אין פּאַריז אויף דעם פּערטן אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס.

ווידער בין איך אין דער נאַכט געפֿאָרן פֿון מינכען קײן אַמסטערדאַם. אײַגענטלעך בין איך פֿאַרבעטן געוואָרן פֿון אַ האָלענדישן חבר אין האַג. אָבער ווי קען מען קומען קײן האָלאַנד און ניט זײַן אין אַמסטערדאַם? האָט מיך אַמסטערדאַם פֿאַרכאַפּט מיט איר באַזונדערקײט, אַז כ'האָב באַשלאָסן דאָ בלײַבן אַ פּאָר טעג. כ'האָב זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ ניט־טײַערן האָטעל אויף אַ שמאָל געסל, אין צענטער פֿון דער שטאָט. און געלאָזט זיך אָוועק וואַנדערן איבער דער שטאָט, וואָס האָט ווי ווענעדיק אַ סך קאַנאַלן. און שמולע געסלעך, אָבער אויך ברײטע גאַסן. איך האָב מיט גרויס סימפּאַטיע געקוקט אויף די מענטשן און דאָס מאָל וואָלט איך פֿון קײנעם ניט געלאָזט זיך איבערצײַגן אַז דאָס פֿאָלק טראָגט אַ מאַסקע. די פֿרײַנטלעכקײט איז בײַ זײ ניט קײן געמאַכטע, ניט קײן קינסטלעכע. איך האָב ממש געפֿילט זיך ווי אין אַן אײגענע הײם. ווי אין אַלע גרויסע שטעט פֿעלן דאָ ניט קײן קלויסטערס, מוזעאומס, טעאַטערס, האַנדלס־מערק. אָבער ווי אַ פּאָרט־שטאָט געפֿינען זיך גאַנצע גאַסן ניט נאָר ווי מען האַנדלט מיט קעז, נאָר אויך מיט סעקס. אויך מיט פּאָנאָגראַפֿישע בילדער, צײַטונגען, ביכער און ווידיאָ, אָבער אַפֿילו דאָס אָנבאָטן סעקס מאַכט ניט קײן אײַנדרוק פֿון געמײנקײט. אַלץ קומט פֿאָר אַזוי סאָליד. איך האָב אָבער באַמערקט אַז חוץ ליבע צו מאָלערײַ איז בײַם האָלענדישן פֿאָלק אַנטוויקלט אַ באַזונדערע נײגונג צו טעאַטער. מען טרעפֿט דאָ זײער פֿיל אַמאַטאָרישע טעאַטערס. פּאָליטישע סאַטירישע טעאַטערס פֿאַר קינדער און יוגנט, טעאַטערס פֿון דער שלום־

באַוועגונג, פון דעם נייעם לינקס. באַזונדער אין די אָרעמע גאַסן אין דער געגנט פון פּאָרט. כ׳האָב געזען, ווי גאַנצע גאַסן פון דער אָרעמקייט ווערן רעמאָנטירט. אויפגעפרישט און באַפּוצט מיט שיינע פאַרבן, און די אָרעמע הייזער ווערן פאַרוואַנדלט ווי אין ווילִיעס. געוויסע שיפן וואָס שטייען ביים ברעג ים, דינען אויך פאַר ביליקע האָטעלן.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט דאָ אירס אן אייגן הויז, ביים אַריינגאַנג איז געווען אַרומגעשטעלט מיט מאָטאָציקלען און וועליסאַפּעדן. עס איז גראָד אָנגעקומען אַ מחנה יוגנט פון עפּעס אַן אויספלוג. די האָלענדישע אַנאַרכיסטן דערציען זייער יוגנט מיט ליבע צו דער נאַטור, צו לאַנד־קענטעניש. זיי האָבן געהערט צו די ערשטע (״פּראַוואָס״) אין אייראָפּע, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס פּראָבלעם פון עקאָלאָגיע. זיי האָבן אין אַמסטערדאַם אַן אייגן טעאַטער און מאַכן יעדעס יאָר, אין חודש אַפּריל אַ קונסטפעסטיוואַל און פאַרבעטן צו אים אויך חברים פון אַנדערע לענדער. איך האָב אויך דערהאַלטן אַזאַ איינלאַדונג צום פעסטיוואַל, פון 86טן יאָר, איך בין אָבער געקומען קיין האָלאַנד ערשט אין אָקטאָבער. גראָד זייענדיק אין אַמסטערדאַם האָבן די אַנאַרכיסטן געגרייט אַ פּראָטעסט־מיטינג און אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען אויף אַ גרויסן פּלאַץ ניט ווייט פון פּאָרט. זענען טאָקע די ווענט פון די גאַסן, אין אָרעמען ראַיאָן, געווען באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, וואָס האָבן גערופן צום מיטינג און צו דער דעמאָנסטראַציע. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פּראָטעסט קעגן דער האָלענדישער פּאָליציי פאַר דערמאָרדן אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אין אַזאַ דעמאָקראַטיש לאַנד פון פּאָליטישן טאָלעראַנץ? די דעמאָנסטראַציע האָט געזאָלט פאָרקומען אין אַ נאָענטן שבת אין אָוונט, ווען איך בין שוין אין האָלאַנד ניט געווען. אין אָט דעם דעמאָקראַטישן לאַנד האָב איך באַמערקט ביי דער אַנאַרכיסטישער יוגנט אַ נייגונג צו קאָנספּיראַציע און ביי זייער גאַנצער לעגאַלקייט מיידן זיי אויס צו אינפאַרמירן אַ פרעמדן וועגן דער באַוועגונג. אין אַמסטערדאַם גופא האָב איך ניט געהאַט קיין באַקאַנטע. איך האָב געהאַט אַדרעסן פון איינציקע חברי צוואָרפן איבערן לאַנד.

איך דעם באַרימטן צענטראַלן אַנאַרכיסטישן אַריוו אין קאָלבערג (אַ 10 קילאָמעטער אונטער אַמסטערדאַם), האָב איך ניט געקענט באַזוכן, ווייל צוליבן רעמאָנט איז ער געווען גראָד געשלאָסן. אויך דעם חבר קאַרל פון האַג, וועלכער האָט מיך פיל מאָל, אין בריוו, פאַרבעטן צו קומען צו אים האָב איך געוואוסט אַז כ׳וועל אים טרעפן אין פּאַריז, אויף דער קאָנפערענץ. האָב איך מיט פאַרגעניגן געוואַנדערט איבער די אַמסטערדאַמער גאַסן איינזאַפנדיק אין זיך, וואָס מער איינדרוקן. איך האָב אויף אַ צענטראַלע גאַס אָנגעטראָפן אַ גרויסע געביידע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קלויסטער, כאָטש קיין צלם איז אויף אים ניט געווען האָט דאָס מיך אינטערעסירט און כ׳בין אַריין אינעווייניק. דאָס איז טאַקע געווען אַ קלויסטער, אָבער פאַר ניט־גלויביקע, פשוט אַ ניט־רעליגיעזער קלויסטער, אָן אַ גאָט, אָן גאָטס מוטער, נאָר מיט אַן אַמבאָנע, וואָס אָנשטאָט גלחים פּרעדיקן דאָרט פּראָפעסאָרן אויף וועלטלעכע טעמעס. אין דעם דאָזיקן ניט־רעליגיעזן קלויסטער (האָט איר שוין אַמאָל געהערט פון אַ זעלכעס?) זענען אָנשטאָט הייליקע בילדער די ווענט געווען באַהאָנגען מיט דאָקומענטאַרע בילדער און פּלאַקאַטן פון דער נייעסטער געשיכטע פון אייראָפּע. מען קאָן דאָרט געפינען פּלאַקאַטן אין רוסיש פון די באָלשעוויקעס, ווי זיי רופן צו שטירצן די ציטווייליקע רעגירונג פון מוליקאָוון, ביז היטלעריסטישע פּלאַקאַטן מיטן האַקן־קרייץ, פול מיט אַנטיסעמיטישע קאַריקאַטורן איבער יידן, פול מיט נאַציסטישן גיפט. אויך פאַרשידענע מלחמה־ און אַנטי־מלחמה פּלאַקאַטן פון פאַרשידענע צייטן אין פאַרשידענע שפּראַכן. איך האָב געוואַנדערט אין אַ וואַלד פון דאָקומענטאַרע, היסטאָרישע פּלאַקאַטן און פאַר מיינע אויגן האָט געשווייבלט אַ שטיק דורכגעמאַכטע געשיכטע פון מלחמות און רעוואָלוציעס פון מיין גאַנצן דור מיט אירע אַלע טראַגעדיעס און גרוילן. איך האָב דאָרט געזען בילדער ווי די דייטשן מאַרשירן אַריין אין חורבן וואַרשע, אויך קיין פּאַריז און קיין אַמסטערדאַם.

געווען בין איך אין אַמסטערדאַם בלויז דריי טעג, כ׳האָב באַזוכט גאָר קורץ בלויז איינציקע קלויסטערס און די אַלטע ספּאַרדישע סינאַגאָגע. ביידע געטער האָבן עפּעס ניט גערעדט צו מיר, אויך צום יידישן גאָט

זיך געפּילט עפּעס פרעמד, אַפילו אין פרעמדן לאַנד. כ'האָב ניט באַזוכט קיין שום טעאַטער, ווייל דאָס לעבן אין טעאַטער איז אָפט צו אויבערפלעכלעך, וועו דאָס לעבן אויך אַפילו מיט איר בייז און גרוילן, איז מער טיפער און אינטערעסאַנט. האָב איך געזוכט אַריינצוקוקן אין די אויגן פון לעבן, געקראָכן אין אַלע קוואַרטאַלן, אַריינגעשטופּט די נאָז אין רעסטאָראַנען, אין די זינד־געשעפטן און די דריי טעג זענען מיר אַדורכגעלאָפן ווי אַ חלום. פון מיין צוויי וואָכיקן בילעט איז מיר געבליבן בלויז אויף איין רייזע, בין איך אַוועק מיטן נאַכט־צוג גלייך קיין פּאַריז. פּאָרנדיק איבער אייראָפּע האָב איך אויף די וואָקזאַלן געטראָפן ניט ווייניק ישראל־טוריסטן, זיי האָבן מיר דערציילט אַז אין פּאַריז איז אַלץ טייער און קיין ביליקע איינקויפן איז ניטאָ קיין האָפענונג צו מאַכן. איך האָב דערמיט זיך ניט שטאַרק איבערגענומען, איך בין דאָך ניט געפאָרן צו כאַפּן מציאות. בין איך טאַקע רואיק דורכגעשלאָפן די נאַכט. בלויז איינמאָל בין איך העפלעך אויפגעוועקט געוואָרן צו ווייזן מיין פּאַס און די וויזע אַריינצופאָרן קיין פראַנקרייך. איך בין דורכגעפאָרן עטלעכע גרענעצן אין ערגעץ האָט מען קיין וויזע ניט געפאָדערט, דאָס איז אויך געווען אַ נייעס און אַן אָנזאָג פון טעראָר, וואָס הערשט איצט אין פראַנקרייך. אין אַ רעגנדיקן וועטער בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז.

דאָס איז שוין מיין דריטע רייזע קיין פּאַריז, ווי כ'האָב שוין פאַרברענגט אַ פּאָר לענגערע וואָכן און דאָס וויכטיקסטע שוין געזען, געקענט אירע גאַסן און מיטן מעטראָ אומעטום דערגרייכט, איך האָב ביי מיינע פריערדיקע וויזיטן שטאַרק ליב באַקומען די שטאָט און כ'בין זיך מודה, אַז כ'האָב אַ ביסל געבענקט נאָך פּאַריז. אין מיינע פריערדיקע וויזיטן האָב איך זיך ניט געגויטיקט אין קיין האָטעלן און געוווינט ביי אונדזער געטרייע חברטע אַדעלאַ, וואָס האָט מיר אַלע מאָל דערקלערט אַז ביי איר איז דער בעסטער האָטעל. דאָס מאָל, האָב איך געוווסט אַז אַדעלאַ איז ניט געזונט, האָב איך איבערגעלאָזט מיין באַגאַזש אויפן גאַר דע נארד און אַוועק זוכן אַ ניט־טייערן האָטעל. לאַנג ניט געזוכט און אין אַ זייטיק געסל אין דער געגנט פון דעם רעפּובליק־פּלאַץ האָב איך געפונען

אַ גאַנץ סימפּאַטישן האָטעל. די אייגנטימערין האָט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל מיר גלייך באַשטימט אַ צימער און כיבין אַוועק ברענגען מיין באַגאַזש. געמאַכט אַ וואַרעמען טוש, זיך איבערגעטאָן און אַוועק איבער דער, מיר גוט באַקאַנטער און שוין היימישער שטאָט. אָבער דאָס מאָל האָט די שטאָט אויסגעזען עפּעס טרויעריק. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל פּאָליציאַנטן, ווי אין עפּעס אַ פּאָליצייאיש לאַנד. עס האָט טאַקע איבערן לאַנד געבושעוועט דער טעראָר, און כ'האָב געקאָנט זיך איבערצייגן אַז די טעראָריסטן, וואָס פלאַפּלען וועגן קאַמף קעגן דער רעאַקציע און פרעדיקן וועגן רעוואָלוציע און פרייהייט, העלפן אָבער מיטן טעראָר צו פאַרשטאַרקן די רעאַקציע און די מאַכט פון דער פּאָליציי איבערן לאַנד.

דאָס ערשטע האָב איך זיך פאַרבונדן מיט אונדזער חבר דוד. ער איז אַמאָל געווען דער אַרויסגעבער פון דער פּאַריזער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט: "דער פרייער געדאַנק", וואָס איז געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער זשורנאַל. דוד פאַרעפנטלעכט, פון צייט צו צייט, אויך אַרטיקלען אין די "פּראָבלעמען". פון דודן האָב איך זיך דערוווסט, וואָס עס טוט זיך אין פּאַריז אויף דער יידישער גאַס. פיל מיינע באַקאַנטע זענען שוין ניטאָ אויף דער וועלט, אַנדערע זענען קראַנק, האָב איך מיט דודן זיך אָפּט געטראָפן און ער האָט מיך באַקענט מיט טיילן פון פּאַריז, וואָס זענען מיר געווען אומבאַקאַנט. איך האָב גלייך אויך זיך פאַרבונדן מיט מיין חבר משה זאַלצמאַן, איינער פון די גרינדערס פון דער מפּ"ס־גרופּע אין פּאַריז. ער איז אויך דער מחבר פון דעם זייער אינטערעסאַנטן בוך "מען האָט מיך רעהאַביליטירס", וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פראַנצויזיש און און דייטש, ער האָט אויך אָנגעשריבן אַנדערע אינטערעסאַנטע בראָשורן. האָט מיך טאַקע זאַלצמאַן אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל צו באַזוכן די קראַנקע אַדעלאַ. אייגנטלעך בין איך דאָך געקומען קיין פּאַריז צו אַן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס, אָבער איך האָב נאָך ביזן קאָנגרעס, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען ענדע אָקטאָבער און אָנהייב נאָוועמבער, געהאַט אַ סך פרייע טעג, האָב איך מיט פאַרגעניגן געשפּאַנט איבער די פּאַריזער גאַסן. געווען אָבער טעג פון רעגן

האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם באַרימטן פּאָמפּידור־צענטער, ווי כ׳האָב געפונען אַן אוצר פון צייטונגען און זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו די דייטשע צייטונגען פון דייטשלאַנד, שווייץ, און עסטרייך און אָפּט פאַרגעסן אַז איך דאַרף אויך גיין עסן. עס איז געווען גראָד נאָך דער דורכפאַל פון דער שפּיצן־קאָנפערענץ צווישן רייגינען און גורבאַטשאָוון אין איסלאַנד אין די צייטונגען האָב איך געפונען אינטערעסאַנטע אַרטיקלען איבער דער סיבה פון דעם דיפּלאָמאַטישן דורכפאַל און באַזונדער וועגן דער א.ג. ״שטערן־מלחמה״. אין אַן עסטרייכישער צייטונג האָט מיר אינטערעסירט אַן אַרטיקל וועגן אַנטיסעמיטיזם, ווי דער דייטשישער זשורנאַליסט דיסקוטירט מיט אַ יידישן זשורנאַליסט, וואָס וויל איבערצייגן אַז יידן מאַכן אַ צו גרויסן רעש מיט די אומגעקומענע זעקס מיליאָנען, און ער מאָטיווירט אַז עס זענען אומגעקומען אויך מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער און דער דייטשישער זשורנאַליסט וואַרפט פאַר דעם יידישן, אַז ער איז צו גלייכגילטיק צום אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן זיין פאָלק. דאָס איז נאָך אַ בלימל, ווי ווייט אויך יידן קאָנען זיין פרעמד צו זייער אייגן פאָלק. דאָס איז אפשר צו מילד געזאָגט. אין צווישן צייט האָב איך זיך געטראָפן מיט דער פיינער דיכטערין רבקה קאָפּע, מיט איר מאַן אין אַ קאַפע, נעבן לוקסנבורגער גאָרטן:

ליידער איז זי ניט געזונט. איך האָב געטראָפן ניט נאָר קראַנקע מענטשן נאָר דוכט זיך דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז דאָ קראַנק. פון די אַמאָליקע פיל קאַפעען, ווי יידן פלעגן זיך טרעפן זענען געבליבן, אַרום דעם רעפּובליק־פּלאַץ בלויז צוויי אַזעלכע קאַפעען ווו יידישע פענסיאָנערן טרעפן זיך אין די פאָרמיטאָג און אין די נאָכמיטאָג שעהן, דאָס זענען אַממערסטן רייכע יידן און רייכע אלמנות, וואָס האָבן מער גאָרניט וואָס צו טאָן, ווי טרינקען אַ קאַפע און באַרעדן איינער דעם צווייטן. דאָס זענען אויך קאַרגע יידן וואָס עטלעכע קויפן צוזאַמען אַ יידישע צייטונג, כדי דאָס זאָל זיי קאָסטן ביליקער. אַ יידיש בוך וועלן זיי פאַר קאַרגשאַפט זיכער נישט קויפן. זיצן זיי טאָג־טעגלעך אין די

קאַפּעען, און פרעגט זיי אדרבא אויף וואָס וואַרטן זיי — אויף משיחן צי אויפן מלאך המות? די קאַפּעע איז דאָס איינציקע אָרט ווי זיי קאָנען ריידן אין אַ היימישן יידיש. אין דער מעטראָ האָט מיך אַ ייד אויפמערקזאַם געמאַכט, מיט אַ שטויס, אַז דאָ איז ניט געווינטשן צו ריידן יידיש. באַהאַלט מען זיך טאַקע אין דער קאַפּעע פאַר דער פרעמדקייט, פאַרן אַנטיסעמיטיזם און אפשר פאַרן מלאך המות, וועלכער לויערט אויף דעם לעצטן דור פון יידן אין דער פרעמד. אַוודאי איז נאָך דאָ אַ פּאָר יידישע שרייבערס און אַפילו אַ טעגלעכע יידישע צייטונג, אויך ערגעץ קומט פאַר אַ רעפעראַט אין יידיש, אָבער דאָס יידישע לעבן דאָ גוסנט. מעגן אין אוניווערסיטעט אַ ביסל סטודענטן לערנען יידיש, און אַ ביסל יוגנטלעכע אויף אָוונט־קורסן, הויכט די יידישע שפּראַך אויס איר נשמה, און אָן דער יידישער שפּראַך וועט קיין יידישע קולטור דאָ ניט בליען. מעגן אַ ביסל קינדער אין ״בערנאַרד לאַזאַר צירקל״ זינגען אַ פּאָר העברעישע לידער וועט קיין יידיש לעבן דאָ ניט אויסוואַקסן. מעגן יידן דאָ מאַכן גוטע געשעפטן, אָבער דאָס יידישע לעבן וועט דאָ אונטערגיין. ווי איז אַהינגעקומען די אידעישע יידישע יוגנט פון בעלוויל? פון דער אַנאַרכיסטישער, קאָמוניסטישער און בונדישער יוגנט, די אַנטלאָפענע פון פוילן און רומעניע פאַר פּאָליטישע רדיפות, די אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן פון אַלע לענדער. אַהער איז דאָך אַנטלאָפן דער וווּנדערלעכער דייטשישער אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער רודאָלף ראָקער, וואָס האָט דאָ אין פּאַריז זיך אויסגעלערנט יידיש און אין לאָנדאָן געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער יידיש־אַנאַרכיסטישער ״זשערמינאַל״. דאָ האָט ער געוווינט און געאַרבעט אַלס איינבינדער צוזאַמען מיט ש. אַנסקי, דער מחבר פון ״דיבוק״. ביידע האָבן אַזויפיל צווישן זיך דיסקוסירט אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו פאַרדינען אויף עסן. דאָ האָבן געלעבט די אַנטלאָפענע פאַר די באָלשעוויקעס, אַנאַרכיסטן פון אַמעריקע, וואָס זענען געפאָרן העלפן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דאָ איז אויסגעוואַקסן שלום שוואַרצבאַרד, וואָס האָט געמאַכט אַן אַנטענטאַט אויף דעם הערשט פון די פּאָגראָמטשיקעס, אַטאַמאַן פּעטלודאַן. אין זיין בוך: ״טעג און יאָרן״ שרייבט שוואַרצבאַרד, וועגן זיך אַז אין טורמע האָט

אים ניט געהאַרט די שטראָף וואָס אים דראָט און ניט אַפילו דער טויט, נאָר דאָס וואָס די אַנאַרכיסטישע חברים זיינע, וואָס זענען קעגנער פון יעדן טעראָר, האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו זיין אַטענטאַט. דער פאַקט אָבער איז, אַז נאָר די אַנאַרכיסטישע דערציונג קעגן מענטשן־חיות האָט אים געשטויסן צום דאָזיקן טאַט. ער וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַן אַנאַרכיסט, איז זיין טויטער קערפּער געבראַכט געוואָרן קיין ישראל, אים דאָ צו באַגראָבן אַלס ציוניסט. און אַפילו די העברעישע ענציקלאָפּעדיע, וועלכע דאַרף דאָך זיין וויסנשאַפטלעך פּינקטלעך האָט אים אויך געמאַכט פאַר אַ ציוניסט. איצט האָט שוין פּאַריז ניט מער קיין יידישע אידעישע באַוועגונגען. זי האָט ניט מער קיין שוואַרצבאַרדס. די לעצטע זענען אומגעקומען אין די נאַצישע לאַגערן און אויסגעשטאָרבן. קיין נייער אידעאישער דור וואַקסט ניט אונטער.

אָבער אויך דאָס פראַנצויזישע אידעאישע לעבן איז קראַנק. מען קען דאָך זיך ניט פאָרשטעלן, אַז די טעראָריסטן פון דער "דירעקטע אַקציע", זאָל קענען באַטראַכט ווערן פאַר אַן אידעאַליסטישע באַוועגונג, כאָטש זיי ריידן וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און וועגן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, זיי זענען אָבער אַ פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע גרופּע, דער אונטערשיד צווישן דייטשישן און פראַנצויזישן טעראָר איז, וואָס דער דייטשישער ליגט מער אַכט אויף דער אויסערן־פּאָליטיק פון דייטשלאַנד, ווען דער פראַנצויזישער טעראָר לייגט מער אַכט אויף די אינערלעכע פּראָבלעמען. אָבער אויך אין פראַנקרייך איז דער טעראָר אַרויסגעוואַקסן פון נייעם לינקס. דער גרויסער איבערברוך איז פאַר איר געווען די סטודענטן קאַמפן פון 68—76 יאָרן, וואָס האָט דעם נייעם לינקס צוגעגעבן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אָבער אויב דער דייטשישער לינקס איז געוואָנדן דער עיקר קעגן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, געפינט זיך דער פראַנצויזישער לינקס, אונטער דער השפעה פון דער "נייער פילאָזאָפיע", און האָט באַקומען איר שטויס פון די קאָשמאַרע געשעענישן אין קאַמבאָדיע. גראָססמאַנס בוך "די קוכערן און מענטשפרעסערס" אָט דערביי אָפּגעשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע, וואָס דער לינקס האָט מער ניט געוואָלט

האָבן קיין שום געמיינזאַמס מיט אַזאַ סאָציאַליזם, וואָס האָט אויף איר געוויסן די טראַגישע געשעענישן אין קאַמבאָדיע, דאָס וואָלט דאָך באַדייט אַ באַנקראָט פון די אייגענע איבערצייגונגען. מען קאָן דאָך ניט קאַמבאָדיע באַטראַכטן, ווי אַ היסטאָרישן עפּיזאָד, ווען עס וואָלט ניט געקומען נאָך דעם אין 1945 — עטאַפּיע. צי קאָן מען קוקן אין די אויגן אַריין די קאַשמאַרעווירקלעקייט און ניט אָפן דערקלערן אַז אַ פאַרברעכן איז פאַרברעכן און אַ רעגירונג, מעג זי ריידן אין נאָמען פון סאָציאַליזם, ווען זי באַגייט אַ פאַרברעכן איז זי אַ פאַרברעכערישע רעגירונג. דאָס האָט געשטויסן דעם פראַנצויזישן נייעם לינקס צו מאַכן איר זעלבסטקריטיק און בויען אַ נייע טעזע, אַז די באַנייאונג פון מאַרקסיזם קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ קריטישע אָפּרעכענונג און אָפענעם מודה זיין, אַז די גרויסע קלעפּ, וואָס האָט באַקומען די אַרבעטער־באַוועגונג איז אין דער גרעסטער מאָס די שולד פונעם מאַרקסיזם. אין דעם באַשטייט אייגנטלעך דער ריס צווישן דייטשישן און פראַנצויזישן לינקס. אויב דער דייטשישער לינקס איז אויסשליסלעך געוואָנדן צו דער אויסערנפּאָליטיק און קעגן דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, קאָן דער פראַנצויזישער לינק ניט אָננעמען דעם פאַקט וואָס דער סאָוויעטישער אימפּעריאַליזם ליגט ניט אונטער קיין שום דעמאָקראַטישן קאָנטראָל און באַזיצט אַ גענוג פּאָטענציאָנעלן כוח צו פאַרניכטן די גאַנצע וועלט, אָדער גרעסערע טיילן פון דער וועלט, דעם זעלבן פּאָטענציאַנאַל וואָס עס פאַרמאָגט די פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס איז דאָך אַ דעמאָקראַטישע מדינה. מען קאָן דאָך ניט שטעמפּלען אַלס אָנהענגער פון רייגענען, ווער עס פאַראורטיילט דאָס באָמבאַרדירן עריטרעיע דורך סאָוויעטישע עראָפּלאַנען. אין דער „נייער פילאָזאָפיע", ווי אין דעם פראַנצויזישן נייעם לינקס געפינען די פראַנצויזישע אַנאַרכיסטן אַ בעסערן פאַרבינדעטן ווי דאָס איז אין דייטשלאַנד די „גרינע". דער פאַקט איז טאַקע געווען איינער פון די הויפּט־טעמעס אין דער דיסקוסיע, אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס, אין פּאַריז. עס האָט זיך געהאַנדלט צי דאַרף דער אַנאַרכיזם געפינען אַ פאַרבינדעטן, אָדער ווייטער גיין אַליין? די דאָזיקע דיסקוסיע האָט צעטיילט די שפּאַנישע עס. ענע. טע. אויף צוויי גרופּן, ווען די פראַנצויזישע אַנאַרכיסטן

איז איינהייטלעך אין איר מיינונג צו גיין צוזאַמען מיטן "נייעם לינקס".

נאָך דער אַנטוישונג, פון פראַנצויזישן נייעם לינקס, אין דעם ראַטן־פאַרבאַנד און אין דעם מאַרקסיזם אין אַלגעמיין, האָט זי זיך געוואַנדן מער צום פראַנצויזישן פאָלק און דער פראַנצויזישער קולטור, צי האָט אַ ראַדיקאַלע און הומאַניטאַרע באַוועגונג באַדאַרפט זיך שעמען מיט אַזעלכע שרייבער, ווי: וויקטאָר הוגאָ, עמיל זאָלאַ, דע מאָפּאַסאַן, און אַזעלכע בונטאַרע שרייבער ווי אקטאוו מירבא, הויזמאַן און דעם בונטאַרישן פּאָעט אַרטור רעמבא און אַנדערע.

אין פּאַריז בין איך אוועק צו דער פרוי אָלגא קאָטונאל, וועלכע איך האָב געקענט נאָר דורך בריוו. אָלגא האָט געוווינט אין אן אלט הויז, וואָס האָט אמאָל געהערט צו די ענגלישע קעניגנס. איין קעניג איז טאקע אין דעם הויז געשטאָרבן. איצט האָט דאָס אלטע הויז געדינט פאר א מין האָטעל אָדער פענסיאָן אין וועלכע עס האָבן געלעבט א סך וויעטנאמער. אָלגאס שטוב איז געווען איבערגעפּולט מיט ביכער. אַפילו איר בעט איז געווען א העלפט מיט ביכער. אָלגע איז געווען איר גאנץ לעבן א קעמפערן, אָבער אויך אַ געלערנטע. זי האָט געקענט אסך שפראכן, צווישן זיי אויך סאנסקריט. זי האָט אויך געלייענט און גערעדט אין א גוטן יידיש, אויך געלייענט אין עברית. אין דער צייט פון דער היטלער אינוואזיע איז זי געווען אקטיוו אין דער פראנצויזישער רעזיסטאַנס.

א געוויסע צייט איז אָלגא געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג אָבער אין דער צייט פון די סטאַליניסטישער פארברעכנס איבער אומשולדיקע פון וועלכע איר ברודער איז אויך געווען א קרבן האָט זי זיך אנטוישט אין קאָמוניזם און זיך דערנענטערט צו דער אנארכיסטישער פילאָזאָפיע און צו אנארכיסטישע מענטשן. כ׳האָב זייענדיק אין פּאַריז צוויי מאָל מיט איר זיך געטראָפן.

דערווייל זענען דורכגעלאָפן די טעג פון מיין זיין אין פּאַריז. אין טאָג פון דער דערעפענונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס איז אָנגעקומען קיין פּאַריז מאַרטאַ, זי האָט ביי דודן גענומען דעם אַדרעס פון מיין האָטעל און מיר זענען אַוועק צום קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל, ווו

עס זענען געווען אַ הונדערט דעלעגאַטן פֿון אַריבער דרייסיק לענדער. מאַרטאַ האָט מיר איבערזעצט דאָס וויכטיקסטע פֿון די רעדעס, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן, כמעט אַלע אין די דריי שפּראַכן: פֿראַנצויזיש, שפּאַניש און איטאַליעניש. מאַרטאַ האָט געקענט פֿראַנצויזיש און שפּאַניש. אָן איר וואָלט מיר געווען זייער שווער זיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט אַנדערע דעלעגאַציעס און דעלעגאַטן. מיט די בולגאַרער האָב איך זיך פֿאַרשטענדיקט אין רוסיש. איך האָב זיך געטראָפֿן מיט די האָלענדישע דעלעגאַציע און מיט קאַרלען פֿון האַג, מיט וועמען כ'האָב אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ, איך האָב אים אויך פֿאַרבעטן קיין ישראל. די שוועדישע דעלעגאַציע האָט מיך פֿאַרבעטן קיין שוועדן און מיר געגעבן זייערע אַנדרעסן. אויך דער יאַפּאַנישער דעלעגאַט האָט מיך פֿאַרבעטן קיין יאַפּאַן. דאָ איז ניט דאָס אָרט צו געבן אַ באַריכט פֿון דער קאָנפֿערענץ, וועלכע איז געווען אַ פֿאַרמאַכטע און זיך פֿאַרנומען אַממערסטן מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן. איך האָב זיך אויך, אַ דאַנק מאַרטען באַקענט מיט דער פּאַריזער און פֿראַנצויזישער באַוועגונג, וועלכע האָט די לעצטע צייט זיך שטאַרק אַנטוויקלט. זיי פֿאַרמאָגן אַן אייגענעם פֿאַרלאַג און בוכהאַנדלונג אין פּאַריז. זיי גיבן אַרויס עטלעכע אַנאַרכיסטישע צייטונגען אויף אַ הויכן ניוואָ און פֿון צייט צו צייט זעצן זיי דאָרט אויך איבער מיינע אַרטיקלען פֿון די „פּראָבלעמען". זיי האָבן אַן אַרכיוו אין פּאַריז, און ביבליאָטעקן אין ליאָן און אנטאני. ווי אויך אַן אייגענעם טעאַטער אין פּאַריז און פֿירן דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס זייער אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע.

נאָך דער קאָנפֿערענץ איז מיר געבליבן נאָך איין טאָג צו זיין אין פּאַריז און מאַרטאַ איז צוליב מיר אויך געבליבן. אין אָוונט האָבן מיר, ווי גוטע פֿריינט, זיך מיט מאַרטען געזעגנט און מיר האָבן באַשלאָסן אין אַפּריל זיך צו טרעפֿן אין ישראל.

90 יאָר ציוניזם, 40 יאָר מדינת ישראל

צוויי גרויסע דאַטעס קומט אונדז אָן צו באַצייכענען און אַ גאַנץ שווערע צייט איז גאָר טראַגישע באַדינגונגען סיי פאַרן ציוניזם סיי פאַר ישראל. ביידע לעבן דורך אַ טיף פּאָליטישן און מאָראַלישן קריזיס. אייגנטלעך האָט דאָך דער ציוניזם דערגרייכט איר הויפּט־ציל — די יידישע מדינה. זי האָט אויך אירע גרויסע דערפאָלגן מיטן אויפלעבן די העברעישע שפּראַך, עס איז אין אַ גרויסער מאָס איר געלונגען מיטן מיזוג גלויות. אויך די מדינה האָט צו פאַרצייכענען ריזיקע דערפאָלגן, סיי אויפן געביט פון פאַרטיידיקונג, ווי אין דער אינדוסטרי און אַגראַר־ווירטשאַפט. ישראל האָט אין די 40 יאָר אָנאָפּהעניקייט פון 700 טויזנט יידן דערגרייכט צו איבער 3.5 מיליאָל און דאָס איז דאָס איינציקע לאַנד, ווי די יידישע באַפעלקערונג ווערט ניט פאַרקלענערט. ישראל האָט אויפגענומען אַ גרויסע צאָל יידישע פליטים, און געוואָרן פאַר זיי אַ היים. דאָס קליינע ישראל האָט דערגרייכט אַ גרויסע פּאָזיציע אין דער וועלט און ביי יידן אין דער וועלט איז דער ציוניזם היינט די איינציק הערשנדיקע אידעאָלאָגיע. די אַלע מיליאָנען יידן, ווילן ניט קומען קיין ישראל און אפילו ניט מאַכן דאָ קיין וויזיט, די אַלע יורדים וואָס זענען פון ישראל אַנטלאָפן און אפילו געשווירענע בונדיסטן זענען היינט די גרעסטע פאַרטריאָטן פון ישראל, פרעגט פאַרוואָס אויב עס איז אַזוי גוט איז פאַרוואָס אַזוי שלעכט?

פון וואַנען נעמט זיך וואָס אַנשטאָט צו זיין שטאָלץ מיט די

דערגרייכונגן געפינט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַ גייסטיקער דעפּרעסיע? פון וואַנען דער פּאָליטיש און מאָראַלישער קריזיס?

אַוודאי איז די גרעסטע סיבה דערפון, וואָס אַרומיגע אַראַבישע מדינות האָבן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון ישראל אין עטלעכע מאָל אָנגעוואָרפן אויף איר שווערע מלחמות. אָבער נאָך וויכטיקער איז, וואָס צוליב די רעליגיעז שאָוויניסטישע עלעמענטן סיי ביי יידן און סיי ביי די אַראַבער, וואָס לעבן ביי אונדז, ווערן ארויסגערופן קאָנפליקטן אַרום די "הייליקע" ערטער און אַנשטאָט פרידלעכע צוזאַמענלעבן קומט פאָר אַ שאָוועניסטישע העצע און טרויעריקע קאָנפליקטן צווישן ביידע פעלקער. עס זענען אָבער פאַראַן נאָך אַנדערע סיבות וואָס פאַרסמען אונדזער לעבן אין ישראל, וואָס מען דאַרפט זוכן נאָר ביי זיך אַליין, וואָס נאָר מיר אַליין זענען אין דעם שולדיק. סיבות וואָס אין אין דעם זענען נאָר שולדיק די פּאָליטיקאַנטן פון דער מדינה און פון דעם ציוניזם. דאָס האָט זיך אַזוי בוילעט אָפּגעשפּיגלט אויף דעם לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, וואָס אפילו געטריי ציוניסטן האָבן דאָס געהאַלטן, נאָך 90 יאָר, פאַר דעם לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס; דאָס שפּיגלט זיך אויך טאָגטעגלעך אָפּ אין די דעבאַטן אין אונדזער כנסת, ווי אין די צווישנפּאַרטייאישע און אינערלעך פּאַרטייאישע אינטריגעס.

עס איז אָן צווייפל אַז דער ציוניזם איז געווען דער לאָגישסטער אויסוועג פאַרן יידישן פאָלק ביי דער גרויסער סכנה פון אַסימילאַציע און אַנטיסעמיטיזם, וואָס הערשט אויף גרויסע טיילן פון דער וועלט, איז געווען און איז היינט נויטווענדיק די קאָנצענטראַציע פון יידישן פאָלק אויף איין טעריטאָריע, ווייל קיין אַנדערע טעריטאָריע פאַרן פאָלק איז נישטאָ בלייבט, ביי אַלע שאָטן־זייטן, דאָס איינציקע אָרט פאַר אַזאַ קאָנצענטראַציע דאָס לאַנד ישראל. אַזוי אַז דער ציוניזם האָט היסטאָריש און לאָגיש זיך באַרעכטיקט אָבער דאָך איז דעם ציוניזם ניט געלונגען פאַרזעצן דאָס ברענגען די יידישע מאַסן פון דער וועלט קיין ישראל, וואָס דאָס איז דער ערשטער באַדינג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און פאַר דער לייזונג פון אַלע שווערע פּראָבלעמען. דעם ציוניזם איז ניט געלונגען צו געבן

אַן איבערצייגנדיקן ענטפער אויף דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק, אין די טיף געענדערטער ווירקלעכקייט, און זי קלאַמערט זיך אַלץ אין די אַלטע דאָגמעס פון פאַרעלטערטע באַגריפן און דערפאַר אפשר איז זי ניט פעיק זיך אַנטקעגנשטעלן דער גרויסער עפּידעמיע פון אַסימילאַציע. ווייל פאַרן ציוניזם איז ניט דאָס פאָלק נאָר די מדינה געוואָרן אַלץ, אפילו מיט איר ביוראָקראַטישער פאַרווילדקייט.

די אויגן פון די ציוניסטישע מנהיגים, אָנהייבנדיק פון בן גוריונען, האָבן געקוקט און קוקן אַלץ ווייטער אין דער פאַרגאַנגענהייט, זיי חלומט זיך אַלץ די מעשהלעך פון תנ״ך און ניטאָ ביי זיי קיין פונק פון אַ צוקונפט־וויזיע, קיין שום מאָרגן־ליכט, קיין שום צוקונפט־האָפענונג. שוין פון קינדוייז ווערן די קינדער איינגעוויקט אין דעם חלום, וואָס עס איז געווען און מען ברענגט פאַר זיי קיין שום וויזיע פון דעם, וואָס עס דאַרף זיין. איז דאָס ניט בלויז די משיחישע ציוניסטן פון גוש אמונים נאָר אויך אונדזער א.ג. סאָציאַליסטישע ציוניסטן. איז דאָך דעם ציוניזם געלונגען צו שאַפן אַזאַ פּרעכטיק אידעאַל ווערק ווי דער קיבוץ, וואָס ווערט באַוווּנדערט אין דער וועלט און דאָך ווערט דער קיבוץ־אידעאַל ניט קיין לייכטטורעם פאַרן מאָרגן נאָר לעבט איבער אויך אַ טיף אידעישן קריזיס, זייענדיק אין מיטן דער מדינה איזאָלירט און פאַר איינזאַמט

דער ציוניזם האָט אַמשטאַרקסטן געזינדיקט אויף דעם סאָציאַלן געביט. זי האָט זיך אָפּגעקערט פון די פאָלקס־מאַסן און געוואָרן דער וואָרטזאָגער און פאַרטיידיקער פון די פּריווילעגירטע און פון די געלט־זעק, זי האָט פאַרגעסן אין אירע סאָציאַלע פליכטן (וואָס אפילו הערצל האָט ניט פאַרגעסן), זי איז אין איר כאַראַקטער געוואָרן טיף נאַציאָנאַליסטיש; זי האָט אין גאַנצן געלאָזט זיך איינשפּאַנען אין וואָגן פון משיחישן־פאַנאַטיזם און ווער ווייס וווּהין זי וועט אונדז דערשלעפּן? דער קלער לייגט זיין שוואַרצן שאָטן אויף דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס טריאומפירט דער שאָוועניזם און די מיליטאַריסטישע קרייזן. דאָס דערווייטערט אונדז פון דעם פאָלק אין דער דיאַספּאָרע, דאָס מוטיקט די אַסימילאַציע, און פאַרסמט אונדזער געפילן צום לאַנד. אַמבעסטן דריקט דאָס אויס דער העברעישער שרייבער עמוס עוז

אין זיין לעצט דערשינען בוך "מורדות הלבנון" מיט די ווערטער: "דער אמת איז אַז שוין יאָרן פיל איך זיך אין לאַנד ווי אין גלות... ביסט דאָ און דיין האָרץ איז דאָ, און בכל זאת... אַלץ איז מיר באַקאַנט און דאָך איז אַלץ אַנדערש. ניט פרעמד נאָר עפּעס משונה און אָפּשטויסנדיק... דער ציוניזם איז אַ גלייכער און געלונגענסטער געדאַנק, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין דעם קרומען יידישן מוח אין משך פון טויזנטער יאָרן... אַלץ האָט אויפן וועג זיך צעבראָכן... אַלע ווייסן דאָס, אפילו די וואָס ווילן דאָס ניט ווייסן, ווייסן דאָס".

אַמשאַרפסטן איז עמוס עוז'ס פּראָטעסט קעגן דער מלחמה אין לבנון וואָס איז געבוירן געוואָרן אין שקר. זיבן הונדערט יונגע אומשולדיקע לעבנס, האָט געקאָסט אָט דער אונזיניקער בלוטיקער שפּיל, וואָס אפילו די אַרבעט־פּאַרטיי האָט שטילערהייט זי געשטיצט און טיף זיך "פּאַרפּלאָנטערט" האָפנדיק אויף נוצן, אָדער ניט האָבנדיק די דרייסטקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן. דער ציוניזם וועלכער איז געקומען ווי אַ רעוואָלוציאָנער געדאַנק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַנטי־ציוניזם, און עמוס עוז זאָגט מיט איראָניע: "עס איז פאַרווערט צו באַנייען, פאַרווערט עפּעס צו ענדערן פון די מנהיגים פון די טויטע אבות... מיר זענען מחוייב צו טראַכטן, צו זאָגן און טאָן, זיך אָנטאָן ווי זיי אויף יעדן אָרט, אין יעדער תקופה, ביי יעדן קלימאַט", און ווייטער זאָגט ער: "ווען אין די גוטע יאָרן פון דער ציוניסטישער רעוואָלוציע איז דער מקור פון אינספּיראַציע געווען דאָס באַנייען, דאָס בעסער מאַכן די וועלט, ווען איצט איז זי געוואָרן די אסמכתא פון קעגנשטעלן זיך יעדן נייקייט און גייסטיק זיך צו שטעלן מיטן פּנים צו דער פאַרגאַנגענהייט".

די אידעאָלאָגיע וואָס וואַקסט ארויס פון "מאה שערים" צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן לאַנד. דער גייסט פון "אתלחתא דגאולה" פאַרסמט די לופט און לאָזט ניט פריי עטעמען, דערשטיקט יעדן פרייען געדאַנק. עס האָט זיך געשאַפן אַ מין מיסטישער כבוד צום טויט. דער טויט איז געוואָרן הייליק און דאָס לעבן הפקר, גענוג צו לייענען אין די צייטונג־כראָניק וויפל ווערן יעדן טאָג דערמאָרדעט

אויף די וועג־קאַטאַסטראָפעס, און זען די גלייכגיטיקייט פון די מלוכישע מנהיגים און פּאַרטיי עסקנים. אַן ענטפער אויף אַזאַ גלייכגילטיקייט צום מאַסן־טויט קען מען נאָר זוכן אין דער פּסיכאָפּאַטיע. אין אַט דער אַטמאָספער אין וועלכע עס האָט נאָך 90 יאָר אַריינגעשפּאַנט דער ציוניזם איז די סיבה פון דער ירידה, פון דעם אַנטלויפן פון דער יוגנט און פון דער אָפּשטעל פון דער עליה, וואָס איז אייגנטלעך דער זויערשטאָף, אַן וועלכע דאָס לאַנד קען ניט עטעמען.

דער ציוניזם וועלכער האָט באַדאַרף זיין אַן אידעישע רעוואָלוציע אין יידישן פאָלק, ווי אין דעם געזעלשאַפטלעכן און טראַכטנדיקן לעבן פון יידישן מענטש, האָט גראָד דערגרייכנדיק איר גרעסטן דערפאָלג, דאָס אנטשטייען פון אַ יידישע מדינה, האָט געליטן אויך איר גרעסטן דורכפאַל. ביז היינט קען דער ציוניזם אַלס אַ באַוועגונג ניט דעצידירן צו זענען יידן אַ פאָלק, אַ נאַציע אָדער אַ רעליגיע? זי קען אויך ניט דעצידירן צי איז ישראל אַ מאָדערנע מדינה, ווי עס הערשן וועלטלעכע און צעווילע געזעצן פון מענטשן־רעכט אָדער דאָס איז אַ קלעריקאַלע מדינה ווי עס הערשן די אלטע געזעצן פון דער הלכה: צי דאַרף ישראל זיין אַהומאַניטאַר פאַרגעשריטענע מדינה, ווי עס דאַרף הערשן די הומאַניטאַרע געזעצן פון יושר און גלייכקייט, אָדער דאָס דאַרף זיין אַ צוריקגעשטאַנענע מדינה ווי די מאַכטהאָבער בייגן זייערע קעפּ פאַר דעם ווילן פון די רייכע קאַפּיטאַליסטן און פאַרן רעליגעז פאַנאַטישן צוואַנג; צי דאַרף ישראל זיין אַן אמת דעמאָקראַטישע מדינה אָדער אַ לאַנד אין וועלכע עס הערשט אלמעכטיק דער כוח פון דער ביוראָקראַטיע?

און אויב דער באַרימטער העברעישער שרייבער עמוס עוז זאָגט אַז "עפּעס איז משונה און אָפּשטויסנדיק" איז גענוג צו ברענגען אַ פּאָר ציפערן צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער ציוניזם וועלכער איז געקומען ווי אַ רעוואָלוציאָנערער געדאַנק און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַנטיציוניזם. אין ישראל באַנוצן זיך מיט פאַרשידענע נאַרקאָטיקס אַרום 200 טויזנט נפשות, 1000 נפשות געפינען זיך אין אַנשטאַלטן פאַר אָפּגעשטאַנענע. 20 פּראָצענט פון די פענסיאָנערן געפינען זיך אין דעם צושטאַנד פון אָרעמקייט. (ווען אין נאָרוועגיע נאָר 5 פּראָצענט) ישראל געפינט זיך צווישן די פינף מדינות, פון די מערב־

לענדער, ווי עס עקזיסטירט דער גרעסטער אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך. אונדזער געזונד־אַפּאַראַט שטייט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. די דערציאונג און בילדונג שטייט געוואלדיק אונטערשטעליק אונטער די אייראָפּעישע מדינות. מיר האָבן דערפאר א גרויסן אַנאַלפאַבעטיזם, אַגרויסע ארעמקייט און דערביי אַ צו גרויסן שיכט פון מיליאָנערן און שפעקולאנטן וואָס האָבן געמאַכט זייערע פארמעגנס אויף אַ גאָר ניט "כשרן" אופן. אין דער זעלבער צייט זענען די לוינען פון די ארבעטער די נידריקסטע אין פארגלייך מיט די אייראָפּעישע לענדער דערפאר זענען די לוינען פון די באנק־דירעקטאָרן און מנהלים פון דער אינדוסטרי, אויך פון די הסתדרות־אונטערנעמומגען, אסטראָנאמיש לעגענדארע, וועגן וועלכע מען שעמט זיך עפנטלעך צו דערציילן.

די דאָזיקע מנהלים, צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין וויסן און פאכמענישקייט און דערפירן די געזעלשאַפטלעך און מלוכישע אונטערנעמונגען צום דעפיציט און באנקראָט. וועגן דער טעטיקייט פון אזעלכע מעכטיקע אונטערנעמונגען, ווי סולל בונה, ווי אויך קלענערע, וואָס זענען דורך זייערע מנהלים דערפירט געוואָרן צום באנקראָט וואָלט מען געקענט אנשרייבן שפאנענדיקע קאפיטלעך פון געשיכטעס וואָס זייער פיל מענטשן ווייסן וועגן דעם און שווייגן.

איצט לאָמיר זיך צוריקערן צום גרעסטן געפאַר פאַרן ציוניזם צו די באַציונגען צום אַראַבישן פאָלק. אין דער פראַגע האָט דער ציוניזם אַמשטאַרקסטן געזינדיקט, ווייל זיי האָבן אין די פּאַלעסטינעזער געזען אַ שונא פון וועלכן מען דאַרף פּטור ווערן. דער ציוניזם האָט געלייגט איר האָפענונג אויף אַ יידישע מאַסן־עמיגראַציע, וואָס זאָל די אַראַבער פאַרוואַנדלען אין אַ קליינער מינדערהייט, אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר פאַרקערט אַז די דעמאָגראַפיע פון די אַראַבער קען פאַרוואַנדלען די יידן אין אַ מינדערהייט. וואָלטן אָבער די אַראַבער באַקומען גלייכע לוינען, וואָלט גאָר ניט געדראָט קיין געפאַר פון דעמאָגראַפיע. ווייל די הויכע צאָל פון געבורטן איז אַ רעזולטאַט פון גרויסער אָרעמקייט. אויך אָרעמע יידן האָבן מער קינדער. וואָלטן די אַראַבער באַקומען גלייכע רעכט וואָלטן זיי ניט געווען אַזוי גרייט אויפצונעמען קיין יידן־העצע פון זייערע שאָוועניסטישע עסקנים. דער אַראַבישער און ישראלדיקער שאָוועניזם שפּייזט איינער דעם צווייטן. דערצו נאָך

דער רעליגיעזער קאָנפליקט אַרום די הייליקע ערטער צעגליט די געמיטער און צעפלאַמט נאָך מער די שינאה.

נאָך ערגער איז מיט די פּאָרגעלייגטע לייזונגען פון דעם קאָנפליקט צווישןביידע פעלקער. דער פּלאַן פון די ישראל פאַשיסטן פאַר אַ טראַנספער איז דאָך אַ פאַרברעכן, וואָס נאָר אַזאַ פאַרברעכערישע מדינה, ווי דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געקענט זיך דאָס דערלויבן. דאָס פאַרטרייבן די פּאַלעסטינער פון לאַנד וואָלט געגעבן אַ סטאַטוס אויך צו פאַרטרייבן די יידן פון געוויסע לענדער. אויך דער פּלאַן פון דער אַרבעט־פּאַרטיי איבערצוגעבן די שטחים צו עבר הירדן איז ניט רעאַל, ווייל ירדן וועט ניט אופנעמען די פּאַלעסטינעזער, ווייל דאָס וואָלט געשאַפן אַ געפאַר פאַר דער ירדנישער קעניגלעכער דינאַסטיע. אויך צום פּלאַן פון אונדזערע לינקע און דער שלום באַוועגונג בין איך אַ שטאַרקער אפּיקורוס, ווייל דאָס פאַרלאָזן די שטחים און דאָס אויפשטעלן אַ מאַריאָנעטן מדינהלע וועט ניט לייזן די נויטן פון די פּאַלעסטינעזער, דער עזה־פּאַס וועט ניט קענען דערנערן די געדיכטע באַפעלקערונג און די אַנדערע פאַרנומענע געביטן וועלן נאָר קענען צושטעלן מיניסטאָרן־בענקלעך פאַר זייערע פירערס אָבער ניט קענען געבן קיין אַרבעט און קיין נאָרמאַלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. זי וועט נאָר קענען ווערן אַ באַזע פאַרן דער השפעה פון די גרויסעמאַכטן און קיינער קען ניט פאַרזיכערן צי פון עזה אָדער די מערב־שטחים וועלן ניט געוואָרפן ווערן קיין קאַטיושאַ־באָמבעס אָדער פאַרגעזעצט ווערן דער טעראָר קעגן ישראל ישובים. ישראל וועט דערמיט ניט דערגרייכן קיין שלום נאָר זיין געצוואונגען ווידער צו פאַרכאַפּן די דאָזיקע געביטן אָדער צו לעבן אין שאָטן פון פּערמאַנענטן טעראָר.

דעריבער איז מער זיכערער פאַר ישראל צו מאַכן אַן אינערלעכן שלום מיטן פּאַלעסטינעזישן פאָלק דורך שאַפן אַ געמיינזאַמע פעדעראַציע, אַ צעטיילטע אויף יידישע און פּאַליסטינעזישע קאַנטאָנען מיט גלייכע רעכטן פאַר ביידע פעלקער. אַ דעצענטראַליזירטע אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפט מיט באַזונדערע פאַרוואַלטונגען, אַ פאַראייניקטע אין איין פעדעראַציע. גלייכצייטיק וועט אַזאַ צוזאַמענלעבן אויסוואָרצלען אין די מוחות פון ביידע פעלקער דעם אָבערגלויבן אַז איין פאָלק איז בעסער פאַרן

צווייטן אוןביידע פעלקער אין בעסטער פריינדשאַפט וועלן דערנענטערן און אויסמישן זייערע קולטורן און זייער באַזונדערקייט. אין אַזאַ פעדעראַציע וועט יעדער קענען ווינען ווי אים געפעלט און דורך געמישטע חתונות וועט פאַרזיכערן, ניט קיין "דיפּלאָמאַטישן שלום" נאָר אַן אמתן שלום צווישן ביידע פעלקער. די דאָזיקע פעדעראַציע, וואָס וועט פאַרזיכערן די גלייכע רעכט פאַר די פּאַלעסטינעזער דאַרף אויך פאַרזיכערן די אַספּיראַציעס פון יידישן פאָלק צו ווערן דאָס היימלאַנד פאַר די יידן אין דער וועלט, ווען די אַראַבער האָבן צוואַנציק זייערע לענדער.

דער דורכפאַל פון ציוניזם און אירע פאַרטייען איז אויך וואָס זי גייט צו צו דער אַראַבישער פראַגע בלויז פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט און ניט פון מענטשלעכן. ווען מען וויל פאַרשטיין די סיבה פון דער אַראַבישער שינאה צו די ישראל־יידן איז גענוג צו ברענגען בלויז די פּאָר ציפערן: 40 פּראָצענט פון די אַראַבישע משפחות לעבן אין גרעסטער אָרעמקייט. 26 פּראָצענט לעבן אין גרויס ענגשאַפט, ווען ביי יידן בלויז 1.1 פּראָצענט. 44 פון דער אַראַבישער יוגנט פון 13 ביז 17 געפינען זיך אויסער דער שול־ראַם, ווען ביי יידן בלויז 3.6 פּראָצענט. דער פּראָצענט שטערבלעכקייט ביי די אַראַבישע קינדער איז 20.4 ווען ביי יידן בלויז 10.3 פּראָצענט. די געזעצן אין ישראל זענען באַזירט אויף נאַציאָנאַלער אומגלייכקייט און אויף אפענער דיסקרימינאַציע. די אַראַבישע אַרבעטער אַרבעטן אויף נידריקער לוינען און באַקומען אויך קלענער סיוע פון קרן בטוח.

צום סוף דאַרפן מיר צוגעבן אַז דער דאָזיקער אונדזער געדאַנק איז אויפגענומען געוואָרן דורך אונדזערע ניט יידישע חברים אין פאַרשידענע לענדער און דער אַרטיקל מיט אָט דעם פּלאַן איז איבערגעדרוקט געוואָרן פון די "פּראָבלעמען" אין פאַרשידענע שפּראַכן אין אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן אין פאַרשידענע לענדער, אָבער אויך אין ישראל האָט דער פּלאַן געפונען אַן אָרט, באַזונדער ביי דער ירושלימער גרופּע אַרום אריה הס פון דער אַרבעט־פּאַרטיי.

אינהאלט

זייט

וואָס איז ליטעראַטור ? 7
וועגן ליטעראַטור 19
וויליאם שעקספיר 32
אנאטאל פראנס 44
פרצס "ביי נאכט אויפן אלטן מארק" 57
דאסטאיעווסקי און די בעלי־תשובה 66
ב. שלעווין 79
דער חודש אפריל 84
זיגמונט פרוידס באדייטונג פאר דער סאָציאָלאָגיע 90
קאראל קארש — דער טעאָרעטיקער פון נייעם לינקס 95
געדאנקען וועגן רעליגיע 104
די לענינסטישע סטראטעגיע 125
צוואנציק יאָר נאָכן מרד פון דער יוגנט 131
קריזיס אָדער באנקראט פון קאמוניזם 157
פאר א נייער קולטור 194
סקיצן פון א רייזע איבער מערב־אייראָפע 244
90 יאָר ציוניזם, 40 יאָר מדינת ישראל 279

פון זעלבן מחבר:

איבער צעבראָכענע בריקן (ראָמאַן) — 1966

ווי אַ זעגל אין שטורעם (ראָמאַן) — 1972

אויף די פּראָנטן פון לעבן (ראָמאַן) — 1981

פלאַמען (לידער) — 1983

קורצע געשיכטע פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק — 1984

אַ בליץ אין דער נאַכט (לידער) — 1985

קיצור תולדות הרעיון האנרכיסטי — 1985

שטורעם־גלאָקן (עסייען) — 1986

אַ פרימאָרגן־שטראַל (לידער) — 1987

שטורעם־גלאָקן (עסייען), צווייטער באַנד — 1989